STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03172

GEKLIBENE LIDER UN GETSEYLTE POEMES

Meir Charatz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חַרַץ/געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
קרן הזכרון לתרבות יהודית, ניו־יורק.

בן מאיר חרץ
ירושלים 96029 ישראל

מאיר חַרַץ

העקליבענע לידער



און געציילטע פּאָעמעס





פֿאַרלאַג "אייגנס" ירושלים,
תשמ"ד — 1983

MEIR CHARATS
SELECTED POEMS

(שירים נבחרים ופואמות ספורות)

©
כל הזכויות שמורות

הילע און שער־בלאט: אירית (אירקעלע) פעלמאַן

לוחות: פרנק — שרותי צילום
הדפסה: דפוס מונזון

Printed in Israel

עס איז אַ באַקאַנטע מעשה — אויף אַ קאָנקורס פון קאָפּירן, פון נאָכמאַכן, פון נאָכשפּילן דעם געניאַלן קינאָ־קאָמיקער טשאַרלי טשאַפּלין האָט ער, טשאַפּלין אַליין, פאַרנעמען דאָס... 13טע אָרט.

פון דעם איז געדרונגען, אַז אַ פּאָעט מוז נישט זײַן דער, וואָס מאַכט דעם בעסטן אָפּקלײַב פון זײַנע לידער. איך וואָלט זיך געפרייט צו פאַרנעמען דאָס 13טע אָרט, ווען סע וואָלטן געווען נאָך 12 בעלנים זיך מטפּל צו זײַן מיטן אָפּקלײַב. כ׳האָב זיך געווענדעט צו עטלעכע פרײַנד, וועלכע האָבן זיך מיר דערקלערט פאַר חסידים פון מײַן דיכטונג, האָט איינער, כדי זיך גרינג מאַכן, איבערגעשריבן פון אינהאַלט פון יעדן בוך מײַנעם די רשימה פון די לידער, אַרויסוואַרפנדיק דאָ און דאָרט אַ ליד אָדער צוויי, כדי איך זאָל זען אַז ער האָט... געקליבן און דווקא אַזעלכע לידער אַרויסגעוואָרפן, וואָס איך נעם זיי דאָ אַרײַן. אַ צווייטער האָט זיך באַצויגן צו דער זאַך מער ערנסט, האָט אָנגעהויבן, באַלד מיד געוואָרן, געמאַכט אַ הפסקה און איך האָף, אַז אין אַ דרײַ־פיר יאָר אַרום, אַז מירן לעבן און זײַן געזונט, וועל איך קריגן די פולע רשימה פון זײַן אָפּקלײַב. ביז דעמלט לייענט דערווײַלע דעם אָפּקלײַב, וואָס איך אַליין האָב געמאַכט.

מאיר חַרַץ
דחוב דוידזון 10 ירושלים 93706 טעל. (02)662535

פון בוך "אין פרעמדן גן־עדן" 7

פון בוך "לידער צו אייגענע" 116

פון בוך "הימל און ערד" 195

פון בוך "שטערן אויפן הימל" 231

פון בוך "דאָס 5טע ראָד" 314

פון בוך "גרינער ווינטער" 371

עפּעס פון דער פּאָעמע "מאַרקולעשט" 415

פון די ציקלען "אַנפּאַס און אין פּראָפּיל" 435

פון בוך ״אין פרעמדן גן־עדן״

ל י ד

זאָל אויפגיין די לבנה־שײַן
פון מײַנע קינדער־יאָרן,
עס איז שוין צײַט, דער נײַער ווײַן
איז אַלטער ווײַן געוואָרן.

איך האָב געניכטערט אַלע יאָר,
מײַן אויג געהאַלטן לויטער,
דאָס ליכט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט,
ווערט הייסער און ווערט רויטער

איך האָב געקליבן אות צו אות,
אַ טאָסט דער פרייד בײַ טישן גרייטע,
נאָר הערט, מיך אַרט ניט, אויב מײַן כוס
וועט אויסטרינקען אַ צווייטער.

איך וויל נאָר, אַז פון מײַן געזיכט
זאָל ווערן עטוואָס לינדער,
און אויפגיין זאָל אַ שײַן, אַ ליכט
פאַר גרויסע און קליינע קינדער.

אָ ו ו נ ט

הערש סגל׳ן

צײַטיק שוין די שוואַרצע טרויבן.
גיסט דער אָוונט אַן די שויבן

פול מיט פײַער־װײַן מיט רויטן,
טאַנצט דער װינט איבער די פּלויטן,
שוימט דער װײַן אַריבער, פולער,
װערט ער זיסער, װערט ער קילער,
װער איך שכּורער און שטילער.

רירן זיך אין האַרצן װערטער,
בלײַבן צוריק אויף זײערע ערטער
שטיל װי טײַערע, װוילע קינדער,
טרײַבט דער פּאַסטעך שאָף און רינדער,
גיסט דער װײַן זיך װי פון עמער
אויף די רוקנס פון די לעמער
און ער שוימט אַלץ שענער, שענער.

הערן אויף די הינט צו בילן,
הויבט דער פּאַסטעך אָן צו שפּילן,
פּאַשען זיך אין גראָז געפילן
און מע װייסט ניט, װאָס זיי װילן,
עפן איך די אויגן גרעסער,
גיסט דער װײַן זיך װי פון פעסער,
װערט ער שטאַרקער, װערט ער בעסער.

נעם איך, פיל מיר אָן אַ בעכער
פונעם װײַן, װאָס פליסט אין טעכער,
און ער כװאַליעט איבער דעכער
און ער שוימט אַלץ העכער, העכער,
איבערן ראַנד פון בעכער רונדן,
װערט דער בעכער מיר פאַרשװוּנדן
און איך זוך אומזיסט אים אונטן.

די לבנה איז אָנגעצונדן.

ש ר ע ק

שלעפּט מײַן באָבע זיך אין שטעקשיך
און זי שעפּטשעט עפּעס פּרום,
שעפּטשעט עפּעס בייז און ביטער
און איך קוק איר נאָך און ציטער
ווי אַ חיהלע, וואָס שרעקט זיך
פאַרן שאָרכן פון אַרום.

ס׳דאַכט זיך מיר, אַז שוואַרצע ראָבן
שפּרינגען אויף מײַן באָבעס ליפּ
און פון צווישן אָט די שפּרינגער
סטראַשעט מיך מײַן באָבעס פינגער:
אויב דו וועסט ניט מורא האָבן,
וועט דיך גאָט ניט האָבן ליב.

כ׳ציטער ווי דער בוים אין פענצטער
פון מײַן באָבעס אַלטן הויז;
מער איך שרעק זיך, מערער וואָרנט
מיך מײַן באָבע און זי צאָרנט.
כ׳בין אין הויז דער סאַמע קלענסטער
און איך לאָז פאַר שרעק זיך אויס.

אויף די שינדל פון די דעכער

אויף די שינדל פון די דעכער
גליטשעט זיך די זונענשײַן,
בלויז פון דאַך מיט שינדללעכער
כאַפּט דער בוידעם זיי אַרײַן.

אויפן בוידעם ליגט אַ טעפּל,
קריך איך זען די שיינע זאַך
און איך שטעק אַרויס מײַן קעפּל
ווי אַ קוימען אויפן דאַך.

כ׳דריי צונויף אַן אַלט פּאַפּירל
און פאַררויכער אַ ציגאַר,
שרײַט אַ מויד, וואָס גייט שפּאַצירן:
„אוי, אַ שריפה, אַ פּאַזשאַר!"

איז שוין אויף דאָס גאַנצע שטעטל,
און מע קריכט מיט עמערס שוין
און מע פירט אַראָפּ צעטרעטן
דעם פאַרלאָשענעם פאַרשוין.

חדר־יאָרן

1

אַט צי איך די אויגן צונויף
און זע זיך — אַ קינד און איך לויף
פון חדר אַרויס אויפן הויף.

פון דאָרטן אַריבער דעם פּלויט,
די זון אויפן הימל איז רויט
און אויפן בית-עולם איז טויט.

איז שפּרינג איך אַריבער צוריק
און גנבֿ׳ע זיך דורך אַ ליק
און פּראַווע משוגענע שטיק.

געהיט, סע זאָל קיינער ניט זען,
איך מאַך פון אַ שפּענדל אַ פּען
און שרײַב אויף אַ שטיינדל די צען
געבאָטן, וואָס איך קען.

2

דער הימל איז נאָך פריש, די וואָלקנס ערשט געבוירן
ווי שעפּעלעך ווי קליינע, וואָס מ׳האָט נאָך ניט געשוירן,
דער פּאַסטעך מיט דער באָרד — ס׳איז משה מיטן שטעקן,
וואָס לאָזט זיך באַלד אַראָפּ, דאָס שטעטל אויפצווועקן,
ער מאַכט דעם ערשטן טראָט אויף באַרג אַרויסן שטעטל,
נאָר ס׳אײַלט זיך ניט איין פוס דעם צווייטן נאָכצוטרעטן.
דער צווייטער פוס צערינט, די שעפּעלעך פאַרשווינדן
פאַרפירטע פונעם ווינט, פון שלים־מזל פון בלינדן
און ס׳שטייט און וויינט אַ קינד און וויל ניט גיין אין חדר
און וואַרפט אַוועק דאָס שפּענדל, וואָס דינט אים פאַר אַ פּעדער
און וואַרפט אַוועק דאָס שטיינדל און וויל אויף דעם ניט שרײַבן
און בייזערט זיך אויף משה׳ן, וואָס וויל צוריק ניט טרײַבן
די וואָלקנדלעך די קליינע, וואָס זענען ערשט געבוירן
ווי שעפּעלעך ווי שיינע, וואָס מ׳האָט נאָך ניט געשוירן.

3

סע שמעקט מיט פרילינג־רעגן און מיט ערב־לעבן,
מיר זיצן אַרום טיש און הערן אוים דעם רבי׳ן,
מיר חלומט זיך אַ חלום — אַ פויגל איז געפלויגן
און משה רבינו שטייט פאַר מײַנע אויגן.
די לוחות אין די הענט, די הענט אַרויפגעהויבן
און איבער הענט און לוחות — טויזנט ווײַסע טויבן.

נאָר קיינער פון די קינדער וויל עס מיר ניט גלויבן,
כאָטש זען קען עס איעדער דורך די חדר־שויבן.

אַ געסעלע

1

אַ געסעלע
צווישן גאַסן גרעסערע,
אויף איין זײַט הײַזלעך פיר
פאַרשידענע
און אויף דער צווייטער זײַט אַ הײַזעלע
און אויף דער טיר
אַ יידענע.
פון טיר צו טיר לויפט דורך אַ מײַזעלע
און ס׳יאָגט איר נאָך אַ קעצעלע.
אַ געסעלע
צווישן גאַסן גרעסערע,

2

נעבן דאַך פון אונדזער נידעריקער כאַטע
איז געשטאַנען און געקוקט מײַן הויכער טאַטע,
צוגערופן פון דער ווײַט זײַן ברודער שלמה׳ן
און געוויזן מיטן פינגער אויפן קוימען,
האָט מײַן פעטער אים געפרעגט: „וואָס דאַרף עס הייסן?״
האָט מײַן טאַטע אים געענטפערט: „אַלע ווייסן.״
איך פאַרשטיי ביז הײַנט ניט יענעם פינגער.
ווען כ׳פאַרשטיי עס, וואָלט געווען מיר גרינגער?

3

די קלענסטע הײַזלעך פֿון דער קלענסטער גאַס —
בײַם באָדנער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ פֿאַס,
בײַם שנײַדער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ ראָק,
בײַם שוסטער הענגט אַ שטיוול אָן אַ זאָק,
בײַם סטאָליער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ טיר
און אַלע קינדער לויפֿן מיר דורך איר.

פֿונעם אויסגעקרומטן דאַך

פֿונעם אויסגעקרומטן דאַך
גליטשען זיך אַראָפּ די שטראַלן,
ווי אַ שטילער רעגן זאַכט
רינען זיי אַראָפּ און פֿאַלן.

און אין ריטשקעלעך געשווינד
שטראָמען זיי דורך אַלע ליקן
איבערן קעפּל פֿון אַ קינד
מיט צעשטראַלטע יונגע בליקן.

פֿון די ליקן אויף דער גאַס
לויפֿן ריטשקעס איינס צום צווייטן,
באָדט דאָס קינד זיך, ווערט ניט נאַס,
באָדט זיך אין אַ טײַך אַ ברייטן.

לאָזן אַלע קינדער זיך
אין אַ טאַנץ נאָך אים און טאַנצן
און זיי טרינקען זיך אין ליכט,
טויכן אויף און גלאַנצן־גלאַנצן.

לעבן שטעטל רינט אַ טײַכל

לעבן שטעטל רינט אַ טײַכל,
איז עס קליין צי גרויס?
אַלע יאָרן רינט עס, רינט עס
און סע רינט ניט אויס.

ס'האָט דער טײַך אַ ברעג בײַם שטעטל
און אַ צווייטן ברעג,
שטייט אַ שיפל צוגעבונדן,
שווימט עס ניט אַוועק.

אויף דער לאָנקע — שאָף און רינדער
דאָרט אויף יענער זײַט,
און אויף דער זײַט — קינדער, קינדער
קוקן צו דער ווײַט.

פּיצלעך קי און ברעקלעך לעמער
מיטן אויג צו כאַפּן קוים
און אַ דאָרף מיט שטיבלעך, קלענער
פון די בלעטער אויף אַ בוים.

און בײַם עק אַ רויט וואַקזאַלכל,
צוויי־דרײַ פינגער פון דער מיל.
מיט וואַגאָנדעלעך ווי שאַכטלעך,
פליט אַ צוג — אַ קינדערשפּיל.

שפּיגלט זיך דער צוג אין טײַכל,
שפּיגלט זיך פאַרקערט,

מיט די רעדעלעך צום הימל,
מיט די דעכעלעך צו דר׳ערד.

בין איך מיר אַ קינד מיט קינדער,
כ׳פּאַר פון שטעטל ניט אַרויס
און דאָס טײַכל רינט דאָרט, רינט דאָרט
און סע רינט ניט אויס.

ער געדענקט שוין ניט

ער געדענקט שוין ניט, דער אַלטער,
צי די מעשה האָט ער געהערט,
צי אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט
ער אַליין זי אויסגעקלערט,
ער געדענקט ניט מער.

נאָר שטענדיק, ווען די זון פאַרגייט
און ס׳טונקלט זיך דער רוים,
הויבט ער ווידער אָן, דערציילט,
שעפּטשעט מיט די ליפּן קוים,
שעפּטשעט און איך הער:

„ס׳איז געווען אַמאָל־אַמאָל,
און ער קוקט דערווייל אויף זיך,
ס׳איז געווען אַמאָל אַ ייִד
מיט אַ ווײַסער באָרד ווי איך.״

„פלעגט ער ליב האָבן פאַר נאַכט,
ווען דער הימל בײַט דאָס בלוי,
זיצן מיט אַ קינד בײַם ברעג
און דערציילן אָט אַזוי״

„זיצן מיט אַ קינד בײַם טײַך
ווי איך זיץ מיט דיר אַצינד,
דער דערציילער ער געווען
און געווען בין איך דאָס קינד."

„און דערציילן פלעגט ער מיר
פון זיין קינדהייט אין דער היים.
ס'איז געווען צו גלויבן שווער,
אַז אויך ער געווען איז קליין."

„פונקט ווי ס'איז צו גלויבן שווער,
אַז דו וועסט אַ מאָל ווי איך,
קומען מיט אַ קינד אַהער
און דערציילן וועגן זיך."

ר׳ משה

ר' משה, מיין שכן, דער אַלטער ייד,
האָט אַ גראָע באָרד און קאַליע אויגן,
אַן אייגן הײַזל, אַ ירושה, אַן אַלטס,
אַ הויקער ווי ער איז דרײַען געבויגן.

פרילינג. אַ שטראַל קלאַפּט אין פענצטערל אַן,
ר' משה ליגט האַלב-פאַרשלאָפן, האַלב-וואַך,
אין דרויסן קומען בושלען צו פלי'ן,
לאַנדן ביי אים אויפן סטוענעם דאַך.

און קינדער נעמען בײַ די הענטלעך זיך אַן
אַ קרײַז אַרום הײַזל זינגען אַרויף:

„קוקוסטערקע — קוקוסטערקע, דײַן שטיבעלע ברענט!"
און וועקן דעם זיידן ר' משה'ן אויף.

ר' משה, מײַן שכן, שטייט אָנגעשפּאַרט
ווי צוגעוואַקסן צו דער קרומער וואַנט,
ער קאַטשעט דעם לינקן אַרבל אַרויף
און וויקלט רצועות אויף דאַרער האַנט.

דערווײַל קוקט אין קליינעם פענצטער אַרײַן
די גרויסע אַלטע שול פון אַקעגן,
זי קוקט אין ר' משה'ס אויגן אַרײַן
די שול, די אַלטע, גלײַך זי וואָלט פרעגן:

„ר' משה, וואָס האָט איר זיך עפּעס פאַרטראַכט?
מיר זענען אַלט, נאָר דער פרילינג איז רײַך
און דער יונג, וואָס לויפט דאָרט, פּײַפט און לאַכט
פון סטוענעם דאַך, פון מיר און פון אײַך"

דערנאָך האָט די אַלטע שול זיך פאַרנויגט:
„ר' משה, האָט מיר ניט קיין פאַריבל,
איך בלײַב שוין אַזוי פאַרלאָזט און פאַרשעמט
און איר דאַוונט אין אַ קליינעם שטיבל."

צ ײ ל ע נ י ש

שטילער, שטילער, שטילער, שטיל!
לאָמיר אָנהויבן די שפּיל,
זאָל אונדז איינער צײלן.
איינער, איינער, איינער זאָל

יעדן אײַנטײלן זײַן ראָל,
קײנעם ניט פֿאַרטײלן,
צייל זשע, צײלער, מיט געפֿיל:
אײנס, צװײ, דרײַ,
סוף אַפּריל
צי אָנהויב מײַ,
סײַ װי סײַ
איז אײנער פֿרײַ,
פֿרײַ איז יעדער פֿערטער.
איצטער, קינדער, שטעלט זיך אוים
אויף די נײַע ערטער.
מיטן צײלער אין דער מיט
זינגען מיר דאָס זעלבע ליד
מיט די זעלבע װערטער:
שטילער, שטילער, שטילער, שטיל!

איבער אַלע דעכער

איבער אַלע דעכער
הענגט אַ בלויער דאַך,
הענגען אויף זײַן בוידעם
װאָלקנדלעך אַ סך.

װאָלקנדלעך װי העמדלעך
אויף אַ דינעם שטריק
װיגן זיך און װיגן,
װי געװועש זיך װיגט.

קאַפּעט פון די וואָלקנס
ווי פון נאַסער וועש
און עס גייט אַ רעגן
איבער מאַרקולעשט.

איבערן גאַנצן שטעטל
הענגט אַ גרויער דאַך,
הענגט ער איבער גרויע
דעכעלעך אַ סך.

הענגט ער און ער קאַפּעט,
קאַפּעט ער און גיסט,
רעגנט אויף די שטויבן,
רעגנט אויפן מיסט.

ציטערן די ביימלעך,
ציטערן די הינט,
ציטערן אין רעגן,
ציטערן אין ווינט.

ב ל אָ ט ע

אַ שוואַרצע מאַמעליגע
פון וואַסער און פון ערד
ליגט אויסגעקנאָטן ווייך
פון רעדער און פון פערד.

פון פריזבעס גער באַזוימט,
דאָ און דאָרט אין גאַס,

צעשניטן און צעטיילט
פון ריטשקעס זוניק נאָס.

די בלאָטע אויפֿן מארק,
די בלאָטע אויפֿן וועג,
זיי ליגן אויפֿן דנאָ
פון טיפֿע בלאָטע־טעג.

איך שטעל זיך אויף דער שוועל
און זוך אַ ברעט, אַ שטיין
און זע אַ באָרוועס קינד
אין טיפֿער בלאָטע שטיין.

אונדזער דאַך

די לעכער פון פֿאַדערשטן טייל פון מײַן דאַך,
זיי זענען פֿאַרשטעלט מיט דער קרוין פון אַ בוים,
וואָס הויבט זיך אַרויף דאָרטן העכער אַ סך
פון גבירישן דאַך, ביזן שפּיץ פונעם רוים.

דאָס שטרוי פון די זײַטיקע טיילן פון דאַך,
זיי פֿלעכטן זיך איבער מיט שאָטן און זון
און ס׳רינט פון דער אויסגעבויגענער פֿלאַך
די זון און דער שאָטן פון דאַך, וואָס איז קרום.

איך קוק און איך קוק אויפֿן בוים, אויפֿן דאַך
און כ׳האָב ניט מיט וואָס צו פֿאַרגלײַכן די פֿרייד
פון קוקן בײַ טאָג אויף אַ פּשוטער זאַך,
פון פּשוטן קוקן שטילענקערהייט.

אונדזער הויז

אינעם קליינעם געסל גרויס
שטייט אין דרויסן אונדזער הויז,
הימל, וואָלקנס אויפן דאַך
מיט אַ זונפאַרגאַנג פאַר נאַכט.

מיט אַ שכנ׳ס הײַזל לינקס,
מיט אַ גערטנדל פון גרינס,
מיט אַ בוים פון רעכטער זײַט,
מיט אַ וועג און מיט אַ ווײַט.

מיט אַ בענקשאַפט ביז אַהין,
ווו דער האָריזאָנט איז דין
און ער נעמט די ערד אַרום,
וואָס פאַרמאָגט אַזאַ מין זון.

מיט אַ ליבשאַפט צו דער וועלט
און צו יעדער שטיקל פעלד,
וואָס סע קוקט אין שטוב אַרײַן
מיט אַזוי פיל גרינער שײַן.

מיט אַ שמייכל צו דער גאַס
און צו יעדן ליבן גאַסט,
וואָס ער קומט צו אונדז צו גיין
שיין און מיט אַ גוטן מיין.

די שטעטלדיקע פלויטן

די שטעטלדיקע פלויטן פון ברעטלעך מיט אַ שפּיץ,
זיי טוילן אָפּ אַ שכן פון אַ שכן,
זיי האָבן זיך אין מײַן געדעכעניש פאַרקריצט
און פוילן ניט און ווערן ניט צעבראָכן.

„ווער דאַרף עס וויסן?" פרעגט אַ גוטער פרײַנד.
„די וועלט פון דיין זכרון האַלט פאַר זיך"
איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט מײַן פרײַנד
און זיך דערמאָנט מײַן מאַמעס אַלטע קיך.

דער אַלטער אויוון דאָנערשטיק בײַ נאַכט,
ער ברענט אין מײַן זכרון רויט און הייס,
ער וואַרעמט די געדאַנקען, וואָס איך טראַכט
און אויך דאָס ביסל וויסן, וואָס איך ווייס.

די שטעטלדיקע געסלעך שמאָל און גאַנץ,
זיי שלענגלען זיך אין מוח עד היום,
אָט דאָ האָב איך דערזען די לײַוונטן רעמבראַנדטס
און דאָ „דאָס שטיבל פונעם פעטער טאָם".

מײַן דמיון האָט אויף שטעטלדיקן מאַרק
אַרומגעפירט די חומשדיקע אבות,
מײַן דמיון האָט אויף שטעטלדיקן באַרג
אָוועקגעשטעלט דעם פּאַסטעך פון מחשבות.

די שטעטלדיקע פלויטן פון ברעטלעך מיט אַ שפּיץ,
זיי טוילן אָפּ אַ שכן פון אַ שכן,

זיי האָבן זיך אין מײַן געדעכעניש פאַרקריצט
און פויקן ניט און ווערן ניט צעבראָכן.

מ אַ ר ק

רעדלעך ייִדן דרייען זיך
מיטיקצײַט אַרום אין מאַרק.
איבער זייערע קעפּ די זון
דרייט זיך אויך און היצט זיך שטאַרק.

קומט פון ווײַטן אָן אַ וועג
און פאַרקערעוועט אַהער
דרייט זיך דאָ אין מאַרק אַרײַן,
ווען די ווײַטקײַט ווערט אים שווער.

דרייט זיך דאָ צונויף און ווערט
גאָר אַ היימיש שטיקל פּלאַץ
פול מיט פּויערים און פערד
אויסגעשטעלט ווי אויף אַ מאַץ.

פעטע פערד און מאַגערע
יאָגן פאַרלעכווײַז געשפּאַנט
אויפן מאַרק ווי אין אַ צירק
אַ באַקאַנטן אויפן לאַנד.

דרייען נאָך זיך פּויערים
און די ייִדן אַרום זיי
און מע רירט דאָרט אויף דעם רוים
מיט אַ ווילדן מאַרקגעשריי.

דרייט אַ שנײַדער זיך אַרײַן,
דרייט עס אים פון קלייט צו קלייט,
קויפט אַ פויער צײַג, איז ער
מיטן נאָדל־פאָדעם גרייט.

קויפט אַ פויער ברעטער דרײַ,
וואַקסט פאַר אים אַ טיר באַלד אויס,
און אין טיר — אַ סטאָליער שטייט
מיט דער מאָס פון פויערס הויז.

דרייט זיך אום אַ פּאַקוסניק,
דרייט אַ ראָד ער אין דער הויך,
דרייען זיך פון ראָד אַרויס
פייערפלאַמען אָן אַ רויך.

דרייט זיך אום אַ קינד און שרײַט:
„בייגל, קונים, קויפט און עסט!"
ביזן הימל גייט דאָס קול,
נאָר דאָס קוישל האַלט ער פעסט.

און דאָס קוישל אין די הענט
פונעם שרײַענדיקן קינד
טראָגט אַרום זיך אויף די פליגל
פונעם דרייענדיקן ווינט.

קײַלעכיקע עפּל, נים
קײַקלען זיך אַרום אין שטויב

און מע טרעט זיי מיט די פֿיס —
פּרוכטן, גאָרטנוואַרג און אויבסט.

שטעלט די מידקייט איינעם אָפּ:
„זע נאַר, ווי דער מאַרק זיך דרייט
אַרום דיר און אַרום מיר.
און ער מיינט גאַר, אַז ער שטייט.״

פּויערים מיט דריבנע געלט,
שטעלן ייִדישע מיט ציץ
און דער האַנדל קאָכט און זידט
אויף דער גרויסער היץ.

רעדלעך, רעדלעך דרייען זיך
מיטיקצײַט אַרום אין מאַרק
איבער זייערע קעפּ די זון
דרייט זיך אויך און היצט זיך שטאַרק.

ישעיה שרײַער

ישעיה שרײַער האָט שוין אויסגעשריגן
אַלע פּרייזן פֿונעם שטעטלם קלייטן,
האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ דינעם ניגון
זײַנע אויסגעשרייען צו באַגלייטן.

האָבן אויפֿן הימל זיך פֿאַרזאַמלט
פֿון דער פֿאַרע פֿון זײַן מויל דעם הייסן

ווײַסע וואָלקנדלעך און אָנגעהויבן פלאַמען
ווי אויף לוחות גרויסע אלף־בית׳ן.

צען געבאָט, די אַלטע צען געבאָטן,
ברענען אויף די דעכער פונעם שטעטל,
אויף דער ערד נאָר ציטערן די שאָטנס,
אויף דער גראָער ערד, ווו מענטשן טרעטן.

שאַרן זיך אין קלויז אַרײַן צום מנין,
שאָקלען זיך בײַם פלאַטער פון אַ פלעמל,
ווען אין דרויסן פלאַקערט שוין דער בנין
פון דער קלויז און אַלע הײַזער ברענען.

ברענט די גאַנצע גאַס, דער מאַרק מיט קלייטן,
כאַפּט דער פלאַם אַרום פּאַסאַדן, שילדן
און די אותיות אַלע איינער מיטן צווייטן
זאַמלען זיך אין ווערטער, וואָס זיי בילדן.

בילדן אותיות אַלע אין איינעם נעמען
הייליקע פון פּאַסטעכער פון לעמער
און די נעמען ווי קרבנות ברענען
אויף די שילדן פון די אייניקלעך די קרעמער.

צינדט זיך אָן דער הימל, רויטע שקיעה.
ווערן אַלע שוועלן אָפּגעלאָשן,
ווער סע קוקט אַרויף, פאַרלירט די ראיה,
ווער סע קוקט אַראָפּ, פאַרלירט דאָס לשון.

ישעיה שרײַער איז אַליין געבליבן
שטיין אין מאַרק מיט די פאַרמאַכטע קלייטן,
מיט זײַן שטעקן בלינדערהייט דערשריבן
דאָס, וואָס האָט געשײַנט אין זײַן געהירן.

אין שטעטל שטייען שיינע טעג

אין שטעטל שטייען שיינע טעג
און פורלעך פאָרן אויפן וועג.

די פורלעך פירן זעק מיט מעל
און אויף די זעק די זון איז געל.

דער זאַמד ווערט אויבעט געל ווי ליים
און אַלע פורלעך פאָרן היים.

די פורלעך פאָרן אָקסן־שטיל,
ס'איז יעדער שפּאַן דערגרייכטער ציל.

קליינשטעטלדיקער ראָמאַנס

דאָ אַהער אין עקסטן געסל
קומט דאָס שטעטל אויף שפּאַציר.
יעדן שבת גייט מען, זיצט מען,
קנאַקט מען קערלעך זייגער פיר.

זיצט אַ פּאָרל, רעדט פראַנצייזיש
אויף דער פריזבע וויזאַווי,
בלויז דער פויגל אויף די צווײַגן
זינגט דעם אַלטן טרי־לי־לי.

זינגט דער פויגל אויף די צווײַגן
און די צווײַגן אויפן בוים,
רופן עס די אַלטע חלום
און די יונגע זאָגן: טרוים.

אַלטע ייִדן פון בית־מדרש
ווען באַלד מחדש זײַן
די לבנה. יונגע פּאַרלעך
קושן זיך בײַם מאַנדלשײַן.

באַסאַראַביש (ערשטער וואַריאַנט)

שלאָפט דער סטו * אויף אונדזער דאַך,
אויף דער פּריזבע שלאָפט די זון
און דער הימל אויפן באַרג
קוקט זיך גרין און בלאָ אַרום.

זעט ער: אונטן טיף אין טאָל
ליגט דער טאָג — אַ שווערער שטיין —
האַלב אין שאָטן, האַלב פון גאָלד
און ער פוילט זיך אויפצושטיין.

ברוגז׳ט זיך די שטילע נאַכט,
שיקט אַ שאָטן פון דער ווײַט,
אויף אַ הויכן שוואַרצן פערד
שטײַגט דער שאָטן אויף און רײַט.

טראָגט ער הויך אין ביידע הענט
די לבנה ווײַס און בלאַס,

*) סטו — שילף, קאַמיש.

כאַפּט זיך אויף די זון און ברענט
אינעם מערב־עק פון גאַס.

טראַכט דער הימל ניט קיין סך,
רופט די וואָלקנדלעך צונויף,
כאַפּט זיך אויף דער סטו פון דאַך
און דער ווינט אין הויף.

בלויז דאָס פּאַסטעכל אין טאָל,
און די שטילע ערד, וואָס גרינט,
און די טשערעדע מיט וואָל,
און די טרײַע הינט

גייען ניט אַרוים פון ראַם,
פון דער ראַם פון זייער בילד
און זיי מאָלן זיך צום גראַם
פון אַ פײַפל צוגעשפּילט.

באַסאַראַביש (צווייטער וואַריאַנט)

שלאָפט דער סטו אויף אונדזער דאַך,
אויף דער פּריזבע שלאָפט די זון
און דער הימל אויפן באַרג
קוקט זיך גרין און בלאָ אַרום.

זעט ער: אונטן טיף אין טאָל
ליגט דער טאָג, אַ שווערער שטיין,
האַלב אין שאָטן, האַלב פון גאָלד
און ער פוילט זיך אויפצושטיין.

ברוגז'ט זיך די ווײַטע נאַכט,
שיקט אַ רײַטער מיט אַ בריוו
קומט דער רײַטער אָן פאַר נאַכט
מיט דעם בריוו, פאַרנויגט זיך טיף.

צינדט זיך אָן דער טאָג און פאַקט
ס'בריוול אין די הייסע הענט,
פלאַקערט שוין דער בריוו און קנאַקט
און דער מערב-הימל ברענט.

ברענט און לעשט זיך און דאָס אַש
מישט זיך מיט דער לופט אין רוים,
ווערט אין רוים אַזאַ מיש-מאַש,
אַז מע זעט דעם טאָג שוין קוים.

קומט די טשערעדע פון וועג,
הויבט זי אויף אַ הויכן שטויב,
ווערט דער גאַנצער פיפאַרמעג
פונעם אויג אַוועקגערויבט.

פורלעך קומען פון יאַריד,
פורלעך פאָרן אָפּ פון מאַרק,
טראָגט פון שטעטל זיך אַ ליד
צו די שטערן אויפן באַרג.

די נאַכט איז צוגעפאַלן

די נאַכט איז צוגעפאַלן מיט גערויש.
אַרויסגעריסן ביי דער ייִדענע דעם קויש,
וואָס איז היימגעגאַנגען פונעם מאַרק,
אויפן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן שטאַרק,
נאָך דעם די לבנה פונעם אָרט געטון אַ ריר
און אַ וואָרף געטון מיט איר
גלייַך אַ ווייַסע טויב
אין אַ שוואַרצער שויב.
די לבנה איז אַרייַן אין הויז
ווי אַן עפּל גלייַך אין שויס
רויט און רונד און גרויס.
די לבנה איז געפאַלן מיט גערויש
און ווי ליים צעשיט זיך אויפן דיל,
נאָך דעם איז געוואָרן שטיל,
שטיל, שטיל,
ביז דער בעל־עגלה מיט דער בייַטש אין אַרבל
איז אויפגעשטאַנען פונעם היי אויף דר'ערד,
אָנגעטון דעם רויטן גאַרטל
און אַרויסגעגאַנגען צו די פערד
אייַנצושפאַנען זיי אין וואָגן
און אַוועק צו די פאַרשוינען,
ווו זיי וווינען,
אין די פענצטער זייערע צו טאָגן.

כ׳האָב בײַ קײנעם ניט געבעטן

כ׳האָב בײַ קײנעם ניט געבעטן
אויפבויען צוריק דאָס שטעטל,
אָבער יענער זאָל זיך עקן,
וואָס ער וויל עס מיר פאַרמעקן.

אויסמעקן פונעם זכרון
יענע שטעטלדיקע יאָרן,
וואָס מיר טראָגן — א פאַרמעגן —
אויף די גרויסוועלטיקע וועגן.

גוט צו זיצן בײַ די טישן
מיט זעמליאַקעס און צו מישן
יענע יאָרן, טעג און וואָכן,
ווען מיר זענען אומגעקראָכן

איבער פּלויטן, איבער דעכער
און מיט גרויסע הויזנלעכער
היימגעקומען שטיל און שולדיק
און אַרײַנגעכאַפּט געדולדיק.

כ׳האָב בײַ קײנעם ניט געבעטן
אומצוקערן מיר דאָס שטעטל,
אָבער דער געשטראָפט זאָל ווערן,
וואָס ער וויל דערפון ניט הערן.

וואָס ער וויל זיך ניט דערמאָנען
אין דער שטעטלשער לבנה

און אין די לבנה־וואָכן,
ווען זי איז אַרומגעקראָכן

איבער דעכער, איבער פּלויטן
מיט אַן אָפּגלאַנץ מיט אַ רויטן
און געוואַלגערט זיך אין שטויבן
פון די דין־פאַרשטויבטע שויבן.

יִדישע מלוכה

ווער פון אײַך, חברים, האָט געהערט
פון אַ יִדישער מלוכה מאַרקולעשט?
אַן אַ ביקס האָב איך און אַן אַ שווערד
אָפּגעהיט די גרענעץ מיט פלאָרעשט.

אַן אַ ביקס בין איך און אַן אַ שווערד
אויף דער וואַך געשטאַנען יאָרן לאַנג
און צו יעדן קלאַנג זיך צוגעהערט,
דורכגעלאָזט די גרענעץ בלויז געזאַנג.

ווער פון אײַך האָט אַמאָל שפּאַצירט
אין דער געגנט — אַלטער באָדנערס גאַס —
און ביז שפּעט בײַ נאַכט געפאַנטאַזירט
אונטערביימער אויף אַ ליידיק פאַס?

ווער פון אײַך איז געווען, געזען
דאָרט די פּעסטונג — משה שוחטס קלויז
און דאָס האַרץ האָט ניט געקלאַפּט אים, ווען
ער איז פון דער ליק אירער אַרויס?

וועד פון איַיך, חברים, און מיט איַיך
האָט געשפּילט אויף לאָנקע אין אַ שפּיל ? —
ס׳איז דאָס לאַנד דאָרט שיין געווען און רײַך
מיט אַ טשערעדע, אַ טײַך און מיט אַ מיל.

ס׳איז דאָס לאַנד דאָרט שיין געווען און גרויס,
פונעם טײַך אַזש ביז דער אײַזנבאַן,
און דאָס פעלד איז אָפט אַהין אַרויס
צו דעם צוג, וואָס איז אַדורכגעגאַן.

פון בית-עלמין ביז צו דעם יאריד
איז אַ גאַס געשטאַנען אין דער לענג
און געקיניגט האָט דאָרטן אַ ייִד
אין אַ הויז מיט טישן און מיט בענק.

מיטן טײַטל אין דער רעכטער האַנט
ער געזעסן אויפן העכסטן אָרט
און די קינדער פונעם גאַנצן לאַנד
האָבן נאָכגעזאָגט אים וואָרט בײַ וואָרט.

ס׳האָט דאָס דאָרף אַרײַנגעקוקט אין שויב
גלײַך אין חומש, ווען ס׳איז אויפן טיש
גראָד געווען די מעשה מיט דער טויב
פון דער תיבה נח׳ס אויפגעמישט.

האָבן זיך די קינדערלעך פארטיפט
און פארקוקט זיך, גלאַט אַזוי זיך, סתם —
ווער עס האָט געזען אין טרוים אַ שיף,
ווער עס האָט געזען אַ הוילן ים.

אינעם אויוון האָט געגרויכערט האָלץ
און די קיניגין האָט געקאָכט אַ יויך

און זי איז געווען אַזוי שטאָלץ
מיט איר פֿאַרטעך אויפֿן פֿלאַכן בויך.

דרויסן האָט איר מילעך־ווײַסע ציג
זיך געמאַכט די באָרד אין צעבער נאַס
און די קינדער האָבן זיך געקליגט,
זיך אַרויסצוכאַפּן אויף דער גאַס,

זיך אַרויסצוכאַפּן אויף דער גאַס,
וואָס געלעגן איז ווי אויף דער האַנט,
ס'האָט דער נאָמען מאַרקולעשט געפּאַסט
פֿאַר דער גאַס און פֿאַרן גאַנצן לאַנד.

ס'איז געגאַן דער נאָמען ווי אַ שיף
אויף אַ טײַך וואָס דורך דער וועלט ער פֿליסט
און פֿון איבער ימים זענען בריוו
אָנגעקומען און דאָס לאַנד באַגריסט.

ווער פֿון אײַך, חברים, האָט געהערט
פֿון אַ לאַנד, וואָס ברענט אין מיטן פֿעלד,
פֿון אַ פֿײַנט, וואָס וויל מיט הוילער שווערד
ווערן קייסער אויף דער גאַנצער וועלט?

ס'איז קיין ווערטער אויף דער וועלט נישטאָ
צו דערציילן, וואָס עס איז געשען,
די קרבנות פֿונעם קבר־דנאָ
איז ניט אויפֿצוגראָבן מיט דער פֿען.

פֿון די חורבות, קברים, אַש און שטויב
וואַקסט אַ נײַער טאָג, אַ יום הדין,
מאַרקולעשט צעשאָכטן און צערויבט
ברענט אויפֿן געוויסן פֿון בערלין.

מיר, באַסאַראַבער

מיר, וואָס מיר פֿאָרן אַרויס אין פֿאַרטאָגן,
פֿירן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן אין וואָגן,
שלעפּן די ברויטן פֿון טאָרבעס פֿון גראָע,
עסן געזאַלצנס און האָבן הנאה.

מיר מאַרקולעשטער, זגוריצער, ליפּקאַנער,
בעלצער, סאָראָקער, פֿאַלעשטער, בריטשאַנער,
מיר די אונגענער, סקולענער, רישקאַנער,
מיר די באַנאַרס, סאָפּונאַרס און באַלצאַנער.

מיר, וואָס מיר ווייסן אַליין ניט פֿון וואַנען,
אונדזערע מאָדנע פֿאַמיליעס שטאַמען,
אפֿשר פֿון אייביק אָן פֿון דאַנען,
פֿון די פֿעלדער פֿון בריטשעוואַנען?

מיר, וואָס מיר סאָמעווען איינער אין צווייטן
סײַ מיט די פּנים׳ער, סײַ מיט די קלייטן,
סײַ מיט די מעלות, סײַ מיט די פֿעלערס,
סײַ מיט די גאַנעקעס, סײַ מיט די קעלערס.

מיר, וואָס מיר האָבן מיט בײַטשן געפּאַכעט,
לעמער געפּיטערט און פֿערדלעך געקאָוועט,
קי געמאָלקן און קעלבלעך געכאָוועט,
שטאָלן געריייניקט אין עושר און כבוד.

מיר, וואָס מיר האָבן געזייט און געשניטן,
לעמער געשוירן און פֿערדלעך געביטן,

איבערגענומען מאָלדאַווישע זיטן
זומער צו טראָגן אַ שאָפּן היטל.

אין קאַפּריזן, אין יעדער שגעון,
ווײַט פון דער וועלט פונעם ווילנער גאון,
ניט קיין צדיקים און ניט קיין רשעים,
קליינע למדנים מיט קליינע חטאים.

עסן, פּאַרטרינקען מיט רויטן, מיט ווײַסן,
נאָכן טרינקען איז ווידער פּאַרבײַסן,
אויב מע וועט אויף יענער וועלט שמײַסן,
וועט זיך אויף אונדז די בײַטש צערײַסן.

מיר, באַסאַראַבער, קומען זיך מעלדן:
ניט קיין פּחדנים און אויך ניט קיין העלדן,
ייִדן אַזוי זיך, מע לעבט אין אַ זײַט זיך
פון ד׳אַנדערע ייִדן, ביז וואַנען מע בײַט זיך.

דאָס ביסעלע שפּײַז

דאָס ביסעלע שפּײַז,
דאָס ביסעלע מילך מיט רײַז,
דאָס שיסעלע באָרשט מיט קרויט,
דאָס שטיקעלע הערינג מיט ברויט,
דאָס טעלערל רעטעך מיט זאַלץ,
דאָס טעפּעלע קאַשע מיט שמאַלץ,
דאָס טעלערל לאָקשן מיט יויך
און צימעס דאָס ביסעלע אויך —
דעם דאַזיקן קורצן מעניו
באַשער אונדז, גאָטעניו.

באַשער אונדז צוקער צו טיי
און לאַטקעס מיט אַן איי.
און צו די שיינע פיש
באַשער אונדז אַ גאַסט צום טיש.

שוואַרצע טינט

שוואַרצע טינט אויף מײַן דינער פען,
ווײַסער שניי אויף מײַן ברייטער שוועל.

בײַ אַ דריטל פאַרשריבן פּאַפּיר
וואַרט איך אויף עמעצנס קלאַפּ אין טיר.

קליין איז מײַן שטיבל, מײַן טיר איז ברייט,
קומען ווײַבער מיט נײַן מאָס רייד.

נעם איך זיי אויף ווי ליבע געסט,
קלאָגן זיך אַלע אויף הונגער, פּרעסט.

רעדן זיך אַלע אַראָפּ פונעם האַרץ,
ס'ווײַסע פּאַפּיר ווערט אין גאַנצן שוואַרץ.

ווערט עס פאַרשריבן דין און געדיכט,
צווישן די שורות פליסט שמאָל דאָס ליכט.

ס'ליכט פון זייערע פאַרצרה'טע רייד
איבערגעפלאָכטן מיט שאָטנס פון פרייד.

פרייד פון טראָגן אין איינעם איין יאָך,
פרייד פון זײַן שכנים די גאַנצע וואָך.

פרייד פון שלאָגן זיך מיט דער נויט,
שיטן מיט רייד ווי מיט ברעקלעך ברויט.

שיטן זיך ווערטער און יעדעס וואָרט
שטופּט צום פּאַפּיר זיך, פאַרנעמען אַן אָרט.

קוק איך אַראָפּ אויף די שורות לאַנג,
ביז עס וועקט מיך אויף אַ געדאַנק.

רײַס איך די אויגן אַוועק פון פּאַפּיר,
קוק אויף די ייִדענעס נעבן דער טיר.

זע איך מײַן ליד וועגן זיי, מײַן געדיכט,
טרויערט און שײַנט אויף זייער געזיכט.

דאָס גנב׳ל

גנבים וואַקסן געוויינלעך אַן טאַטעס,
געהילט איז די קינדהייט פון גנב אין שמאַטעס,
געבויט איז די גאַס, ווו ער וווינט, פון כאַטעס,
ווו מאַמעס זיצן און ליגן לאַטעס.

די ערשטע גניבה איז געוויינלעך אַן עפּל,
סע דרייט זיך אַרום אויפן מאַרק אַ שלעפּל
מיט באָרוועסע פיסלעך און הוילן קעפּל,
דאָס העמדל צעריסן און אָן אַ קנעפּל.

און פּאַקט מען דאָס גנב׳ל, קאַרגט ניט קיינער
קײַן קלעפּ מיט די הענט, קײַן שטעקנס, קײַן שטיינער,
מע טרעט מיט די פיס דעם גנב׳לס ביינער.
פון אונטער די טריט וואַקסט ער אויס אַ שיינער.

און קומט ער אַהיים אין אַ נאַכט אַ שפּעטער,
אַ היטל פון פּאָליציי דערזעט ער
אין בעט ביי זײַן מאַמען — אַ פרעמדער פּעטער,
ער קוקט אויף זײַן מאַמען ווי אויף אַ פאַררעטער.

מע נעמט אים צו פון דער היים אויף יאָרן,
ער האָט זײַן היים און זײַן מאַמען פאַרלאָרן,
סע גלאַנצט אַ דאַשעק אין זײַן זכרון,
וואָס לויפט אים נאָך אויפן פערטן גאָרן.

דער אַלטער שוסטער

אַ גאַנצע וואָך אַרויסגעקוקט אויף שבת
און איצט פאַרגייט די שבת'דיקע זון,
די נאַכט אויף זונטיק שטרעקט שוין אירע לאַפּעס
און נעמט אים מיט איר פינצטערניש אַרום.

אַ גאַנצע וואָך דעם רוקן זיך געבויגן
און ניט אין גאַנצן היינט אים אויסגעגלייכט,
דער שבת ווי אַ פויגל דורכגעפלויגן
און מיט דער זון דערטרונקען זיך אין טײַך.

ער קוקט אַריבער נידעריקע דעכלעך
צום דאָרף, צום פעלד, וואָס קוקט צו אים אין הוי
ניטאָ קיין צײַט. ער זעצט זיך קלאַפּן פלעקלעך,
די שטיוול זאָלן זיין אי שטאַרק, אי גרויס.

ווייל מאָרגן קומען פויערים פון דערפער
און זייערע שטיוול מוזן פאַרטיק זײַן.

אים דאַכט, זײ קריכן באָרוועס אויף זײַן קערפּער
און קענען אין די שטיוול ניט אַרײַן.

אַזוי פיל יאָרן אַרבעט ער בײַ שטיוול
אַן אָנגעשפּאַרטער אין דער קרומער וואַנט.
די וועלט אַרום זײַן אויסגעבויגן שטיבל
איז אויסגעלאַטעט פון זײַן שוסטערהאַנט.

די וואָכן שלעפּן זיך ווי וועגענער מיט משא,
דער שבת פליט זיך ווי אַ פויגל גרינג,
דער שוסטער האָט ניט גאָרניט אין זײַן קאַסע,
נאָר לידער האָט ער אָפּגעשפּאָרט און זינגט:

„איך ווער פון טאָג צו טאָג אַלץ מידער — מידער,
ס'איז ווייניק מיר איין שבת אין דער וואָך,
עס וואָלט געווען אַ יושר, גוטע ברידער,
מײַן שבת זאָל זיך ציען נאָך און נאָך.

„עס וואָלט געוועזן ערלעכער און שענער,
ווען דער, וואָס אַרבעט אָפּ אַזוי פיל יאָר,
זאָל האָבן אויף דער עלטער כאָטש אַ צענער
און פון אַזוי פיל שטיוול כאָטש אַ פּאָר.

„כאָטש איין פּאָר שטיוול גאַנצע אויף דער עלטער
און אויך אַ מלבוש אויפן לײַב אַ גאַנצס,
איך מאָן אײַך ניט קײַן ווײַנען פונעם קעלטער,
איך מאָן אײַך ניט קײַן כלי־זמר צו קײַן טאַנץ.

אַ שטיקל ברויט נאָר אויף דער עלטער, קינדער,
אַ ביסל רו נאָר אויף דער עלטער, פרײַנד,
עס איז דאָס לידל, וואָס איך זינג אַצינדער,
אַ שוסטערלידל, וואָס מע זינגט עס הײַנט.

„און אפשר וועט מען מאָרגן אַנדערש זינגען,
אַן אַנדער לידל אין אַן אַנדער צײַט,
אַן אַנדער לידל, וועט עס אַנדערש קלינגען,
און אפשר איז עס גאָרניט אַזוי ווײַט.

פאַרגעסט ניט אויך דעם אַלטן צו דערמאָנען,
וואָס האָט קיין אַנדער לידל ניט פאַרמאָגט,
דאָס פּראָסטע לידל מיט די פּראָסטע גראַמען
האָט אויך עפּעס דער וועלט אַרײַנגעזאָגט.“

כלי־זמר־ליד

רויכערט שטאַרקער, חברה, רויכערט
און פאַררויכערט אַ ציגאַר אין אַ ציגאַר,
אַז ניט בלײַבן זאָל אין הויז קיין זכר
פונעם טיש מיט לאָמפּ און סאַמאָוואַר.

זאָל דער רויך פאַרוואָלקענען די סטעליע,
מאַכן גראָ די פענצטער מיט די ווענט.
רויכערט שטאַרקער, טײַערע קאַפּעליע,
ווען סע שווײַגט דער כלי־זמר־אינסטרומענט.

ווען דאָס שטעטל פּראַוועט ניט קיין שמחות,
פײַפט עס בײַ די כלי־זמר׳לעך אין בויך.
רויכערט שטאַרקער און דערציילט געשיכטעס,
לאָזנדיק די ווערטער מיטן רויך.

שרעקלעכע געשיכטעס פון גזלנים,
טרויעריקע מעשׂות וועגן וואַלד,

נעמט און פלעכט אַרײַן אויף די לבנה
מיט איר ביסל אויסגעלאָשן גאָלד.

שטעלט אַרײַן אַ שאַרפע האָק, אַ מעסער,
שטעכט אַרײַן אַ לאַנגע־לאַנגע שפּיז,
די גזלנים מאַכט זיי העכער, גרעסער
און דעם גרעסטן גזלן פאַר אַ ריז.

שטעלט אַוועק אַ כּלי־זמרל אין מיטן
מיט אַ פידל אַלט שוין טויזנט יאָר,
זאָלן קומען באַרעשניעס געריטן
טאַנצן מיט גזלנים אין דער פאָר.

זאָלן זיי באַרויבן רײַכע מענער,
קאָלט אַוועקלייגן אַ צוויי־דרײַ מאָן,
מיט אַ מעסער איז די מעשה שענער
איידער מיט אַ ביקס צי אַ נאַגאַן.

זאָלן זיי דאָס גאַנצע געלט, די רענדלעך,
צווישן אָרעמע צעטיילן יעדן גלײַך
און דאָס כּלי־זמר׳ל, די ברידער זײַנע כּלי־זמר,
אויפהויבן פון שטויב און מאַכן רײַך.

זאָלן זיך יתומות מיט יתומים
פאַ ליובווי משדך זיין מיט גליק
און דעם פידלער מיטן פידעלע דעם ברוינעם
זאָל מען גיבן פיש דעם גרעסטן שטיק.

און געבראָטנס זאָלן כּלי־זמר עסן,
בראָנפן טרינקען יעדערער צוויי גלאָז
און דעם חילוק פון אַמאָל פאַרגעסן
צווישן כּלי־זמר און מחותן בעל־הבית.

נעמט די כּלים, יאָלדן, העלדן, מענער,
ס׳איז געדיכט דאָס לעצטע ביסל רויך,
ווי אַ שטורעם זאָלן זיך די טענער
אויפהויבן און טראָגן אין דער הויך.

שטאַרקער, שטאַרקער, טײַערע כּלי־זמרים,
ס׳האָט זיך אויסגעלײַטערט אין געמיט
און אין שטיבל ווי אין צען חדרים
שפּילט זיך יעדערער זײַן אייגן ליד.

שטאַרקער, העכער, טײַערע חברה שפּילער,
שפּילט אַ שטיק לכּבוד אונדזער גליק.
ס׳האָט געפּלאַצט אַ סטרונע, שטילער, שטילער,
לייגט די שיינע פידעלעך אַוועק צוריק.

אונדזער גליק אין מעשׂיות, אין געשיכטעס,
אונדזער גליק צערינען ווי דער רויך,
ווען דאָס שטעטל פּראַוועט ניט קיין שׂמחות,
פּײַפט עס בײַ די כּלי־זמר׳לעך אין בויך.

ווען דאָס שטעטל רופט ניט די כּלי־זמרים
איז אַ סימן, אַז דאָס שטעטל פאַסט,
איז אַ סימן, אַז דאָס שטעטל אָרעמט
און סע וויינט איעדער שטיין אין גאַס.

ווען בײַם שנײַדער שטייט אַ קאַלטס דאָס פּרעסל
און דער קאַוועל בלאָזט ניט מיטן זאַק
און בײַם שענקער רירט זיך ניט דאָס פעסל
און סע זשאַווערן בײַם העקער זעג און האַק —

רירט זיך ניט קיין סטרונע מיט קיין ציטער,
קריכן ניט די טענער פון דער פלייט.
אָן מחותנים איז דעם כלי־זמר ביטער,
אָן פרנסה איז ניטאָ קיין פרייד.

הונדערט קינדער

הונדערט קינדער זענען מיר געוועזן
אויף דער הינטערגאַס,
איז געגאַן אויף אונדז אַ רעגן,
זענען מיר געוואָרן נאַס.

איז אויף אונדז אַ שניי געגאַנגען,
זענען מיר געוואָרן ווײַס,
אונדזערע דינע, נאַסע העמדלעך
זענען געוואָרן אײַז.

הונדערט קינדער זענען מיר געלעגן
אין דער קעלט בײַ נאַכט,
זיבן זענען אומגעקומען,
צוגעקומען — אַכט.

זענען מיר געוואָרן איבער הונדערט
אויף דער הינטערגאַס,
הונדערט קינדער מיט סאָפּראַנעס,
איינער מיט אַ באַס.

האָבן מיר אַלע זיך צעקלונגען
פאַרבנהעל און בונט,

בלויז דער באַס האָט זיך געטונקלט
אויפֿן הינטערגרונט.

ס׳האָט דער באַס אונדז אָנגעוואָרעמט
אין זײַן גראָבן פּעלץ,
קינדער פֿון די הינטערגאַסן,
קינדערלעך דער וועלטס.

ציגעלע — מיגעלע

ציגעלע — מיגעלע קאָטעניִי,
רויטע פּאָמעראַנצן,
קאָך מיר זעקס קאַרטאָפֿל אָפּ,
גיי איך באַלד דיר טאַנצן.

קאָך מיר אָפּ קאַרטאָפֿליעס צען,
טאַנץ איך אויף די טישן,
אָפּגעטאַנצט דעם ערשטן טאַנץ,
טאַנץ איך דיר אַ פֿרישן.

ייִדל — פֿידל, בערל — באַס,
שפּילט מיר דרײַ מעת-לעת׳ן,
זאַלצט מיר די קאַרטאָפֿליעס צו,
רוף איך אײַך צום עסן.

ווער סע שמעלצט זיי צו מיט שמאַלץ,
מעג זײַן בלויז אַ ביסל,
וועט ער מעגן פֿונעם טיש
נעמען גאַנצע שיסל.

גאַנצע שיסל וועט ניט זײַן,
צען קאַרטאָף אין גאַנצן,
ציגעלע — סיגעלע קאָטענײַ.
רויטע פּאָמעראַנצן.

אין כאַטע

אַ קנויל פון אַלטע פּעלצן,
פון שטיוול און פון בלאָטע,
פון כראָפּען און פון סאָפּען
אין קליינער, ענגער כאַטע.

אַ פינצטער לעמפּל רויכערט
און פון דער וויסטער סטעליע
דער רויך, וואָס פּאַלט, דעקט צו דאָרט
די ווילדע כראָפּ־קאַפּעליע.

די העק און שטריק אין ווינקל
אין פינצטערניש פאַרשווונדן.
אין דרויסן ליגט די כאַטע
מיט נאַכט אַרומגעבונדן.

אין דרויסן ליגן קלעצער,
ווי ספּלאַוועס, גלײַך זיי שווימען.
און אויסגעהוילטע פּלעצער
מיט וואַלד אַרומגענומען.

און שוואַרצע בערג און וואָלקנס,
און ווײַטע הימל־שטיקער,

און שוואַרצע בוימער שטייען
און שאָקלען זיך ווי שכור.

די וועגן ליגן ליידיק
אין דרויסן אין דער פינצטער,
אין כאַטע שטייט ניט קיינער
און קוקט ניט דורכן פענצטער.

שבת־רעגן

אין אַ רעגנדיקן וויסטן שבת
שטעק איך אָן די וואַכעדיקע שקראַבעס,
שלעפּ אַרויף די ווינטערדיקע הויזן,
שטיי מיט הײַזער נאַקעטע אין דרויסן.

קיינער שיקט מיך ניט, דעם אײַנגעשפּאַרטן,
אינעם רעגן אויף דער זון צו וואַרטן,
איבער גאַסן ליידיקע אַ נאַסער
טראַג איך פולע שיך מיט רעגנוואַסער.

קיינער מאָנט בײַ מיר ניט אַזאַ קרבן,
אין אַ קעלער ליגט אַ קינד געשטאָרבן,
וואַרט די מוטער, סע זאָל טונקעלער ווערן,
מע זאָל מעגן פרײַ לאָזן די טרערן.

אויף די בוידעמס אונטער נאַסע דעכער
טריקנט זיך דאָס וואַכנוועש מיט לעכער,
איבער וויסטע וואַכעדיקע וועגן
וואַקסט די בלאָטע פונעם שבת־רעגן.

אָסיען

די נעכט ווערן קעלטער און קירצער די טעג,
דאָס טײַכל ווערט שמעלער און האַרטער דער וועג,
אַ ווינטל אַ קילם בלאָזט בײַ טאָג אויף דער זון
און ס׳נעמט דיך דער אָסיען אַרום און אַרום.

די פייגל דערפילן פון אַפּילו די צײַט
און ס׳קומען צו פליען די וואָלקנס פון ווײַט
און לאָזן אַראָפּ זיך טונקל און שטום
און ס׳נעמט דיך דער אָסיען אַרום און אַרום.

פאַרלאָטעט דעם דאַך און די ווענט פונעם הויז,
דו שלעפּסט פונעם קאַסטן די טראַנטעס אַרויס,
דער ראָק האָט אַ לאַך און די הויזן אַ מום
און ס׳נעמט דיך דער אָסיען אַרום און אַרום.

דו קוקסט פול מיט זאָרג אַראָפּ אויף די פיס,
דער דרויסן איז בלאָטיק, סע גיסט און סע גיסט,
די שטיוול פאַרדאַרט פון פאַריאָרן און קרום
און סע נעמט דיך דער אָסיען אַרום און אַרום.

ע ל נ ט

1. האַרבסט.

האַרבסט פאַרגיסט דאָס שטעטל
מיט דער פולער האַנט,
וואַרט דער ייִד פון אָרעמען קליײטל
בריוולעך פון אַ ווײַטן לאַנד.

קומט אַ בריוול נאָך אַ בריוול,
לייגט דער בריווטרעגער זיי אויס,
קלעפּט די בלאָטע צו די שטיוול,
גייט ער וואָכן ניט אַרויס.

וואַרט דער בריווטרעגער דער אַלטער
אויף פּאַגאָדע, אויף דער זון,
וואַרט דער ייִד פון קלייט פון קאַלטער
אויף אַ בשורה פון זײַן זון.

2. ווינטערנאַכט.

ווינטערנאַכט, דער פראָסט אין דרויסן ברענט
און אַ ייִד מיט אַ געבראָכן קול
צווישן קאַלטע ווינטערדיקע ווענט
לייענט אַ בריוול שוין צום צענטן מאָל.

ס'איז אַ בריוול פון זײַן אייגן קינד,
קושט ער עס דאָס בריוול, דאָס פּאַפּיר.
בײַ זײַן שכן שלאָפט מען שוין אַצינד,
איז שוין שפּעט צו קלאַפּן אין דער טיר.

לייענט ער עס מיט ציטערדיקע הענט,
לייגט אַריין צוריק עס אין קאָנווערט,
צווישן קאַלטע ווינטערדיקע ווענט
קלאַפּט דאָס האַרץ פון קיינעם ניט געהערט.

3. װינטערשױבן.

בלאָער אוונטשניי,
פרישע, קלאָרער פראָסט,
שויבן זיך צעבליט,
זיך צעבוימט, צעגראָזט.

גערטנער אויפן גלאָז
ווי אין זומערלאַנד,
נאָר דער ווינטער ליגט
אויף דער קאַלטער וואַנט.

זאַנגען אויפן גלאָז
צײַטיקע צום שניט,
אויף אַ קאַלטן בעט
ליגט אַ ווײַסער ייִד.

שטייט דאָס בעט אין שטוב
פינקטלעך אין דער מיט,
אויפן קאַלטן דאַך
שיט דער שניי און שיט.

שויבן — שיין און ריַיך,
גליקן אָן אַ שיעור,
ס'האָט ניט ווער פאַר טאָג
עפענען די טיר.

בײַ אונדז

פֿאַר וואָס איז אַלצדינג אַנדערש, ווי איך וויל?
פֿאַר וואָס איז אויפֿן האַרצן אַזוי טרויעריק?
פֿאַר וואָס איז אַזוי קאַלט בײַ אונדז דער דיל?
פֿאַר וואָס איז אונדזער סטעליע אַזוי נידעריק?

פֿאַר וואָס פֿאַרהאַקט אין מיטן זיך מײַן קול,
ווי גלײַך איך רעד פֿון ערגעץ אַ געפֿענקעניש?
פֿאַר וואָס איז צווישן בעט און טישל שמאָל?
פֿאַר וואָס איז דאָ בײַ אונדז אַזאַ מין ענגעניש?

פֿאַר וואָס זענען די פֿליגן אַזוי בייז?
פֿאַר וואָס זענען די מײַזלעך אַזוי אומרויִק?
פֿון ביכערשראַנק דעם גאַנצן אלף־בית
שוין אויפֿגעפֿרעסן און געבליבן הונגעריק.

פֿאַר וואָס איז אונדזער טיר אַזוי פֿאַרלאָזט?
פֿאַר וואָס זענען די פֿענצטער מרה־שחורה'דיק?
און קומט אַ מאָל אַראָפּ אַ גאַסט אין פֿראָסט,
איז ער אַן אַנגעפֿרוירענער פֿון בויבעריק.

פֿון וואַנעט קומט?

פֿון וואַנעט קומט צו אונדז די בענקשאַפֿט?
די בענקשאַפֿט קומט צו אונדז פֿון ענגשאַפֿט,
וואָס צווישן שטול און טיש און בעטל
אין קלענסטן הײַזל פֿונעם שטעטל.

פון וואַנעט קומט צו אונדז דער אומעט?
דער אומעט קומט פון פליג, וואָס זשומעט
און שלאָגט זיך אָפּ אין פענצטער־שײַבל,
בעת דעם פליגנטרײַבן.

פון וואַנעט קומט צו אונדז דער טרויער?
דער טרויער פאָרט אַרײַן אין טויער
און פירט אַרויס אונדז אונדזערע יאָרן
און לאָזט אַ וועג אויף נאָכצופאָרן.

שולדיק

וואָס וועט זײַן מיט דער שיינקייט פון וואָלקנס,
ווען די אָוונטשײַן איז פאַרשוווּנדן?
שוואַרצע פלעקן אויף דער נשמה
וועלן ברענען אַזוי ווי ווּנדן.

אַלע בוימער ווערן פאַרלאָשן,
ס׳אַש פון דער זון דער אויסגעברענטער
פאַלט ווי אַ מת, וואָס מ׳האָט אונטערגעוואָרפן
דעם מנין ייִדן, ווו איך בין דער צענטער.

מיר, דערשראָקענע פאַר שריפות,
האָבן פאַר דער נאַכט נאָך מערער מורא,
ווי דער בלוט־בילבול אויף אונדזערע זיידעס
הענגט די לבנה — אונדזער גורל.

וועכטער ביי די געטאָ־פלויטן
טרײַבן אונדז בייז פון די שטעכיקע דראָטן,
ס׳זאָל די ייִדישע לבנה, די רויטע,
ניט איבערשוואַרצן אונדזערע שאָטנס.

וואָס וועט זײַן מיט אונדזערע אויגן,
ווען די לבנה איז אויך שוין פֿאַרשוווּנדן?
שוואַרץ ווי אַ מת און אויסגעצויגן
וועט ליגן די ערד און מיר — אירע וווּנדן.

פּירט די שאָף

פּירט די שאָף איר שעפּעלע צו דער עקידה,
גייען זיי, די שאָף, דאָס שעפּעלע און ביידע
זוכן זיי די חברה „צער־בעלי־חיים",
וואָס פֿאַרבײַטן זאָל דעם קרבן אויף אַ יצחק, שלמה, חיים.

דײַטשישע רעטער

ניט אַלע ייִדן זענען נאָך דערשאָסן
אין יענער שטאָט, וואָס היטלער האָט פֿאַרנומען,
ס'איז ייִדיש בלוט אין גאַנצן ניט פֿאַרגאָסן
געוואָרן נאָך, דאָס וועט ערשט שפּעטער קומען.

דערווײַלע לעבן נאָך דאָס ביסל ייִדן
צונויפֿגעפּרעסטע אינעם ענגן געסל,
אויף אַרבעט גייט מען און מען איז צופֿרידן
פֿון ביסל אָפּפֿאַל, וואָס מע גיט זיי עסן.

מע ראַטעוועט דאָס לעצטע ביסל אָטעם
מיט שטיינער האַקן און מיט טראָגן שטיינער.
און יעדער איינער, וואָס באַשערט ס'האָט גאָט אים,
איז טראָגט ער עס אויף זיך דאָרט יעדער איינער.

די נאָענטע דערפֿער האָבן זיך פֿאַרשלאָסן,
מע לעבט מיט שרעק, מע ציטערט פֿאַרן לעבן,
פֿאַר געבן ברויט, פֿאַר הילף, מע ווערט דערשאָסן
און ווער איז גרייט דאָס לעבן אָפּצוגעבן?

און אָט אין אַ פֿאַרנאַכט האָט עס געטראָפֿן
מיט שטיינער יִדן צוויי איבערגעלאָדן
אויף וואַקלענדיקער ברוק. פֿאַרהונגערט, ניט דערשלאָפֿן,
פֿאַרלירן אונטער זיך דעם ברעטער־באָדן.

און פֿאַלן ביידע אינעם טײַך דעם טיפֿן
און לאָזן ניט פֿאַר שרעק אַרויס די שטיינער,
זיי טרינקען זיך ווי דורכגעלאָכטע שיפֿן
די צוויי סקעלעטן לעבעדיקע ביינער.

אַלאַרם. אַ דײַטשישע קאָמאַנדע רעטער,
אַ רעטונגסשיף מיט אויסשטאַטונג מיט רײַכער,
מע לייגט די יִדן אויף דעם שיפֿלס ברעטער,
מע פּאָמפּעט אויס דאָס וואַסער פֿון די בײַכער.

מע עפֿנט זיי די אויגן אויף, מע הייסט זיי ריידן,
מע הייסט אַפֿילו שמייכלען זיי צופֿרידן,
מע פֿירט זיי אָפּ און מע דערשיסט זייביידן,
די צוויי געראַטעוועטע פֿונעם וואַסער יִדן.

ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט

ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט
אויף אָפּשפּיגלען כעלעם פֿון ווײַטן,
אַזוי זענען שטעטלעך צעשטעלט

געשטאַנען אַמאָליקע צײַטן,
אויף אָפּשפּיגלען כעלעם פון װײַטן.

און האָט מען אין כעלעם אַ מאָל
געגעבן אַ הוסט צי אַ גענעץ,
איז האָט מען אויף באַרג און אין טאָל,
אויף דער און אויף יענער זײַט גרענעץ,
געהוסט װי אין כעלעם, גענעצט.

און האָט מען אין כעלעם געבױט
אַ שול מיט אַ טיר װי אַ בױגן,
און האָט מען די שול פאַר אַ נױט
מיט שטריק באַרג אַרױף געצױגן,
די שול מיט אַ טיר װי אַ בױגן.

איז האָט מען די זעלבע גענױ
געבױט אויך אין בעלץ און סאַראַקע,
און פּונקט װי אין כעלעם, אַזױ
געהאַט דאָרט די זעלבע מאַראַקע,
אין בעלץ, דערנאָך אין סאַראַקע.

און האָט מען אין כעלעם אַ באָד,
אַ בעדל פון דריטהאַלבן מעטער,
גענומען זיך בױען דער שטאָט,
אַ באָד מיט פּאָדלאָגעס פון ברעטער,
אַ בעדל פון דריטהאַלבן מעטער.

איז האָט מען די זעלבע געמאַכט
אין מאַרקולעשט דעם שטעטל,
װו מ׳האָט פאַר אַ חריפות געבראַכט
אַ מוסטער פון כעלעם, אַ ברעטל
אין מאַרקולעשט דעם שטעטל.

דאָס ברעטל געהובליעוועט גלאַט,
מע זאָל זיך די פּיס ניט פאַרשטעכן,
נאָר די גליטשיק־געהובליעטע זײַט
פון אונטן. ס׳האָט כעלעם באַרעכנט,
מע זאָל רוק און לענד ניט צעברעכן.

אין כעלעם, אין מיטן פון מאַרק,
געווען איז אַן אַלט־גרויער ברונעם,
אַרום פון דער שטאָט אויפן באַרג
מיט פּי צום יאַריד פלעגט מען קומען,
פון דאָרטן צום טײַך מיטן ברונעם.

און אויב ס׳איז אין דאָמבראָווען
קיין באַרג ניט געווען פאַר יאַרידן,
איז דאָרט קיין יאַריד ניט געווען
און ס׳האָבן געהאַנדלט די ייִדן
אין מאַרק ווי אויף יאַרידן.

אויב ס׳האָט זיך פאַרזינדיקט אַ ייִד
אין כעלעם דער שטאָט פון נאַראָנים,
איז דאַרף מען אים שטראָפן, אַניט
פאַרבלײַבן אָן ברויט די דיינים,
אין כעלעם דער שטאָט פון קבצנים.

נאָר אויב ס׳איז אַ שנײַדער דער ייִד
און שנײַדערס פאַראַן איז נאָר איינער,
איז מוז מען אים לאָזן, אַניט
פאַרבלײַבט דאָך די שטאָט אָן קליידער,
אויב שנײַדערס פאַראַן איז נאָר איינער.

איז האָט מען באַשלאָסן לסוף,
פאַראַן דאָך צוויי שוסטערס אין שטעטל.

וועט איינער גיין זיצן די שטראָף,
דער צווייטער וועט ליגן אַ בלעטל
און לאַטעם אויף שיך פונעם שטעטל.

און האָט אין אַלעקסאַנדרען
די זעלבע געשיכטע געטראָפן,
כאָטש דאָרט איז איין שוסטער געווען,
איז ער פונעם שטעטל אַנטלאָפן
אום ווינטער אין הוילע פאַנטאָפל.

און ערשט ווען דער דײַטש מיט דער שווערד
האָט אָנגעהויבן קוילען און שעכטן,
ז'דער שוסטער פון אונטער דער ערד
אַרויס און אַרײַן אין געפעכטן
אַקעגן דעם קוילן און שעכטן.

— — — — — — — — — — —

ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט
אויף אָפּשפּיגלען כעלעם פון ווײַטן,
אַזוי זענען שטעטלעך צעשטעלט
געשטאַנען אַמאָליקע צײַטן,
אויף אָפּשפּיגלען כעלעם פון ווײַטן.

ווען כעלעם איז געוואָרן פאַרברענט,
איז פּוסט אין די שפּיגלען געוואָרן,
איך האָב מאַרקולעשט ניט דערקענט
נאָך עטלעכע ביטערע יאָרן,
ס'איז פּוסט אין די שפּיגלען געוואָרן.

אַצינד, ווען די וועלט איז אין בלי
און מיר, די פאַרבליבענע ייִדן,
פאַרקאָכט אין גרויסשטאָטישער מי

און ווײַט שוין פֿון מערק און יארידן,
מיר די פֿאַרבליבענע ייִדן,

איז צײַט צו דערמאָנען: געדענקט,
מע טאָר ניט פֿאַרגעסן דעם נעכטן.
ניט דער וואָס ער קלאָגט און ער בענקט,
נאָר דער, וואָס געווען אין געפֿעכטן,
איז אונדזער כבוד פֿון נעכטן.

ניטאָ, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען

ניטאָ, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען,
מײַן זיידע איז געווען אַ שענקער.
איך וויל פֿאַר אים נקמה נעמען,
אָ, דינגט מיך, ייִדן, פֿאַר אַ הענקער!

מײַן זיידע האָט באַדינט שכורים
און אַלע פּראָסטע בעל־עגלה׳ס
און איך — בײַ מיר איז איצטער פּורים
און המן ליגט בײַ מיר אין גלות.

און אייכמאַן ליגט בײַ מיר געבונדן
אויף אַלע פֿיר און קאָן ניט שטאַרבן.
סע בענקט זײַן לײַב צו ווערן ווונדן,
סע טרוימט זײַן קאָפּ צו ווערן שאַרבן.

מיליאָנען האָט ער אויסגעקוילעט,
איצט שטייט ער קעגן זיך אָן וואָפּן,
איך טראָג אים נאָענט צו זײַן גרוילטאָט,
כ׳צווינג זײַנע אויגן בלײַבן אָפֿן.

ער לעכצט נאָך פײַער, פונקען רייצן
זײַן בלוט אין זײַנע לעצטע רגע׳ס,
אים חלומט זיך, אים קומט פאַרפלייצן
אַ ים מיט סם פון זײַנע ברעגעס.

איך שטיי און היט ער זאָל ניט שטאַרבן,
איך קאָן דעם טויט אים ניט פאַרגונען.
אויב ניט מײַן האַנט וועט אים דערוואַרגן,
וועט מיר זײַן גסיסה ניט באַקומען.

ניטאָ, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען,
מײַן זיידע איז געווען אַ שענקער.
איך וויל פאַר אים נקמה נעמען,
אַ, דינגט מיך, ייִדן, פאַר אַ הענקער.

וואַנדערונג

אין די שאָטנס פון די פרעמדע ביימער
זענען זיי געזעסן אויף די פעק,
זענען זיי געזעסן ווי אויף שטיינער
און מיט שרעק אַרויסגעקוקט צום וועג.

ס׳האָט דער סוף פון וועג געלאָקט פון ווײַטן,
האָבן זיי געלאָזט זיך גיין צום סוף,
קומט אָבער אַ צווייטער אים פאַרבייטן,
וועט מען ווײַטער דאַרפן גיין ווי שאָף.

שטויב און היץ און הונגער. קליינע קינדער
אויף די מאַמעס אײַנגעמידטע הענט.
גייען זיי און קוקן ניט אַהינטער,
ווו די היימען האָבן אָפּגעברענט.

גייען זיי און ווייסן ניט צו ווענען,
קומען שטענדיק אָן אין זעלבן דאָרף,
וואָס עס האָט שוין הונדערט טויזנט נעמען
און עס הויבט זיך ווידער אָן פון סוף.

אויף די וועגן קומען זיך אַקעגן
מאַמעס מיט די כלות פון די זין,
זעק און קוישן, שווערע פונעם רעגן,
שלעפן זיי און ווייסן ניט וווּהין.

זעק און קוישן — זייער גאַנץ פאַרמעגן,
וואָס איז זיי פאַרבליבן פון אַ לאַנד
און דאָס לאַנד מיט פעלדער בײַ די וועגן
ליגט פאַרקוועטשט בײַם שונא אין דער האַנט.

זיי אַליין — צעבראָכן און צעשמיסן,
מיט די האָר און מיט די שאַלן אויפן ווינט,
לויפן, גייען. די פיס זענען צעריסן
און דאָס בלוט אין אַלע בלאָטעס רינט.

קיינער ווייסט ניט, וואָס סע וואַרט אים ווײַטער,
וויפל וועלן לעבעדיק אַרויס.
פונעם הימל פאַלט אַראָפּ אַ שײַטער
צו אַן אומגעפאַלענער אין שויס.

ערגעץ ווײַט די זינען און די טאַטעס,
אין די קאַסקעס זייערע קעפּ געשיצט.
מיט די קאַלטע נאַסע וואָלקן־שמאַטעס
ווישן זיי די שטערנס פון דער היץ.

ערגעץ דאָרף זיך עפּעס איבערבייטן,
עמעץ דאָרף פון זיי דאָרטן געשיקט
קומען ווי אַ פּאָסטעכל צו רײַטן
און זיי אַלע היימטרײַבן צוריק.

מיין שטעטעלע

וואָס קוקסטו הײַנט אַזוי פאַרחידושט
דורך אַלע ווײַטקייטן צו מיר?
דו קוקסט צו מיר דורך צען מדינות,
מיין אָרעם שטעטעלע, מיין ייִדישס
און קלאַפּסט, מיר דאַכט זיך, אין דער טיר.

וואָס לאָזסטו, שטעטעלע, מיך הערן?
עס איז, מיר דאַכט, בײַ נאַכט אַצינד.
— דאָך ניט קיין שטילע נאַכט מיט שטערן,
ס'אַ שטורעם און איך מעג דיר שטערן,
עס איז אַ שריפה מיט אַ ווינט.

— אַ שטורעם, זאָגסטו, יאָ, איך ווייס עס,
אין פלאַמען שטייען דײַנע ווענט.
דו ביסט אַ שריפה צווישן שריפות
און שריפות פאָרן זיך מיט שריפות,
איך זע פון דאַנעט, ווי סע ברענט.

דאָך ניט קיין טײַך און ניט קיין רעגן
וועט אויסלעשן דאָס פייער, ווייס.
אַ גרעסער פײַער גייט אַקעגן
און שלאָגט די שריפות אויף די וועגן
און ברענגט אויך דיר, מײַן שטעטל, טרייסט.

איבער וועגן

איבער וועגן, צווישן פעלדער בלאַנקען אום נאָך מײַנע טרוימען,
אָפּגעריסן פונעם טרוימער, האָבן זיי ניט ווו צו וווינען,
פֿורלעך פֿאָרן, מענטשן גייען, נאָר קײַן איינער ניט אַזוינער,
אין אַ ווײַטן וועג אַ פֿרעמדער שפּאַנט אַרום אַליין דער טרוימער.

איבער וועגן צווישן גערטנער הענגען נאָך די זעלבע בילדער,
וואָלקנס אויפֿן בית־הקברות, רויטע שקיעות אויפֿן צווינטער,
ביימערשפּיצן איבער שטיבלעך אין אַ טאָל אין אַ צעגרינטן
וויגן זיך איבער די דעכלעך און זיי רוישן מיט די ווינטן.

קלויסטער־שפּיצן איבער דערפֿלעך, איבער טײַכן הענגען בריקן,
שפּאַנט אַ גלח, שפּאַנט אַ שוואַרצער מיט אַ שטעקן מיט אַ דיקן,
עך, פֿאַרנאַכטן, מיד פֿון טרוימען פֿלעג איך לעצטע בריק אַריבער
און געאײַלט זיך היימצוקומען צו די שטעטלדיקע שטיבער.

ערשטע שטיבער בײַם אַריינפֿאָר — קלמן קאָוועל, שמואל שענקער,
ווער האָט זייערע שיינע טעכטער אויסגעליפֿערט פֿאָרן הענקער?
שטיבער הײַנט שוין אָפּגעברענטע לעבן נאָך אין מײַן געדענקען
און די מיידלעך אויף די שוועלן אין מײַן ווייטיקדיקן בענקען.

שיינע מיידלעך, ערשטע ליבעס, צײַט פֿון חלומ׳ען אויף שפּעטער,
פֿרילינג חלומ׳ען די ביימער, אָסיען פֿאַלן געלע בלעטער,
כ׳האָב געחלומ׳ט און געחלומ׳ט און פֿון אַלע די חלומות,
איז פֿאַרבליבן אין זכרון קינדער־יאָרן און זכרונות.

אין דער מיט פֿון הינטערגעסל נעבן קעסטל פֿונעם ברונעם
האָבן מײַנע קינדער־יאָרן ווי חלומות זיך געשפּונען,

כ׳האָב אַ פראָסטן עמער וואַסער אויפגענומען ווי אַ וווּנדער
און דעם שטריק, וואָס ציט אַרויף זיך און וואָס לאָזט זיך שטיל
אַרונטער.

כ׳האָב אַריַינגעטרוימט אין עמער, ווי געוויגט זיך און געציטערט,
די לבנה מיט די שטערן, וואָס אין הימל זיך געפּיטערט,
ווער זשע האָט דעם שטריק פון ברונעם מיטן עמער אָפּגעשניטן
און דאָס לעבעדיקע שטעטל אויף אַ טויטן פעלד פאַרביטן?

צווישן פעלדער גרינע, געלע ציען זיך די גראָע וועגן,
בלאָנקען אום דאָרט מיַינע טרוימען אויפן ווינט און אויפן רעגן,
זעצן זיך אויף נאַסע גראָזן, טוליען זיך צו שטומע ביימער,
בלאָנקען אום ווי די יתומים אָן אַ טאַטן, אָן אַ טרוימער.

פ ר י ל י נ ג

די ביימער־שאָטנס אונטער מיַינע טריט
זיי וויגן זיך און ווערן אַלץ געדיכטער,
די גראָבע צוויַיגן האָבן זיך צעבליט
מיט קליינע אָבער שמעקנדיקע ליכטער.

די ביימער־שאָטנס שטראָמען אויף דער ערד
ווי כוואַליעס פון אַ טיַיך פון אַ באַפריַיטן,
אַ זקן הערט זיך צו צום רויש און הערט
די פליגל פון אַ ווינטמיל פון פאַרציַיטן.

מיט קאָפּ מיט יונגן אויפן פרישן ווינט
איך גיי אונטער די ביימער איַינגעבויגן,
סע וואַקסט אין מיר די וועלט ווי אין אַ קינד,
די יונגע וועלט, וואָס כ׳זע מיט יונגע אויגן.

און ניט נאָר בײמער בליִען אין געמיט
עס בליט דער פּאַרקן, וואָס אַרום אַ גאָרטן,
סע בליִען שטײנער אונטער מײַנע טריט
און אַלע הײַזער, וואָס מע בויט זיי דאָרטן.

און אַלע הײזער עפּענען זיך גרוים,
צעוואַקסן זיך און יעדעם קינדערש קעפּל,
וואָס קוקט אַרוים פון פענצטערדיקן הויז,
איז ווי אַ זאַפטיקער און לעבעדיקער עפּל.

די קינדער לויפן אַלע זיך צונויף
פון זיבן הויפן איִנעם הויף דעם גרעסטן,
נאָר פרעמד אין פרילינג פילט זיך הויף מיט הויף
ווי פייגל פון פאַרשידן ווײַטע נעסטן.

איך וואָלט געוואָלט נאָך זוכה זײַן דאַ אײנס —
די קינדער זאָלן רעדן הונדערט שפּראַכן
און אַלע זאָלן פילן זיך אַלץ אײנס
ווי גלײַכע שותּפים צו די שפּילצײַגזאַכן.

און ניט ווי יענע בבל-בויער דאָרט,
וואָס האָבן זיך בײַם טורעם ניט פאַרשטאַנען
און אײנער האָט געמאַכט פון צווייטנס וואָרט
אַ קנעכט, אַ שטומען אָקס אויף אײַנצושפּאַנען.

די שפּראַכן פון די קינדער זאָלן גרינג
פאַרשטײען אײנס דאָס צווייטע ווי די ברידער,
און אָט דאָס פרילינגלידל, וואָס איך זינג,
זאָל זינגען זיך מיט אַלע הונדערט לידער.

אַ יתום דערציילט

מײַן טאַטע איז געפֿאַלן אין דער מלחמה,
מײַן מאַמע איז געבליבן אָן אַ מאַן,
מײַן טאַטע האָט געלאָזט מײַן מאַמען זײַן נאָמען
און מיך, זײַן קינד, זײַן שטאַם.

מיין מאַמע אַרבעט אין די קאַנטאָרן,
זי רוימט דאָרט זיבן צימערן צו,
זי קומט פֿאַר נאַכט אַ מידע צו פֿאָרן
און ס׳ענדיקט זיך מײַן רו.

סע קומט מיט איר אַ בחור אַ פֿרעמדער
און זעצט אין איר בעט זיך אויפֿן ברעג,
מיין מאַמע וואַשט אים די קויטיקע העמדער
און שיקט מיך אויף לאַנג אַוועק.

און שפּעט בײַ נאַכט, ווען אַנדערע קינדער
שוין שלאָפֿן און חלומען שיין,
דערהער איך אין פֿינצטערניש ווי אַ בלינדער
מײַן צעשלאָגענער מאַמעס געוויין.

ש ט ו י ב ן

אין שטויבן פון ייִדישן געסל
געשפּילט זיך, געשטיפט האָבן קינדער,
צי האָט זיי דער שטויב שוין פאַרגעסן?
וואָס טוען די שטויבן אַצינדער?

אַצינד, ווען דאָס געסל איז חרוב
און ציילט שוין ניט ווײַטער די יאָרן,
וואָס הויבן זיך אָן פון אַן אלף —
איז וואָס פון די שטויבן געוואָרן?

צי זענען זיי ליגן געבליבן
ווי זאַמדן אין מדבר אין טויטן,
צי יאָגן פון ווינטן געטריבן
די שטויבן דאָרט איבער די פּלויטן?

די פּלויטן, די קרומע פון שטעטל,
פון אַלטקייט צעפוילט און צעבראָכן —
וואָס טוט איצט אַ שטייגער אַ ברעטל
פון פּלויט פון אַן אָרעמען שכן?

צי איז עס פאַרברענט ווי די הײַזלעך,
וואָס ליגן באַגראָבן, פאַרשאָטן?
צי איז עס פאַרבליבן צו ווײַזן
פאַר קינפטיקע דורות אַ שאָטן?

אַ צייכן פאַר דורות ניט-היגע,
פאַר אייניקלעך פרעמדע אַן עדות,

אַז אונטער די שטויבן דאָ ליגן
די לעבנס פון ניט זייערע זיידעס.

אַז אונטער די אַשן דאָ ברענען
די ביינער פון יונגענקע יאָרן,
פון ייִדישע קינדער, וואָס זענען
קײַן טאַטעס, קײַן זיידעס געוואָרן.

אין שטויבן פון ייִדישן געסל
געשפּילט זיך, געשטיפּט האָבן קינדער.
צי האָט זיי דער שטויב שוין פאַרגעסן?
וואָס טוען די שטויבן אַצינדערט?

אַצינד, ווען ס'איז שטיל, נאָכן שטורעם,
איז פול נאָך דער חלל מיט ווייטיק.
דער חלל איז כולו יסורים,
צי זענען די שטויבן נאָך נויטיק?

צי װעלן זיי קענען דערציילן
פאַר פרעמדע טריט די געשיכטע
פון יאָרן, וואָס פלעגן זיך ציילן
מיט ייִדישע אותיות געדיכטע.

דער חשבון פון יאָרן צערים,
צעשטויבט אין די שטויבן פון שטעטל,
צי װעלן די טריט כאָטשבי וויסן
אויף וואָס און אויף וועמען זיי טרעטן?

צי װעלן זיי פילן דאָס פײַער,
צי װעלן זיי װעלן דערקענען,
צי וועט זיי דער אָנדענק זײַן טײַער
פון ייִדישע קינדערשע נעמען?

די נעמען, וואָס הענגען פֿאַרשריבן
אויף וואָלקן־מצבֿות, וואָס שוועבן
און ווערן פֿון ווינטן געטריבן
אויף אייביקן, שוועביקן לעבן.

אָפּט גיסן זיך אויס די געשריפֿטסן
אין טראָפּנס, אין טרערן, געוויינען
געמישטע מיט קרעכצן און זיפֿצן,
וואָס קיינער קען שוין ניט לייענען.

און נאָך אַ טאָג

און נאָך אַ טאָג איז בלוי דער הימל,
און נאָך אַ שעה איז גרין די ערד,
איך זע מײַן יוגנט ווי אין דרימל —
אַ פֿלינקער רײַטער אויף אַ פֿערד.

איך זע אין חלום יענע יאָרן,
ווען כ׳האָב געקלעטערט איבער בערג
און אויסגעטראָטן, אויסגעפֿאָרן
די לאַנדשאַפֿט פֿון מײַן הײַנטיק ווערק.

און נאָך אַ שעה איז טאָג אין שטעטל
און נאָך אַ רגע שקיעה־שײַן.
מיר חלומ׳ט זיך, איך וועל נאָך טרעטן
אויף יענע ערטער, מיידל מײַן!

און גיין מיט דיר אַרומגענומען
און קוקן צו די וואָלקנס הויך,
כאָטש כ׳ווייס, אַז דו ביסט אומגעקומען
און אויפֿגעגאַנגען מיטן רויך.

און איך בין על פי נס געבליבן
צו לעבן און געדענקען דיך,
איך האָב נאָך גאָרניט אָנגעשריבן,
ווי גיך דאָס לעבן יאָגט, ווי גיך.

אָפּט דאַכט זיך, אַז אַזוי געבוירן
בין איך ווי איצטער — גרוי און אַלט,
און דו ביסט ניט געגאַן פאַרלוירן
אין יענעם שבת אינעם וואַלד.

און נישט געשען איז, וואָס געשען איז,
און נישט געווען איז, וואָס געווען,
איך האַלט די פען און פיל, איך קען ניט
דיַין טויט באַשרײַבן מיט דער פען.

און נאָך אַ טאָג איז בלוי דער הימל,
און נאָך אַ שעה איז גרין די ערד,
איך זע מיַין לעבן ווי אין דרימל —
אַן אַלטער רײַטער אָן אַ פערד.

אין זכרון פון די פעלדער

אין זכרון פון די פעלדער
לעבט נאָך הײַנט דאָס קליינע שטעטל
און דער וועג איז נאָך דער זעלבער
מיטן ווײַזער אויפן ברעטל.

ס׳לעבט נאָך הײַנט אינעם זכרון
פונעם וועג דער סקריפּ פון אַקסן.
כאָטש מ׳איז לאַנג דאָרט ניט געפאָרן
און סע ליגט דער וועג פאַרוואַקסן.

אין זכרון פונעם דרויסן
דרייען זיך די שמאָלע געסלעך
אַרום מאַרק דעם ברייטן, גרויסן
לעבעדיק און אומפאַרגעסלעך.

אין זכרון פון רויִנען
לעבן נאָך די אַלטע יאָרן
און עס קומט זיי אויפן זינען
דאָ אַ גאַנעק, דאָרט אַ גאָרן.

דאָרט אַ טיר און דאָ אַ טויער
פון אַן אַלטן בעל־עגלה.
אין זכרון פון מײַן טרויער
קלינגט דעם חזנ׳ס אַן „אל מלא״.

אין זכרון פון די ווינטן
וואָגלט נאָך אַרום דער אָטעם
פון אַן אָרעמאַן אַ בלינדן,
וואָס ס׳האָט מיטגעפּילט אַ שטאָט אים.

אין זכרון פון די הייכן
לעבן נאָך די שנײַדערלידער,
און דאָס שנײַדערל דאָס בלייכע
אין זכרון פון דער נידער.

אין זכרון פון די שטויבן
שפּילן זיך די קינדער אייביק
און זיי פּיקן, ווי די טויבן,
כאָטש דער שטויב איז זאַמדיק ליימיק.

אין זכרון פון די הימלען
סײַ פאַרוואָלקנטע, סײַ בלויע.

שווינדלען זיי ווי ווײַטע פינטלען,
קליינע שטעטלעך — מאַרקן גרויע.

אין זכרון פון די ווײַטן
לעבן נאָך די שטעטל־ייִדן,
לעבן נאָך די אַלטע צײַטן
מיט די רוישיקע יאַרידן.

דורך דער וועלט דער אָפּגעברענטער
קוקן ייִדישע געזיכטער,
אויסגעלײַטערט און געענדערט
פון דער צײַט און דער געשיכטע.

קינדערשפּיל

די קינדער לויפן באָרוועס אום אין גראָז
מיט קעפּעלעך צעשויבערט אויף דער זון,
זיי טוען זיך ווי לאַשעקלעך אַ לאָז
און שפּרינגען ווי די ציגעלעך אַרום.

זיי נעמען זיך ווי לעמעלעך צונויף
און ציען ווי די פּאַסטעכהינט זיך אוים.
זיי קרייען ווי דער האָן פון יעדער הויף
און מיִאַוקען ווי די קאַץ פון יעדער הויז.

זיי קרומען נאָך די עלטערן פון דר׳הײם
און רעדן נאָך זיי אַלע זייערע רייד,
זיי באַקן ברויט פון טונקל געלן ליים
און זאָרגן פאַר אַ שוך און פאַר אַ קלייד.

זײ גיבן אױס אַ טאָכטער אין דער פרעמד
און פירן אָפּ אַ זון פֿאַר אַ סאָלדאַט,
זײ דריקן זיך די קינדערישע הענט,
פֿאַרגעסנדיק, אַז מע שפּילט זיך גלאַט.

זײ רעדן װעגן גרױסן הױזגעזינד
און קלאָגן זיך אױפֿן יונגן דור —
„דעם יונגן דור לעבט זיך גוט אַצינד
און ניט װי אונדז צוריק מיט װיפֿל יאָר."

זײ אירצן זיך װי אמת־אַלטע לײַט,
די קינדערלעך פֿון זיבן יאָר, פֿון אַכט,
דערצײלן פֿון אַמאָלעדיקער צײַט,
װאָס יעדערער האָט לאַנג שױן דורכגעמאַכט.

זײ שפּילן זיך אין רוסיש־דײַטשן קריג
און פֿאַרבן זיך מיט װוּנדן־רױטס די הױט,
און בײַסט אין נעזל עמעצן אַ פֿליג,
איז ניט געקראַצט זיך, װען מע שפּילט אין טױט.

די קינדער לױפֿן באָרװעס אום אין גראָז
מיט העמדעלעך צעפֿלאַטערט אױפֿן װינט,
פֿאַרשטעכט אַ קינד אַ פּיסל זיך אין גראָז,
צעװײנט עס זיך, אַ קינד איז פֿאָרט אַ קינד.

אַ מעשה

דורך מאַרקולעשטן שטילן פֿאַרנאַכט
יאָגן זיך װאָרעמע ריטשקעס צום טײַך,
ס'האָט זיך אַ מעשה אַלײן אױסגעטראַכט,
װיל איך זי איבערדערצײלן פֿאַר אײַך.

ניט מיט קײַן ווערטער הויבט זי זיך אָן,
אז אַמאָל איז געווען. אַז געווען איז אַמאָל.
נאָר מיטן קריי פון אַ יִידישן האָן.
אויף אַ פּלויט פון אַ הויז אין אַ טאָל

הויבט זיך די מעשה אָן פון אַ הויז,
הערט מען זי ווײַטער, זעט מען אַ גאַס,
יאָשקע קומט מיטן פידל אַרויס,
בערל קומט אַרויס מיטן באַס.

שפּילט מען אַ יִידישע חתונה שטיל,
שטיל ווי דער כלה׳ס זיסע געוויין.
שטיל ווי דעם חתנ׳ס באַהאַלטן געפיל,
שטיל און זיס און באַטעמ׳ט און שיין.

יִדישע קינדער ווערן געפּאָרט,
קומען הײַזער יִידישע צו,
שטייט זיך אַ שטעטל דאָס הונדערטסטע יאָר.
אַ שטעטל אַ פּינטעלע ערגעץ ווו.

ערגעץ ווו אויף דער גרויסער וועלט
שטייט זיך אַ יִידיש שטעטל אַ קליינס,
שטייט עס אַזוי זיך אַוועקגעשטעלט
צווישן צענדליקער דערפלעך איינס.

איינס און אַ קליינס מיט געסעלעך פיר,
שילעכלעך זיבן און ברינעמער אַכט.
גאָלדענע שטערנדלעך גאָר אָן אַ שיעור
אין איעדער אויסגעשטערנטער נאַכט.

און אַרום דעם שטעטל — אַ גרין שטיק פעלד.
בײַם ברעג פונעם פעלד — אַ זילבערנער טײַך.
איבערן טײַך — אַ בריק צו דער וועלט,
פירט זי אַוועק צו דעם הימל גלײַך.

זענען געגאַנגען אויפן וועג
ייִנגלעך זיבן און מיידלעך נײַן,
האָבן געשטעלט זיך פאַרוואָלקנטע טעג,
ניט געלאָזט זיי אין הימל אַרײַן.

האָבן זיך אַלע אומגעקערט
פון די הימלען, פונעם אין־סוף
און פאַרבליבן אויף דער ערד
אויסצושטיין די גרעסטע שטראָף.

פון די טיפן, פון אַ תהום
איז אַרוים אַ פײַערצונג,
זענען אַוועק מיטן פײַערשטראָם
הויז און קלויז און אַלט און יונג.

ווייניק זענען גאַנץ אַרוים,
דאָ אַ זקן און דאָ אַ קינד,
אָנהויבן ווידער פון אַ הויז,
שטייט שוין אַ הײַזל אַ נײַם אַצינד.

קומען חלומות אין שלאָפלאָזע נעכט,
זעט מען דעם אומגליק נאָך אַ מאָל,
עמעצער צינדט און שלאָגט און ברעכט,
ברענען הײַזער ווידער אין טאָל.

דורך מאַרקולעשטן שטילן פאַרנאַכט
יאָגן זיך וואָרעמע ריטשקעס צום טײַך,
ס׳האָט זיך אַ מעשה אַליין אויסגעטראַכט,
האָב איך זי איבערדערציילט פאַר אײַך.

אָפּגעברענטע שטעטלעך

אָפּגעברענטע שטעטלעך — אויפגעבויטע שטעט,
גייט אַרום אַן אַלטער, גייט אַרום און רעדט:
— ס'איז נאָך פרי צו שטאַרבן און צו לעבן שפּעט,

אָפּגעברענטע געסלעך — אויפגעבויטע גאַס,
פליט אַרום אַ פידל, קײַקלט זיך אַ באַס,
דרייען זיך פאַבריקן אויף אַ לעדערפּאַס.

אָפּגעברענטע לעבנס — צוריק ניט אויפגעבויט,
דאָס, וואָס איז געשטאָרבן איז אויף אייביק טויט,
איינציקלעך דערמאָנען נאָר אונטער אַ נויט.

דער האַריזאָנט

דער האַריזאָנט, דער אויסגעקרומטער בויגן
פון הויכע בערג און צווישנדיקע טאָלן,
ווער ווייסט פון װעלכער טיף ער האָט געזויגן
די פאַרבן פאַר זײַן הויכע רעגנבויגן,
די אויסגעבאָדענע אין לויטערע קרישטאָלן.

דער זוים פון ערד און הימלען בלויע, ראָזע,
פון גליקלעכע און אייביקע באַהעפטן,
פון שיינקייטן, וואָס פּאַשען זיך אויף גראָזן,
מיט וואָלקנדלעך, וואָס וואַשן זיך אין ראָסע —
פון טיפסטע טיפן ציט ער זײַנע קרעפטן.

דער האַריזאָנט דער אָפענער, דער ווייַטער
האָט פראָנטן דורכגעטראָגן אויף זייַן רוקן,
האָט אייַנגעשלונגען ברענענדיקע שייַטערס
און אויסגעשפּיגן אַלע שוואַרצע רייַטערס,
ס'איז ווידער אַ מחיה אויף אים צו קוקן.

ס'איז ווידער גוט צו שפּיגלען אין די בליקן
דעם האַריזאָנט דעם אָפענעם, דעם ווייַטן,
וואָס גיט דער ערד אַ גרענעץ און אַ תיקון
און טראָגט אויף זיך די בילדער און די גליקן
פון אַלע דורות און פון אַלע צייַטן.

פאַרן חלומען קאַרטאָפל

עפּעס האָט זיך היינט געטראָפן,
קיינער ווייסט ניט ווען און וואָס,
אונדזער וועכטער איז אַנטלאָפן,
אָן אַ וועכטער אונדז געלאָזט.

ווער וועט ברענגען אונדז קאַרטאָפל?
ס'איז שוין לאַנג די מיטיק-שעה.
אונדזער וועכטער איז אַנטלאָפן,
אונדזער וועכטער איז ניטאָ.

אַלע טורמעטירן אָפן,
קען מען דאָך פון איר אַרויס,
אונדזער וועכטער איז אַנטלאָפן,
קלייבן מיר אַ צווייטן אויס.

יענער וועכטער איז אַנטלאָפן,
שטעלן מיר פון אונדז אַ מענטש,
נײַער וועכטער וועט ניט שלאָפן
אין זײַן נײַעם וועכטער־פרענטש.

מיר באַהענגען מיטן וואָפן
נײַעם וועכטער בײַ דער טיר,
וואָס דער וועכטער, וואָס אַנטלאָפן
האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר.

פול מיט גלויבן, פול מיט האָפן
וואַרט מען, וואָס וועט ווײַטער זײַן,
נאָר דער נײַער קײַן קאַרטאָפל
ברענגט אין קאַמער ניט אַרײַן.

אָפּגעקומען שוין די שטראָפן,
לאָזט ער קיינעם ניט אַרויס,
פאַרן חלומען קאַרטאָפל
גייט מען אין דער תפיסה אויס.

בלינד מעג איך ווערן

בלינד מעג איך ווערן,
אויב איך וועל אַ מאָל פאַרגעסן
און אַרײַנשפּײַען אין די טרערן,
וואָס איך האָב דעם טאָג פאַרגאָסן.

ס׳האָט שאַריעט ערשט אין פענצטער,
אין די ווינקלען איז געווען נאָך פינצטער,
זענען מיר אַלע אויפגעשטאַנען,
אָנגערויכערט אַכט טומאַנען,
אָנגעשפּיגן אויפן דיל דעם שוואַרצן
רויטע שטיקער ווייטיק פונעם האַרצן
און דערנאָך זיך אויפגעהויבן
מיט די אויגן צו די שויבן,
און זיך אָנגעצויגן
ווי די סטרונעס פאַרן בויגן
ערב שפּילן.
האָט דער וועכטער אויסגעצויגן
זײַנע פינגער און גענומען צילן,
ציילן
און די צאָל פאַרשריבן —
איינס, צוויי, דרײַ. פיר, פינעף, זעקס, זיבן.
און זיך אָפּגעשטעלט בײַם אַכטן
און מיט אַלע זײַנע גלאַנציקע סאָלדאַטסקע קנעפּ
ווי מיט לעמפּעלעך אויף טונקעלע טרעפּ
גענומען אים באַטראַכטן
און געפּאַקט פאַרשטעקט אין יענעמ׳ס אויגן
ערגעץ דאָרטן ביטול,
ס׳האָט געשמייכלט זײַן צעריסן היטל
און די לאַטעס אויף די שמאַטעס
האָבן זיך געווויצלט,
אים מיט חוזק־פינגער ווי געקיצלט,
האָט דער וועכטער אָנגעהויבן לאַכן
קעגן אייגענעם ווילן.
וועכטער דאַרפן וואַכן,
ניט זיך שפּילן.
האָט ער זיך געוואָרפן אויפן היטל,

אויף די לאַטעס
און זיך איינגעשניטן
אין די גראַטעס,
מיט די הענט און מיט די פיס געשלאָגן,
ביז די זיבן
האָבן אים אָן אַ וואָרט צו זאָגן
אויף דער פרײַ, זײַן פרײַ, אַרויסגעטריבן
און געבליבן מיטן אַכטן הערן,
ווי סע רינען זײַנע טרערן.

בלינד מעג איך ווערן,
אויב איך וועל אַ מאָל פאַרגעסן
און אַרײַנשפּײַען אין די טרערן,
וואָס איך האָב דעם טאָג פאַרגאָסן.

אַ מענטש איז אין דרום

אַ מענטש איז אין דרום געבוירן געוואָרן,
דער מענטש איז אין צפון פאַרפרוירן געוואָרן,
נאָר ער האָט פון טאָג פון געבוירן ווערן
און ביזן טאָג פון פאַרפרוירן ווערן
ניט אויפגעהערט קוקן אויף שטערן.

דער מענטש איז פון זאַמדיקע, פריקרע זאַווייען
געקומען צו זוכן דאָס גליק אין די שנייען,
נאָר ער האָט דאָס גליק אין שניי ניט געפונען,
אין שניי איז קיין האָניק און מילך ניט גערונען,
קײַן טײַכל אפילו צוריקצושווימען.

דער מענטש מיט זיין ווי איז אין שניי פֿאַרבליבן,
דער מענטש האָט אַ ליד אויף די שנייען געשריבן,
געשריבן אויף שניי דאָס ליד פֿאַר די שטערן,
וואָס ווילן קײַן ליד פֿון קײַן מענטשן ניט הערן
און לייענען די טריט פֿון די ווײַסע בערן.

מ ײַ ן ל י ד

מײַן ליד איז אַ טראָפּן אין ים פֿון געזאַנג,
אין ים, ווּ די כוואַליעס רוישן,
מײַן ליד איז געזונגען געוואָרן שוין לאַנג
בײַם ניל נאָך, אין ארץ גושן.

מײַן ליד איז נאָך פֿאַר אונדזער קנעכטשאַפֿט געווען,
נאָך פֿאַר אונדזער גיין קײַן מצרים,
מײַן ליד האָט נאָך יעקבֿ׳ס חלום געזען,
מלאכים אין הימל אין פֿרײַען.

מײַן ליד איז אַ טראָפּן אין ים צי צוויי,
אַ גילגול פֿון ווערטער, סטראָפֿן,
דער לעצטער גילגול — אַ ביסעלע שניי
אין ים פֿון שניי אויפֿן צפֿון.

פֿאַר יוספֿ׳ס גרויסקייט האָבן באַצאָלט
די ברידער בײַם קנעטן ציגל
און איך, זײַן אייניקל, גיי אָפּגעגאָלט
אויף טויזנטער מײַל פֿון זײַן וויגל.

און מיך זײַן אייניקל טרײַבט מען פֿאַרויס
און כ׳טאָר ניט קוקן אַהינטער

און גאַנצע וואָכן כ׳זע ניט קיין הויז,
אַרום און אַרום איז ווינטער.

און זינגען טאָר איך אויך ניט סתם,
מיין האַלדז פאַרן ליד איז אַ שטיַיגל,
נאָר ס׳רוישט אין קאָפּ אַ געזאַנג ווי אַ ים
און דעקט זיך צו מיט מיַין שוויַיגן.

מיַין ליד איז אַ טראָפּן אין ים פון געזאַנג,
אין ים, ווו די כוואַליעס רוישן,
מיַין ליד איז געזונגען געוואָרן שוין לאַנג
ביַים ניל נאָך אין ארץ גושן.

רוסישע ייִדן

זיבן בלאָנדע רוסישע ייִדן
אין רוסישע פּעלצן געפּעלצטע
יאָגן פאַרביַי אין רוסישן שליטן
די רוסישע דאָרפּישע פענצטער.

ייִדן מיט בלאָנדע רוסישע בערדלעך,
מיט רוסישע פּנימער רויטע,
שווינדלען פאַרביַי מיט רוסישע פערדלעך
די רוסישע דאָרפּישע פּלויטן.

קוקט מען זיי נאָך פון אַלע זיַיטן
אין שטילן פּראָסטיקן אָוונט,
זעט מען אַ קליינעם שליטן פון וויַיטן
און אָט איז ער גרויס און נאָענט.

זיבן ווּקסיקע רוסישע ייִדן
אין רוסישע וואַלענע שטיוול
קריכן אַראָפּ פון רוסישן שליטן
בײַם לעצטן דאָרפישן שטיבל.

וואַרט בײַ דער טיי די בעל הבית'טע,
וואַרט אויך דאָס הײַזל דאָס קליינע,
גייען די ייִדן רוסישע פּראָסטע
אַרײַן ווי צו היימישע שכנים.

זעצן זיי זיך אַוועק געמיטלעך
בײַ פליישׁ און מילעך און מישן,
עסן און טרינקען גאָר אָן די היטלעך
לכבוד די רוסישע טישן.

זיבן בלאָנדע רוסישע ייִדן,
פאַרשיקטע אַהערצו אויף יאָרן,
פאָרן אַרום אין רוסישן שליטן
און הערן ניט אויף צו פאָרן.

זיבן ייִדן, פרייליכע יאָטן —
איינער אַ סטאָליער אַ מײַסטער,
איינער, אַ זינדל, וואָס האָט זײַן טאַטן
אַרײַנגעשפּיגן אין טײַסטער.

איינער אַ פאַרבער פון ווענט און פון דעכער,
איינער אַ דרוקער פון בלעטער,
איינער פון שטאָטישע דעכער אַ בלעכער,
ס'איז וואָווע, מײַן יאַמפּאָלער פעטער.

איינער אַ דאָקטער, וואָס האָט פאַרלוירן
די היים און אַ רײַכע כלה,

איינער אַ דיכטער פון סאַמע געבוירן
און דאָ ערשט געוואָרן נתגלה.

פון די טיפע רוסישע שנייען
אויף וועגן סיבירער איז לייוויק
אויפגעגאַנגען און לאַנגע רייען
פון טריט געלאָזט אויף אייביק.

איצטער נאָך, נאָך האַלבן יאָרהונדערט,
שטיי איך פאַרגאַפט און פאַרהידושט,
כ׳שטיי אין די רוסישע שנייען פאַרווּנדערט
און לייען אים אין קאָפּ אויף ייִדיש.

האָבן געבראַכט מיך לייוויקס לידער
אין שניי אַהער פאַר אַ פּלעניק?
האָט זיך מײַן פעטער פאַרזינדיקט ווידער
דורך מיר, זײַן יונגסטן פּלימעניק?

זיבן בלאָנדע רוסישע ייִדן
פאַרשיקטע אַהערצו אויף יאָרן
פאַרן אָרום אין רוסישן שליטן
און הערן ניט אויף צו פאָרן.

אַ שווערן עול

אַ שווערן עול האָב איך אויף זיך גענומען,
ס׳איז קיינער מיר צוהילף אַקעגן ניט געקומען,
צי וועל איך קאָנען זיך מיט אַלע ווינטן שלאָגן?
צי וועט אַ מאָל געלונגען מיר די משא צו דערטראָגן?
פון וואַלד־סטעזשקעס און אומוועגן בין איך אַרויסגעקראָכן

און אויף אַ וועג אַן אָפּענעם אין זיבן שווערע יאָכן
זיך איינגעשפּאַנט און זיך מיט אַלדאָס-גוטס באַלאָדן.
איך טראָג אײַך קידוש-ווײַן און יום-טוב-שײַן און זיסע
פּורים-פּלאָדן.
דער וועג איז באַרגיק-שווער, די שטיינער זענען שפּיציק,
נאָר איך, אין שוויס, בין אײַנגעעקשנט און צעשמייכלט, וויציק.
איך גיי אַליין און אַן אַ שותּף צו אַ וועלכער צרה,
עס וועלן דאָך בײַם טיש דאָרט זײַן אַזוי פיל געסט, קײַן עין הרע,
איז טאָר מען זיי ניט לאָזן וואַרטן, מוזן זיי ניט וויסן,
אַז כ'האָב אין וועג פונעם געבעקס נאָך נישט פאַרזוכט קײַן ביסן
זיי לויפן אַלע אײַנציקווײַז, ס'וויל יעדער זײַן דער ערשטער,
צי וועלן זיי אַ פּלאַץ כאָטש לאָזן פאַרן מאַרקולעשטער?
צי גאָר פאַר גרויסער פרייד מיך ניט אַרײַנלאָזן אין גאַנצן
און זאָגן: גיב די שיך און גיי און לאָז אונדז טאַנצן,
און זאָגן: גיב דאָס ליד און גיי און לאָז אונדז זינגען,
און אפשר וועט דאָרט איינער זײַן, וואָס וועט מיט זיי זיך דינגען
און אויסדינגען פאַר מיר אַ פּלאַץ, אַ זײַטיקן, דערנעבן,
נו זאָל שוין זײַן אַזוי, איך וויל עס שוין דערלעבן.

1961

און איך האָב געחלומט

און איך האָב געחלומט פון ייִדישע שקאָלעס,
און איך האָב אַליין זיך פאַרלענגערט דעם גלות.
געהאָלפן די וועכטער צו קאָווען די שלעסער,
געהאָלפן די שעכטער צו שאַרפן דאָס מעסער,
אויף אייגענעם האלדז געשאַרפט זייער מעסער.

ניט אמת, אַז ס'איז ניט געווען צו דערקענען,
געווען זענען שאַרף די סימנים פון גיהנום,

מיט ווערטער פאַרפּוצטע, מיט ווערטער פאַרגלעטע
געליגנערט האָט נאָר דאָס וואָרט דאָס גערעדטע,
דאָס איינציק געהערטע, דאָס וואָרט דאָס גערעדטע.

דאָס וואָרט דאָס געטראַכטע אין האַרץ האָט געשריגן
אויף ליפּן פאַרמאַכטע, וואָס האָבן געשוויגן,
דאָס וואָרט דאָס געטראַכטע האָט קברים געריסן
און האָט מיט די ציין דאָס געוויסן געביסן,
ביז ווייטיק, ביז בלוט דאָס געוויסן געביסן.

פאַר אַ נײַ ליד

איך שטיי פאַר א ליד פאַר א נײַעם
ווי פאַר א געשניצטער טיר
און שפּיל אויף די שניצערײַען
צום ליד, וואָס סע זינגט אין מיר.

נאָר ווער וויל דען הערן מײַן שפּילן
און ווער זיצט אין הויז דאָרט בײַם טיש?
דאָרט זיצן די לײַט, וועלכע ווילן
נישט הערן און הערן מיך נישט.

זיי זיצן בײַם טיש דעם ברייטן
און האַלטן די טיר אויף א שלאָס,
זיי האַלטן די טיר אויף א קייטל
און עסן און טרינקען אָן מאָס.

זיי האָבן פאַרגעסן די צײַטן,
ווען מ׳איז צו דער בוינג אַרויס
און האַלטן מיך איצט פון דער ווײַטן,
דעם שותּף צום דאָזיקן הויז.

איך שטיי פאַר אַ ליד פאַר אַ נײַעם
ווי פאַר אַ געשניצטער טיר,
נאָר טויב איז די טיר צו מײַן שרײַען:
„חברים, עפנט מיר!"

„מיר האָבן דאָ אַלע געבויט דאָך
דאָס הויז ווי אַ גאָרנדיק ליד,
עס האָבן בײַ יעדן געגרויט דאָך
די קעפּ מיט מײַן קאָפּ אין דער מיט."

„מיר האָבן דאָך אַלע אין איינעם
געמויערט פון דרויסן די ווענט
און איר זייט — די ערשטע שכנים —
אַרײַן און די טיר אויף אַ פּרענט."

„און איר האָט די שענסטע זאַלן
פאַרנומען און מיך ניט דערקענט,
גע'טענה'ט: פאַרנומען — פאַרפאַלן,
מיר קענען ניט דײַנע הענט."

איך שטיי פאַר אַ ליד פאַר אַ נײַעם
ווי פאַר אַ פאַרמאַכטן הויז
און קלאַפּ אין די שויבן „לחיים"
און ליידיק די שויבן אויס.

די זון גיסט אָן זיי ווידער,
נאָר איך בין שוין שכור פון ליכט.
צי קען מען אַזוי פיל לידער
אַרײַנגיסן אין זיך?

איך בין שוין גאָרניט קײַן יונגער,
נאָר יונג איז ווידער מײַן קאָפּ

און דרייט זיך פון יעדן ווונדער,
וואָס לאָזט זיך אויף אים אראָפּ.

אַ ווונדער איז אַלץ באַזונדער,
איעדער בוים איז אַ נס,
וואָס רוישט מיט זײַן קרוין זײַן רונדער
אַ קײַלעכיקן מעת-לעת.

איך שטיי פאַר אַ ליד פאַר אַ נײַעם
ווי פאַר אַ ווײַטלאַנגן וועג.
צי וועט מיר דער צײַטגאַנג סטײַען
פון מײַנע פאַרבליבענע טעג?

צי מעג מען אַזוי פיל צײַט דען
פאַרלירן בײַ איין איינציק ליד?
ס'איז ניט די אַמאָליקע צײַטן,
ווען אַ ליד האָט זיך יאָרן געשמידט.

אַמאָל זענען וואָכן געקראָכן,
דער טאָג איז קוים געגאַן,
עס איז שוין דער וואָגן צעבראָכן,
צעריסן דער אַלטער געשפּאַן.

מיר פאָרן הײַנט אַלע אַנדערש,
ווי מ'איז געפאָרן אַמאָל.
ס'איז ניט דער אַמאָליקער וואַנדער
צופוס איבער באַרג און טאָל.

איך שטיי פאַר אַ ליד פאַר אַ נײַעם
ווי פאַר אַ לויטערן קוואַל,
צי וועט מיר די לויטערקייט סטײַען?
צי וועט מיר געלונגען בכלל?

מיך האָבן שוין צענדליקער לידער
געמונטערט, געוועקט און גערעגט,
איצט פיל איך אַ מאָדנע ציטער,
וואָס איז נאָך דער וועלט ניט אַנטפּלעקט.

איצט פיל איך אַ מאָדנע פילן,
וואָס איז נאָך דער וועלט ניט באַקאַנט,
אַ גרויס שטיק פעלד פון געפילן
איז צוגעקומען דעם לאַנד.

אַ גרויס שטיק פעלד אַ געראָטנס,
אָן אָפּענער וועג אין דער מיט,
אַ בערגל אָן אָנגעלאָדנס,
אַ סטויג אויפן פעלד נאָכן שניט.

פּאָר נאַכט אויפן פעלד אויפן פרײַען,
מיר דרייט זיך דער קאָפּ פון געזאַנג
און הינטער די פּלייצעס שרײַען
די פאַרבן פון זונפאַרגאַנג.

אין בראַנדיקער שקיעה דער הימל
דאָרט פלאַקערט. איך קוק ניט אַהין,
איך ווייס, אַז פון ערדישן דרימל
וועט אויפגיין צוריק דער באַגין.

איך ווייס, אַז ס׳איז מײַנער דער דרויסן
און איך בין דאָס אייביקע קינד.
איך האָב מיך אין גרויסן אינדרויסן
צעשטרעקט אין דער לענג פונעם ווינט.

דער דרויסן איז אַלץ נאָך גרעסער
פון גרעסטן געבײַ אויף דער וועלט,

אין פעלד איז דאָך אַלץ נאָך בעסער,
ס'איז בעסער נאָך אַלץ אויפֿן פעלד.

נאָר זיי האָבן אויך די פעלדער
צום הויז זייערן צוגעקלעפּט,
כאָטש גיי מיט אַ האַק אין די וועלדער,
און לעב ווי דײַן זיידע האָט געלעבט.

על נהרות

אויף די ברעגעס פון די טײַכן בבל'ס
זיצן מיר שוין יאָרן, יאָרן לאַנג,
„לעבן זאָל דאָס היימלאַנד אונדזערס, בבל,
אונדזער היימלאַנד!" קלינגט אונדזער געזאַנג.

מיר, די בבל'ער פון משה'ס גלויבן,
ווערן אפּיקורסים מיט דער צײַט
און מיר בוקן זיך, קניען אין די שטויבן,
אין די שטויבן פאַר די היגע לײַט.

מעגן אויך די היגע לײַט אונדז האַסן,
טרעטן מעג אונדז אויך איעדער חם,
וועלן מיר אַרויסגיין אין די גאַסן
און זיך אָפּזאָגן פון אונדזער אַלטן שטאַם.

מעג מען אונדז באַשמוצן און באַשפּײַען,
אונדז דערנידעריקן טויזנטפאַך,
וועלן מיר זיי בעטן אונדז באַפרײַען
פונעם סאַמע לעצטן — אונדזער שפּראַך.

אונדזער מוטערשפּראַך איז וואַווילאָנסקי,
אונדזער פֿאָטערלאַנד איז וואַווילאָן
און ניט ביאַליק און ניט לייוויק און ניט שלאָנסקי —
מאַיאַקאָווסקי, דאָס איז אונדזער פּאָן.

מאַיאַקאָווסקיס „פּאַספּאָרט" — אונדזער ביבל,
אונדזער תּורה, אונדזער גאַנץ תּנך,
און מיר שפּאַנען אין מוזשיצקע שטיוול
און מיר ווייסן שוין אַ סך, אַ סך...

אויף די ברעגעס פֿון די טײַכן בבֿל'ס
זיצן מיר שוין יאָרן, יאָרן לאַנג.
„לעבן זאָל דאָס הײמלאַנד אונדזערס, בבֿל,
אונדזער הײמלאַנד!" קלינגט אונדזער געזאַנג.

שרײַב מיר אויף

שרײַב מיר אויף די סאַמע שענסטע ווערטער,
וואָס זיי זאָלן לייענען זיך אַליין,
יעדער גראַם זאָל זײַן ווי אַ באַשערטער,
קומען זאָל ער אומגעריכט צו גיין.

רעד צו מיר דאָס סאַמע בעסטע לשון,
רעד צו מיר די סאַמע זיסטע רייד,
טראַכט מיר אויס דאָס סאַמע שענסטע משל,
וואָס מע הערט אויך שלאָפֿנדיקערהייט.

שטעל צונויף דאָס סאַמע דינסטע לידל,
וואָס סע ציטערט בײַ דעם מינדסטן ריר.
ניט איך זאָל עס שפּילן אויפֿן פֿידל,
נאָר דער פֿידל שפּילן זאָל אויף מיר.

וועסטו סײַ ווי סײַ מיך ניט געווינען,
ניט מיט שיינקייט, פֿאַרביקייט און רייץ,
ווײַל איך דאַרף אַ שטיקל ברויט פֿאַרדינען
אויף דער שפּראַך, וואָס שטעלט מיר צו דעם ווייץ.

כ׳זאָל האָבן עס וועמען צו זאָגן

מײַן ליד איז לאַנג ווי אַן אַרבעטסטאָג
אין אוראַלטע פּריצישע צײַטן,
מײַן וואָרט, מײַן פֿאַרמאַטערטס, גייט שווער אויף דער וואָג
און האָט נאָך אַ וועג אַ ווײַטן,
אַ ווײַטער וועג אָן אַ פֿערד־און־וואָגן
און איך דאַרף דאָס וואָרט אויף די פּלייצעס טראָגן,
נאָר וואָלט עס שווערער געווען, ווי עס איז,
דאָס שווערע וואָרט איז מיר ליב און זיס,
כ׳זאָל האָבן עס וועמען צו זאָגן.

מײַן ליד איז ברייט ווי אַ פּריצישער הויף
מיט סטויגן, מיט שטאַלן, מיט שטיבער.
מיין וואָרט פּאַקט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן צונויף
און לאָזט דאָרטן גאָרניט איבער.
מיין וואָרט איז פֿאַרמאַטערט פֿון האָווען, יאָגן
און איך מיטן גאַנצן געפּעק דאַרף זיך טראָגן,
נאָר וואָלט עס שווערער געווען ווי עס איז,
דאָס וואָרט, וואָס איך טראָג מיטן פּאַק, איז מיר זיס,
כ׳זאָל האָבן עס וועמען צו זאָגן.

מײַן ליד איז טיף ווי אַ ברונעם אין סטעפּ
בײַ נאַכט בײַ אַ הימל מיט שטערן,

מײַן וואָרט, מײַן פּאַרמאַטערטס, האָט אָנגעשעפּט
אַן עמער אַ פולן, אַ שווערן.
די נאַכט איז קורץ, באַלד וועט אָנהויבן טאָג
און איך דאַרף דאָס וואָרט מיטן עמער דערטראָגן,
נאָר וואָלט עס שווערער געווען ווי עס איז,
דאָס וואָרט, וואָס איך טראָג מיטן עמער, איז מיר זיס,
כ׳זאָל האָבן עס וועמען צו זאָגן.

לעצטע ייִדישע ווערטער

לעצטע ייִדישע ווערטער.
עס גוססט דאָס ייִדישע ליד.
איך זינג אויף אַ שפּראַך אַ פאַרווערטער,
וואָס שלעפּט אין איר קבר מיך מיט.

מײַן פאָלק האָט אַזוי פיל שפּראַכן
געביטן פון לאַנד צו לאַנד,
מײַן פאָלק האָט אַזוי פיל זאַכן
געליטן אי מאָרד, אי בראַנד.

מײַן פאָלק האָט דעם בראַנד פאַרלאָשן,
מײַן פאָלק האָט דעם טויט באַזיגט,
איצט לײַדט עס מײַן פאָלק פאַר אַ לשון,
וואָס איז מיט דער וועלט צעקריגט.

מיין האַס

זיצנדיק,
נייען שוסטערס שיך צום גיין.
שטייענדיק,
קלאַפּן סטאָליאַרעס צונויף
בענקלעך אויף צו זיצן.
און איך שרײַב ליבעלידער, האַסנדיק
דעם וויסטן גורל,
וואָס מײַנע לידער גייען אין מײַן טישקעסטל פאַרלוירן.

1971

איך זינג און איך וואַרג זיך

איך זינג און איך וואַרג זיך מיטן געזאַנג,
ס'איז שטעכיק און ביינעריק יעדער קלאַנג
און שטעקט אינעם האַלדז ניט אַהער, ניט אַהין.
וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס די ערד איז גרין,
דער הימל אין טײַך איז טיף און בלוי,
אַז סײַ ווי סײַ איז עס ניט אַזוי.
דער טײַך איז קײַן טײַך ניט, נאָר אַ „רעקאַ"
די ערד איז קײַן ערד ניט נאָר „זעמליאַ"
און איבער מײַן פרילינג הערשט „וועסנאַ".

איך האָב ניט באַוויזן

איך האָב ניט באַוויזן מײַן ליד צו דערדיכטן,
איך האָב ניט באַוויזן די גראַמען פֿאַרריכטן,
איך האָב ניט באַוויזן די שיינע געשיכטן,
די איינציקע בילדער, די דינענקע שיכטן
צו זאַמלען, באַאַרבעטן, אָפּצושליסן,
ווי ס'האָט מיר דער ווינט זיי פֿון האַנט אויסגעריסן
און איך האָב געשריגן: ראַטעוועט!

איך האָב ניט באַוויזן קײַן צייכנס צו שטעלן,
איך האָב ניט באַוויזן פֿון שרײַבן פֿון שנעלן,
אַ קאָמע, אַ צווייפּונקט צו זען, ווו עס פֿעלן
און ערגעץ צוויי ווערטער איבערצושטעלן,
אַז דו זאָלסט בײַם לייענען זיי קאָנען געניסן —
און ס'האָט זיי אַ שטורעם פֿון האַנט אויסגעריסן
און איך האָב געשריגן: ראַטעוועט!

איך האָב ניט באַוויזן מיין טרוים צו דערטרוימען,
מיין קוישל צו ברענגען צום בוים מיט די פֿלוימען
און ס'האָט זיך פֿאַרוואַנדלט דער בוים אין אַ קוימען
און ס'האָט זיך געטראָגן אַ רויך אין די רוימען
און איינע אַ האַנט האָט פּאַפּירן געריסן
און האָט זיי צום פֿײַער אין אויוון געשמיסן —
און איך האָב געשריגן: ראַטעוועט!

קיינער וועט צו מיִר ניט קומען

קיינער וועט צו מיר ניט קומען,
איך וועל אויך ניט גיין צו קיינעם,
שטיל, פֿאַרטיפֿט, ווי אין אַ ברונעם,
וועל איך מײַנע לידער לייענען.

ס׳איז די וועלט אַרום אַ פֿרעמדע,
אַ ניט־יִידישע געוואָרן,
מײַנע לידער די פֿאַרשעמטע
וועגן וואָס האָב איך געבאָרן?

כ׳האָב פֿאַרמאַכט זיך אין מײַן שטיבל,
זיך געגרייט צום גרויסן דרויסן,
ביז מײַן שטיבל מ׳האָט פֿאַרטריבן
פֿון דער גאַס אַרויס, פֿאַרשטויסן.

אין דער זײַט פֿון אַלע גאַסן,
פֿון דער גאָרער וועלט באַזונדער,
אין לבנה־ליכט אין בלאַסן
האַלט עס זיך אויף הוילע ווונדער.

טשערנאָוויץ. 1945

אַצינד, האַלבע נאַכט

אַצינד, האַלבע נאַכט, ווען די קלאַנגען די צוועלף
קלינגען שוין אָפּ אין דער אַנדערער העלפֿט
און שטופּן צו ביסלעך אַרויס פֿונעם רוים
די שוואַרצקייט פֿון בוים און די שיכּרות פֿון טרוים;

אצינד, ווען דער הימל, וואָס ניכטערט זיך אויס
פון וואָלקנס און לאָזט די לבנה אַרויס
שפּאַצירן צו גיין איבער וואַנט און דאַך
און אַלע געדאַנקען ווערן וואַך,
איז צײַט, ווי מײַן זיידע אַמאָל צו חצות,
זיך זעצן און קלייבן אַן אות צו אַן אות,
נאָר ניט קײַן לידער פון קלאָג און געוויין
זאָל זינגען דאָס אייניקל, איך, אויף אַ שטיין,
נאָר זיצנדיק אויף אַ שטול בײַם טיש
בײַם יידישן בוך, וואָס איך לייען און מיש,
געדענקען די שלאָפנדיקע לײַט,
וואָס וועלן זיך אויפכאַפּן צו דער צײַט
און פאַרטיק מאַכן ביז אין דער פרי
אַ לויב דער פרימאַרגנדיקער מי,
אַ לויב דער פריילעכער מי און דעם מוט,
וואָס האָט אין די טרויערטעג פון בלוט
ניט אָפּגערוט האַלבע נאַכט, ווי אַצינד
עס רוען די הענט און עס רוט דאָס קינד,
וואָס ליגט אין אַ וויגל אַזוי ווי אַמאָל
און ווערט שוין ניט מער צעשאָסן אין טאָל.

אַצינד האַלבע נאַכט, ווען דער זייגער שלאָגט
פיל הילכיקער ווי אין מיטן פון טאָג,
און ס'הערט זיך דער דריי פון איטלעכער ראָד,
און ס'הערן זיך טריט ערגעץ ווײַט אין דער שטאָט,
אין דער אַלטער שטאָט, די איינציקע טריט,
די טריט פון אַן אַלטן געבויגענעם ייִד,
וואָס קאָן ניט שלאָפן בײַ נאַכט אין אַ בעט
און דרייט זיך אום בײַ נאַכט ביז שפּעט,
בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק, ווי אַמאָל,
ווען ער האָט געשפּילט די גלאָוונע ראָל
און דרייט זיך אַ וואַכער אַרום אויף דער ערד

און הערט זיך צו צו דער שטילקייט און הערט,
און זוכט אַרום אין דער שטילקייט און זוכט
די שאָטנס פון פרץ'ס דראַמענבוך,
וואָס ער, אַ יונגער פאַנטאַזיאָר,
אַ יונגער דיכטער און רעזשיסאָר,
מיט ייִדישע שפּילער, אַ ייִדישן כאָר,
געשטעלט האָט אין ייִדישן טעאַטער אַמאָל.
צײַט איז דערמאָנען נאָך אַ מאָל
און אויפצוּוועקן יעדע געשטאַלט
פון יעדן קבר און אין וואַלד
און ברענגען זיי אַלע אונטערן ליכט
פון אַלטן לאַמטערן, וואָס שטייט פאַרריכט
מיט נײַע שײַבלעך, וואָס לויכטן שטאַרק
אַ גאַנצע נאַכט אויפן אַלטן מאַרק.

אַצינד האַלבע נאַכט, פון דער סאַמע מיט
פון צווישן צוויי רגע'ס וואַקסט אויס דאָס ליד
ווי דורך אַ שפּאַלט פון אַ טרוקענעם שטיין.
די צײַט ווערט געבוירן און לעבט פון פאַרגיין
און וואָס איז די צוקונפט און וואָס איז דער צוועק?
די צוקונפט, דער צוועק, קומט אָן, גייט אַוועק
פון אונדזערע ערטער. דאָס ליד בלײַבט אַליין
אַזוי ווי די טרערן פון ייִדיש געוויין,
וואָס ווערט פאַרשטיינט אויפן שאַרפן געזיכט
פון האַלפּערנס שורה און האַלפּערס *) געדיכט.
איך האָב דאָך קיין ליד פון געוויין ניט געוואָלט,
דאָס ליד דאָס געשמידטע פון טרערן-גאָלד.
איך האָב דאָך געגרייט אַ לויב צו דער מי,
וואָס קליידט אָן די מענטשן און פּיטערט דאָס פּי.

*) האַלפּער — ה. לייוויקס ריכטיקער פאַמיליע-נאָמען.

און איך האָב מיט רייד דאָס האַרץ מיר פאַרטויבט
און איך האָב געלויבט און געלויבט און געגלויבט —
וואָס ווייניקער ווערטער פון צרות און פּײַן,
אַלץ פרײַער די ערטער פאַר פרייד און פאַר שײַן.
מיין אומגליק אין דרויסן ליגט שטום ניט באַווײַנט
און איך האָב מײַן גליק פאַר די וווּנט פאַרגעלייענט
אין מיטן דער נאַכט. די צײַט האָט געלאַכט
און האָט מיר די לידער הרוב געמאַכט.
איצט שטיי איך און קלאָג ביי אַ חרוב׳ער טיר
על חורבן העם ועל חורבן השיר.

ווידוי זאָגן

ניט קײַן ליגן זאָגן צוליב ברויט —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן ביזן טויט,
ווידוי זאָגן פאַר דער שטילקייט אויף אַ קלאָר געטראַכטן קול,
ווידוי זאָגן מיט אָן עדות, אָן אָן עדות, ווי אַ מאָל
ס׳בײַט זיך ניט דערפון די ווידוי פונעם אָנהויב אויף קײַן האָר,
כאָטש סע בײַטן זיך די ווערטער און דער חודש און דאָס יאָר.

ניט קיין ליגן זאָגן צוליב גליק —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן פון דער סאַמע וויג,
פון דער מאַמעס וויגליד זאַפּסטו מיטן ניגון אײַן
אירע ווערטער, וואָס זיי דרינגען אין דײַן ווידוי דיר אַרײַן,
כאָטש דו בײַטסט די ווערטער איבער, ביז דו בײַטסט די גאַנצע שפּראַך
(און דער ניגון מאַכט דאָרט דורך דרײַ גילגולים אין דער נאַכט).
בלײַבט דער תוכן ווי דײַן גורל דיר צוקאַפּנס אויף דער וואַך.

ניט קײַן ליגן צוליב פאַלשער פרייד —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן טאַנצנדיקערהייט.

אויף אַ באָדן ווי אויף קוילן, אויף אַן ערד, וואָס גליט און בריט,
ווידוי דײַן געזאַנג איז, ווידוי אויך דײַן ליבעליד,
און דײַן קושן זיך איז ווידוי, יעדער אָטעם, יעדער שפּאַן,
אויסער ווידוי איז קײַן לעבן ניט פֿאַראַן.

אַז מיר איז ליב

אַז מיר איז ליב דאָס שוואַרצע ברויט,
צו וואָס עס אָנרופֿן ווײַס?
איך קאָן ניט פֿאַרשטיין צוליב וואָס,
מע דאַרף די דאָזיקע מאָס
פֿאַר קעז אויך, פֿאַר מילך און פֿאַר רײַז,
זיי זענען דאָך סײַ ווי סײַ ווײַס.

דער זויערער קעז איז מיר זיס
און ווען ס'איז קײַן פּוטער נישטאָ,
איז לעבט מען אַ צײַט אָן איר
און גראָ איז גראָ
און כ'דאַרף ניט קײַן בלאָ אויף פּאַפּיר.

מיר פֿעלט ניט קײַן האַר פֿאַר אַ ווירט,
נאָר פֿאַר וואָס מוז איך זאָגן אַ דאַנק
צו דעם, וואָס די ווירטשאַפֿט פֿירט.
זײַן האַרטע האַנט און זײַן צוואַנג
איז האַר איבער מײַן געדאַנק,
זײַן שווערע האַנט און זײַן האַק
איז האַר איבער מײַן געשמאַק.

מיך אַרט ניט דער זומערשטויב,
די רויטקייט פֿון האַרבסט אין וואַלד,

נאָר זאָגט ניט בלינד אויף טויב
און זאָגט ניט הײס אויף קאַלט.

ס'איז ליב מיר דאָס שוואַרצע ברויט,
צו וואָס עס אָנרופן ווײַס?
דאָס גרינגע אָנרופן רויט,
און דאָס הייסע אָנרופן אײַז.
איך קאָן ניט פאַרשטיין צוליב וואָס
מע נוצט אויך די דאָזיקע מאָס
פאַר היי און פאַר שטרוי און פאַר גראָז —
איך קאָן ניט פאַרשטיין צוליב וואָס?

עלטער

און פון שניי איז ניט געוואָרן
ניט קײַן צוקער ניט קײַן מעל,
ניט קײַן חזיר־פעטס פון ווײַסן,
כאָטש אויף איין מאָל איבערבײַסן.
נאָר אַ טונקעלע חזיר־פעל
אײַנגעטונקט אין מיסט פון פערד
איז פון ווײַסן שניי געוואָרן
אויף דער אָפּגעדעקטער ערד.

ווײ און ווינד, ניט אויסגעבאַקן
ליגט דאָס ברויט ווי טייג און נאַס,
ווי די בלאָטע אין מיטן מאַרט,
ביז זי ווערט אַ מאָל פאַרדאַרט
אויף דער זונפאַרשטעלטער גאַס
און אין שטוב איז ווינטער קאַלט
און ס'האָט ניט ווער צו האַקן
און צו ברענגען האָלץ פון וואַלד.

פון דער בלאָטע דער געדיכטער
שײַנט ווי פון אַ טײַך אַרויס
ניט קײַן גאָלד און ניט קײַן זילבער
נאָר אַ רויטער פלעק אַ ווילדער
מישט זיך מיט דער בלאָטע אויס.
זײַנע שטיוול גאָלע לאַך.
ציט אַזוי זיך די געשיכטע
שוין די נײַנטע, צענטע וואָך.

סײַ דער יינגסטער, סײַ דער עלטסטער,
סײַ דער מיטלסטדיקער זון
אומגעקומען ערגעץ ווײַט.
איז די מוטער פאַר דער צײַט
אָפּגעשטאָרבן פון דערפון.
שטייט דער פאָטער, קוקט אין שויב.
ס׳איז זײַן האָפענונג די לעצטע
בלויז דער ווייכער זומערשטויב.

און אָט אַזוי

און אָט אַזוי
איז אין גליקלעכן הויז —
אַ גליקלעכע קאַץ
כאַפּט אַ גליקלעכע מויז.

און אָט אַזוי
טאַנצט אַ שטעקן אין גאַס,
ער מאַכט מיטן הונט
אַ גליקלעכן שפּאַס.

און אַט אַזוי
איז אין גליקלעכן דאָרף —
אַ גליקלעכער וואָלף
עסט אַ גליקלעכע שאָף.

און אַט אַזוי
איז אויף גליקלעכער ערד,
אַ גליקלעכע בײַטש
שמײַסט אַ גליקלעך פערד.

גראָ

אונטן — גראָע שטיינער,
אויבן — הימלגראָ,
אויף די גראָע ביימער
איז קײַן גרינס ניטאָ.

ס'איז די וועלט די גראָע
רונד אַרום פאַרמאַכט,
אויסגעמישטע שעה'ן
צווישן טאָג און נאַכט.

ס'האָבן זיך באַגעגנט
און זיך אויסגעמישט
אויף די זעלבע וועגן
ליכט און פינצטערניש.

ווערט די ערד די גאַנצע
גראָ ווי גראָער שטיין,

איבער גראָע פלאַנצן
שטשירען גראָע ציין.

שטיינער איבער מתים,
קברים אויפן סטעפּ
און די ביימער טרייסלען
מיט די גראָע קעפּ.

איבער זיי די הייכן
גראָער ווי די ערד,
ביַי די וואָלקנס גרייכן
ביז די קני די בערד.

גראָע גרוילגעשטאַלטן,
ווער איך אויכעט גראָ,
און איך בין באַהאַלטן
און איך בין נישטאָ.

אַ ז ו ו י י

אַז וויי צו דעם דור דעם אָרעמען,
אַז וויי צו דעם אָרעמען הויז,
אַ חלום באַדאַרף מען חלומען,
אַ חלום טראַכט מען ניט אויס.

מיר וווינען אין ענגע צימערן,
מיר טיילן די פינצטערניש איַין,
און לאָזן קיַין ליכט ניט שימערן,
און לאָזן קיַין שיַין ניט אַריַין.

מיר שפינען פון טונקלע פעדעמער
חלומות פאַרטראַכטע פון פריער,
זיי הענגען ווי שפינוועבס אויף בוידעמער
וואָס האָבן צום ליכט ניט קיין טיר.

מיר צערטלען מיט ליבע און ציטערניש
און גלעטן אין שלאָף די נאַכט,
מיר קושן מיט תאווה די פינצטערניש
און בלײַבן אין איר פאַרמאַכט.

טשערנאָוויץ 1959

און אַט אַזוי פאַרלירט מען

און אַט אַזוי פאַרלירט מען נאָך אַ צאָן
און אַט אַזוי פאַרשפּילט מען נאָך אַ קאָן,
און אַט אַזוי פאַרטרײַבט מען נאָך אַ טאָג
און אַט אַזוי פאַרשרײַבט מען נאָך אַ פּלאָג,
און אַט אַזוי פאַרוואַרפט מען אויף די פּען,
און אַט אַזוי פאַרגעסט מען וואָס און ווען.

דאָס אַלטע שנײַדערליד

זינג מיר נאָך אַ מאָל דאָס אַלטע שנײַדערליד,
עמעץ האָט געזאָגט, אַז ווו אַ שנײַדער, איז ער נאָר אַ ייִד
און דערפֿאַר איז שנײַדערײַ קיין אַרבעט ניט.

שנײַדערײַ איז ניט קײַן אַרבעט, שנײַדערײַ איז אַ געזאַנג,
כ׳קען אַ שנײַדער — איז ער דאַר און אויסגעצויגן לאַנג
און די פּלייצע אײַנגעבויגן, זיבן יאָר שוין לונגענקראַנק.

שנײַדערײַ איז ניט קײַן לידל פון אַ שכור אויף דער גאַס,
שנײַדערײַ איז ניט קיין זינגען אין דער אָפּערע פון באַס,
ס׳איז אַ ניגון, וואָס מע ציט אים, ווען די אויגן זענען נאַס.

שנײַדערײַ איז ניט קײַן אַרבעט, שנײַדערײַ איז ליבעליד.
כ׳האָב געקענט אַ שנײַדער-מײדל, ס׳זינגט דאָס מײדל לאַנג
שוין ניט.
ביסט אַ מבין אויף איר שװײַגן? ס׳איז, מיר דאַכט, מיט
זאַלץ באַשיט.

זינג מיר נאָך אַ מאָל דאָס אַלטע שנײַדערליד,
עמעץ האָט געזאָגט, אַז ווו אַ שניידער, איז ער נאָר אַ ייִד
און דערפאַר איז שנײַדערײַ קײַן אַרבעט ניט.

שרעקן

1. ס׳איז שטיל.

ס׳איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז איך הער,
ווי ס׳ציטערט מיין הארץ אין דער שטילקייט.
די ערד איז פול מיט געווער,
מיט שאַרפער אַנגעצילטקייט.

ס׳איז שטיל, אַזוי שטיל אין דער לופט,
די אויערן ווערן צעריסן
פון וואַרטן אויף אַ רוף,
אַ רוף פונעם וועלטגעוויסן.

ס'איז שטיל, אזוי שטיל אין דער נאַכט,
די וועלט איז אײַנגעשלאָפן
און איבערגעלאָזט אָן אַ וואַך
אַזוי פיל מערדעריש וואָפן.

טשערנאָוויץ, מײַ 1967

2. לא ינום.

אַזוי פיל אומזיסטיקע שרעקן,
און שרעקסט זיך שוין ווידער.
לא ינום באַטייט, מע דאַרף וועקן
דעם שומר מיט לידער.

לא ינום באַטייט — מיט געזאַנגען
באַדאַרף מען די נײַערד פאַרפלייצן,
אַז שטאַרק זאָלן רוישן די זאַנגען
מיט גערשטן, מיט ווייצן.

לא ינום — סע שלאָפט ניט דער זיגער,
עס טאָר אים דער שלאָף ניט פאַרפירן,
ווײַל ניט קיין פּאַפּירענער טיגער
זיך שאַרט שוין אויף סנײַ צו די טירן.

אַזוי פיל אומזיסטיקע שרעקן
און שרעקסט זיך שוין ווידער.
לא ינום באַטייט, מע דאַרף וועקן
דעם שומר מיט לידער.

טשערנאָוויץ, יולי 1967

און גאָט שיקט צו

און גאָט שיקט צו די שטערן לויט דער נאַכט,
און גאָט שיקט צו די שווערדן לויט דער שלאַכט,
נאָר ווער סע וואַרפט זײַן קאָפּ ווי מיט אַ שווערד
אַקעגן טלאָ פֿון יאָגנדיקן פֿערד,
צעטראָטן ווערט.

קײַן נעגל האָב איך ניט, קײַן הערנער ניט, קײַן צײן
און בײַסן מיט די יאַסליעס איז ניט שײן.
איך האַלט דאָס מויל פֿאַרמאַכט, סע זאָל קײנער עס ניט זען
און דאַרף איך רעדן, רעד איך מיט דער פּען
און כאַפּ אַרײַן פּאָר צען.

און גאָט שיקט צו די שטערן לויט דער נאַכט,
און גאָט שיקט צו די שווערדן לויט דער שלאַכט,
נאָר ניט קײַן דרײַסטקייט שיקט ער, ניט קײַן מוט,
דער מוט, די דרײַסטקייט קומט פֿון אייגן בלוט,
ווען גאָט שיקט גאָרניט צו,
ווען גאָט דער הערשער רוט.

דײַן נאָמען איז מיר ליב

דײַן נאָמען איז מיר ליב,
דײַן נאָמען איז מיר טײַער,
דו האָסט אַרויסגעטראָגן מיך פֿון פֿײַער
און דיר אַדאַנק איך לעב.
דו האָסט פֿון וואַסער מיך אַרויסגעשלעפּט

און ממש ביַי די האָר פון קאָפּ,
נאָר איינם פאַרשטייו איך ניט, מײַן פרײַנד,
פאַר וואָס דו האַלטסט זיי מיר ביז הײַנט
און לאָזסט זיי מיר ניט אָפּ.

אונדזער צײַט

מיר זענען אין אַ שווערער צײַט געבוירן,
אין גרויסער צײַט געקומען אויף דער וועלט,
ס'האָט יעדערער אַ נאָענטן פאַרלוירן,
ס'איז יעדער טאָג אַ יאָרצײַט נאָך אַ העלד.

ס'איז יעדער טאָג אַ דענקמאָל נאָך אַ נעכטן,
ס'איז יעדע שעה אַ קדיש נאָך אַ מת,
אַזוי פיל אומגעקומען אין געפעכטן
און וויפל שעה'ען האָט דען אַ מעת-לעת?

צי וועלן סטײַען טעג פאַר אַלע קדושים?
צי איז דען דאָ אַ שעה פאַר יעדן העלד?
צי קאָן דער יאָרצײַט ברענגען יענעם רושם,
דעם רושם פון די שלאַכטן אויפן פעלד?

דעם רושם פון די שלאַכטן אויף די גאַסן
און פונעם אויפשטאַנד צווישן געטאָ-ווענט?
דעם רושם פון אַ כאָר פון סאַמע באַסן,
וואָס דונערן מיט שטיינער אין די הענט.

און וויפל טעג פאַרמאָגט דאָס גאַנצע יאָר דען?
סע טרענקט די צײַט זיך אין דער אייביקײַט.
צי מעג מען דען זיך אויסדרייען צום מאָרגן,
פאַרגעסנדיק אין גאַנצן יענע צײַט?

נאָר קאָן מען יענער צײַט דען אַלץ אָפּגעבן?
ניט יעדער טאָג וויל זײַן דערמאָנונג בלויז,
דער טאָג האָט אויך זײַן אייגן טעגלעך לעבן,
דער לעבעדיקער דאַרף אַ ברויט, אַ הויז.

און הײַזער אויף צו וווינען דאַרף מען בויען,
און אויף צו באַקן דאַרף מען האָבן מעל,
ניט אַלע ערדן מעג מען זיך פאַרטרויען,
זיך אָפּגעבן זיי גאַנץ מיט לײַב און זעל.

ניט בלויז דאָס פּלאַץ פון הויז דאַרף זײַן דיר אייגן,
נאָר אייגן אויך די ערד אַרום דײַן הויז.
ניט בלויז אַ בעט דעם קאָפּ אָוועקצולייגן,
דער לעבעדיקער דאַרף אַ פּלאַץ אַ גרויס.

דער לעבעדיקער דאַרף אַ גאַס, אַ גאָרטן,
אַן אויסגעשטיינטן וועג פון שטאָט צו שטאָט
און זײַנע זאָלן זײַן די הימלען דאָרטן,
די ברייטע הימלען מיט צי אָן אַ גאָט.

פון זיבן לענדער קינדער פון איין מאַמען,
פון הונדערט לענדער קינדער פון איין שטאַם,
פון אַלע שריפות לויפט מען זיך צוזאַמען
צום פרידלעכן און שײַנענדיקן פלאַם.

אַ פײַערלעכע אַרבעט גייט לכבוד
די קדושים פונעם געטאָ און פון שלאַכט,
ווי קינדער ווערן הײַזער אויסגעכאַוועט,
וואָס שײַנען מיט די פענצטער אין דער נאַכט.

ווי מכות ווערן דערנער אויסגעשניטן,
ווי קראַנקע ווערן וויסטעס אויסגעהיילט,

ווי שטיקער פלאַדן ווערן שטיקער פרידן
צווישן די יתומים׳לעך פאַרטײלט.

און אויב אַ טאָג, צי צוויי, צי זעקס אפילו,
ווערט ווידער אויפגעטרייסלט אונדזער הויז;
און אויב אַ יאָר, צי צוויי, צי פינף אפילו,
דער שלום איז נאָך אַלץ אַ חלום בלויז.

אין גרינגער אים צו חלומען אין איינעם
און וויסן, אַז ס׳איז דאָ צו וואַרטן וווּ,
ביז וואַנען ס׳וועלן סוף כל סוף די שכנים
זיך איבערבעטן און אונדז געבן רו.

איז גרינגער אים צו חלומען מיט ברידער,
איז גרינגער מיט די שוועסטער אים צו זען
און, וואַרטנדיק, צו לייענען מײַנע לידער
געשריבן מיט אַ טשערנאָוויצער פּען.

פון טשערנאָוויץ שרײַב איך מײַנע ווערטער
און וועג באַזונדער אָפּ איעדער וואָרט,
וואָס גייט אַצינד פון אַלע, אַלע ערטער
צום איינציקן, צום אויסדערווײלטן אָרט.

צו די מזרח־פעלדער

אַ דאַנק אײַך, פעלדער, איר דערמאָנט
אין ווײַטן לאַנד, וווּ כ׳בין געבוירן.
אין מזרח דאָ גייט אויף דער בראַנד,
וואָס כ׳האָב אין מערב דאָרט בײַם ראַנד
פאַרלוירן.

ס׳איז אומעטום די זעלבע וועלט,
נאָר ניט די זעלבע גלײַכע וועגן,
דער וועג, וואָס פירט מיך דאָ אין פעלד,
האָט זיך מיר דאָרטן קווער געשטעלט
אַקעגן.

די גראָע שײַטערס, וואָס כ׳האָב דאָרט
געלאָזט זיך רויכערן אין גריבער,
איך טרעף זיי דאָ אויף יעדער אָרט
צעפלאָקערט ווי יהוה׳ס וואָרט
אין מדבר.

ס׳איז אומעטום אַ שיינע ערד,
נאָר ניט די זעלבע לופט פון אויבן
און ווער סע אַקערט ווי אַ פערד
און ווער סע רײַט אַרום און קערט
די שטויבן.

דער בוים פון מײַן געבוירנהיים
איז בײַם געבוירנהויז פאַרבליבן,
נאָר פונעם הויז האָט גרוים און קליין
דער וויסטער גורל מיט אַ שטיין
פאַרטריבן.

מײַן מערב־היים האָט אָפּגעברענט,
ס׳איז פרעמד געוואָרן מיר מײַן געגנט,
דאָס מזרח־לאַנד האָט מיך דערקענט,
מיט ברייטע טירן אין די ווענט
באַגעגנט.

צי וועט איר דאָרט פאַרגעסן מיך,
אַ, וועגן, איר פאַרפאָלגט מיך שטענדיק,

מיט אײַער שטויב אויף מײַנע שיך,
אין מײַנע אויגן אײַער ליכט,
וואָס בלענדעט.

אַ דאַנק אײַך, פעלדער, איר דערמאָנט
אין ווײַטן לאַנד, ווו כ'בין געבוירן,
אין מזרח דאָ גייט אויף דער בראַנד,
וואָס כ'האָב אין מערב דאָרט בײַם ראַנד
פאַרלוירן.

הײַזער

אַלע הײַזער, ווו מיר זענען אומגעגאַנגען קאַמערינע,
איבער גאָר דער וועלט דער גרויסער פון מדינה צו מדינה
און פון דור צו דור געגאַנגען, זיך אַ ווינקל צו געפינען,
האָבן זיך צונויפגענומען און געוואָרן איין קאַרטינע.

אַלע הײַזער, ווו מיר פלעגן קינדווײַז כאָזוען ווײַסע טויבן,
האָבן זיך מיט אונדז אין איינעם העכער בוימער אויפגעהויבן,
אויפגעעפנט נײַע ווײַטן, פרישע בילדער אין די שויבן,
בילדער גאַנצע מיט די פעלדער, מיט די וועגן, מיט די שטויבן.

בײַ די הײַזער, ווו מיר זענען בויער פון אַ וועלט געוואָרן,
זענען דעכער אויסגעוואַקסן אין דער הויך מיט נאָך אַ גאָרן,
און געשמייכלט אויסגעקאָלעכט צו די פעלדער ווײַן און קאָרן,
און זיך אָנגעהויבן ליבן און זיך אָנגעהויבן פאָרן.

איז אַ הויז געוואָרן חתן, איז אַ הויז געוואָרן כלה,
און צווייזײַטנדיקע הײַזער זענען זיי געוואָרן אַלע,
און אין שויבן, ווו דער דרויסן אָנגעקלאַפּט האָט ווי אַ כוואַליע,
האָבן זיך באַוויזן יינגלעך, מיידלעך — שמאָלע אין דער טאַליע.

אַלע הײַזער, װוּ מיר האָבן אָפּגעװוינט צװײ טױזנט יאָרן,
זענען אונדז אין שװערע צײַטן נאָך די פֿורלעך נאָכגעפֿאָרן
און געשטעלט זיך אויף די פֿעלדער, װען מע האָט דעם װעג
פֿאַרלאָרן,
אַן אכסניה און אַ קרעטשמע און אַ שטאַל פֿאַר פֿערד געװאָרן.

אַלע הײַזער פֿון די אבות, אַלע הײלן און געצעלטן,
װוּ מלאכים פֿלעגן קומען פֿון די הימלען, יענע װעלטן,
האָבן זיך װי בבל־טורעמס אויף אַ באַרג אַ הויכגעשטעלטן
אויפֿגעהויבן אין קװאַרטאַלן פֿון די טײַערסטע דירה־געלטן.

אַלע הײַזער און פּאַלאַצן פֿון פֿאַנטאַזיעס און פֿון מיפֿן
האָבן מיר אַרויסגעצויגן פֿון די ימען, פֿון די טיפֿן
און מיט אַלע פּאַסאַזשירן אויפֿגעזעצט זײ אויף די שיפֿן,
װי דערצײלער װי געניטע זײ אויף סנײַ אַרומגעשליפֿן,

אַלע הײַזער, װאָס דער שונא האָט פֿאַרברענט פֿון גרויסער שנאה,
האָט פֿאַרברענט, װײַל ניט געקאָנט ער אַט די הײַזער אונדז
פֿאַרגינען
האָבן זיך באַװיזן גאַנצע אויף דער ערד פֿון אײן מדינה
האָבן זיך צונויפֿגעקליבן און געװאָרן אײן קאַרטינע...

ניט אין דײַנע בערג

ניט אין דײַנע בערג בין איך געבוירן,
ניט געזויגן כ'האָב פֿון דײַנע קי,
ניט פֿון דײַנע שאָף האָב איך געשוירן
זיך אַ מאַנטל ביז איבער די קני.

ניט גענעכטיקט כ׳האָב אין דײַנע הײלן,
ניט געוואָנדערט איבער דײַנע שטעט,
ניט געהערט, וואָס דײַנע נעכט דערצײלן,
אויף דײַן לשון האָב איך ניט גערעדט.

ניט גערעדט און ניט געטראַכט דײַן לשון,
דײַנע פאַרבן פריער ניט געפילט,
דײַנע קוואַלן האָבן ניט געלאָשן
מיר מײַן דאָרשט און ניט מײַן קאָפּ געקילט.

וואָס זשע פיל איך איצט, ווי מ׳וואָלט געשאָטן
דײַנע הײסע זאַמדן אין מײַן בלוט,
גלײַך מײַן קינדהײט וואָלט אויף זײ געטראָטן
און פאַרהיט אויף שטענדיק זײער גלוט.

וואָס זשע פיל איך איצט אין מײַנע בלוטן,
גלײַך ווי עמעץ גיסט מיר פײַער צו
און ער ווינטשט מיר: זאָל דיר זײַן צו גוטן —
גלײַך ער איז מיט מיר שוין לאַנג אויף דו.

כ׳זע אַצינד אין חלום אָפּט אַ מײדל,
וואָס אין לעבן האָב איך ניט געזען,
און איך ווער מײַן עלטער־עלטער־זײדע,
ווען ער איז אַ יונגערמאַן געווען.

פון בוך "לידער צו אייגענע"

צו די ישׂראל־הימלען

אַ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען.
זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ —
אין די ישׂראל־וואָלקנס פלאַמען.

איך ווייס ניט וווּ זי אויסגעהויכט
האָט איר נשמה, אויף וועלכע וועגן,
איך בעט אַ ביסל הימל־רויך
בײַ אײַך, בײַ אײַך פון אירעטוועגן.

איך בעט אַ וואָלקנדל אַ ווײַס
תּכריכים ווײַסע אויפצונייען,
און שטערנדלעך, כאָטש אײנציקווײַז —
זיי זאָלן בײַ איר קבר שטיין.

אַ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען,
זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ —
אין די ישׂראל־וואָלקנס פלאַמען.

די שויבן ווערן שוואַרץ פון נאַכט

די שויבן ווערן שוואַרץ פון נאַכט
און גלאַנציק פונעם רעגן,
אַ נאַסער פאָרהאַנג פאַלט פון דאַך,
פאַרשטעלט די ווײַטע וועגן.

מײַן מאַמע ציט פון לעמפּל שײַן,
דער פאָרהאַנג טוט אַ ציטער,
דער פּחד קוקט אין שטוב אַרײַן,
דער ווינט צעוויינט זיך ביטער.

אַ שווערער, שוואַרצער הימל ליגט
אויף נאַסע נידעריקע דעכער,
דער רעגן גיסט בײַ אונדז אין ליק
און מאַכט פון לעכער — טעכער.

מײַן מאַמע זינגט מיר אײַן דאָס ליד
פון האָפענונג צו גוטן.
זי איז פאַרהאָרעוועט און מיד,
נאָר ס'זינגען אירע בלוטן.

אין דרויסן בילט אַ בייזער הונט,
ווי ס'וואָלט אַ וואָלף געוואָיעט,
די נאַכט איז עפּעס ניט געזונט
און יעדער שטיינדל טרויערט.

מײַן מאַמע עפנט אויף די טיר
און זינגט אַרויס אין דרויסן,
דער גרויסער דרויסן ענטפערט איר
מיט רעגנדיקן רוישן.

זי הייבט אַלץ שענער אויף איר קול
און זינגט דעם רעגן איבער,
און איַינגעשטילט ווערט מיט אַ מאָל
דער הימל איבער שטיבער.

און בלויז אַ בוים טוט נאָך אַ רויש
און טרייסלט אָפּ די טראָפּנס,
מיַין מאַמע קלאַפּט דאָס קישן אויס
און מאַכט מיר אַ צוקאָפּנס.

זי דעקט מיך מיט דער קאָלדערע צו
און לייגט איר שאַל פון אויבן,
און ס'שווימען צו פון ערגעץ ווו
די שטערן צו די שויבן.

דער שטערן־דרויסן רינגלט איצט
אַרום דאָס קליינע שטיבל,
מיַין מאַמע טוט אַ קוק, אַ בליץ
און זיצט און שרײַבט אַ בריוול.

זי קוקט צו מיר, זי רעדט צו זיך,
צו עמעצן אַ דריטן.
ווי גוט, סע ברענט אין שטוב אַ ליכט,
מיַין מאַמע זיצט אין מיטן.

מיַין מאַמע גרייט צום טיש

מיַין מאַמע גרייט צום טיש און קוקט מיר נאָך, צי עס איך
און ציטערט איבער מיר ביַי יעדן שלונג;
זי עפנט אויף די טיר ווי אין דער נאַכט פון פּסח
און לאָזט אַריַין דעם נביא אליהו מיט אַ קלונג.

דער נביא אליהו איז אויסגעטראַכט דאָך שענער,
ווי ווען ער וואָלט געשטאַנען דאָ לעבעדיק בײַם טיש ;
דער נביא אליהו, דער שענסטער צווישן מענער,
דער שענסטער שוין דערפֿאַר וואָס מע זעט אים נישט.

דער נביא אליהו, מיר דאַכט זיך, אַז מײַן פֿאָטער
איז אויכעט אויפֿן הימל אַרויפֿגעפֿלויגן הויך ;
מײַן מאַמע לאַכט זיך אויס : זײַן האַרץ איז פֿון אַ טאַטער ! —
און אַלע מײַנע זעונגען צערינען ווי דער רויך.

און נאָך דער וועטשערע

און נאָך דער וועטשערע עפֿן איך דאָס ביכל
און דריי אַרויס דאָס לעמפּל און רוק עס צו צו מיר,
איך וואַרף אַראָפּ די שיכלעך אַ שיכל נאָך אַ שיכל
און גיי אַוועק אַ באָרוועסער פֿאַרריגלען אונדזער טיר.

מײַן מאַמע דאָרט אין קיכל, זי וואַשט די טעלער, שיסל
און ווישט די גלעזער אויס און ווישט אַ טרער זיך אָפּ ;
מײַן מאַמע האָט ליב צו וויינען, זי וויינט זיך אויס אַ ביסל,
ווערט גרינגער אויפֿן האַרצן, ווערט לויטערער אין קאָפּ.

אין דרויסן גייט אַ שטאַרקער, אַ רוישנדיקער רעגן
און ווער סע שלאָפֿט נאָך ניט, דער של: פֿט שוין היינט ניט אײַן ;
איך קוק אַרײַן אין ביכל, מײַן מאַמע יצט דערנעבן
און קוקט אַ גאַנצע נאַכט מיר אין געזיכט אַרײַן.

מײַן מאַמעס הענט

מײַן מאַמעס הענט גלעטן מיך ניט צאַרט ;
מײַן מאַמעס הענט — פֿאַרהאָרעוועט און האַרט
און ווי באָקסער יעדער פֿינגער אויסגעדאַרט.

מײַן מאַמע העקלט ניט און זיצט ניט בײַ קײן זאַק ;
מײַן מאַמע קנעט בײַ נאַכט און באַקט בײַ טאָג —
און הונגערט בײַ איר אָרנטלעכער וואָג.

מײַן מאַמע וואַרעמט זיך די הענט בײַם גלעזל טײ ;
מײַן מאַמעס הענט צעגײען ווי דער שנײ —
און קלענער, קלענער, קלענער ווערן זײ.

מיטן זעלבן שוועבעלע

מיטן זעלבן שוועבעלע צינדט די מאַמע אָן דעם לאָמפּ
און דאָס האָלץ אין אויוון צינדט די מאַמע אונטער ;
נאָך דעם וועקט זי אויף איר תּכשיטל, דעם סטראָמפּ
דעם פאַרשלאָפענעם, ווען אַלײן איז זי פֿון לאַנג שוין מונטער.

כאַפּט זיך אויף דער יונג ניט גערן, שלעפעריק און פֿויל,
שלעפּט אַ האַלבע שעה אַרויף אויף זיך די הויזן ;
וואַשט די הענט זיך און מיט ברויט אַ פֿולן מויל
לאָזט ער פֿויל זיך שפּאַנען צו דעם פּאַס אין דרויסן.

פֿול מיט טונקעלן רעגן־וואַסער שטײט דאָס פּאַס,
שעפּט ער און ער טראָגט אין שטוב אַרײַן די עמער ;
ס'איז שוין טאָג געוואָרן אין די פֿענצטער און אין גאַס —
איז די שײַן פֿון לאָמפּ געוואָרן שוואַכער, קלענער.

שטײט די מאַמע בײַ דער מולטער, וואַשנדיק די וועש,
פֿון איר בלאָז פֿון ווײַטן ווערט דער לאָמפּ פֿאַרלאָשן ;
שטײט די זון אַ הויכע איבער מאַרקולעשט
און זי שײַנט ביז הײַנט אין מאַרקולעשטן לשון.

האַרבסטליד

האָט דער האַרבסט, דער אַלטער מלך,
פאַר אַ בעטלער זיך פאַרשטעלט,
אונדזער לאַנדשאַפט אויסגעביטן
אויף אַ פרעמדן, וויסטן פעלד.

הענגט דער הימל אין מײַן פענצטער,
איז ער אויכעט קויטיק, וויסט.
נעמט דער האַרבסט די וועלט די גאָרע
און פאַרמאַכט זי און פאַרשליסט.

ווערט די טונקלקייט געדיכטער,
קריכט דער האַרבסט אין שטוב אַרײַן,
זעץ איך לייענען זיך אַ ביכל
בײַ דער טונקלער פענצטער־שײַן.

צינדט מײַן מאַמע אָן אַ לעמפּל,
שטעלט דאָס לעמפּל אויפן טיש,
רוק איך צו צום טיש דאָס בענקל,
לייען די בלעטלעך און איך מיש.

כ׳לייען די מעשׂה מיטן מלך,
וואָס ער האָט געהאַט דרײַ זין —
וואָלט איך נאָר געוווּסט אַ שטייגער,
וועלכער פון זיי איך בין ?

הייב איך אויף פון טיש די אויגן,
ס׳איז דאָס פענצטער שוואַרץ און נאַס,
נאַסע בײַטשן טרײַבן בעטלערס
אין דער בלאָטע אויף דער גאַס.

חטאת נעורים

בײַ מײַן זיידנס הײַזל שטייט אַ פלויט
טיילט ער אָפּ מײַן זיידן פון זײַן שכן ;
אַלע ברעטלעך פונעם אַלטן פלויט
זענען אָפּגערוקט און אײַנגעבראָכן.

בײַ דעם שכן וואַקסט אַ שיינע מויד,
איז זי אַלט שוין, זאָגט מען, טויזנט וואָכן,
אַלע אָוונט קום איך צו דעם פלויט,
ווערט נאָר טונקל בין איך באַלד בײַם שכן.

חידושט זיך מײַן מאַמע אַלע טאָג,
וואָס סע ציט אַזוי מיך צו מײַן זיידן ;
נאָר די שכנה האָט איר אויסגעזאָגט :
„ניט צום זיידן ציט אים, נאָר צו מיידן".

ענטפערט ניט מײַן מאַמע און ווערט רויט,
גלײַך זי וואָלט אַליין געווען אַ מיידל —
און זי שמירט מיט אײַנגעמאַכטס מײַן ברויט
און זי שיקט מיך אָפּטער צו מײַן זיידן.

אַ ייִדענע

וויינענדיקער אָסיען־רעגן,
אַלע גאַסן, אַלע דעכער
טרינקען אויס די קאַלטע טרערן —
פונעם פולן אָסיען־בעכער.

שטייט אַ ייִדענע אַן אַלטע
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן —
אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן;

שטייט אין מיטן פונעם שטעטל
אויפן מאַרק־פּלאַץ אויפן גרויען,
אויפן רוישנדיקן רעגן —
צווישן לויפנדיקע פרויען.

האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן —
פול מיט שווערע צרות גרויע
אונטערן נאַסן שאַל באַהאַלטן.

ניט־פאַרקויפטע עפּל ווייכע,
ניט־פאַרקויפטע האַרטע בייגל,
אינעם גרויסן קויש דעם אַלטן
ליגן זיי ווי טויטע פייגל.

און דער קויש, די שווערע משׂא,
ציט אַראָפּ די הענט וואָס פרירן —
שטייט אַ ייִדענע פאַרגליווערט,
ווי אַ שטיין זיך ניט צו רירן.

דער בוים

ניט אין בונטן רוים פון טרוים,
נאָר אין אונדזער וואָרן וועלטל
האָט צעוואַקסן זיך אַ בוים,
וואָס אין טרוים אויך זעט מען זעלטן.

ס'איז דער בוים געוואַקסן שיין,
וואָרע שיינקייט, ניט קיין כּישוף,
שטייט דער שיינער בוים אַליין
דאָ ניט ווײַט פון אונדזער ייִשוב.

ביזן בוים איז דאָ אַ וועג,
פונעם בוים דער וועג גייט ווײַטער,
ווײַטער בין איך ניט אַוועק,
כ'האָב פון בוים זיך ניט דערווײַטערט

ס'האָבן מיך גערופן פרײַנד
אין דער וועלט אַרײַן זיך לאָזן,
נאָר דער בוים האָט זיך צעשײַנט
און געשמעקט האָבן די גראָזן.

האָב איך זיך געזעצט אין גראָז
און באַטראַכט פון בוים די בלעטער
און די פרײַנד אַוועקגעלאָזט
און געזאָגט זיי: שפּעטער, שפּעטער.

„פֿאָרט געזונט”, געזאָגט צו זיי,
„שרײַבט פון יענע ווײַטע ערטער”,
שרײַבן זיי און צפון־שניי
שמעקט פון זייערע ווײַטע ווערטער.

צפון־שניי און דרום־טיי,
טיי פון רויזן, טונדרע־גראָזן,
שמעקן בריוו מיט האַנט־געניי
און מיט אויסגענייטע האָזן.

אויך מיט דעמב, מיט איידלבעז,
מיט בערעזע־וואַלד מיט ווײַסן,

אויף מײַן אַלטן בוים־אַדרעס
קומען אָן פֿאַרשידענע נײַסן.

שרײַבן קרובים, שרײַבן פֿרײַנד
און מע רופֿט אין אַלדי־ווײַטן,
נאָר ווי נעכטן קאָן איך הײַנט
ווידער ניט דעם בוים פֿאַרבײַטן.

צוגעטוליעט צו דעם בוים,
ווי מײַן מאַמע צו דעם אויוון,
שטיי איך און איך זע אין טרוים —
מײַנע פֿרײַנד און מײַנע קרובים.

ווען דער צפֿון־שניי צעגייט,
בלאָזט אַהער אַ ווינט פֿון דרום
און ער ברענגט אַהערצו רייד
ווי פֿון אַלטע־אַלטע ספֿרים:

„מיינסט אַז דײַנער איז דער בוים
און דאָס גראָז פֿאַר דיר צום טרעטן?
ווייס, צו די, וואָס זעסט אין טרוים,
וועסטו קומען זיך נאָך בעטן.

און זיי וועלן דיך מיט פֿרייד
גיין באַגעגענען און זאָגן:
„סוף־כּל־סוף האָבן די רייד
צו דײַן אויער זיך דערשלאָגן".

„ס'איז דער בוים שוין לאַנג פֿאַרדאַרט,
ס'ליגט דײַן מאַמעס שטוב אין שטויבן.
ס'ליגט דאָס אַש צונויפֿגעשאַרט,
ס'איז אַ זכר פֿונעם אויוון

און פון איר, וואָס פאַר דער צײַט
מ'האָט פאַרשיט אין טויזנט גריבער —
צו דער פרייד פון יענע לײַט,
וואָס געהאַלטן האָסט פאַר ברידער.

מײַנע מעמואַרן

פאַרגאַנגענע טעג, פאַרגעסענע בילדער,
איך קוק אויפן ליידיקן רוים און איך שילדער
די פוסטקייט פון רוים — מיר איז גאָרניט פאַרבליבן
פון דעם וואָס איך האָב ניט בײַצײַטנס פאַרשריבן.

און אפשר גענוג איז אַ צווײַגל, אַ בלעטל,
איך זאָל זיך דערמאָנען אין בוים פונעם שטעטל.
און אפשר וועט קלעקן אַ טראָפּן פון רעגן,
איך זאָל זיך דערמאָנען אין גראָז בײַ די וועגן?

און אפשר גענוג איז אַ שפור פון אַ צייכן,
אַ רמז קוים־קוים פון אַן ענלעכן שמייכל,
אַז איך זאָל פון ווײַטן דיך קענען דערקאָנען,
אַז איך זאָל נאָך צײַטן זיך ווידער דערמאָנען...

און אפשר גענוג איז אַ רגעדיק רויכל,
אַ שטיינדל אין וועג, אַ זאַמדיקער שטרויכל,
אַז איך זאָל מיט גרויל זיך ווידער דערמאָנען
אין יאָרן אין רויכיקע פון דער מלחמה?

און אפשר גענוג איז פון שוואַרצברויט אַ ביסן,
די גראָקייט פון דעמאָלט, גענוג איז אַ ביסל...
כּדי זיך דערמאָנען — מיר איז גאָרניט פאַרבליבן,
פון דעם וואָס איך האָב ניט בײַצײַטנס פאַרשריבן.

מײַן מאַמעס שפּיגעלע

מײַן מאַמע האָט פֿון מײדלוויַיז אַ שפּיגעלע געהאַלטן,
זי האָט אַמאָל בײַם שפּיגעלע די שענסטע צײַט פֿאַרבראַכט;
מײַן מאַמע איז געוואָרן אַ ייִדענע אַן אַלטע —
און האָט עס אין אַ טישקעסטל דאָס שפּיגעלע פֿאַרמאַכט.

פֿאַרמאַכט עס און פֿאַרשלאָסן און געהיט דעם שליסל,
אַז קיינער זאָל, חלילה, ניט קומען איבער דעם,
אין איינזאַמע מינוטן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן,
זי האָט עס אויפֿגעעפֿנט און ווידער זיך געזען.

מײַן מאַמע איז געווען אַ מבין אויף איר פּנים,
אויף יעדן שאַרפֿן קנייטש און אויף איר גרויען קאָפּ —
נאָר קען מען דען דאָס פּנים באַהאַלטן פֿאַר די שׂונאים
אין איינעם מיטן שפּיגעלע, וואָס שפּיגלט דיר עס אָפּ?

מײַן מאַמען האָבן ווײ געטאָן די יאָרן און די עלטער
און ניט אַזוי די יאָרן און די עלטער ווי די פּײַן;
מײַן מאַמע האָט בײַם קנעטן אַרײַנגעקרעכצט אין מולטער,
נאָר ניט געוויינט, עס זאָל דאָס ברויט ניט צו געזאַלצן זײַן.

מײַן מאַמע איז געווען אַ סאַרווערין בײַ ייִדן,
אַ בעקערין פֿון זיסוואַרג, אַ קאָכערין פֿון פֿיש;
אַ בראָטערין פֿון פֿליישן, אַ פּרעגלערין פֿון גריוון,
אַ מײַסטערין בײַם אויוון, אַ טײלערין בײַם טיש.

מײַן מאַמע האָט אויף אַלע חתונות און בריתן
די בענקלעך אויסגעשטעלט, געפּראַוועט מיט די געסט —
ס'האָט איטלעכער געמוזט בײַם טיש פֿון אַלץ געניסן,
ס'האָט ליב געהאַט מײַן מאַמע צו קוקן ווי מען עסט.

וואָס ייִנגער און וואָס שענער די כּלה איז געווען
אַלץ בעסער און באַטעמטער און גאָלדענער די יויך ;
וואָס שטאַרקער די געבוירענע, די זינען אויף די בריתן —
אַלץ זיסער דאָרט דער לעקעך און דער שטרודל אויך.

און איך האָב אַלץ גענאַשט, אויף שׂימחות ניט געשלאָפן,
זיך אָנגעזען מיט טענץ, זיך אָנגעהערט מיט שפּיל
און גאָרניט ניט פאַרשטאַנען, מײַן מאַמען ווען געטראָפן
דערנאָך אין דער היים בײַם שפּיגעלע, זי זיפצן אין דער שטיל.

אַ זיפּצערקע געווען מײַן מאַמע די עגונה
און צווישן זיפץ און זיפץ געשעפּטשעט עפּעס גיך ;
מײַן מאַמע האָט אין שפּיגעלע געקוקט ווי אין אַ ברונעם —
מײַן מאַמע האָט פון שפּיגעלע אַרויסגעקוקט אויף זיך.

געווען איז דאָס שפּיגעלע מײַן טאַטנס אַ מתּנה,
דאָס שפּיגעלע דאָס קליינע אין גאָלדמעש אײַנגעראַמט ;
מײַן מאַמע האָט ניט אויפגעהערט מײַן טאַטן צו דערמאָנען —
מיט בענקשאַפט און מיט טענות, מיט ווייטיק און מיט שאַנד.

דאָס שפּיגעלע האָט שטילערהייט בגנבה זיך פאַרשלאָסן,
געהיט זיך גאַנצע וואָכן פאַר מײַן מאַמעס בליק.
מײַן מאַמען האָט די מעשׂה אויפן שפּיגעלע פאַרדראָסן,
געבייזערט זיך, נאָר יענץ האָט גלײַך געבייזערט זיך צוריק.

נאָר מערער האָט דאָס שפּיגעלע ניט געשפּיגלט קיינעם,
עס האָט קיין אַנדער קאָפּ און פּנים ניט געקענט.
פון זינט זי האָט באַקומען עס „אין אַ טאָג אַ שיינעם",
האָט זיך עס ניט געגעבן אין קיין פרעמדע הענט.

און וואָס איז דען פאַראַנען געטרײַערס פון אַ שפּיגל,
בשעת דו קוקסט אים גלײַך אין זײַן רוים אַרײַן ?

און וואָס איז דען פאַראַנען פאַלשערס פון אַ שפּיגל?
אין פרעמדע הענט דייַן שפּיגל איז ער מער ניט דייַן.

אין פרעמדע הענט דייַן שפּיגל, געווענדט צו פרעמדע אויגן,
פאַרגעסט ער דיך אין גאַנצן, אין אַלץ וואָס פריִער געזען.
אַזוי איז אויך דאָס לעבן וואָס איבער אים געבויגן —
פאַרנעמט דאָס אָרט פון יענעם, וואָס ביז אים געווען.

מייַן טאַטן האָט געצויגן קיין אַמעריקע נאָך גליקן,
מייַן מאַמע האָט אים צוגעגרייט דאָס רענצל מיט די וועש;
מייַן טאַטע האָט פאַרגעסן אַ שיפסקאַרטע צו שיקן,
איז זענען מיר דערפאָרן פון קיטראָס ביז מאַרקולעשט.

ערשט דעמאָלט האָט מייַן מאַמע דאָס שפּיגעלע באַהאַלטן,
געמיינט דער טאַטע קומט און נעמט צוריק עס צו;
געקומען זענען היטלערס באַוואָפנטע סאָלדאַטן —
מייַן מאַמע איז אומגעקומען און איך ווייס ניט וווּ.

מיין טאַטע האָט זיך אויסגעלעבט זייַן לעבן ביז דער ענדע,
מייַן טאַטע איז געשטאָרבן ניט לאַנג ערשט אין בראַזיל;
די קינדער זייַנע, מייַנע ברידער, וואָס איך קען ניט,
זיי האָבן דאָרט אָן מיר געשפּילט די טרויער־שפּיל.

איך האָב זיי אויפגעזוכט, זיי האָבן מיר געמאָלדן
די יאָרצייַט פונעם טאַטן און פון זייַן קברס אָרט.
עס האָבן פון מייַן ברוסט זיך געהעכערט די געוואַלדן:
אוי, מאַמע, טייַערע מאַמע, איינציק הייליק וואָרט!

מייַן מאַמען האָט אַ היטלער אומגעבראַכט צוזאַמען
מיט קינדער פון דער גאַס, וואָס זי האָט ליב געהאַט;
זי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט מייַן חברס מאַמען,
וואָס איז אין קריג געפאַלן — אַ העלדישער סאָלדאַט.

בײַ אַלע, אַלע היטלערס איז געװען פאַרשריבן
די שטריכן פון מײַן מאַמעס ייִדישן געזיכט;
זײ האָבן אַלע אירע חתונות צונױפגעטריבן
און אַלע אירע בריתן געטריבן צום פאַרניכט.

זײ האָבן אױסגערױבט מײַן מאַמעס אָרעם הײַזל
און אײנער האָט דאָס שפּיגעלע פאַרקרעמפּט אין זײַנע הענט;
אַ צװײטער האָט געהײסן ער זאָל עס אים באַװײַזן —
און ס׳האָט זיך צװישן שלעגערס אַ גרױס געשלעג צעברענט.

און דאָ האָט זיך דאָס שפּיגעלע פון ראַם אַרױסגעריסן,
צעפאַלן זיך אױף שטיקלעך, צעבראָכן זיך אױף גלאָז!
דער שפּיגל־שטױב, די פּיצעלעך, װי שפּיצעלעך פון שפּיזן —
זײ ליגן נאָך ביז הײַנט אין מאַרקולעשטער גראָז.

געסט

א. מײַנע מומעס

קומט אַ גאַסט, מײַן מומע טױבע,
פון קיטראָס צו פאָרן,
הײבט זי אָן מײַן מאַמען לױבן,
װינטשן לאַנגע יאָרן.

הערט ניט אױף איר צינגל קנאַקן,
בײדע אױגן לאַכן —
ביז מײַן מאַמע נעמט זיך באַקן
גוטע, זיסע זאַכן.

קומט אַ גאַסט, מײַן מומע מינדיע,
דאָס געבעקס פאַרזוכן,

נעמט זי אויף די הענט די קינדער
און אַ גראַשן זוכן.

נאָר דאָס געלט האָט זי פֿאַרגעסן
כּלומרשט אויפֿן װאָגן,
און זי נעמט זיך עסן, עסן,
כאַפּט זי שטאַרק דער מאָגן.

קומט אַ גאַסט, מײַן מומע העניע,
קומט אויף גיך צו לויפֿן,
נאָר מײַן מאַמע איז ניט פֿון יענע,
װאָס מע קען זי קויפֿן.

זי איז אַ מבֿין אויף די שטיקלעך
פֿון מײַן טאַטנס קרובֿים,
שטעלט זי אויפֿן טיש די קיכלעך,
קערט זיך אום צום אויװן.

שטייט דער טיש אין קלײנער כאַטע
אין דער מיטן סאַמע,
מיט די שװעסטער זיצט מײַן טאַטע,
זיצט אין קיך מײַן מאַמע.

גייט אַװעק פֿון הייסן אויװן
און זי נעמט מיך װיגן,
הערט מען אויף מײַן מאַמען לויבן
און מע נעמט זיך קריגן.

זענען דאָך די מומעס אַלע
אַלטע מיידן גרינע,
װערט קיין איינע ניט קיין כּלה,
ברענט אין זיי אַ קינאה

אויף מײַן יונגער שײנער מאַמען,
וואָס איז ניט פֿאַרזעסן —
ברענט די קינאה, ווײַזט די פלאַמען
תּמיד נאָכן עסן.

ב. אומגעקומען

אומגעקומען זענען מײַנע מומעס
און מײַן שײנע מאַמע איז אומגעקומען —
און די אַלע קלײנינקע תּרומות
זענען מיטן בלוט אַוועקגעשוווּמען.

ס'איז געווען דער אָנהײב פֿונעם אומגליק
אויף דער ערד מיט בלוטיקע יאַרידן;
פֿאַרגעקומען איז עס אין אַ זונטיק —
ווען גזלנים לאָזן זיך אויף ייִדן.

ס'האָבן דאָרט די בלוטן מײַנע מומעס
אויסגעמישט זיך מיטן בלוט מײַן מאַמעס;
אָפּגעיאָגט די קלײנינקע תּרומות
און אַוועקגעשטופּט די קלײנע טענות.

ס'האָט דער הימל אָנגעהויבן ברענען,
האָט זיך גאָט פֿון כּסא אויפֿגעהויבן
און מײַן מאַמע, ווײַל זי האָט דערזען אים,
האָט זי אויפֿגעהערט אין אים צו גלייבן.

אָפּגעלעבט אַ לעבן אין אמונה,
בעת דער גסיסה ערשט דערזען אים נאַקעט;
גאָט איז זיי צו רעטן ניט געקומען, —
שוואַרצע קראָען האָבן פֿרײַ געקראַקעט.

ג. קומט אַ גאַסט

קומט אַ גאַסט פון פרעמדע וועגן,
קומט אונדז טרויעריק מאַכן;
לויף איך אים אַרויס אַקעגן
און איך פרוּוו זיך לאַכן.

לאַכט דער גאַסט פון מײַן געלעכטער
און פאַרשטעלט דאָס פּנים —
מיט דער לינקער, מיט דער רעכטער,
כ'זאָל אים ניט דערקאָנען.

הער איך אויף צום גאַסט צו לאַכן
און איך פרוּוו זיך זינגען,
כ'פּיל איך מוז אים פריילעך מאַכן,
אפשר קלעזמער דינגען?

נאָר דער גאַסט האָט זײַנע לידער,
זײַנע אייגענע כּלים —
און ער לייגט אַ ליד אַנידער
ווי אַ קבֿר־צלם.

הייבט דער הימל אָן זיך כמאַרען
איבער חורבות, קבֿרים —
און עס זעצט פון דר'ערד אַ פאַרע
און עס קריכט אַ וואָרעם.

האַק איך אָפּ זײַן ליד אין מיטן
און פאַרשטאָפּ דאָס מויל אים;
נאָר דער וואָרעם ווערט פאַרביטן
אויף אַ ווילדן גולם.

זע איך שוין, איך האָב אַ טעות
מיט מײַן גיין אַקעגן,
ס'איז דער גאַסט ניט קיין קאַטאָוועס,
גאַסט פון ווײַטע וועגן.

איך און ער — צווישן ביידן
שווער צו מאַכן שלום —
ס'קומט מײַן פרוי אונדז צו צעשיידן,
וועקט מיך אויף — ס'אַ חלום.

ס'איז אַ חלום זייער אַ שווערער,
אָבער ניט צום שלעכטן,
עפּעס ווייס איך הײַנט שוין מערער,
ווי געוווּסט כ'האָב נעכטן.

איבער אונדזער שטעטל

איבער אונדזער שטעטל,
קלענער פון אַ דאָרף,
האָבן ווי אַ וואָלף
אויף אַ טשערעדע שאָף —
וואָלקנס פונעם הימל
זיך געטאָן אַ וואָרף.

וואָלקנס פונעם הימל,
זײַט ניט אַזוי גרוי,
טונקלט ניט אין פענצטער —
וואָלקנס און געשפּענסטער,
שרעקט אונדז ניט אַזוי.

פויערים אויף וועגן,
אין די הענט מיט העק —

גייען אויפן רעגן
אַנגעטאָן אין זעק.

פויערים אויף ווענן,
זײַט ניט אַזוי ווילד!
וואָס איז אונדזער לעבן? —
ס'איז אַ שרעקלעך בילד.

פויערים אויף ווענן,
זײַט ניט אַזוי בייז,
שולדיק איז אין רעגן
ניט דער אַלף־בית.

שולדיק אין דער בלאָטע
אויף דער קאַלטער ערד,
איז ניט די קאַפּאָטע,
זענען ניט די בערד.

ניט דאָס שטערנטיכל
אויף מײַן מאַמעס קאָפּ,
ניט דאָס שיינע ביכל
בײַ איר זון אין קאָפּ.

לאָזט אײַך ניט פאַרסמען
פון די דײַטשע רייד,
הרגעט ניט מײַן מאַמען,
טוט איר ניט קיין לייד.

איבער אונדזער שטעטל,
קלענער פון אַ דאָרף,
האָבן ווי אַ וואָלף
אויף אַ טשערעדע שאָף —
וואָלקנס פונעם הימל
זיך געטאָן אַ וואָרף.

דערמאָנונג

אונדזער קליינעם שטיבל פונקט אַקעגנאיבער
שטייט אַ קלענערס נאָך, אײַנגעבויגן שפּל,
שיקט עס אַלע מאָל אַן אַנדער קינד אַריבער —
נאָך אַ ציבעלע, אַ מערל, אַ קאַרטאָפל.

קומט אַ חדר־ייִנגל אין אַ פּריִען מאָנטיק
נאָך אַ שאַרפן העקל אָנצוהאַקן שפּענער ;
קומט אַ בריה אַ מיידל אין אַן ערב יום־טוב,
וויל זי זען בײַ וועמען צוגעראָמט איז שענער.

קומט אַ פרומע מאַמע פון אַ צענדליק קינדער,
קושט זי זיך מיט מײַנער און מע זעצט זיך וויינען ;
ווײנענדיקע ווײַבער, וווּ זענט איר אַצינדער —
מאַמע מײַנע טײַערע מיט דײַן בעסטער שכנה ?

בעסאַראַביע, די היים

בעסאַראַביע, די היים פון מײַנע קינדער־יאָרן,
ווי זשע נעמט מען זי אַרויס פונעם זכּרון
און מע שטעלט זי אויפן טיש אַנידער —
מיט די גרויע דערפלעך, פעלדער, שאָף און רינדער !
ווי זשע שטעלט מען זיי אַנידער
פאַר די אויגן פון די קינדער ?

היימיש שטעטל פון די קינדער־יאָרן,
ווי זשע נעמט מען עס אַרויס פונעם זכּרון
און מע שטעלט עס אויף אַספאַלט אַנידער

מיטן דלות, מיט די בלאָטעס טיף־געדיכטע ?
ווי זשע שטעלט מען עס אַנידער
פאַר די אויגן ווי געשיכטע ?

מאַמע, מאַמע, מאַמעניו געטרײַע !
ווי זשע קען מען דיך פון טויט אַרויסבאַפרײַען ?
ווי זשע קען מען נאָך דער שחיטה פון די שעכטער
זעצן דיך אָט דאָ בײַם טיש מיט אַלע,
אַז דיך קענען זאָלן מײַנע טעכטער,
אַז דיך קענען זאָל דײַן אייניקל, די כּלה ?

ס'טרעפט, עס גייט אַן אַלטיטשקע אין דרויסן
מיט אַ שאַלעכל און מיט אַן אַלטן קוישל ;
כ'טו אַ ציטער, וויל אַ שרײַ טאָן : מאַמע !
וויפל וויאָרסטן איז צו דיר פון דאַנען ?
איך בין גרייט צען וועלטן דורכצושפּאַנען,
דורכצושווימען וואַסערן און ימען — —
— — — — — — — — — —
זײַ מיר מוחל, מאַמע, פאַר די גראַמען !...

צו מײַן מאַמען

איך רעד צו דיר, נאָר דו ביסט ניטאָ,
צו וועמען זשע רעד איך, מאַמע ?
איך רעד צו די ווענט, איך רעד צום לאָמפּ —
און שפּיל זיך פאַר ווייטיק אין גראַמען.

איך ווייס אַז טויטע זענען טויט
און הערן ניט מער מײַנע ווערטער,
דאָך קײַ איך זיי איבער ווי ברויט מיט קרויט —
און בלײַב אַ ניט געהערטער.

צי רעדט מען דען שטענדיק, ווען מע האָט
צו ווען צו רעדן, מאַמע ?
אָט רעדן דאָך מענטשן צום הימל, צו גאָט,
צוביימער, צו הוילע שטאַמען.

פאַר וואָס זשע זאָל איך ניט רעדן צו דיר
(כ׳האָב האַלב שוין דיין אויסזען פאַרגעסן) —
אָט איז אונדזער שטיבל, דו שטייסט אין דער טיר,
דו לויפסט מיר נאָך מיטן עסן.

און איך, אַ קינד, וואָס האָב זיך פאַרשפּילט
אין דרויסן דעמאָלט מיט קינדער,
האָב איצטער ערשט באמת דערפילט —
דיין ליבשאַפט דערפילט אַצינדער.

אַצינד, ווען איך קוק זיך גוט אַרום,
וואָס ס׳הייסט צו פאַרדינען אַ ביסן,
דערמאָן איך זיך, דו זוכסט מיך אום
און לויפסט מיר נאָך מיט דער שיסל.

איך ווייס, עס איז דיר געווען ניט זיס
אַליין אַ קינד צו דערנערן,
צו קומען פון מאַרק מיט געשוואָלענע פיס
און וויינען, דאָס קינד זאָל ניט הערן.

נאָר איך האָב שוין דעמאָלט דערהערט דיין געוויין,
דאָך הער איך עס שטאַרקער אַצינדער,
כאָטש דו האָסט דעמאָלט, ניט איצטער, געוויינט,
ווען כ׳האָב זיך געשפּילט מיט קינדער.

אויף פּראָסטע וועגן

א

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן
און וואָסער ברונעם איך באַגעגן
פון ווײַטן מיר אַקעגנקומען,
איך שטעל זיך אָפּ בײַ יעדן ברונעם.

ס'איז ווײַט איין ברונעם פונעם צווייטן,
די מידקייט קלינגט אין וועג מיט קייטן
און פולע זעק מיט וואָלקנס קוקן
אַראָפּ און דריקן אויפן רוקן.

נאָר קיינער בלײַבט ניט שטיין אין מיטן
און ווער געגאַן און ווער געריטן,
אַ וואָגן טרײַבט אין וועג אין גרויען
די פערד צום ברונעם אָנצופּאָיען.

איך גיי שוין לאַנג. ס'איז הייס מסוכּן,
דער גומען ווי אַ מידבר טרוקן,
די אויגן דאָרשטיקע ווי לעמער,
זיי דאַנקען גאָט — דעם ברונעם־עמער.

זיי דאַנקען גאָט — דעם שטיין דעם האַרטן,
וואָס ליגט דאָ מיט זײַן ווייכן וואַרטן
אין שאָטן פון די ברונעם־ביימער,
אַ בעט פאַר וואַכע וואַנדער־טרוימער.

איך זיץ ניט לאַנג און לאָז די טרוימען
און פיל מיר אָן אַ קויש מיט פלוימען.
איך גיי. מיך וואַרטן באַרג און טאָלן,
זיי קענען זיך אָן מיר ניט מאָלן.

דער וועג איז גאָרניט אָן דעם גייער,
דאָס פעלד איז גאָרניט אָן דעם זייער,
אַ מאַרק אָן מענטשן איז קיין מאַרק ניט,
פאַר זיך אַליין איז באַרג קיין באַרג ניט.

ס׳איז שווער. איך לאָז דאָס קיישל איבער
און כ׳פיל ווי עפּעס יאָגט מיך איבער,
די וואָלקנס וואַקסן אָן און גליִען,
צעשפּרייטן פליגל און זיי פּליִען.

זיי פליִען איבער מײַנע וועגן
און גיסן אויס זיך ווי אַ רעגן
פון פאַרבן אַלערליי וואָס בלענדן —
ווּהין איך זאָל מײַן אויג ניט ווענדן.

אויף וואָס איך וואַרף נאָר מײַנע אויגן,
ווערט באַלד מיט זייער הויט פאַרצויגן
און דורך די גרינע, בלויע הויטן —
איך קוק אויף געלן פעלד מיט ברויטן.

און וואָס איך זע, דערצייל איך יעדן,
כ׳האָב ליב מיט פרײַנד אין וועג צו רעדן,
דער באַרג איז הויך, מײַן וואָרט — אַ רמז,
דו הערסט און זעסט דעם באַרג באמת.

ב

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן
און וואָסער פויער איך באַגעגן
פון ווײַטן מיר אַקעגנקומען,
מיר טרינקען פונעם זעלבן ברונעם.

מיר טרעטן אויף די זעלבע שטויבן
און זעען די זעלבע וואָלקנס אויבן,

דעם זעלבן קרײַז פֿון אַלע זײַטן,
דעם זעלבן האָריזאָנט דעם ווײַטן.

און קוקט מען אויף די זעלבע זאַכן,
פֿאַרשטייען זיך די ווײַטסטע שפּראַכן;
איין שפּראַך פֿאַרשטייט די צווייטע גרינגער,
ווען ווערטער ווערן ווײַזער־פֿינגער.

איין שפּראַך דער צווייטער ווײַזט אָט דאָרטן,
אַ צווייטע ענטפֿערט איר: אַ גאָרטן.
און ביידע זעצן זיך אין שאָטן —
די זון זאָל זייערע רייד ניט בראָטן.

און אויב אַ וואָרט איז קלאָר נאָר איינעם,
און אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר די שכנים,
און מיינט דאָס וואָרט אַ באַרג אַ שיינעם,
אַ באַרג אַ ריז אַ הויכן איינעם —

האָט דאַן דער באַרג אויך כּוח צו מאָנען,
און ס'שרײַט דער באַרג: ס'איז באַרג מײַן נאָמען!
דאָס וואָרט קלינגט אָפּ אין אַלע הייכן,
דער באַרג — דעם הימל וויל דערגרייכן.

די שפּראַכן הייבן אויף די ווערטער,
די נעמען פֿון די זאַכן, ערטער,
וואָס גיסן זיך אין רוים צוזאַמען
און שוועבן איבער ערד און ימען.

די שפּראַכן פֿליִען ווײַט אַריבער
און לאָזן אָפּט מאָל ווערטער איבער —
סע קומט דערנאָך דער שיינער טרוימער
און קלײַבט די ווערטער צווישן ביימער.

נאָר אָפּט מאָל טרעפט, די שפּראַכן ברומען,
דער טרוימער קאָן צום וואָרט ניט קומען,
ער קוקט אַרויף אין אַלע עקן
און ברעכט די פיס איבער אַ שטעקן.

און היט ער זיך, איז קומט ער שפּעטער —
צום פרילינג, ווען סע פאַלט שוין בלעטער,
צום אָסיען, ווען די פרוכטן פרירן,
צום ווינטער, ווען די טײַכן רירן.

ג

איך גיי אויף פּראָסטע וועגן אום.
צי גיי איך גלײַך? צי גיי איך קרום?
איך הייב די אויגן אויף, דעם קאָפּ
און זע — אַ צווייטער גייט אַראָפּ.

מיר איז אין טאָל די שטילקייט קאַרג,
כ'האָב ליב די שטילקייט פונעם באַרג
און חלום איך דעם אַררט,
בין איך אַ גאַנצן טאָג שוין זאַט.

איך זע אַ באַרג און דו — אַ טאָל,
פאַר וואָס זשע איז דער וועג אונדז שמאָל?
פאַר וואָס זשע טרעפט זיך, אַז סע ווערט
אונדז ווייניק לופט איבער דער ערד?

פאַר וואָס זשע טרעפט זיך, אַז סע דאַכט,
אַז גאָר דער שוואַרצער רוים, די נאַכט,
איז ניט קיין רוים, איז גאָר אַ וואַנט
געבויט מיט גראָבער, שוואַרצער האַנט?

די שוואַרצקייט, דאָס איז אונדזער שרעק,
דאָס פײַער מאַכט פון איר אַן עק,
נאָר ניט פון יעדן פײַער ווערט
אונדז ליכטיק איבער אונדזער ערד.

עס טרעפט, עס צינדט זיך אָן אַ שײַן
און כאַפּט זיך אין דײַן סטויג אַרײַן
און צינדט דיר אָן דאָס שטרוי פון דאַך —
דאָס הויז ברענט אויס, ווערט ווידער נאַכט.

סע טרעפט, סע צינדט זיך אָן אַ ליכט
און מאַכט דיר ליכטיק דײַן געזיכט,
נאָר הינטער דיר אַ שאָטן גרויס
לעשט אויס די שויבן פון דײַן הויז.

דער שאָטן קומט פון דיר אַליין
און וואַרפנדיק אין אים אַ שטיין,
דו טרעפסט אין שאָטן פון דײַן קאָפּ,
וואָס פאַלט מיט שטיקלעך גלאָז אַראָפּ.

נאָר אָפט מאָל טרעפט מען יענעם אויך
אַ שטיין אין קאָפּ, אַ שטיין אין בויך,
און אָפט מאָל וואַרפט מען אויך אַ וואָרט —
ווי מיט אַ שטיין אין זעלבן אָרט.

ד

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן,
ווּ אַלע קומען עפּעס פרעגן,
די מענטשן לויפן פון די היימען
צום וועג, צום ענטפער פון געהיימען.

און ווער סע זוכט אין וועג זײַן נעכטן,
און ווער — אַ מאָרגן אַ גערעכטן,
און ווער די טריט פון זײַן באַשערטער —
ניט שטענדיק טרעפט מען אויף די ערטער.

די וועגן פירן אָפט צוזאַמען

אַ יתום מיט אַ פרעמדער מאַמען
און הונדערט מיידלעך אָן חתנים
און טויזנט ווערטער אָן די גראַמען.

די וועגן טיילן אָפּט פונאַנדער
צוויי וואַנדערער אין זייער וואַנדער,
וואָס זוכן זיך דערנאָך אַ לעבן
און טרעפן זיך ניט אויף די וועגן.

און קומט שוין איינער אויף די שפּורן
פון יענעמס רעדער, יענעמס פורל,
איז יענער ווײַט שוין אָפּגעפאָרן
און ווײַטער ציִען זיך די יאָרן.

די וועגן ווײַזן ווײַטע מילן
און ברענגען דיך צו אַנדערע צילן,
זיי ווײַזן אָפּט אַ פרישן ברונעם,
וואָס טריקנט אויס זיך ביז דײַן קומען.

זיי ווײַזן אָפּט דיר שיינע שלעסער,
דו גייסט — זיי ווערן גרעסער, גרעסער,
נאָר בעסער וואָלסטו ניט געגאַנגען —
דאָס זענען תּפיסות, ביסט געפאַנגען.

ה

איך גיי אַרום אויף וועגן פּראָסטע,
אויף וועגן זײַטיקע, פאַרלאָזטע,
איך גיי אַרויס צום וועג צום ברייטן,
מיר קלינגען אויף די שטיינער קייטן.

איך בין אַ טרוימער אויף די וועגן
און שלעפּ מײַן טרויער אויפן רעגן,

נאַר ס'טרעפט, די זון איז אויפגעגאַנגען
און פונעם רעגן וואַקסן זאַנגען.

אַט גייט אַ פריילעכער, אַ פויער,
איך זאָג מיר מוסר פאַר מײַן טרויער,
דאָס פויערל האָט אויסגעטרונקען
און מיט די אייגלעך מיר געוווּנקען.

איך האָב אים ניט געפרעגט נאָך גאָרניט,
איר נאָמען אויסרעדן איך טאָר ניט,
איז וואָס זשע ווינקט ער מיט אַן אייגל?
צי ווייסט ער, אַז איך זוך אַ מיידל?

צי ווייסט ער, אַז איך זוך אַן אוצר
און ניט אין דאָרף און ניט אין קלויסטער,
איך זוך אַרום זי אויף די וועגן,
איך קלײַב זיך אָקערשט אויף איר פרעגן.

און פרעגן וויל איך יעדן, פרעגן
און די סימנים אַלע געבן:
די האָר, די אויגן און דאָס פּנים,
נאָר זי ניט אָנרופן בײַם נאָמען.

איר נאָמען וויל איך ניט געטרויען
צו פרעמדע צײַנער אים צו קײַען,
דעם פרעמדן שלונג אים צו פאַרשלונגען,
כ'פאַרטרוי אים ניט די פרעמדע צונגען.

זי איז געוואָקסן אין אַ שטיבל,
אין גאָרטן איז געוואָקסן ציבל
און קרויט, קאַרטאָפל און פאַסאָליעס
און אויף די הענט אירע מאָזאָליעס.

אַ שוועסטער האָט זי ווײַט, אויף מײַלן,
און יענע קראַנק איז, דאַרף מען אײַלן,
איז דאַרף מען איר דאָך עפּעס טראָגן,
און ס׳איז ניטאָ קיין פערד און וואָגן.

איז וועט זי גיין, צופוס זיך לאָזן
דורך שטויב און שטעכלקעס און גראָזן,
נאָר אָנגעטאָן — אַ פרייד צו קוקן
און מיט אַ משׂא אויפן רוקן.

זי גייט אַרום. אויף וועלכע וועגן ?
בײַ וועמען זאָל איך אויף איר פרעגן ?
און ווער וועט מיר אַן ענטפער געבן ?
איך דאַרף זי האָבן ווי דאָס לעבן.

ו

איך גיי אַרום אויף פראָסטע וועגן,
איר ווייסט דאָך שוין, וואָס כ׳האָב צו פרעגן,
אַ פּויער גייט. איך פרעג אים איבער:
צי האָסטו ניט געזען, מײַן ליבער ?

צי האָסטו ניט אין וועג געטראָפן
אַ מיידל מיט אַ זאַק קאַרטאָפל,
אַ יונגע נאָך מיט גרויסע אויגן,
זי טראָגט די משׂא ניט געבויגן.

ער קוקט אויף מיר און ענטפערט ביטער:
אַ מיידל אין אַ גרינעם סוועטער,
זי האָט געשלעפּט זיך מיט אַ זעקל
און קוים געגאַנגען מיטן שטעקן.

אַ גרינער סוועטער ? יאָ, ס׳איז אירער.

נאָר זי — אַ שטעקן פֿאַר אַ פֿירער ?
אַ זעקל — ניט קיין זאַק קיין שווערן ?
דאָ ווייס איך ניט וואָס איבערקלערן.

איך לאָז אין וועג אים שטיין, דעם גייער,
מיר ווילט זיך אים ניט גלייבן זייער,
אַ צווייטער שווימט אַרויס, אַ פּאָרער,
צי וועט דער פּאָרער רעדן קלאָרער ?

איך שטעל אים אָפּ און פֿרעג אים איבער :
צי האָסטו ניט געזען, מײַן ליבער ?
צי האָסטו ניט אין וועג געטראָפֿן
אַ מיידל מיט אַ זאַק קאַרטאָפֿל ?

אַ ייִדיש קינד מיט שיך־און־זאָקן
און מיט געדיכט־פֿאַרקעמטע לאָקן,
אַ יונגע נאָך מיט גרויסע אויגן,
זי טראָגט די משׂא ניט געבויגן.

ער איז מיט מיר אַ ווײַל געשטאַנען
געפּרוּווט אין אַלץ זיך צו דערמאָנען,
אין יעדן איינעם וואָס באַגעגנט
די לעצטע טעג אויף זײַנע וועגן.

ער רעכנט אויס : אַ וואָגן קאָרן,
אַ וואָגן ווייץ איז נאָכגעפֿאָרן,
אַ פֿערד־און־וועגל מיט אַ ייִדן,
וואָס פֿאָרט אַרום אויף די יאַרידן.

און אויפֿן זעלבן וועג אַ ווײַבל,
אַ ווײַבל אין אַ גרינעם לײַבל,
זי האָט די טאָרבע אויף זיך געטראָגן
און נאָכגעשלעפּט זיך נאָך אַ וואָגן.

אַזאַ מין מעשׂה — וואָס זשע הייסט עס ?
צי פּאַסט עס דען פּאַר אירע פּלייצעס,
אַ טאָרבע זאָל זיך טעלעבענדען ?
צו וועמען זאָל איך איצט זיך ווענדן ?

אָט יאָגט אַ רײַטער דאָרט אַן אַלטער,
דאָס ווילדע הייסע פערד פאַרהאַלט ער,
איך מוז צום דריטן מאָל נאָך פרעגן
אַ מענטש, וואָס רײַט אויס אַלע וועגן.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו דעם דריטן,
דער דריטער האָט אין האַרץ געשניטן :
באַגעגנט, זאָגט ער, אַ האָרבאַטע,
אַ ייִדענע אין אַ גרינער שמאַטע.

איך האָב געלאָזט אים ווײַטער יאָגן —
אַ מענטש, אַ הונט, אַ פערד־און־וואָגן —
איך האָב ניט אָפּגעשטעלט שוין קיינעם,
מיר האָט געדאַכט, די וועגן וויינען.

נאָר אַז איך האָב דערזען דעם ייִדן,
וואָס פאָרט אַרום אויף די יאַרידן,
האָב איך אים שלום אָפּגעגעבן
און אים גענומען איבערפרעגן.

איך האָב, זאָגט ער, אין וועג געטראָפן
אַ מיידל מיט אַ זאַק קאַרטאָפל,
אַ ייִדיש קינד מיט שיך־און־זאָקן
און מיט געדיכט־פאַרקעמטע לאָקן.

אַ יונגע נאָך מיט גרויסע אויגן,
וואָס טראָגט די משׂא ניט געבויגן,
ז׳איז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן,

ווי גלײַך זי טראָגט ניט קיין קאַרטאָפל.

ז׳איז ניט געלאָפן, נאָר געפלויגן,
ווי גלײַך דער זאַק װאָלט ניט געווויגן
קיין פינף פוד און נאָך אַריבער,
זי האָט געלאָזט זיך צו די ע׳טיבער.

זי איז צום שטעטל צוגעקומען
און אין אַ גאַס אַרײַנגעשוואומען,
איך האָב זי דאָרט פון אויג פאַרלאָרן,
ווײַל איך געמוזט האָב ווײַטער פאָרן.

כ׳האָב אָפּגעדאַנקט דעם ייִד, געבעטן —
דעם וועג מיר ווײַזן צו דעם שטעטל,
און אַז מיר האָבן זיך געזעגנט,
צעזונגען האָבן זיך די וועגן.

ז

איך האָב זי אומעטום געזוכט,
בײַ אַלעמען אויף איר געפרעגט
און וועמען־וואָס ס׳האָט זיך געדוכט,
האָב איך געזען און דורכגעלעבט.

איך האָב פאַר יעדן פוסטן וואָרט,
וואָס עמעצער האָט ערגעץ ווו
פאַרלוירן אויף אַ פוסטן אָרט,
געקרענקט און ניט געהאַט קיין רו.

איך האָב זיך צוגעהערט צו רייד,
איך האָב צו אַלץ זיך צוגעקוקט,
וואָס האָט איר פנים אויסגעדרייט
און האָט איר רוקן אײַנגעבוקט.

פאַר יעדן גראָבן פאַלשן שטריך,
וואָס מ׳האָט מיט האַס איר צוגעמאָלט,
געשניטן שטיקער כ׳האָב פון זיך
און מיטן לעבן שיִער באַצאָלט.

נאָר סוף־כל־סוף בין איך אַרויף
אויף יענעם וועג, וואָס פירט צו איר,
צום שטילסטן גייַסט, צום שענסטן גוף,
וואָס מ׳האָט פאַרלייקנט אים פאַר מיר.

זי האָט געוואַרט, זי האָט געוווּסט,
אַז ניט אומזיסט פאַרגייט די צייַט
און ניט אַיעדנס וואָרט איז פּוסט;
ער וועט דערפרעגן זיך בייַ לייַט.

סע טרעפט אַ מאַרק זיך, אַ יאַריד,
און מענטשן טויזנטער אויף אים
און צווישן זיי אַן אַלטער ייִד,
וואָס וועט איר זאָגן ווו איך בין...

איך האָב געזוכט זי אומעטום,
געפרעגט בייַ אַלעמען אויף איר
און ס׳האָט דער ייִד געענטפערט: קום,
מייַן בלאָנדזשענדיקער זון מיט מיר.

איך וועל דיר וויַיזן נאָר דעם וועג,
דערנאָך וועסט שוין גיין אַליין,
קיין פרעמדן שטעל ניט אָפּ, ניט פרעג
דאָס אָרט, ווו ס׳וואַרט אויף דיר אַ היים.

דער וואַנדערער

אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק אַרומגעלאָפן,
איצט זיץ איך בײַ מײַן טיש, די קינדער שלאָפן
דאָס ליכט פון פענצטער מײַנעם וואָס איז אָפן,
אַ ייִדן פון יאַריד צוריק האָט אָנגעטראָפן
און אים צו מיר אין הויז אַרײַנגעבראַכט
אין מיטן נאַכט.

„אַ גוטן־אָוונט, האָט ניט קיין פאַראיבל,
בין אויך אַ בעל־הבית פון אַזאַ מין שטיבל,
איצט קום איך פון יאַריד, וואָס מ׳האָט צעטריבן,
און בין אין מיטן וועג דעם בלאָטיקן פאַרבליבן —
איז לאָזט מיך איבערזיצן אויף דער באַנק
דאָ, נעבן אײַער ספרים־שראַנק״.

„און אויב מע מעג פון שראַנק אַ ספר נעמען,
כאָטש מיד בין איך, כ׳וועל שפּעט ניט וואַכן קענען,
מיר וועלן זיך בײַם ספר בלויז באַקענען:
ואלה שמות, אָט זענען אונדזערע נעמען,
זיי גייען איבער, זעט, מדף לדף,
פון בראשית אָן, פון סאַמע וועלט־באַשאַף.״

„די ספרים אונדזערע ברענט מען אָפט אין שײַטער,
די נעמען ברענען ניט, די נעמען גייען ווײַטער,
צוליב די נעמען האָט מען אונדז דערוווײַטערט
פון אַלע שׂימחות אויף דער וועלט פאַרשײַטער —
מיר לעבן שטיל, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט,
מיר לעבן פראָסט.״

„מע גייט אַרום פון איין יאַריד צום צווייטן,
מע טראָגט אויף זיך דאָס שווערע פלייצע־קלייטל,

אַ האָרב מיט שאַלן, טיכעלעך מיט קווייטן —
אַ קעמל אַ באַלאָדענער אויף אַ וועג אַ ברייטן,
נאָר אָפּט מאָל טרינקט מען זיך אין מיטן וועג
און מיטן לעצטן שווימט מען צו צום ברעג."

„די סחורה גייט אַראָפּ צום דנאָ אין גאַנצן,
גזלנים טוען אָן רוסאַלקעס דאָרט, וואָס טאַנצן,
אין טיכעלעך מיט אויסגעמאָלטע קראַנצן,
אין שיכעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן.
אַ ייִד אַנטלויפט פון דאָרט ווי פון אַ בראַנד —
דעם שטעקן און אַ בינטל אין דער האַנט."

„און לויפנדיק דערזעט מען אין דער פינצטער,
אַ שייַן פון ווייַטן אין אַ ייִדיש פענצטער,
דער שטילסטער צייכן פון דער שייַן דער מינדסטער
איז שענער פון דער שׂרפה פון דער שענסטער.
און אַז מע גרייכט צום פענצטער אין אַ גוטער שעה,
איז דאַנקט מען גאָט און מען זאָגט: כ'בין דאָ!"

איך האָב אים נענטער צו דעם טיש פאַרבעטן,
האָב אויפגעוועקט מייַן פרוי דאָס בעט אים בעטן,
צו ערשט מיט היימיש ברויט אים אָנצוזעטן —
דעם אויסגעווייקטן גאַסט, דעם וואַנדערער דעם שפעטן,
דערלאַנגען וואַסער אים צום וואַשן זיך אַ קוואָרט,
באַוואָרענען זייַן בינטל אויף אַן אָרט.

ער האָט זיך אויסגעטאָן דאָס רייַזע־רעקל,
דאָס דורכגעווייקטע פול מיט רייַזע־פלעקן
און, זיצנדיק, זיך אָנגעשפּאַרט אין שטעקן —
דעם אויסגעוואַנדערטן אין אַלע אַלע עקן;
דעם שטערן אָפּגעווישט, די באָרד געגלעט,
זיך אויסגעהוסט און זיך אויף ס'נייַ צערעדט.

עס האָט פון אים געשמעקט ווי פון אַ גערטנער,
זײַן יעדעס וואָרט — אַן עפּל אַ פּאַרווערטער,
ס׳האָט אויך די פרוי אין קיך געהערט די ווערטער,
די נעמען פון באַקאַנטע און פון פרעמדע ערטער —
ער האָט אויף טיש צעשטעלט ווי אויף דער האַנט
די שטעטלעך פונעם גאַנצן לאַנד:

„אַ זאַווערוכע, זאָגט ער, אין פלאָרעשטער געגנט,
אויף בעלצער וועג האָט אים פאַרכאַפּט אַ רעגן,
פון לונגע טרײַבט דער ווינט דעם שטויב אַקעגן
און אומעטום, זאָגט ער, אויף אַלע וועגן —
איז אָדער ווינטער, אָדער זומער, אָדער האַרבסט
און ביזן טויט איז נאָך אַזוי פיל ווערסט.״

ער האָט גערעדט, זײַן בינטל האָט געשוויגן,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, עס האָט געשריגן,
אַז ס׳וויל ניט דאָ אין פרעמדן ווינקל ליגן
און אָנגעהויבן מיטן דיל זיך קריגן,
געבעטן זיך אַהיים, אַהיים צו זיך,
דאָס בינטל מיט אַ העמד, צוויי שיך.

דער ייִד איז מיד און בלײַבט בײַם טישל ליגן,
איך מונטער אים און טו אים אויס די שטיוול,
ער דרעמלט אײַן און שרײַבט אין שלאָף אַ בריוול —
אַ בריוול פון אַ מידן וואַנדערער אַ ייִדן,
אַ בריוול צו זײַן היימישן, שטעטלדיקן גאָט —
געשריבן פון אַ פרעמדער שטאָט.

אַז ווייל איז אים, וואָס האָט מײַן הויז געטראָפן,
אַז ווייל איז מיר, וואָס כ׳האַלט די טירן אָפן,
נאָר וואָס וועט זײַן, דער גורל וועט אונדז שטראָפן
און ביידע וועלן וואַנדערן אָן וואָפן,
און ביידע וועלן וואַנדערן אין אַ וויסטער פרעמד —
אָן בינטלעך און אָן שיך און אָן אַ העמד?

מײַן פערדל

אַ ריזיקע ערד מיט ריזיקע וועלדער,
איך רײַט און איך קען ניט אַרויס צו קיין פעלדער,
איך קוק אויף דער זון דער פון צווײַגן פאַרשטעלטער.

אַ ריזיקע ערד מיט אומענדלעכע וועגן
און ס'וואַקסן בײַ זײַטן פון וועגן — שטעגן,
ווי צווײַגן אויף שטאַמען וואָס וואַקסן פון רעגן.

דאָס פערדל מײַנס שפּאַנט. איך זיץ אינעם זאָטל.
וואָס בין איך? ווער בין איך? איך רײַט אַרום בטל —
איך האָב זיך פאַרוואַנדלט אין וואַלדיקן שאָטן.

ווי קום איך אַהער פונעם סטעפּ פונעם ווײַטן,
ווי קום איך אַהער אויף אַ פערדל צו רײַטן,
ווו לעב איך אַצינד און אין וועלכע צײַטן?

איך פּאַשע דאָ פערד און זיי זענען פאַרגאַנגען —
און איך דאַרף זיי זוכן לויט גלעקער־קלאַנגען,
וואָס זענען בײַ זיי אויף די העלדזער צעהאַנגען.

איז רײַט איך אַרום אין דער וועלט אַרײַן פּוסטע.
איך האָב זיך דערמאָנט דאָ אין נעמען באַוווּסטע —
סע קען זיי דאָ קיינער, קיין בוים און קיין קוסטע.

איך טראַכט — און סע גייט דאָ פאַרלוירן מײַן טראַכטן:
סע שמעקן מיט פינצטערניש דאָ די פאַרנאַכטן,
מיר דאַכט, מײַן פערדלס טריט מיך פאַראַכטן.

מײַן פערדל, סע טראַכט ניט, עס האָט ניט קיין ווערטער,
סע טראָגט זיך אַרום אין זײַן בלוט פול מיט ערטער —
אַזוי ווי דאָס לײַב מיט זײַן זעל דער באַשערטער.

אַ חיה אַ שטומע, אַ קאָפּ פול מיט וועגן,
מיט ביימער, מיט גראָזן, מיט ריטשקעס, מיט רעגן,
וואָס רעגנט אַריין אין זיין פּרדישן לעבן.

און איך אין דער מיט פונעם וואַלד אויף זיין רוקן,
איך ווייס ניט אין וועלכער זייט איך דאַרף קוקן,
צו וועלכן אויסטראַכט דאַרף איך זיך בוקן.

אָט זע איך דאָ ביימער און גראָזן און שוואָמען,
און דאָ קומט אַ וואָרט און אַ גראַם צו אַ נאָמען —
דאָס פערדל בלייבט שטיין ווי פאַר פינצטערע תהומען.

דאָס פערדל בלייבט שטיין און סע וויל זיך ניט רירן,
סע וויל זיך ניט לאָזן פון וואָרט מיינעם פירן —
סע שפּיגלען זיך וועגן אין זיינע געהירן.

זיי פירן, די וועגן, און לאָזן ניט פאַלן —
דעם בער צו דער נאָרע, דאָס פערד צו די שטאַלן,
נאָר איך בין אויף זיי פאַרלוירן, פאַרפאַלן.

כאָטש כ׳האָב אויך אַ שטאַל, כאָטש כ׳האָב אויך אַ נאָרע,
אַ ווייב מיט עטלעכע קינדער, קיין עין הרע —
נאָר איך קען צו זיי ניט גיין און ניט פאָרן.

איז רייט איך אַרום אין דער וועלט אַריין פּוסטע —
איך האָב זיך דערמאָנט דאָ אין נעמען באַוווסטע —
סע קען זיי דאָ קיינער, קיין בוים און קיין קוסטע.

איך קען ניט אַרויס

איך קען ניט אַרויס פון פאַרכּישופטן קרייז פון די לידער,
דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער —
און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער.

איך קען ניט פֿאַרלאָזן דאָס בילד מיט די שאָף און די רינדער,
איך קען ניט פֿאַרלאָזן דאָס הויז מיטן ווײַב און די קינדער —
ווי ס'קען ניט פֿאַרלאָזן דעם שטעקן אַ זקן אַ בלינדער.

מײַן מאַמען פֿאַרלאָזט האָט מײַן טאַטע און געמאַכט אַ טראַגעדיע,
מײַן פֿעטער האָט געמאָלקן אַ באָק און געמאַכט אַ קאָמעדיע —
און איך זוך אַ גראַם כאָטש נאָך איינעם צו קאָמעדיע־טראַגעדיע.

און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער,
דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער —
איך קען ניט אַרויס פֿון פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון די לידער.

דאָס ליכטל

דאָס ליכטל פֿון דײַן קליינער שויב
איז שטילער פֿונעם קלענסטן שטערן;
איך האָב פֿאַרטראַכט אַ שווערן רויב,
אַז קיינער זאָל ניט זען, ניט הערן.

בײַ טאָג בין איך אַ קינד, — און מאָרד
איז ווײַט פֿון קינדערשע געפֿילן;
בײַ נאַכט — אַ גזלן מיט אַ באָרד,
וואָס קען דעם דאָרשט נאָך טאָט ניט שטילן.

איך גיי איצט אויסברעכן דײַן שויב
און אויסלעשן דאָס שטילע פֿײַער.
די האַנט אַ הייב — זי ווערט אַ... טויב,
בײַ וועמען ס'איז דאָס מינדסטע טײַער.

מײַן זיידע איז אויך געווען אַ שרײַער
און שטענדיק זיך געשפּילט מיט פֿײַער.

זעונג

קיינער קומט מיר ניט אַקעגן
אויף די וועגן צו דײַן הויז.
אויך דאָס ליכט, וואָס איך באַגעגן,
רוקט זיך אָפּ און לעשט זיך אויס.

אויך די פענצטער אין די שטיבער
אָנגעצונדענע פאַר נאַכט —
גייען צו דער נאַכט אַריבער,
שטייען פינצטער און פאַרמאַכט.

ס'איז די גאַנצע גאַס פאַרלאָשן,
ניט צו גיין און ניט צו שטיין;
און מיט פינצטערניש פאַרגאָסן
יעדער שטעג און יעדער שטיין.

צינדט זיך אָן אין האַרץ אַ פלעמל,
ווערט מיר ליכטיק אין מײַן קאָפּ;
און דײַן בילד, ווי פון אַ רעמל,
שײַנט פון יעדן דאַך אַראָפּ.

בײַם ווײַס־פאַרשפּרייטן

בײַם ווײַס־פאַרשפּרייטן ברייטן טיש —
אַ העלע שײַן האָט מיך פאַרגאָסן,
דער שלאָף האָט מיר דעם בוך פאַרמישט
און מײַנע אויגן צוגעשלאָסן,
נאָר פאַרבן ווערן ניט צונישט
און ס'חלומט זיך מיר עפּל, ניס
און רויטע אַבריקאָסן.

ווײַזט אויס, דײַן אָטעם האָט באַרירט
מײַן שטערן, אויסגעוועבט פון טרוימען;
מיך האָט צוריקגעשיקט צו דיר
דער שלאָף פון זײַנע טיפע רוימען
און ווו איך טו זיך נאָר אַ ריר,
ליגט אָפן שוין פאַר מיר דער שיר
השירים פונעם מלך שלמהן.

אַיעדער אות פון ספר גליט,
די בלעטער ברענען פאַר די אויגן,
נאָר דו — אין מיטן פונעם ליד —
דו שטייסט אַ קאַלטע אויסגעצויגן.
איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך,
צי קניִען, אויסגעטאָן די שיך —
מײַן פראַכט, מײַן רעגן־בויגן.

איך בייג אַראָפּ מײַן קאָפּ צו דר'ערד,
דו קוקסט צו מיר אַראָפּ פון אויבן;
דו האָסט אַזוינס נאָך ניט געהערט —
אַזוי פיל זינגעניש און לויבן.
דו האָסט צום זינגען מיך געבראַכט,
מײַן רעגן־בויגן און מײַן פראַכט —
מײַן הייליקטום, מײַן גלויבן.

שפּעט

שפּעט.
איך האָב זיך אַ ביסעלע איבערגערעדט
און ניט געזען ווי סע טאָגט אויפן בעט
פון איר באַזונדערן צימער.

וואָס עלטער מע ווערט, ווערט מען פרומער,
נאָר מיר ווערן ייִנגער, ייִנגער,
און ס'קנאַקן בײַ ביידע די צינגער
אַקעגן גאָט און לײַט,
און ערגעץ הינטערן רוקן,
וווּ קיינער פון אונדז קען ניט קוקן,
דאָרט לאַכט פון אונדז די צײַט.

ס'איז שפּעט.
איך רעד און איך רעד און איך רעד,
מײַן וואָרט איז דער קוש און דער גלעט —
כ'דערצייל איר אַ מעשׂה פון איינעם אַ מלאך,
וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַ שד.
אַ מלאך זיצט איבער אַ שד געבויגן
און שפּיגלט זיך אָפּ בײַם שד אין די אויגן,
דער מלאך טוט אויס זיך פון זײַנע פליגל
און קריכט אויף די קני אַרײַן אין שפּיגל.

ס'איז שפּעט.
ס'טאָגט און ס'איז ווידער פרי.
איך רעד און איך רעד
און זי —
זי קריכט דעם מלאך נאָך אויף די קני,
דעם ווײַסן מלאך פון מײַנער אַ מעשׂה,
וואָס האָט פאַרלאָזט די פליגל די ווײַסע,
די ווײַסע ווי שניי,
די פליגל די צוויי.
ווי שפּרינגט מען אַריבער איבער זיי ?

אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט

אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט פון איין עק ביזן צווייטן,
קום איך אָבער צו דײַן שוועל, פּיל איך שווערע קייטן
אויף די פיס און כ׳פּיל, אַז כ׳קען די שוועל ניט איבערטרעטן,
כ׳טראָג נאָך אין מײַן בלוט אַרום דאָס ווילדע קליינע שטעטל.

אין דײַן שטוב איז שטאָטיש הויך, דו ביסט אַזוי שטאָטיש איידל,
שמייכלסט ווי די זונענשײַן אויף דײַן אָפּגעצויגן קליידל,
דו ביסט שיין און איך בין ווילד, פול מיט בושה ווי אַ שאָטן
פון אַ בוים אין טיפן וואַלד, פון די חיות אויסגעטראָטן.

ווי אַ מיידל פון אַ צירק גייסטו, דײַנע אויגן גלאַנצן
און דו פּירסט מיך ווי אַ בער, וואָס מען לערנט אים ערשט טאַנצן,
שטעלסט מיך פאַר פאַר דײַנע געסט, פרײַע לעפל־גאָפּל־עסער —
מײַנע קרומע אויגן שטעכן ווי אַן אַלט קאַווקאַזער מעסער.

דײַנע געסט צעגייען זיך, ס׳איז מיר שווער מיט דיר צו בלײַבן,
גרינגער וואָלט מיר איצט געווען דיר אַ ליבע־ליד שרײַבן
אין מײַן צימערל אַליין, ווו סע הענגען אַלטע בילדער
פון מײַן שטעטל, פון מײַן היים, פון דער הינטער־גאַס דער ווילדער.

לייגסט אַרויף אויף מיר דײַן האַנט, קוקסט אַרײַן מיר אין די אויגן
און דײַן קליינע האַנט איז שווער, גלײַך זי וואָלט אַ פּוד געווויגן
גרינגער וואָלט אַ קאַסטן אײַזן איצט געווען פאַר מײַנע פּלייצעס,
ווען דו לערנסט מיך באַנעמונג און דו גיסט מיר קלוגע עצות.

פון דײַן ווײַזן שטראָמט אַ כוואַליע מיט די וואַרעמסטע פּאַרפומען
אויסגעגאָסן אויף דײַן קערפּער, איידער נאָך איך בין געקומען,
האָסט די פרישקייט אײַנגעהאַלטן און געהיט געטרײַ, געדולדיק,
אָנגעשיכורט פון די ריחות שטיי איך קעגן דיר פאַרשולדיקט.

און איך בעט ביי דיר פאַרגעבונג, וואָס איך האָב צו דיר פאַרשפּעטיקט
אויף אַזוי פיל לאַנגע יאָרן און איך האָב זיך אָנגעזעטיקט
מיט די שווייסן פונעם שטעטל, ניט געוווּסט דיך ווו צו זוכן
און געקומען אַ פאַרגרעבטער צו די איידלסטע געררוכן.

אַליין

שפּעט בייַנאַכט, אין שטוב אַליין,
דרייַ לאַנגע שעה שוין און איך מיין,
אַז כ׳בין פון אייביק אָן אַליין.

און כאָטש איך ווייס, אַז ניט די שפּראַך,
און ניט די ווענט, און ניט דער דאַך —
איז ניט פון מיר אַליין געמאַכט.

און כאָטש איך ווייס, אַז ניט פאַר זיך
איך שרייַב אַצינד אָט דאָס געדיכט —
איך האָב אין אויג דייַן קלאָר געזיכט.

און כאָטש איך ווייס, ווי נאָר סע טאָגט,
ווי נאָר דער זייגער זיבן שלאָגט,
דו קומסט, ווי דו האָסט צוגעזאָגט.

דאָך פיל איך איצט, איך בין אַליין
און כ׳לאָז ביז טאָג ניט אונטערגיין
אָט דאָס געפיל, דעם פאַלשן מיין,
אַז כ׳בין פון אייביק אָן אַליין.

אַ דיינינקער שניי

אַ דיינינקער שניי אויפן גלאַטן אַספּאַלט,
מיר גייען מיט קורצינקע טריט ;
מײַן ווײַבל איז יונג און מײַן מאַמע איז אַלט
און איך צווישן זיי אין דער מיט.

מײַן ווײַבל זי טוט זיך אַ גליטש, טוט אַ קוויטש,
מײַן מאַמע — אַ פּאַל און אַ קרעכץ
און איך אין דער מיטן פון פּאַל און פון גליטש —
אין מיטן פון לינקס און פון רעכטס.

מײַן ווײַבל זי טוט מיך אַ שלעפּ און אַ דריי,
צעלאַכט זיך אַזוי ווי די זון ;
מײַן מאַמע הייבט אויף זיך אַליין פונעם שניי
און לאָזט מיך ניט פאַלן — דעם זון.

מײַן ווײַבל, זי שטעלט מיר אונטער אַ פוס,
איך פיל, אַז איך ברעך רוק און לענד ;
מײַן מאַמע הייבט אויף מיך און איך — איך קוש
מײַן... ווײַבל אין קאָפּ, אין די הענט.

אַ דיינינקער שניי אויפן גלאַטן אַספּאַלט,
מיר גייען מיט קורצינקע טריט ;
מײַן ווײַבל איז יונג און מײַן מאַמע איז אַלט
און איך צווישן זיי אין דער מיט.

די תּפילה פון אַ פרוי

און מיר איז גוט, ווען איך שטיי אַזוי
פאַר דיר מיט געבויגענע קני,
ערשט איצטער פיל איך, ווי דער פרוי
איז גוט צו זײַן אַ זי.

ערשט איצט פֿאַרשטיי איך אים, דעם מאַן,
וואָס וויינט אַזוי זעלטן־ווען —
ער וואָלט דאָך אויך אויף יעדן שפּאַן
געוויינט ווי איך, ווען ער קען.

אַ מאַן קען אויפהייבן אין דער הייך
אַ שטיין, וואָס איז גרויס און שווער,
נאָר מיר, אַז אַ קינד נעמט דרייען אין בויך —
איז וואָס קענען מיר דען ער?

און אַז דאָס קינד גיט זיין ערשטן שריי,
צעפלאַמט זיך אין מיר מיין גליק.
דער מאַן שטייט שווייגנדיק דערביי
און קאַלט ווי אייז אַ שטיק.

„שלא עשׂני אשה" זאָגט
דער מאַן דיר אין דער פרי —
רבונו של עולם, גלייב ניט זיין זאָג,
דו גלייב דער גליקלעכער זי.

ווייל ער זאָגט די ווערטער אָפּ אויף גיך,
זיי קייקלען זיך טרוקן און האַרט,
און פילט דערביי ער האָט אי דיך
אי זיך אַליין גענאַרט.

און איך, אַז איך שטיי פֿאַר דיר אין געוויין,
אין ווייטיקן און אין צער,
דערפיל איך אַ זיסקייט אינעם שטיין
פֿאַר דיר מיט געבעט, מיין האַר.

איך בעט דיך ניט דו זאָלסט פון לייד
באַפרייען מיך ווי דעם מאַן,

נאָר גיב מיר קראַפֿט און איך בין גרייט
זיך איינשפּאַנען אין שפּאַן.

און שלעפּן, שלעפּן נאָך אַנאַנד
די ווייען אין מײַן שויס,
נאָר האַלט מיך פעסטער אין דײַן האַנט
און לאָז מיך פון איר ניט אַרויס.

דעם ווילדן טרויער

אונדזער ערשטלינג ריינעלען, וועמענס יונגע ביינדעלעך
מיר האָבן געלאָזט אין די אוזבעקיסטאַנער זאַמדן.

דעם ווילדן טרויער איידל אויס,
ניט שלאָג זיך מיט די הענט אין קאָפּ,
פאַרוויג דײַן ווײ ווי בײַ זיך אין שויס
און לאָז די אויגן טיף אַראָפּ.

דערמאָנסט זיך נאָך אַ מאָל אין קינד,
דער ווײ איז גרויס, איך פיל, איך ווייס,
נאָר מיט די האָר צעלאָזט אין ווינט,
געפינסט אין ערגעץ ניט קיין טרייסט.

און יעדער וואָרט, וואָס קומט פון מויל,
וואָס רײַסט זיך שרײַענדיק פון האַלדז,
לאָז איבערברענען, ווערן קויל —
און מיש עס מיט דײַן ברויט און זאַלץ.

און שטעל בײַם פענצטער זיך פאַר טאָג,
און ווען דו זעסט, די זון גייט אויף,
פאַרלייקן ניט, נאָר גיי און זאָג:
אַז — יאָ, איך זע, די זון גייט אויף...

לאָמיר

לאָמיר אויף די גראָזן זיך אַנידערזעצן
דאָ, צופוסנס פונעם שטראַל דעם לעצטן

און זיך אונטערהערן צום גערויש פון אָוונט
און צו דער נאַכט, וואָס איז שוין נאָענט נאָענט.

ווי אַ שאַל אַ וואָלענער, אַ ברייטער
וועט די נאַכט אונדז אײַנהילן די פּלייצעס.

לאָמיר איינער אינעם צווייטנס פּנים
קוקן ווי אַן איינזאַמער קוקט אויף דער לבנה.

אין דער נאַכט דער גרויסער האָבן מיר ניט קיינעם,
לאָמיר אינעם חושך האַלטן זיך אין איינעם.

קאַרטאָפל

איך האָב הײַנט אַ זעקל קאַרטאָפל
געבראַכט פונעם מאַרק אויף די פּלייצעס,
ווען דו האָסט אין האָלצשײַט געטראָפן
און פינקטלעך צעצווייט עס.

דו האָסט אויף די שפּענדלעך געוויזן,
אַז איך זאָל אַ פײַער צעבלאָזן.
מיר האָבן אויף ערדענעם דיל זיך
געזעצט ווי אויף גראָזן.

מיר האָבן פון ערדענע שיסל
מיט הילצערנע לעפל געגעסן
און האָבן אַ ביסל, אַ ביסל
פאַרגעסן, פאַרגעסן.

אַ האַלב — דו

אַ האַלב — דו און האַלב — אַן אויסגעטראַכטע,
אַט זיצן מיר אין טעג אין שוין פֿאַרבראַכטע,
איך רעד צו דיר און ענטפֿער מיר פֿאַר דיר —
און גוט איז מיר, בשעת איך פֿאַנטאַזיר —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז די אײַזערנע טיר.

אַ האַלב — דו און האַלב — אַן אויסגעקלערטע,
ס'איז גוט, ווען ווערטער ווערן אויסגעהערטע,
דו שטייסט מיר פֿאַר די אויגן ווען איך וויל —
און ווי איך וויל — אי רוישנדיק, אי שטיל —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז דער צעמענט־דיל.

אַ האַלב — דו און האַלב — די שוועסטער דײַנע,
די ברוגזע, די קרובה מיט אַ טענה,
אַט שווערט זי זיך, אַז מערער קומט זי ניט —
און קומט דאָך פֿאַרט און ברענגט אַ טעלער פֿיש —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז דער פּוסטער טיש.

אַ האַלב — דו און האַלב — אַ פֿרעמדע, ווײַטע,
וואָס לאָזט זיך באַלד אויף אַנדערע פֿאַרבײַטן,
נאָר טו איך אין דער הייך מײַן בליק אַ הייב —
דערזע איך דיך, מײַן איינציקע, מײַן טויב —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון — די פֿאַרקראַטעוועטע שויב.

אַ האַלב — דו — און האַלב — די אַנדערע אַלע
ווי טענצערינס אַרום דער טאַנצנדיקער כּלה,
זיי דרייען זיך ווי פֿונקען אַרום פֿלאַם —
און יאָגן זיך נאָך תּיקון, נאָך אַ גראַם,
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז דער חלל סתּם.

אַ האַלב — דו און האַלב — דײַן העלפט די צווייטע,
און אַלע דײַנע קליידער געוואָרן אויף דיר ברייטע,
ביסט אויסגעהאָרעוועט און אָפּגעמאָגערט, מיד —
אין אַלע מײַנע זעונגען — דו שטייסט אין סאַמע מיט —
דער טאָוול פאַר מײַן דמיון איז דער שניי וואָס שיט.

אַ בריוו צו מײַן פרוי

איך בין דער לעצטער לייענער
פון דײַנע בריוו צו מיר;
דאָס הייסט: איך בין ניט איינער —
אַ פרעמדער לייענט זיי פריִער.

דאָס הייסט: אַז „טײַערער, ליבער"
און ווי דו רופסט מיך דאָרט,
אַ פרעמדער וועגט זיי איבער —
די וואָג פון יעדער וואָרט.

פאַראַן אַ וואָרט אַ פעדער,
פאַראַן אַ וואָרט אַ פוד;
פאַראַן אַ וואָרט אַ נדר —
אַ וואָרט וואָס טריפט מיט בלוט.

פאַראַן אַ וואָרט אַ שרײַער,
וואָס הייבט זיך אויף פון מויל
און שפרינגט אַרײַן אין פײַער
און ווערט פאַרברענט אויף קויל —
פאַר דעם, וואָס איז אים טײַער,
פאַר דעם, וואָס איז אים וויל.

פאַראַן אַ וואָרט אַן ענוו,
אַ שטילס, אַ זיס ווי ווײַן,

וואָס שווימט ווי די לבנה
דיר גלײַך אין האַרץ אַרײַן.

פאַראַנען ווערטער קלאָרע,
וואָס זאָגן יאָ (צי ניין),
פאַראַן אַ וואָרט אַ סברא,
וואָס גלייבט ניט זיך אַליין.

פאַראַן אַ וואָרט אַן אמת,
אַ וואָרט, אַן ערנוואָרט —
פאַראַן אַ וואָרט אַ רמז,
אַ וואָרט, וואָס שפּילט אַ קאָרט.

אַ וואָרט לאָזט אָפּט אַ צייכן,
אַ וואָרט צערינט ווי רויך,
פאַראַנען ווערטער הויכע
און פּראָסטע ווערטער אויך.

אַ פּראָסטער גוטער מאָרגן,
אַ פּראָסטער גוטער יאָר,
פאַראַן אַ וואָרט פול זאָרגן,
וואָס מאַכט דיר גרוי די האָר.

דו שרײַבסט מיר, אַז די קינדער
זיי זענען הויל און בלויז;
דו שרײַבסט מיר, אַז דער ווינטער —
ער נעמט אַרום דאָס הויז.

דו שרײַבסט מיר, אַז איך פעל דיר
אויף יעדן טריט און שריט —
איך זע עס דורך די וועלדער,
נאָר קומען קען איך ניט.

איך װאָלט צו דיר געגאַנגען
אַ באָרװעסער צופוס,
אין פעלד װאָלטן די זאַנגען
גענײגט זיך און געגריסט.

איך װאָלט צו דיר געפלױגן —
אַ פױגל אין דער לופט —
און װאָלט פאַר דײַנע אױגן
אַװעקגעשטעלט מײַן גוף.

דו װאָלסט מיך אױסגעבאָדן,
דערלאַנגט אַ פּאָרל װעש,
די קרובים אײַנגעלאַדן
און פרײַנד פון מאַרקולעשט.

נאָר דאָס איז אַלץ אַ קױמען,
איך רײץ זיך נאָר דערמיט —
איך קען דערפון נאָר טרױמען,
נאָר קומען קען איך ניט.

איך קען צו דיר ניט פאָרן,
איך קען צו דיר ניט גײן,
מײַן משפט איז אױף יאָרן
און אױסגעקריצט אױף שטײן.

איך גלײב דיר, אַז דו װילסט מיך,
איך גלײב אין דײַן באַגער,
איך טראָג אױף מײַן געװיסן
דײַן בענקשאַפט און דײַן טרער.

איך טראָג אױף מײַן געװיסן
מײַן אומשולד און מײַן שטראָף —

דעם ביינערדיקן ביסן,
דעם שטיינערדיקן שלאָף.

ס׳איז יעדן זײַנס פֿאַרשריבן,
נאָר ס׳טרעפֿט זיך אויכעט גראָד,
ווען ס׳ווערט אַ דור צעריבן
פֿון דער געשיכטעס ראָד.

דו שרײַבסט: „ביסט מײַנער, מאיר,
און דײַנע קינדערס נאָר,
איך בין ניט קיין פֿאַרשטייער
פֿון ראָד, געשיכטע, דור״.

דו שרײַבסט מיר: „ס׳איז דײַן גורל
צו זײַן דעם ווײַב אַ מאַן,
כ׳האָב קינדער דיר געבוירן,
איז שלעפּ מיט מיר דעם שפּאַן״.

דו שרײַבסט מיר, בעלאַ מײַנע,
דו שרײַבסט מיר און איך לייען:
„זײַ מוחל מיר מײַן טענה,
זײַ מוחל מײַן געוויין״.

דו שרײַבסט: „עס איז מײַן גלויבן,
עס איז מײַן זיכערקייט,
אַז עפּעס קומט פֿון אויבן,
אַז עפּעס קומט פֿון ווײַט.

עס קלאַפּט שוין אין די שויבן,
עס קלאַפּט שוין אין דער טיר,
עס איז מײַן טיפֿער גלויבן,
איך הער דיך נאָענט פֿון מיר״.

דו שרײַבסט... איך לייען דײַן שרײַבן
און פיל ווי עפּעס הייבט
זיך אויף און טוט מיך טרײַבן
צו דיר, צו דיר וואָס גלייבט.

דײַן בריוו האָט זיבן וואָכן
געבלאָנדזשעט ביז צו מיר,
נאָר כ׳גלייב אין דײַן בטחון,
ווײַל כ׳גלייב אין דיר, אין דיר...

איך בין דער לעצטער לייענער
פון דײַנע בריוו צו מיר
און מיר פאַר דײַנע ביינער!
און מיר זאָל זײַן פאַר דיר!

אידיליע

איך פלי ווי אַ פויגל אַוועק פון מײַן נעסט
און ברענג אַ פּאָר קערנדלעך: קינדערלעך, עסט!
די קינדערלעך פּיקן אַ פּיק נאָך אַ פּיק,
דער טאַטע איז געפלויגן אַהין און צוריק,
דער טאַטע איז געפלויגן, אָט זעט, ווי ער פליט,
די מאַמע איז געבליבן און האָט אונדז געהיט;
עס האָבן צעקריגט זיך דער בוים מיטן ווינט,
די מאַמע האָט געטוליעט צום האַרץ יעדעס קינד.

איך פאָר ווי אַ פורל אַוועק פון מײַן היים
און ברענג פאַר די קינדער צו שפּילן זיך ליים,
די קינדער זיי קנעטן אַ וואָלף אויס, אַ בער,
דער טאַטע איז געפאָרן אַהין און אַהער;

דער טאַטע איז געפֿאָרן, אָט זעט, ווי ער פֿאָרט,
די מאַמע איז געבליבן אין דער היים אויף אַן אָרט;
די מאַמע האָט די בערן אַרויסגעקערט
און האָט אונדז אַ מעשׂהלע אויסגעקלערט.

איך שווים ווי אַ שיפל אָפּ פונעם ברעג
און ברענג פֿאַר די קינדער אַ פישל בײַם עק;
די קינדערלעך פּאַקן דאָס פישל בײַם קאָפּ,
דער טאַטע האָט געוויגט זיך אַרויף און אַראָפּ,
דער טאַטע האָט געוויגט זיך, עס האָט אים געגליקט —
צי האָט אים די מאַמע צום וואַסער געשיקט?
זי האָט ניט קיין גליקן קיין גרויסע געוואָלט,
זי דאַרף ניט די מאַמע קיין פישלעך פון גאָלד.

איך גיי ווי אַ וואָגלער אַוועק פון מײַן שוועל
און ברענג אויף די פּלייצעס אַ זעקעלע מעל;
די קינדערלעך שטעלן דאָס זעקל אַוועק —
דער טאַטע איז געגאַנגען צופוס אַזאַ וועג,
דער טאַטע איז געגאַנגען, אָט זעט ווי ער גייט;
די מאַמע האָט זיך לאַנג צו זײַן קומען געגרייט —
די מאַמע האָט געוואַשן, געקאָכט און געקערט
און לאַנג צו דער טיר זיך צוגעהערט.

מיר האָבן דערגרייכט

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פענצטער און איך בײַ דער טיר,
בײַ דער אָפענער טיר. מיר קוקן אַרויס,
דו זאָגסט, אַז דער זומערטאָג איז גרויס
און איך — אַז דער זומערטאָג איז הייס.
דו זאָגסט, אַז די היץ איז פון דער גרייס

פונעם זומערטאָג און איך זאָג, אַז ניין.
ווי קומט עס, אַז דו זאָלסט ניט פֿאַרשטיין,
אַז די היץ קומט פּשוט פון דער זון! —
און ס'ווערט צווישן אונדז אַ קריג דערפון.

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פענצטער און איך בײַ דער טיר,
דו זאָגסט, אַז די קאַרשן זענען זיס
און מ'פילט זייער זאַפט פונעם ערשטן ביס
און איך — אַז פון זיי טוט דער בויך מיר וויי;
איז טרינקט מען, זאָגסטו לינדנטיי.
איך זאָג, אַז די טיי האָט מײַן באָבעס טעם,
צעוויינסטו זיך, ביסט גערעכט מן הסתם,
ווײַל דו ביסט אַ באָבע, נאָר וואָס איז די קלאָג?
איך בין דאָך אַ זיידע פונעם זעלבן טאָג.

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פענצטער און איך בײַ דער טיר,
ווײַל פון דער טיר איז נענטער אַהין...
צעזשומעסטו זיך אַזוי ווי אַ בין
און נעמסט מיטן זשום דעם קאָפּ מיר אַרום
און טענהסט, דו ווילסט ניט הערן דערפון,
דו טענהסט און קלאָגסט און שרײַסט געוואַלד!
מיר זענען דאָך גאָר ניט אַזוי אַלט!
און כּדי מיך אַוועקנעמען פון דער טיר
איז בעטסטו באַדײַ זיך איבער מיט מיר —
מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.

דער גט

האָרעווען, האַדעווען געסט —
אפשר געפעלט דיר דער גורל ?
מיר שאַף אַ רויִקע נעסט,
ליגן און לייענען פאַרלוירן.

מיר גיב אַ בוך און אַ ליכט,
וואַרעמע לופט אויף די פלייצעס,
קוק מיט אַ רויִק געזיכט,
כ׳בעט דיך, אָן טענות, אָן עצות.

זעץ זיך אַוועק אויף מיַין בעט —
אויב דיר ווילט זיך מיך הערן,
אויב דיר ווילט זיך אַ גט ? —
שריַיב אָן אַ מעלדונג די שטערן.

שריַיב דער לבנה און שיק
אָפּ די מעלדונג מיט אָקסן,
ביז די פּאָטשט קומט צוריק,
קאָך אָפּ אַ יויך מיט לאָקשן.

באַק אָפּ אַ בעקן געבעקס,
באַק אָפּ אַ לעקעך אַ דיקן,
שניַיד אָפּ אַ שטיקל אַן עקסט,
שניַיד אָפּ אַ מיטלסט שטיקל.

זיד אויף אַ טשיַיניק מיט טיי,
איַינגעמאַכטס שטעל און מאַראַנצן,
גיס אָן די גלעזער די צוויי,
זאָלן די גלעזער גלאַנצן.

לאָמיר דעם גט אָן געסט
פּראַוווען, אָן פֿרײַנד, אָן קרובים,
ס׳איז רויִק אין אונדזער נעסט
מיטן וואַרעמען אויוון.

לאָמיר זיצן אַזוי
ביז אין דער טיפֿער עלטער,
דו — מײַן געוועזענע פֿרוי,
איך — וואָס געווען דײַן באַשערטער.

אפשר בײַם סוף פֿון די טעג —
אין דער שעה אין דער לעצטער —
וועלן צוריק פֿונעם וועג
קומען די אָקסן צום פֿענצטער.

קומען און ברענגען אַ בריוו
בײַ דער שײַן פֿונעם לעמפּל
מיט די שטערנדלעכס שריפֿט,
מיט דער לבנהס שטעמפּל.

אַלע ווײַסע הײַזער

אַלע ווײַסע הײַזער זענען קויטיק,
נאָר דיין לײַב איז ריין און רויזנהויטיק.

ס׳איז דײַן לײַב — ווי פֿריִע עפּל ראָזע,
שמעקט און וועקט מײַן מענערישע העזה.

אין אַ הײַזל — קליין און ענג פֿאַרביידן —
קוועלט דער קוואַל פֿון אַלע גרויסע פֿריידן.

קוואַלן האָבן אויך זיך ליב באַהאַלטן
פאַרן דרויסנדיקן רעגן פאַרן קאַלטן.

אַלע ווײַסע הײַזער אויפן רעגן
ווערן קויטיק, בלאָטיק ווי די וועגן.

נאָר דײַן לײַבֿ איז ריין און רויזנהויטיק,
שמעקנדיק און פריש און ווייצנברויטיק.

כ׳האָב אין אים ווי אין אַ וואַסער קלאָרן
אויסגעבאָדן מײַנע יונגע יאָרן

און אַרויס אין דרויסן אויפן רעגן
און געוואָרן קויטיק, בלאָטיק ווי די וועגן.

איצט קום איך צוריק צו דײַנע ברעגעס
מיט חרטה־לידער און עלעגיעס.

ס׳האָט יעדער מענטש

ס׳האָט יעדער מענטש אַ פאַלשן פרײַנד, ס׳האָט יעדער מענטש אַזעלכן ;
און יעדער מענטש איז עמעצן אַליין אַ פאַלשער פרײַנד.
און איך האָב אויך אַ פאַלשן פרײַנד, איך ווייס אויך וועמען, וועלכן,
נאָר וועמען פאַלש בין איך געווען, איך גריבל זיך ביז הײַנט.

זאָל זײַן, אַז דיר, מײַן ליבע פרוי, האָב איך אַמאָל געליגנערט,
ווען כ׳האָב דײַן טיי צו זיס געמאַכט און דיר געזאָגט, ניט איך ;
און כ׳האָב אַמאָל אויך צווישן פרײַנד פאַרהאַלטן זיך, פאַרשיכּורט
און דיר געזאָגט, אַז כ׳האָב אין פאַרק געשאַפן אַ געדיכט.

און כאָטש דו ווייסט, אַז אין קיין פאַרקן שאַף איך ניט קיין לידער
און ניט אין שענק און ניט אין קלוב צי אין פאַראיין,

האָסטו געגלייבט מיר, וואָס איך זאָג, דו האָסט מיר ניט דערווידערט,
ביז וואַנען כ׳האָב דעם גאַנצן אמת דיר דערציילט אַליין.

ס׳האָט יעדער מענטש אַ פֿאַלשן פֿרײַנד, ס׳האָט יעדער מענטש אַזעלכן ;
און יעדער מענטש איז עמעצן אַליין אַ פֿאַלשער פֿרײַנד.
און איך האָב אויך אַ פֿאַלשן פֿרײַנד, איך ווייס אויך וועמען, וועלכן,
נאָר וועמען פֿאַלש בין איך געווען, איך גריבל זיך ביז הײַנט.

געפֿונען

ס׳האָט אַמאָל מיט מיר געטראָפֿן
(ס׳טרעפֿט מיט מיר זיך אָפֿט),
ניט געווען אין שטוב אַפֿילו קיין קאַרטאָפֿל
און דאָס געלט, וואָס כ׳האָב געהאָפֿט
צו באַקומען,
איז ניט אָנגעקומען —
ס׳האָט פֿאַרהאַלטן זיך דער האָנאָראַר פֿאַרן לעצטן נומער.
בין איך אומגעלאָפֿן ערגעץ באָרגן,
כאָטש אַ צענערל, אַ פֿינפֿערל ביז מאָרגן־איבערמאָרגן ;
אומגעגאַנגען אַ פֿאַרכמורעטער פֿון זאָרגן,
אַ פֿאַרוואָלקנטער, פֿאַרשוואַרצטער און געשוויגן,
גיי דערווײַז דעם שכן, אַז ער זאָגט אַ ליגן,
ווען ער זאָגט, ער וואָלט געליגן,
נאָר ער האָט ניט איצטער.
אומגעגאַן בין איך אין אַ קאַלטן רעגן אַ פֿאַרשוויצטער
און אַרײַן צום לעצטן שכן — זיצט ער
גראָד און ציילט ממתּקים מיט די פֿלינקע הענט
און די שאָטנס פֿון די הענט טאַנצן אויף די ווענט.
האָט ער מיר שוין אָפּזאָגן, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקענט
און געגעבן מיר דאָס פֿינפֿערל און מיך גלײַך געבעטן.
אַז ווי נאָר כ׳וועל באַקומען ס׳געלט פֿון די גאַזעטן
זאָל איך תּיכף ברענגען אים דאָס געלט,

ווײַל גראַד די פינף רובל אים צום חשבון פעלט.
איך האָב אויכעט אַנדערש ניט געטראַכט
און געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

כ'בין אַרויס און כ'האָב געפילט, אַז מײַן פנים שײַנט,
אַז די שכנים אַלע זענען מײַנע פרײַנד,
אַז די מענטשן זענען גוט און צוגעלאָזט
און ס'איז זיס דאָס ווינטל, וואָס סע בלאָזט,
און סע וואַקסן גראָזן אויף דער ערד
פונעם רעגן, וואָס האָט אָקערשט אויפגעהערט
און דער עיקר זי, דאָס גוטע ווײַבל,
וועט מיך מערער נאָך הלוואות שוין ניט טרײַבן;
וועל איך קענען זיצן רויִק און מיר שרײַבן,
רויִק שרײַבן דאָס איז דאָך דאָס שטרעבן
פון מײַן גאַנצן אומרויִקן לעבן,
פון די ערשטע טריט מײַנע ביז הײַנט.
גײ איך פריילעך מיר אַהיים, דאָס פנים שײַנט,
כ'פאַל אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ מזל טוב!
— כ'האָב געפונען סוף־כל־סוף...
פרעגט דאָס ווײַבל מיך: פאַר וואָס ניט אַ גוט יום־טוב!
זעסט דאָך אויס, ווי וואָלסט געירשנט אַ מאַיאָנטיק...
הער שוין אויף מיט דײַנע חכמות — זאָג איך צו איר שטרענג!
כ'לייג אַרײַן די האַנט אין קעשענע און געפין אַ קרענק,
ניט צו אײַך געדערט. ניט געלייגט, ווײַזט אויס, אַדאָ,
זוך איך אין דער צווייטער, איז דאָרט אויך ניטאָ.
ווערט פאַרכמורעט מיר דאָס פנים ווידער,
ווי סע טרעפט אַ מאָל זיך, ווען איך זיץ בײַ מײַנע לידער —
און איך זוך דאָס וואָרט וואָס איך פאַרליר
אויפן וועג צו דעם פאַפּיר.
איצט האָב איך דאָס פרעמדע געלט פאַרלאָרן,
וואָס איך קען עס ניט געפינען, ווי דאָס וואָרט מיטן זכּרון,
און איך פיל בפירוש: דער קאָפּ ער ווערט מיר גרוי

פון ניט וויסן ווען און ווו און ווי אַזוי —
דאָס פּנים ווערט אַלץ טונקעלער, ווערט שוואַרץ
און סע לייגט אַ שטיין זיך אויפן האַרץ
און די הענט אַלץ זוכן, קערן אַלע קעשענעס מיר איבער,
ביז איך שרײַ אויס ווידער צו מײַן ליבער:
— מזל טוב!
כ'האָב געפונען סוף־כּל־סוף!
— וואָס? דאָס געלט,
וואָס האָט אָקערשט דיר געפעלט?
— וואָסער געלט און וואָסער שמעלט, מײַן ליבע,
כ'האָב געפּאַקט אין קעשענע דעם לאָך, די סיבה —
און דאָס פּנים שײַנט מיר ווידער.

אויס

שפּעט בײַ נאַכט, איך שלאָף און הער,
אין חלום רעדט אַ בער,
סע ברענט דער ים,
און פלאַקערט מיט אַ קנאַקנדיקן פלאַם;
סע רוישט דער רוים,
אַז איך הער דעם בער שוין קוים —
און דאָך איך הער,
סע רעדט דער בער
און קלאָר אַזוי —
און מוסר זאָגט דעם וואָלף אַ שאָף;
ביז וואַנען ס'וועקט מיך אויף מײַן פרוי —
„דו רעדסט פון שלאָף!"

און אויס:
און ניט קיין בער און ניט קיין ים;

און ניט קיין רייד און ניט קיין פּלאַם ;
און ניט קיין וואָלף און ניט קיין שאָף —
און ניט קיין שלאָף !

און איצט בין איך אַליין

און איצט בין איך אַליין, מײַן ווײַבל איז אין מאַרק,
די קינדער אין דער שול, איז קוק איך אויפֿן באַרג,
וואָס שטייט אַקעגן פֿענצטער — ער הערט ניט אויף צו שטיין,
אַפֿילו ווען איך בין אויך ניט ווי איצט אַליין.

ער הערט ניט אויף צו שטיין, וואָס הייסט עס, זאָגט מיר, שטיין ?
פֿאַר וועמען שטייט דער באַרג, צי דען פֿאַר זיך אַליין ?
ניט שטענדיק גייט מײַן ווײַב אַוועק דאָך אויפֿן מאַרק,
ניט שטענדיק לאָזט מײַן ווײַב מיך קוקן אויפֿן באַרג.

פֿאַר וועמען שטייט דער באַרג, ווען איך בין אויף מײַן אַמט,
ווען איך בין אויפֿן מאַרק, וואָס ווערט מיט באַרג געגראַמט,
ווען איך אין קעלער גיי נאָך אַ שיסל קרויט,
ווען איך אין קלייטל גיי נאָך אַ לאַבן ברויט ?

פֿאַר וועמען שטייט דער באַרג, ווען איך שלאָף בײַ נאַכט ?
דאָס פֿענצטער איז פֿאַרהאָנגען און מײַן אויג פֿאַרמאַכט,
אין פֿינצטערניש באַהאַלטן, אין חושך שטייט ער שטאַרק,
דאָס ווייס איך, אַז ער שטייט — פֿאַר וועמען שטייט דער באַרג ?

האָניק־חודש

איך וועל דעם האָניק־חודש ניט פֿאַרגעסן
כאָטש ניט קיין האָניק האָבן מיר געגעסן
און בײַ קיין זאַטע טישן ניט געזעסן.

וואָס טויגן אונדז די פּעטע פולע טישן,
אַז אונדז איז זיס געווען פון הוילן האַרטן קישן,
דער גרויסער גאָט זאָל ניט געווען זיך מישן.

אונדז זענען זיס געווען די שטאַרקע ליבע־פריידן
און זיסער די אומזיסטע ליבע־ליידן
און ביטער גאָר דאָס דרײַ מאָל זיך צעשיידן.

דאָס ערשטע מאָל אין די מלחמה־יאָרן,
דאָס צווייטע מאָל אין תּפיסה — ווידער יאָרן,
דאָס דריטע מאָל אויף אייביק — ווײ צו מײַנע יאָרן!

טרויער

א

די שטאָל איז פּוסט,
פאַרמאַך דעם טויער
דער רעגן גיסט
מיט טרויער, טרויער.

די גאַנצע וועלט
איז הוילע ווונדן,
דאָס וויסטע פעלד
איז אָפּגעשונדן.

און ס'הענגט דער רוים
אַ דורכגעווייקטער
און ס'רוישט אַ בוים
אַ הויל־באַצווײַגטער.

ב

אַ גראָע שײַן,
דער רעגן גייט —
און דאָס זאָל זײַן
די אייביקייט?

דער זייגער שלאָגט,
דער זייגער וואַכט,
ס'איז ניט קיין טאָג
און ניט קיין נאַכט.

דער רעגן גייט,
דער רעגן גיסט,
די אייביקייט
איז אייביק וויסט.

די טויטע ווייסן ניט

די טויטע ווייסן ניט אַז זיי זענען געשטאָרבן,
די טויטע ווייסן ניט אַז זיי זענען ניטאָ;
בערגלעך ערד לייגן זיך ווי האָרבן —
און האַלטן אויס די משׂא פונעם הימל־בלאָ.

און קינדער — זין און טעכטער — קומען צו די קברים
און רעדן צו די טויטע, וואָס הערן ניט די רייד;
אַ וואָלקן שפּרייט זיך אויס און שטרעקט זיי אויס אַן אָרעם
און נעמט בײַ זיי די ווערטער ניט־געהערטהייט.

און דאָרטן אין די הימלען גייען זיי פאַרלוירן
אָפּט פאַלן זיי ווי שטערן אין דער נאַכט אַראָפּ.
זיי פאַלן צו דער ערד, וואָס האָט אַלע זיי געבוירן,
דעם הימל אָפּגעגעבן און נעמט צוריק זיי אָפּ.

און קינדער — זין און טעכטער — קומען פון די קברים
און רעדן אַלץ און רעדן אַלץ די זעלבע רייד;
אַ וואָלקן שפּרייט זיך אויס און שטרעקט זיי אויס זײַן אָרעם
און האַלט אים אויסגעצויגן — זינט די וועלט באַשטייט.

און אַלע ווערטער זענען אָפּגעטראָטן

און אַלע ווערטער זענען אָפּגעטראָטן
פאַר יענעם וואָרט, וואָס איך געפין עס ניט —
און אויפגעשטאַנען איז דײַן שמאָלער שאָטן
פון דײַנע קורצע און געציילטע טריט.

אָט קוק איך אויף דער שוואַרצפּאַרדעקטער מיטה
איך קוק און קוק און זע דיך דאָרטן ניט,
איך זע אין דער היים דיך, דערוואַרטסט מיך מיטן מיטאָג,
איך הער דיך אויסנוויינִיק, לייענענדיק אַ ליד.

איך קוק דעם טויט אין די אויגן גאָר אָן בושה
און ס׳בײַט זיך אין מײַן קוק ניט אויף קיין האָר,
ווי כ׳וואָלט געווען פון דער חברה קדישא
און ניט דײַן מאַן באַלד צוויי און דרײַסיק יאָר.

ס׳האָט גאָט בײַ אָדמען אַ ריפּ גענומען
באַשאַפן חוהן, אָדמען צוליב,
אַז אָדם זאָל דאָס לעבן ליב באַקומען
און מער פון אַלץ זײַן אָפּגעטיילטע ריפּ.

און איצט, ווען מ׳לייגט מײַן ריפּ אַרײַן אין קבר,
און איך, בן־אָדם, זע, זי ווערט פאַרשיט,
ווערט אָפּגענומען מיר אַיעדער אבר
און כ׳ווייס ניט וואָס איך זע דאָ און וואָס ניט.

און אַלע ווערטער זענען אָפּגעטראָטן
פאַר יענעם וואָרט, וואָס איך געפין עס ניט —
און אויפגעשטאַנען איז דײַן שמאָלער שאָטן
פון דײַנע קורצע און געציילטע טריט.

שניי

סימעלען

ערשטער שניי פון ערשטן ווינטער
פון מײַן ערשט־געבוירן קינד,
אונדזער שטאָט איז פול מיט קינדער
האָט זי זיך דעם שניי פאַרדינט.

פֿאַלט דער שניי אויף גאַסן, וועגן,
פֿאַלט דער שניי אויף פּלויט און דאַך —
פֿאַר די קליינע קינדערס וועגן
ניט קיין ביסל נאָר אַ סך.

שטיי איך בײַ די שויבן קילע
אין דער וואַרעמקייט פֿון שטוב,
כ'זע ווי קינדערלעך, ווי שטילע,
האָבן זיך צונויפגעשטופּט.

גליטשערס, שליטלען, ווינטערהיטלען
און אַ שניימענטש אין דער מיט,
קליינע קינדער — שוואַרצע פּינטלען
האָבן זיך אין שניי צעשיט.

שוואַרצע פּינטלען אויף די שנייען
און דער שניי ער הערט ניט אויף —
און ער נעמט נאָך שטאַרקער גיין,
לייגט זיך ווײַס אויף אַלץ אַרויף.

ליגן גאַסן אויסגעצויגן
און דער ווײַסער שניי אויף זיי,
שאַרפֿן זיך די בלויע אויגן
פֿון מײַן קינד אין ווײַסן שניי.

ס'ליגט מײַן קינד אין וויגל

בריינעלען

ס'ליגט מײַן קינד אין וויגל,
דאָס וויגל מיטן קינד אין שפּיגל;
דאָס קינד אין וויגל וויינט און לאָזט זיך הערן —
דאָס קינד אין שפּיגל שפּיגלט אָפּ די טרערן.
איך וויג דאָס וויגל פֿון מײַן קינד און וויל

מײַן קינד זאָל ווערן שטיל.
דער שפּיגל וויגט דאָס וויגל אָן אַ ציל.
ער טוט עס אָן אין פליגל —
פליט דאָס וויגל פונעם שפּיגל
און פון צימערל אַרויס ;
פליט דאָס צימערל אַרויס פון הויז ;
פליט דאָס הויז אין גאַנצער גרייס
פון דער גאַס און דרייט זיך אין אַ ראָד ;
פליט די גאַס אַרויס דער שטאָט ;
פליט די שטאָט אַרויס פון לאַנד ;
פליט די ערד מיט ליים און זאַמד
און מע דרייט זיך רונד אַרום
דער לבנה און דער זון,
ביז מע קומט צום זעלבן אָרט.
קומט דאָס לאַנד און קומט די שטאָט ;
קומט די גאַס און קומט דאָס הויז
מיט די צימערן אין שויס
און אין צימער קומט דער שפּיגל
מיטן קינד און מיטן וויגל.

מײַן הויז איז פול

מיין הויז איז פול מיט קולות פון די קינדער,
וואָס קענען זיך אין זייער שפּיל ניט שטילן,
מײַן הויז איז ליידיק און איז אויסגעפלינדערט
פון אַלע מײַנע נעכטיקע געפילן.

איך טראַכט צום רויש מיט צאָרן און מיט ווייטיק,
די שטילקייט קומט ערשט ווען די קינדער שלאָפן,
די שטילקייט קומט, איך פיל ווי זי איז ליידיק
אָנן בילדעט בלויז אַ וואַקוום אין די סטראָפן.

אומזיסט זיך ווי מיט שטערונגען געשלאָגן
מיט יעדן זונג און שפּרונג פון קידער־ווידער,
די שטילקייט האָט ניט גאָרניט וואָס צו זאָגן —
פון קידער־ווידער בויען זיך די לידער.

דער טאָג

דער טאָג גייט אויף אין קינדערשע געשרייען,
איך שפּרינג אַרײַן אין רויש ווי אין אַ טײַך,
דער טאָג פאַרגייט און אַלע טעג פאַרגייען —
ניט אַלע טעג פאַרגייען אָבער גלײַך.

פאַראַן אַ טאָג וואָס ווייסט נאָך ניט זײַן גורל,
אַז ער וועט דויערן ניט מערער ווי אַ טאָג,
ער שײַנט פונעם מאָמענט פון זײַן געבוירן,
ווי גלײַך די אייביקייט מע האָט אים צוגעזאָגט.

פאַראַן אַ טאָג וואָס גיט זיך תּיכף אונטער,
נאָך איידער צום פאַרגיין די זון איז גרייט ;
פאַראַן אַ טאָג — זײַן זונפאַרגאַנג איז צונטער —
אַ זונפאַרגאַנג וואָס רירט זיך ניט און שטייט.

פאַראַן אַ טאָג — די זון איז שוין פאַרגאַנגען
און ס׳קלינגט נאָך לאַנג דער עכאָ פון זײַן רויש,
אים ציט צוריק צו קינדערשע געזאַנגען,
אים טראָגט אַהיים אַ מוטער אין איר קויש.

פאַראַן אַ טאָג — קיין זון איז ניט געוועזן,
אַ טונק׳לע כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט —
אַ מיידל האָט אַ גאַנצן טאָג געלעזן
און האָט דעם טאָג דעם טונקעלן פאַרקוקט.

פאַראַן אַ טאָג מיט צווײ און צוואַנציק שנײען
און אַלע שנײען גײען מיט אַ מאָל.
דער טאָג פאַרגײט און אַלע שנײען גײען
אויף דאַך און גאַס און וועג, אויף באַרג און טאָל.

פאַראַן אַ טאָג וואָס איז נאָך ניט געקומען
און ווען ער וועט שוין קומען, וועט ער גײן,
איך שפּרינג אַרײַן אין קינדערישן זשומען
ווי אין אַ טײַך וואָס קען ניט בלײַבן שטײן.

דער חלום

די שטוב איז פול מיט טיק־טאַקס פונעם זײגער,
סע שיטן זיך די ברעקלעך פון דער צײַט,
זײ לײגן זיך ווי שטויב אָפּ אויף די קלײדער,
וואָס ליגן אויף אַ בענקל אין אַ זײַט.

און אין דער זײַט דער צווײטער ליגן קינדער,
די מידע פונעם טאָג און פון דער שפּיל,
זײ חלומען אַ גרויסן שנײ אין ווינטער,
וואָס שיט זיך פון דער סטעליע אויפן דיל.

אַ שטורעם הײבט זיך אויף און טראָגט די שנײען
און עפנט אויף צו ווײַטקײטן די טיר.
סע הײבט זיך אָן דאָס גאַנצע הויז צו דרײען
אין שפּעטער נאַכט. סע שלאָגט דער זײגער פיר.

און קלינגט אַרײַן אין חלום פון די קינדער,
ווי גלעקלעך פון אַ שליטן אויפן פעלד.
דער חלום איז דער סאַמע גרעסטער שווינדלער,
וואָס שווינדלט מיט די פאַרבן פון דער וועלט.

טינט־פלעקן

בערג ביַי נאַכט, ווי וואָלקנטרעפּ,
אונטער זיי — אַ שוואַרצער סטעפּ,
קומען רײַטער אין גאַלאָפּ,
שטעלן זיך ביַי חורבות אָפּ.

לאָזן אָפּ אין גראָז די פערד,
לייגן זיך אַוועק צו דר׳ערד
אין דער פינצטערניש צעשטרעקט
און מיט פינצטערניש פאַרדעקט.

שפּעט. שוין האַלבע נאַכט פאַרביַי,
שטייען חורבות אָפן, פריַי —
פריַי אַרויס און פריי אַריַין,
וואָלקנס מיט לבנה־שיַין.

וואָלקנס, רײַטער אין דער נאַכט,
און די נאַכט איז אויסגעטראַכט,
בלויז אַ זעונג פון אַ קינד —
אויף אַ העפט מיט פלעקן טינט.

וויגווערטער

אַ ווייכער, אַ וויַיסער, אַ וואַרעמער ווינטער,
ס׳איז שוואַרץ נאָר אין קוימען, ס׳איז שוואַרץ נאָר אין טינטער,
אין קוימען פון רויך און אין טינטער פון טינט,
איז טונק איך די פען און דערצייל דיר, מיַין קינד.

אַמאָל איז געווען אַ מענטש,
מיט אים איז אַ מעשׂה געשען,
די מעשׂה וואָלט ניט געשען,

ווען קיין מענטש וואָלט ניט געווען.
דער מענטש האָט מיט מענטשן געלעבט,
ער האָט ניט געלעבט אַליין
אַזוי ווי, למשל, אַ שטיין,
וואָס לעבט אין פעלד אַליין.
דער מענטש האָט מיט מענטשן געלעבט,
דער מענטש האָט די מענטשן געלויבט,
נאָר מענטשן אַלערליי
פאַראַנען צווישן זיי.

אַ ווייכער, אַ ווײַסער, אַ וואַרעמער ווינטער,
ס'איז שוואַרץ נאָר אין קוימען, ס'איז שוואַרץ נאָר אין טינטער —
און שוואַרץ איז דאָס האַרץ פונעם רשע,
נאָר זאָרג זיך מײַן קינד ניט, נישקשה.
דער מענטש האָט געלעבט מיט מענטשן,
מיט זיי וועט ער לעבן ווידער,
און דיך, מײַן קינד, וועט ער בענטשן
מיט גאָלדענע ברכות ווי לידער.

אַ ווייכער, אַ ווײַסער, אַ וואַרעמער ווינטער —
דעקט אײַך אײַן, מײַנע עלנטע קינדער.

##ווינט און שניי

א

אַ שרעקלעכער ווינט אויף די שנייִקע פעלדער, מײַן קינד,
עס שמײַסט אין די אויגן דער שניי, עס וואַרפט פון די כּוחות דער ווינט —
ס'איז שרעקלעך צו גיין אויף די שנייִקע פעלדער אַצינד.

און שווער איז צו טראָגן די וואָלענע שטיוול, דעם פעלץ
און שווער איז צו שטיין דאָ אַקעגן די ווינטן דער וועלטס —
ניט יעדער שטיין און ניט יעדער מענטש איז אַ פעלדז.

און ווי איז צו דעם, וואָס פֿאַלט אינעם שניי, און אפשר איז ניט אַזוי ווי
זיך אָפּגעבן בלינד דער מאַכט פֿונעם ווינט, פֿונעם שניי,
נאָר בעסער איז פּאָרט צו פֿילן — ביסט שטאַרקער פֿון זיי!

סוכאָבעזוואָדנאָיע 1950

ב

דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט,
דער שניי איז געבליבן ליגן
און אַלץ, וואָס גערוישט אַזוי ווילד,
האָט איצט אַזוי מילד געשוויגן.

אין ווייכן שניי האָט דער ווינט
אַראָפּגעלאָזט זײַנע פֿליגל
און שטיל זיך צעלאַכט ווי אַ קינד,
וואָס ליגט אין אַ וואַרעם וויגל.

דער ווינט אין געשטאַלט פֿונעם קינד —
פּראָוועבט זיך מילד אין אַ דרימל.
נאָר וואָס איז די שטילקייט אַצינד?
אַ שפּיצל פֿונעם הימל.

זײַ וואַך און קוק זיך אַרום —
אַרום און אַרום מיט אויגן,
פֿאַרגאַרטל זיך פֿעסטער און קום,
די שטילקייט זאָל דיך ניט בייגן.

טשערנאָוויץ 1956

הונגעריקע קינדער

הונגעריקע קינדער אין דער פֿינצטער,
אין די אייגלעך צינדט זיך אָן אַ שײַן,
ווען דער טאַטע קומט און קלאַפּט אין פֿענצטער
און ער ברענגט אַ ברויט אין שטוב אַרײַן.

בײַט זיך אויך די לופט אין שטיבל איבער,
אַנדערש שמעקט די סטעליע מיט די ווענט,
ווען דער טאַטע טרעט די שוועל אַריבער,
האַלטנדיק אַ ברייטל אין די הענט.

בינדט די מאַמע אָפּ פֿון קאָפּ דאָס טיכל,
הערט איר אויף אויך ווי צו טאָן דאָס האַרץ,
שמעקט דאָס ברייטל ווי אַן אייער־קיכל,
כאָטש דאָס ברויט איז טרוקן און איז שוואַרץ.

צינדט די מאַמע אָן אויף גיך אַ ליכטל,
העלער ווערט דאָס ברייטל אין די הענט
פֿון די קינדער. יעדער האַלט אַ שטיקל —
און די שטיקלעך ווערן באַלד פֿאַרברענט.

הינטער זיי, ווי שאָטנס, טאַטע־מאַמע,
פֿאָלגן נאָך די קינדערס יעדער דריי,
נאָר די קינדער ווייסן ניט, מסתּמא,
אַז דאָס ברויט פֿון זייערע טאַטע־מאַמע
און די פֿרייד פֿון הויז, דאָס זענען זיי.

מיינט מײַן קינד

מיינט מײַן קינד, וואָס זעט מיך צאַפּן וואַסער פֿון דער וואַנט,
אַז די וואַנט איז פֿול מיט וואַסער אינעווייניק,
וואַקסט מײַן קינד און שטרעקט אַליין שוין צו דער וואַנט איר האַנט,
מיינט דאָס זעלבע שוין איר קינד, מײַן אייניק;
וואַקסט דער אייניק, קיין עין הרע, און איך זעץ מיך וויינען —
ווער וועט מאָרגן מ י י נ ע ן ?
זאָגט מײַן טאָכטער: „ס׳האָט דײַן וויינען,
טאַטע, טויזנט חנען,

נאָר דו דאַרפסט ניט וויינען.
דו אַליין וועסט מאָרגן מיינען,
אַז די וואַנט איז פול מיט וואַסער אינעווייניק,
נאָר פון דיר וועט לאַכן שוין דײַן טאַטעס אייניק...

ביסטו מיט מיר מסכּים, מיט מיר אייניק ?"

פאַרשפּעטיקטע וויגליד

איך זינג אַ פאַרשפּעטיקטע וויגליד,
איך וויג אַ געוועזענע וויג ;
מײַן טאָכטער איז אויסגעוואַקסן
און וויל אין דער וויג צוריק.

איך האָב איר קיין ליד ניט געזונגען,
ווען זי איז געווען קליין,
ווען זי האָט פאַרוויינט מיך גערופן,
האָב איך ניט געקענט צו איר גיין.

איך האָב ניט געקענט זי וויגן,
איך האָב געפּאַשעט פערד
אין ווײַטן לאַנד פון פאַרשיקונג
אויף ערגעץ אַ ווײַטער ערד.

מײַן טאָכטער איז אויסגעוואַקסן
און וויל אין דער וויג צוריק,
איך זינג אַ פאַרשפּעטיקטע וויגליד,
איך וויג אַ געוועזענע וויג.

לייענענדיק שלום עליכמען

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון גרויסן שרײַבער, אין 1950

דער טאָג איז שוין אַוועק, די טיר איז שוין פֿאַרמאַכט,
דאָס פענצטער איז פֿאַרהאָנגען און שטיל איז אונדזער שפּראַך,
וואָס הערט זיך ניט אַרויס. ס׳איז דאָך אַ מאָדנע זאַך
צו לייענען שלום עליכמען און ניט צו טאָן קיין לאַך ?
איך לייען אים שטיל פֿאַר זיך בײַם שטילן לאָמפּן־ליכט,
איך לייען אים ווי אַן אַלט און טרויעריק געדיכט
און שטילער, שטילער אַלץ, סע שעפּטשען קוים די ליפּן...
און פלוצעם, זע, די שטוב ווערט פול, סע רוישן זײַנע טיפּן —
פון טביהס פרישן קעז און פוטער פראַוועט מען מאכלים
און ס׳גייט פון זיי אַ פּאַרע אויף, ס׳איז מנחם־מענדלס חלום,
און טביה זיצט פֿאַרטראַכט, פֿאַרטיפט און פלוצעם שרײַט ער : „שאַט !
מײַן חוה קלאַפּט אין טיר, זי קומט צוריק פון שמד,
ס׳איז יום־טוב הײַנט בײַ מיר, מײַן חוה קלאַפּט אין טיר,
איז, עפנט איר ! וואָס שטייט איר ? עפנט איר !״
דער עולם רוקט זיך אָפּ, דער עולם מאַכט איר פּלאַץ,
זי קומט אונטערן אָרעם פון סימעלע חאַראַץ,
מײַן טאָכטער, זי האָט נעכטן ערשט טביהן דורכגעלייענט
און בײַם קאַפּיטל וועגן חוהן זיך שטילערהייט צעוויינט
און הײַנט איז זי אַוועק ערגעץ ווו פֿאַר נאַכט,
צוריקגעקומען און מיט זיך חוהן אָפּגעבראַכט
און אָפּגעגעבן טביהן. ווי שטאַרק איך בין צופרידן !
איך בין דאָך אויך אַ ייִד פון שלום עליכמס ייִדן,
אַ טיפּ פון יענער טיפּן־גאַלעריי,
איז דריי איך זיך אַרײַן און מיש זיך אויס מיט זיי —
ס׳איז מאָטעלע דעם חזנס יתום מיט זײַן ברודער עליע
מיט סטעמפּעניו, דעם קלעזמערוק, שוין הײַנט אין איין קאַפּעליע
און יאַסעלע דער סאָלאָוויי

אָון טאָפּעלע וואָס טוט אַ קריי :
טוטאַריטו, טר־טר־טו,
און אויך די שטערן וועלכע בלאָנדזשען ערגעץ ווו,
די בלאָנדזשענדיקע שטערן,
זיי שפּילן, שעפּטשענדיק, בײַם טיש, דער דרויסן זאָל ניט הערן.
און שמעון־עליע שמע קולנו
און אַלע שטעטלדיקע אָבות־אבותינו —
מײַן טאָכטער זעצט זיי אויס און חוהן אין דער מיט
און לייענט פאַר אַלע דאָ איר טאַטנס ליד
צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון פאָלקס־שרײַבער פון גרויסן,
זי לייענט דאָס ליד, ניט הערן זאָל דער דרויסן.

פון בוך "הימל און ערד"

פרעמדס

פרעמדע אויגן אויף די שויבן,
פרעמדע אויערן ביי די ווענט,
פרעמדע געטער אין מיין גלויבן,
פרעמדע מאַכט אין מיינע הענט.

פרעמדע ווערטן — מיין פאַרמעגן,
פרעמדע וועכטער ביי מיין טיר,
פרעמדע ווערטער אין מיין רעדן,
פרעמדע שריפט אויף מיין פאַפּיר.

אויף די הימלען — פרעמדע פאַרבן,
פרעמדע פאַרבן אויף מיין פעלד.
ס'איז מיין לעבן און מיין שטאַרבן,
פרעמד אויף אַט דער פרעמדער וועלט.

טשערנאָוויץ 1947

יידישע בריוו

יידישע בריוו איבער אַלע ימען,
אַלע אומוועגן און וועגן,
שרייבט אַ זון צו זיין אַלטער מאַמען
ליבע ווערטער פון אירעטוועגן.

שרייבט אַ מאַן צו זיין פרוי זיין ליבער,
אין אַן אַנדער לאַנד איז ער פאַרבליבן,

האַט ער אין צענדליקער בריוו דעריבער
ס'גאַנצע האַרץ שוין אויסגעשריבן.

שרייבט אַן אייניקל צו זיין זיידן,
שרייבט פון איבער גרענעצן זיבן:
„פון דער גאַנצער משפחה זענען מיר ביידע
צוויי צעבראָכענע יידן פאַרבליבן".

וואַנדערן אום די בריוו און בלאָנדזשען,
יידישע בריוו אויף אַלע שפּראַכן,
בריוו פון יידן טונקעלע, בלאָנדע,
בריוו פון קאַלטע און הייסע שליאַכן.

צו יודאַ

פאַרוואָס האָסטו אים קליינערהייט פון וויגל ניט פאַרקויפט,
נאָך איידער ס'האָט אין ירדן אים יוחנן געטויפט?
ציגיינער וואָלטן מערער דיר ווי רוימער אָפּגעצאָלט
און וואָלטן ניט געקרייציקט אים, אויף בילדער ניט געמאָלט
מיט צוויעקעס אין די הענט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ,
זיי וואָלטן אים געלערנט צו פליען אין גאַלאָפּ,
זיי וואָלטן אים געוויזן אויף אַ געלאַטכנט פערד
צו פליען ניט אין הימל, נאָר פליען אויף דער ערד
און טאַנצן פאַר אַ גראָשן אַ באָרוועסער אין שטויב
אַ בלינדער צו דעם חוזק און צום געלעכטער טויב,
זיי וואָלטן אים געגעבן אַ ציגיינערטע אַ ווייב,
וואָס וואָלט אים ניט געפייניקט, ניט ווי געטאָן זיין לייב,
כאָטש ער וואָלט זי געשלאָגן, נאָר זי וואָלט אים געקושט
און זי וואָלט אים פאַרביטן און ער וואָלט ניט געוווּסט
און ער וואָלט ניט געליטן און גליקלעך זיך געפילט,
דאָס פייער וואָלט געפלאַקערט און ער — צעשויבערט, ווילד,

געשטאַנען וואָלטביים פייער און וואָלט אַ האַק געשמידט
און ניט געווען קיין סטאָליער און ניט געווען קיין ייד.
זיי וואָלטן אומגעוואַנדערט אויפן גאַנצן לאַנד
און זי וואָלט אומגעגאַנגען, געטראָפן אין דער האַנט
און זי וואָלט אומגעגאַנגען און פאַר אַ שטיקל ברויט
געטראָפן אין די קאָרטן דעם גורל פון אַ מויד,
וואָס חלומט פון אַ חתן, פון רייכטום און פון גליק,
וואָס ווערט דורך די ציגיינערטעס די מיידלעך צוגעשיקט.
און וואָלטן זיי געקומען קיין רוים אין יענער צייט,
זי וואָלט געשטעלט זיך טאַנצן פאַר גאָר די הויכע לייט
און ער וואָלט צוגעהאָלפן און אין אַ טאַץ געטאַצט
די גריכישע מבינים, די קנעכט, וואָלטן געפּלאַצט
פאַר ווייטיק, וואָס די רוימער פאַרשטייען ניט קיין קונסט
און קוויקן זיך מיט שפּילער, וואָס זענען ניט באַוווּסט.

פאַרוואָס האָסטו אים קינדווייז צו ציגיינער ניט פאַרקויפט,
נאָך איידער ס'האָבן רוימער אים צום קרייציקן געקויפט?
ציגיינער וואָלטן אָפּגעצאָלט און אָן דעם גאַנצן רעש
און וואָלטן דיר דאָס געלט צוריק אַרויסגעשלעפּט פון טאַש.
אויף זיך וואָלטן גענומען זיי די נאַרישקייט, די זינד
צו גנבענען אַ מיידלס אַ ניט געזעצלעך קינד
און זי וואָלט נאָך געדאַנקט דערפאַר, ז'איז ווידער דאָך אַ מויד,
דער וואָלף איז זאַט, די שאָף איז גאַנץ און ס'איז דאָס קינד ניט טויט.
ער וואָלט ביי די ציגיינער זיך אויסגעלעבט די יאָר
ביז אַכציק צי ביז ניינציק און אפשר הונדערט גאָר.
ער וואָלט ביי זיי געוואָרן ווי אַלע ווערן, גראָ,
דערנאָך וואָלט ער געשטאָרבן, פאַרגעסן און ניטאָ.
קיין צלם וואָלט מען אים צוקאָפּנס ניט געשטעלט,
ווייל ער — אַ ניט־געקרייציקטער — וואָלט ניט געווען קיין העלד,
ווייל ער — אַ ניט־געפאַנגענער — וואָלט ניט די ווערט געווען
די תליה זאָל זיין דענקמאָל זיין ווי, ליידער, ס'איז געשען.

זיי וואָלטן אים באַהאַלטן אין שאָטן פון אַ בוים
און ווייטער אומגעוואַנדערט פון הודו ביז קיין רוים
און דיר וואָלט מען ווי טויזנטער אַזוינע לייט ווי דו,
וואָס מאַכן פול די פעלקער, געגעבן לאַנג שוין רו
און אויף דער גאָרער וועלט וואָלט ניט געווען אַזוי פיל וויי,
ווען דו וואָלסט אים פאַרקויפט צו ציגיינערס, ניט צו זיי.
זיי האָבן אים צום קרייץ געבראַכט און פאַר אַ גאָט געמאַכט,
אים אומגעבראַכט און זיך דערשראָקן פאַרן טויטנס מאַכט
און גיך פון זיך גענומען אַראָפּוואַרפן די זינד
און זי אויף דיר געוואָרפן מיט שנאה בלוטיק־בלינד.
זיי האָבן דיר אין גאַנצן דאָך פאַר דרייסיק זילבערשטיק
פאַרקויפט זייער עבירה און אויף דיין האַלדז אַ שטריק
אויף אייביק אויפגעהאָנגען און דיך ווי אים געקרייצט
און מיט דיין בלוט די גאַנצע ערד פאַרגאָסן און פאַרפלייצט.

גלות־עפּל און קאַרטאָפל

גלות־עפּל און קאַרטאָפל
פון אַ ווייטער גלות־ערד
וואַקסן דאָ, נאָר גלות־סטראָפן
ווערן פון דער זון פאַרצערט.

עפּעס קלינגט ניט דאָ דער גלות
אין דער היגער שיין
און דער פלאַטער פון די פּאָלעס
פון קאַפּאָטעס שטילט זיך איין.

און דער ציטער פונעם פחד
אין די אויגן פון אַ קינד,
ווערט פאַרשלונגען פון ביחד
טאַנצן אינעם מדבר־ווינט.

כ׳האָב די גראַמען פונעם גלות
ליד און ייִד און מיד
זיבן מאָל געגראַמט און אַט איז
אַלץ נישטאָ קיין ליד.

כ׳שלעפּ די ווערטער פון די ווייטן,
ווערטער שלעפּ איך מיט אַ פּאַק,
נאָר ס׳איז אַלץ ניט ווי ביי לייטן,
בלייבן זיי אין זריעה־זאַק.

אפשר שפּעטער? אפשר מאָרגן?
אפשר קיין מאָל ניט? זאָל זיין!
און איך זינג מיר אויס די זאָרגן,
וואָס איך וואַרף אין ים אַריין.

חיפה 1972

שבת

אָפּגעטאָן און אָפּגעראַמט דאָס טישל
פון דער גרויער אַרבעט, וואָס איך טו
און ביים סאַמע סוף פון יום השישי
בין איך גרייט מקבל זיין די רו.

כ׳הער איר שטראָמען איבער מיר אָן כוואַליעס,
כ׳הער איר שטראָמען טיף אין מיר אָן רויש,
ס׳איז אַ שטראָמען, וואָס סע הייסט בלחש,
ס׳איז אַ נאָמען, וואָס ער שטראָמט ניט אויס.

ווי אַ פויגל פון אַ לאַנגן שטייגן,
פון אַ ווייטן לאַנגן פלי־פּאַרמעסט,
ווען ער זעט פון ווייט אַ בוים, אַ צווייגל,
נידער איך. ס׳איז שבת אין מיין נעסט.

ס'איז די לופט די שבתדיקע אַנדערש
ווי די לופט די פּראָסטע אין דער וואָך,
וואָס איך האָב אין וואַכעדיקן וואַנדער
אויסגעאָטעמט, טראָגנדיק דעם יאָך.

טראָגנדיק די סטראָפּן אויף די פּלייצעס,
גראַמענדיק אַ זונענשטראַל מיט גאַל.
איצטער בין איך ווי אַ פערד פון לייצעס
אויסגעשפּאַנט. ס'איז שבת אין מיין שטאַל.

ווי אַ פּרינץ, וואָס הערשט ניט, ווי אַ בעטלער,
וואָס ער שטרעקט צו קיינעם ניט זיין האַנט.
ווי אַ קינד, וואָס מ'האָט עס איינגעשלעפּערט,
שלאָף איך אויך. ס'איז שבת אין מיין לאַנד.

חיפה 1972

אַ טיגער אין וואָגן

דו נעם, שפּאַן איין אַ טיגער אין אַ וואָגן,
אַ טיגער, וואָס ער קאָן אַ פערד דערשלאָגן,
צי וועט ער, ווי דאָס פערד, דעם וואָגן שלעפּן קענען?
ס'איז גרינג צו זאָגן נעם, דו פּרווו זיך נעמען,
דערצו אַ טיגער נאָך, אַ חיה רעה,
און שפּאַן אים איין, און פאַר און האָב הנאה!

ס'האָט אַ טיגער

ס'האָט אַ טיגער פון אַ וואַלד אַן אינדישן
זיך צערעדט, צעטענהט אין אַ בוך אַ קינדישן,
אַז ער וועט דאָס קינד צערייסן
אַז ער וועט דאָס קינד צעבייסן,

אַז ער וועט דאָס קינד פֿאַרשלינגען
מיטן האַרץ און מיט די לונגען,
האָט דאָס קינד אין קלאַס געלאָזט דעם לערער וויסן,
אַז ער האָט דעם טיגער פֿונעם בוך — צעריסן.

גרין גראָז

גרין גראָז.
איבערן גראָז אַ האָז,
נאָכן האָז — אַ יעגער מיט אַ הונט.
לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר זייער אַלעמענס געזונט!
דער יעגער זאָל טרעפֿן,
דער האָז זאָל בלייבן גאַנץ.
דער הונט זאָל אים שלעפֿן,
דער האָז זאָל בלייבן גאַנץ.
די יעגערטע זאָל קאָכן
דאָס פֿלייש און די קנאָכן,
דער האָז זאָל בלייבן גאַנץ.
און זאָל מען זיך ניט שפּילן
מיט אונדזער גוטן ווילן,
מיר מיינען נאָר דאָס גוטס
מיר מיינען דאָך די נוץ
פֿון יעגער, הונט און האָז.
גרין גראָז.

אָן אַ צונג

ס'האָט אַ מענטש אַ טויב־שטומער פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד
און ס'איז נאַכט געוואָרן און געוואָרן קאַלט,
האָט ער אומשפּאַצירט אין וואַלד־געדיכטעניש אַליין
שטומערהייט און אָן געוויין,

אַט אַ שפּאַן אַהין, אַ טראַט אַהער
און געפּאַקט זיך אין דער הייל צום בער.
ס'איז דער בער און זיין משפּחה גראַד געווען זאַט,
האָט דעם מענטשן, גאָט צו לויבן, ניט געשאַדט,
ס'האָט אַפילו זיך דער בער צערעוועט אַזש פּאַר פרייד,
איבערזעצן דאָס אין רייד,
קען עס הייסן: „קומט אַריין, מיין גאַסט, און רוט אייך אויס
אין מיין גאַסטפריינטלעכן הויז!"
האָט דער שטומער אים געוויזן אויף זיין מויל און אויער,
האָט דער בער פאַרשטאַנען און באַדויערט
און זיין פרוי, דער בעריכע, געטאָן אַ ווונק —
„נעבעך, ס'איז דער מענטש אַ חיה אָן אַ צונג".

דאָס הינטל

אויפן זעקסטן זייטל פונעם „אלף־בית"
שטייט געמאָלט אַ הונט, וואָס האַווקעט בייז,
רופט אַ תלמיד צו זיין הינטעלע, זיין לעבעדיקס וואָס אויף דער שוועל,
ווייזט אים אויף די אותיות, וואָס אונטערן געמעל
און באַפעלט אים: לייען דעם גאַנצן טראַף!
שטרענגט זיך אָן דאָס הינטל, לייענט עס איבער: האַוו!
וועטן זיך די קינדער (די חברים פון דער שול) —
זעץ אַוועק דיין הינטל אויף אַ שטול,
לייג אַוועק דיין ביכל אויפן טיש
עפן אויף אַן אַנדער זייטל, מיש!
מישט ער אויף דאָס זייטל מיט דער קו,
ווו ס'איז אונטן אָנגעשריבן: מו!
איז דאָס הינטל פונעם טיש אַראָפּ, אַרויס —
„מיך האָט איר שוין אויסגערופן, איצטער רופט דאָס קעלבל אויס!"

דעם יעגערס הונט

אַ מאָל איז געווען אַ יעגער,
אַ מאָל איז געווען ניט אַצינד,
געווען איז בײַם יעגער אַ כלב,
וואָס האָט אים געטרײַ געדינט.

געווען איז — מען מעג שוין הײַנט זאָגן —
דער יעגער אַ קאַרגער צום הונט,
דער הונט האָט אין מאָגן געטראָגן
דעם הונגער אַזוי ווי אַ וווּנד.

געווען איז דער ציל פֿונעם יעגער
דאָס פֿלײש פֿון דער חיה, איר פֿעל,
דעם הונט האָט ער עסן געגעבן
דער חיהס כשרע זעל.

געהאַט האָט דער יעגער אַ נאָמען,
אַ טיטל פֿון העכסטן ראַנג,
זײַן ריכטיקן נאָמען — המן —
גענוצט האָט מען נאָר אין געדאַנק.

געטראָגן אַ הערב אויפֿן היטל,
אַ הערב מיט אַ וואָלפֿנבילד,
דער הונט איז געווען נאָר אַ מיטל,
דער ציל איז געווען דאָס געווילד.

און אָט האָט עס אײן מאָל געטראָפֿן,
געגאַן איז דער יעגער אויף יאַגד,
די ביקס האָט פֿון ווײַטן געטראָפֿן,
דער הונט האָט די חיה געפּאַקט.

געגלאַנצט האָט דער הערב אויפֿן היטל,
געוואַרט האָט דער יעגער זײַן פֿאַנג,

דאָס מיטל — דער הונט — האָט געשניטן
די לופט, ווי דער סערפּ שניידט די זאַנג.

די חיה ביים הונט אין די ציינער,
דער ציל ביי זיין מיטל אין מויל,
דאָס מיטל — דעם ציל מיט די ביינער
פאַרשפּעט אין מויל וואָלט אויף קויל.

און דאָ איז געקומען דער שׂטן:
"וואָס שרעקסטו זיך, הונט, פאַר דיין האַר?
פאַרזוך פונעם עץ־הבשר,
פאַרזוך פונעם פלייש, דו נאַר!"

"מען וועט דיך אויף יענער וועלט בְראָטן
פאַר האָבן דאָס פלייש אין די ציין
און שרעקן זיך, פאָלגן דעם שטן —
דעם הונגער פון אייגן געביין".

דער הונט האָט געגעבן אַ ציטער,
געגעבן דעם ערשטן ביס,
די סלינע האָט זיס און ביטער
געטאָן אויפן פלייש אַ פליס.

אַ צווייטן ביס און אַ דריטן
און זאָל זיך זיין, ווי סע וויל,
דאָס אויסגעהונגערטע מיטל
האָט אויפגעפרעסן דעם ציל.

ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס משל

אויף דער בינע איז שוין אַלצדינג גרייט,
אי דער וואַלד דער גרינער, וועלכער שטייט

אויף אַ גרויסער לייוונט אָנגעמאָלט,
אי די קליינע שטערנדלעך פון גאָלד־
פּאַפּיר, קונציק נאָכגעמאַכט
אויף צו שיינען, ווען דער טעכניקער וועט מאַכן נאַכט,
אי דאָס גרינע בערגל פון פּאַניר,
בלויז דאָס פּערל, וואָס דאַרף קומען אויף שפּאַציר
און דאַרף שפּילן פאַרן עולם אַ פּאַרליבטע פּאָר,
האָט זיך ערגעץ ווו באַהאַלטן און פאַרליבט זיך אויף דער וואָר.
ציטערן די ביימער אויף דער לייוונט אָנגעמאָלט,
קלינגט דאָס גלעקל צו דער צייט, צום דריטן מאָל,
הויבט זיך אויף דער פּאָרהאַנג ווי אַ זייגער וואָלט מיט אים געפירט
און ס'איז אַלץ ניטאָ דאָס פּאָרל דאָס פאַרליבטע, וואָס שפּאַצירט
ערגעץ ווו און קומט ניט צו דעם בינע־וואַלד.
איז דעם וואַלד געוואָרן קאַלט,
ווי אַ וואַלד אַן אמתן בשעת די שרעק
נעמט אים דורך פון עק ביז עק,
ביז סע קומט די רויקייט, וואָס גלעט,
האָבן בוימער אָנגעמאָלטע ווי די לעבעדיקע זיך צערעדט,
מיט גערויש אַרויס און אַרויס מיטן לשון
און אָנשטאָט אַ דראַמע פאַרן עולם אָפּגעשפּילט אַ משל.

דער העלד

ס'האָט דער העלד פאַרטריבן די שונאים פון זיין לאַנד
און אַזוי פאַרבליבן מיט דער שווערד אין האַנט,
רייטנדיק אויף זיין בראַוון פערד,
רייטנדיק איבער גאָר דער ערד
פון זיין פרייהייטליבנדיקן לאַנד
מיט דער שווערד אין האַנט.

מאָנאַרכישע אידיליע

ס׳האָט אַ מאָל געלעבט אַ מלך
מיט אַ מלכה אין דער פּאָר;
ער — אַ שווערע קרוין געטראָגן,
זי — געטראָגן פרעמדע האָר.

פאַרן שלאָפן פלעגט דער מלך
אויסטאָן פונעם קאָפּ די קרוין,
אויך די מלכה איר פּאַרוקל,
ווען געווען ס׳איז פינצטער שוין.

טאַפּט די מלכה אָן דאָס קעפּל
פונעם מלך און זי רעדט:
„ווער האָט אָט דאָס קאַלטע טעפּל
צוגעשטעלט צום הייסן בעט?"

כאַפּט דער מלך אָן די מלכה
ביי די לעצטע האָר פון קאָפּ
און ער רייסט איר אויס דאָס צעפּל,
וואָס געווען אַמאָל אַ צאָפּ.

ווען ס׳האָט אָנגעקלאַפּט דער דינער,
איז געוואָרן שטיל די פּאָר,
ער האָט אָנגעטאָן די קרוין זיך,
זי — די פרעמדע לאַנגע האָר.

און אַרויסגעגאַן אין דרויסן
און געוויזן פאַרן פאָלק,
אַז זיי לעבן ווי די טויבן,
אַז זיי לעבן מיט אַ טאָלק.

לויטן זכרון

ערט אויס מיך אַ כעלעמער מעשה,
אָר פריער האָט אַלע אין זינען —
די ערד איז דאָרט ווינטער אַ ווייסע,
די ערד איז דאָרט זומער אַ גרינע.

און הויבט אָן אַ ווינט דאָרט צו בלאָזן,
פאַרדעקט ער דאָס שטעטל מיט שטויבן,
דאָך וואַקסן אַרויס דאָרט די גראָזן,
די שנייען דאָרט פאַלן פון אויבן.

דער שניי איז דאָרט גוט פאַר אַ שליטוועגס,
דאָס גראָז איז דאָרט גוט פאַר די ציגן,
מע קאָסיעט עס אָן אין אַ מיטוואָך,
מע לאָזט אויפן בוידעם עס ליגן.

נאָר גיי און דערצייל דאָרט די קינדער
פון שניי צי פון גראָזן צום קאָסיען,
אַז צווישן דעם זומער און ווינטער
ציט זיך אויס אַ לאַנג-לאַנגער אָסיען.

און הויבט אָן אין אָסיען אַ רעגן,
איז ניט אויף אַרויסצוטרעטן,
די בלאָטעס פון אַלע וועגן
זיך גיסן צונויף אינעם שטעטל.

ווי אַלע אָרעמע מלוכות
פאַרמאָגט אויך דאָס כעלעם אַ קעניג
אַ בייזן ווי זיבעצן רוחות,
וואָס וויפל מע גיט אים, איז ווייניק.

ס׳האָט גאָלדענע שיך דאָרט ער איינער,
איז וויל ער מיט זיי זיך באַווייזן,

נאָר בלאָטע איז דאָך ניט קיין שטיינער
און גאָלד איז דאָך ניט קיין אייזן.

איז האָט דאָרט די דומע באַשלאָסן
(מע האָט עס איר פריער באַפוילן)
צו קויפן דעם קעניג קאַלאָשן,
די טיפסטע קאַלאָשן פון פוילן.

דער קעניג אין זיי מיט די גאָלדענע שיך איז
אַריין און גענומען זיך גרויסן,
דער קעניג — דער גרעסטער ייחוס —
מאַרשירט אין דער בלאָטע אין דרויסן.

מאַרשירט מיטן קאָפּ הויך פאַריסן,
נאָר ס'האָבן די טראָפּנס פון אויבן
געטריפט און גענומען האָט גיסן
דעם קעניג גלייך אין די אויגן.

און דאָ האָט דער אויבערשמש
דעם קעניגס קאָפּ אָנגעבויגן
און ס'איז אים בפועל ממש,
געוואָרן פינצטער אין די אויגן.

צי האָט מען דעם קעניג באַגנבעט,
דעם קלוגסטן, דעם כעלמער קעניג?
און ס'האָט זיך דער שמש צעחנפעט:
"מיין קעניג, שיינט אינעווייניק".

דאָס גאָלד אין קאַלאָשן באַהאַלטן —
וואָס טוט מען, אַז יעדער זאָל זען עס?
מע מאַכט אין קאַלאָשן שפּאַלטן
און זאָל מען זען, אַז ס'איז אמת.

נאָר דאָ איז אַ נייע צרה,
ווי נאָר מ׳האָט זיי איינגעשניטן,
זיי זענען פולע געוואָרן
מיט בלאָטע, ווי גלייך מ׳האָט פאַרביטן

די קעניגלעכע קאַלאָשן,
דעם קעניגס קאַלאָשן די טיפע.
און גלייך איז געוואָרן באַשלאָסן
צו רופן אַן עקסטראַ־אַסיפה.

געפונען האָט גלייך די אסיפה
אַן אויסוועג אַזאַ, וואָס וועט טויגן,
מע דאַרף די קאַלאָשן די טיפע
פאַרשטאָפּן מיט שטרוי פון די סטויגן.

געוועזן, פאַרשטייט זיך, אויך קעגנער,
די פויערים־דעפּוטאַטן,
און ס׳האָבן דאָרט זייערע רעדנער
געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן.

אַן אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן
מיט אמתע פראָנט־געשלעגן,
וואָס האָבן געדויערט וואָכן
אויף אַלע גאַסן און וועגן.

געווען ניט אַרויסצוטרעטן,
צום סוף איז דער קעניג אַנטלאָפן,
אַוועק אין אַן אַנדער שטעטל,
נאָר ס׳האָט דאָרט דאָס זעלבע געטראָפן.

פון קעניגס עקזיל אין דרויסן
איך וועל אייך דערציילן באַזונדער,

אַזוי פיל געשעענישן גרויסע
אין איין און דעם זעלבן יאָרהונדערט.

איך ענדיק דערווײַלע די מעשה.
וואָס איר האָט געהערט און באַוואונדערט.

✶

פון וואַנען איך ווייס, אַז די מעשה
איז ניט קיין אויסגעטראַכטע?
איך האָב דערצו באַווייזן
פון אַלטער קאַציזנע געבראַכטע.

קאַציזנע, עליו השלום,
דער וואַרשעווער יידישער שרייבער
איז ניט געוועזן, חלילה,
קיין לץ, קיין קאַטאָוועס־טרייבער.

ער האָט געפאָרשט די אַרכיוון
און דאָרט ווערט אַלצדינג געשילדערט
און פון די קאַלאָשן די טיפע
געמאַכט אויך פאָטאָ־בילדער.

ס'האָט אַלטער געזאַמלט געקליבן
אַ פינטעלע אַ ליאַדע,
דערנאָך האָט ער אַלצדינג באַשריבן
אין זיינער אַ כעלמער באַלאַדע.

איך האָב זי בשעתו געלעזן,
פון דעמאָלט אַוועק זענען יאָרן
און היינט, מיינע ליבע לעזער,
דערצייל איך זי לויטן זכרון.

ערב יום כפור

מאַריאַ בת פּיאָטר שיקט אין שטאָט
צווײ ליכט אין דער ייִדישער שול
און בעט, מען זאָל בעטן דעם ייִדישן גאָט,
איר תפילה זאָלן ווערן דערפולט.

שוין עטלעכע יאָר ווי קראַנק זי ליגט
מיט צווײ געשוואָלענע פיס,
זי האָט שוין ליכט אין קלויסטער געשיקט,
נאָר דאָס איז ווײניק, געוויס.

ווײל גאָט איז אַ פאָטער פון יעדן פאָלק
און פונעם ייִדישן אויך,
אין אַלע קראַנקהײטן ווײסט ער אַ טאָלק
פון קאָפּ, פון די פיס, פונעם בויך.

ס'איז מאָרגן יום כפור, "סודני־דיען",
זי ווײסט סאַראַ טאָג דאָס איז,
באַזונדערס פון זינט זי ליגט און קען
ניט רירן די קראַנקע פיס.

איר מאַמע, געדענקט זי, האָט אַמאָל,
מאַריאַ איז אַ קינד נאָך געווען,
איר אָנדערצײלט פונעם פאָלק ישראל,
אפילו פונעם בעל שם.

עס הײלט זי אַ ייִדישער דאָקטער פון שטאָט,
נאָר דאָס איז ווײניק, געוויס,
איז זאָל אים העלפן דער ייִדישער גאָט,
איר אויסצוהײלן די פיס.

זי שיקט די ליכט מיט איר זון איוואַן,
ער פאָרט אין שטאָט אַריין גראָד,
ער פירט די ליכט אין זיין שאַראַבאַן,
פאַרפאָרט צום יידישן גאָט.

פאַרפאָרט צו כל נדרי און ער בעט
ביים עולם מיט אַ געוויין:
"נעמט צו די ליכט", מע ענטפערט אים: "שפּעט,
איז צינד זיי אָן אַליין!"

דאָ האָט איוואַן זיך אָפּגעשטעלט:
"צי מיינט איר, אַז כ'בין אַ נאַר?
פאַר מאַכן פייער צאָלט איר דאָך געלט,
באַצאָלט זשע מיר, יידן, דערפאַר!"

מיר ווייסן ניט פאַרוואָס

אין קילן ווינטל ציטערט אויף דאָס גראָז,
די שווערע וואָלקנס הענגען אויף דער נאָז
און ס'רעגנט ניט, מיר ווייסן ניט פאַר וואָס.

מיר וואַרטן לאַנג, דער רעגן טוט אַ גאָס,
ער גיסט שוין דרייצן שעה, אַזאַ פאַרדראָס,
ער הערט ניט אויף, מיר ווייסן ניט פאַר וואָס.

מיר קוקן דורכן נאַסן פענצטער־גלאָז,
דאָס גלאָז ווערט העל, עס הויבט זיך אויף דאָס גראָז
און ס'ווערט אונדז גוט, מיר ווייסן ניט פאַר וואָס.

האַרבסטיקע לאַנדשאַפט

האַרבסטיקע לאַנדשאַפט מיט הילצערנע צלמים —
ווי אָרעם, ווי אָרעם, ווי אָרעם!

האַרבסטקע הימלען מיט בעטלערס שטאַט געטער,
וואָס שיטן פון טאָרבעס מיט האַרבסטיקע בלעטער

אויף האַרבסטיקע דעכער געצייכנט ווי אינדזלען
אויף קויטיקער לייוונט מיט בלאָטיקע פּינדזלען.

ווער מאָלט אָט דעם חושך? ווער צייכנט דעם אומעט?
דער האַרבסטיקער רעגן, וואָס נודיעט און נודיעט.

האַרבסט־מאָטיוון

ס'איז צען טויזנט יאָר שפּעטער,
ס'איז האַרבסט, סע פאַלן געלע בלעטער
פאַר אַלע אַלטע שוואַכע מענטשן וועגן
און ס'טרעט זיי מיט די פיס דער רעגן
און ערגעץ אויפן טויזנטסטן גאָרן
דאָס קינד, וואָס זיצט דאָרט, ציילט דער וועלט די יאָרן
און קלינגט צום פריינט זיינעם, וואָס אויפן מאַרס אַביסל העכער
און ציילט דאָרטן די טויזנטגאָרנדיקע דעכער.

שנייען

דער ערשטער שניי — אַן אָנזאָג בלויז אויף שניי,
דער צווייטער שניי — אַ וויוגע, אַ ווייסער שניי־געדריי,
דער דריטער שניי איז ווייסער פון די ערשטע צוויי,
דער פערטער שניי ליגט רויק אויסגעשפּרייט
און אָפן פאַרן פינפטן שניי, וואָס שנייט
אַ גאַנצן ווינטער, ביז זיין צייט פאַרגייט.

פרילינג

דער ווינטער איז אַוועק מיט האַק און פּאַק,
דער פרילינג איז געקומען אָן אַ שטעקן, אָן אַ זאַק,
דאָס גרינע העמד זיינס אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים אין ווינט צעלאָזט
און אויסגעשטערקט זיך אויפן גרינעם גראָז.
אַ האָז איז אויף זיין לייב אַדורכגעפלויגן לייכט,
זיין לייב, וואָס איז פון ערשטן רעגן פייכט,
האָט אויפגעהויבן בערג, האָט טאָלן אָפּגעדעקט
און מיט זיין דופט די פייגל אין די הימלען אויפגעוועקט.
דער פרילינג האָט זיך אויפגעהויבן אין זיין גאַנצער הויך
און ס'האָט באַוויזן זיך אַ וויייטער בלאָער רויך.
דער פרילינג איז פון אַלע וואָלקנס העכער,
דער פרילינג האָט די וואָלקנס דורכגעלעכערט
און ס'האָט די בלויקייט זיך אַ קלאָרע דורכגעזען,
ווי גלייך ס'איז גאָר קיין ווינטער ניט געווען.

פון פרילינג־רעגן

פון פרילינג־רעגן וואַקסט די ווינטער־תבואה,
פון זומער־רעגן וואַקסט דער פּאַפּושוי,
פון אָסיען־רעגן וואַקסט דער גרויער אומעט,
סע וואַקסט די בענקשאַפט נאָך אַ ביסל בלוי.

פאַרלאָזט ניט דאָס פייער, דעם שייטער,
דערציילט בעסער ווידער דאָס ליד
און זינגט מיר דאָס מעשהלע ווייטער
און ציט עס און ציט עס און ציט.

אַוועק די צייט פון יונגע ליבע־לידער,
דער זיסער זומער איז אַוועק נאָך זיי,

ניט שרעקט זיך פאַרן אָסיען, גוטע ברידער,
דער גרויער אָסיען ווערט פאַרדעקט מיט שניי.

פאַרלאָזט ניט דאָס פּייער, דעם שייטער,
דערציילט בעסער ווייטער דאָס ליד
און זינגט מיר דאָס מעשהלע ווייטער,
וואָס זינגט נאָך ביי אונדז אין געמיט.

דער שניי פאַרדעקט די אָפּגעשיטע וועלדער,
דער שניי פאַרשיט די שטויבן אויפן וועג,
דער שניי פאַרגלעט די קנייטשן אויף די פעלדער
און אַלע קברים ווערן צוגעדעקט.

פאַרלאָזט ניט דאָס פּייער, דעם שייטער,
דערציילט אַלץ, דערציילט אַלץ דאָס ליד
און זינגט אונדז דאָס מעשהלע ווייטער,
וואָס גליט נאָך און גליט נאָך און גליט.

מיידל־בענקשאַפט

וואָס קומט מיר דען דערפון אַרויס,
דו גלייכסט מיך צו אַ בלום, אַ רויז,
אַז איינזאַם בין איך ווי אַ פישער־הויז

ביים גרויסן ים, אויף הויכן ברעג,
נאָר ניט ביים וועג, נאָר ניט ביים וועג,
מיר ברענגען גאָרניט מיינע טעג.

וואָס קומט מיר דען אַרויס דערפון,
דו גלייכסט מיין שיינקייט צו דער זון,
וואָס דרייט זיך אויפן הימל אום.

איך גיי אַרויס און גיי אַריין
און ווייס גאָרניט ווו אויס ווו איין
און וואָס וועט זיין? און וואָס וועט זיין?

וואָס ציט מיך אַזוי?

וואָס ציט מיך אַזוי צו דער גאַס צו דער אַלטער?
וואָס ציט מיך אַזוי צו דער דירה דער קאַלטער?

איך האָב דאָ אַכט ווינטערן אָפּגעפרווירן,
איך האָב דאָ ניין זומערס די שענסטע פאַרלוירן,

איך האָב דאָ געדונגען דאָס ערשטע בעטל,
ווען איך בין געקומען אין שטאָט פונעם שטעטל.

איך האָב פאַרן בעטל געצאָלט דאָ זייער טייער,
אַ ווינקל אָן לופט און אָן ליכט און אָן פייער.

וואָס קאָן איך אַזוי ניט דאָס בעטל פאַרגעסן?
ווייל איך בין אויף דעם מיט מיין ליבער געזעסן.

אַ דאַנק

אַ דאַנק, אַ דאַנק!
פאַר קומען אויפן רוף פון מיין געדאַנק,
פאַר גייען אָן אַן אָפּשטעל אויפן וועג אַהער,
פאַר קומען אויפן רוף פון מיין באַגער,
פאַר קומען אויפן רוף
פון גוף צו גוף,
פאַר קומען אין די הענט מיר ווי אַ גאָטס־געשאַנק,
אַ דאַנק, אַ דאַנק!

איך האָב דיך זיבן מאָל געחלומט

איך האָב דיך זיבן מאָל געחלומט
פאַר מיינע ניין־און־פערציק יאָר,
דו ביסט פאַרבליבן מיר אַ חלום
און ניט געוואָרן מיר קיין וואָר.

ביסט זיבן מאָל צו מיר געקומען
און זיך באַוויזן אין מיין שלאָף
און זיבן מאָל האָב איך פאַרנומען,
אַז דו ביסט ניט קיין קערפּער־שטאָף.

איך האָב עס זיבן מאָל פאַרגעסן
און זיבן מאָל צו דיר געגלוסט,
געטאַנצט אויף שמחות און געגעסן
און זאַטערהייט געזוכט דיין ברוסט.

איצט קני איך פאַר דיין ווייטן שאָטן,
וואָס האָט זיך דורכגעדאַכט פאַר מיר
און כ׳וועל צעטראָטן פון חרטה,
וואָס כ׳האָב מיט זינד געקלערט צו דיר.

אויף יענעם באַרג דעם זונבאַשיינטן,
וואָס כ׳האָב געחלומט דאָ אין טאָל,
באַווייז צום אַכטן מאָל, צום ניינטן,
באַווייז זיך נאָך צום צענטן מאָל.

1961

היים

איך געדענק עס נאָך ר׳ אַלטערס אַלטע הייזל,
איך געדענק אים נאָך ר׳ אַלטערס קאָפּ דעם גרייזן,

קען מען יענעם עס באַשרייבן דען אַן גרייזן ?
קען מען בילדער פון זכרון דען באַווייזן ?

אויף ר׳ אַלטערס הויז פון דאָרט פון מיין זכרון
שטייט דאָס נייע הויז זיין זונס דאָ ווי אַ גאָרן,
זעען עס דען די, וואָס קומען ערשט צו פאָרן ?
פילן עס דען די, וואָס ווערן ערשט געבאָרן ?

יאָרן, פילע יאָרן, מוזן גיין פאַריבער,
ביז דאָס פרישע אויג ווערט היימיש מיט די שטיבער,
ביז דאָס יונגע האַרץ נעמט אַלע שטריכן איבער
און איין ווינקל ווערט פון גאָר דער וועלט דיר ליבער.

אַ טשערנאָוויצער גאַס

איבערביידע שורות הייזער
ציט זיך אויס אַ הימל־פּאַס,
איבער ביידע שורות הייזער
פון דער אַלטער שמאָלער גאַס.

ז׳איז אַ מאָל, צוריק מיט יאָרן,
ניט געוועזן שמאָל, פאַרקערט,
ברייט געוועזן, ווען געפאָרן
איז מען איבער איר מיט פערד.

מיט אַן איינגעשפּאַנטן וואָגן
צי אַ קאָטש אין גראָ, צי גרין
איז ניט ענג געוועזן זיך טראָגן
דעם אַהער און דעם אַהין.

אָבער זינט דער אַלטער וואָגן
האָט זיך פון די טרייע פערד
אויסגעשפּאַנט, גענומען יאָגן
גאָר אַליין איבער דער ערד.

אין געיעג זיך אויסגעצויגן
אין דער ברייט און אין דער לענג
און מיט אָנגעגלאָזטע שויבן
און מיט אויסגעבעטע בענק,

איז די גאַס אים ענג געוואָרן,
איז די גאַס געוואָרן שמאָל,
איז ניט מעגלעך איצט צו פאָרן
צוויי מאַשינעס מיט אַ מאָל.

איבער ביידע שורות הייזער
ציט זיך אויס אַ הימל־פּאַס,
איבער ביידע שורות הייזער
פון דער אַלטער שמאָלער גאַס.

דער בלינדער

דאָרט, אויף יענער זײַט פֿון מיר,
וואַרט אויפֿן קלאַפּ פֿון מײַן שטעקן אַ טיר,
קלאַפּ איך און וויל אַריבערגיין צו דיר.

קען מען דען שטענדיק שטעקן אין זיך
און אָנטאַפּן אַלעמאָל דעם איך,
ווי מע טאַפּט דעם ראָק, די הויזן, די שיך?

קען איך אָבער פֿון זיך ניט ארויס,
וואָס האָב איך דערפֿון, וואָס דו ביסט אַ הויז,
וואָס דו ביסט דער דרויסן, וואָס דו ביסט גרויס?

אַז אונטער מײַנע בלינדע טריט
דרייט זיך די ערד ווי אַ קײַלעך און פֿליט
און איך ווייס ניט וווּהין זי שלעפּט מיך מיט.

די זעערס ווייסן עס אויכעט ניט.

דער טרויעריקער

דער גאַנצער הימל איז איין שטיק וואָלקן,
די גאַנצע ערד איז איין שטיק בלאָטע
און ווער ס'איז היינט געבוירן געוואָרן,
וועט מאָרגן האָבן חרטה.

כאָטש מאָרגן וועט זיך די ערד צעגרינען,
די זון וועט דעם וואָלקן אַדורכשפּיזן,
נאָר אים וועט דער טאָג ניט אַרויס פֿון זינען,
וואָס האָט זיך דער ערשטער צו אים באַוויזן.

און ער וועט אַ טרויעריקער לעבן
און ער וועט פון גרויסן אומעט שטאַרבן
אין טאָג, ווען שמעטערלינגען שוועבן
און ווען סע רוישן פאַרבן.

דער גולם

אַז ווייל אים דעם גולם פון ליים,
ער האָט זיך זיין אָרט און זיין היים,
ער האָט זיך זיין שטוב און זיין שטיב,
זיין טויער, זיין טיר און זיין שויב,
זיין וואַסער, זיין ברויט און זיין זאַלץ,
זיין חזיר, זיין שמוץ און זיין שמאַלץ.
ער דאַרף ניט קיין וואָלקנפאַרב ווייט,
נאָר רעגנס און זון צו דער צייט,
קיין שטערן ביי נאַכט אויפן דאַך,
נאָר מאָגערע הינט אויף דער וואַך.

באַלאַדע

אין טייך אַ געלעכטער, אַ פריילעך געשריי,
מע באָדט זיך, סע פליוסקען זיך אַלע
און פלוצים געוואַלדן, געשרייען: אוי־ווי,
סע טרינקט זיך אַ מיידל, אַ כלה.

איז באַלד אינעם וואַסער אַ בחור אַריין,
דאָס מיידל אַרויסגעצויגן
און ס׳האָט זיך דאָס מיידל נאָך מערער צעשיינט
מיט אירע צוויי ליכטיקע אויגן.

דער בחור געבראַכט האָט זי ביז צו איר היים
און קענען איר ווילן פאַרבליבן,
כאָטש זי מיט געוויין האָט געבעטן זיך: "ניין"!
"איך האָב שוין אַ חתן אַ ליבן".

דאָס מיידל געלאָזט האָט דעם בחור ביי זיך
ביי נאַכט אין אַ שלאָף טיף־פאַרזונקען
און איז געלאָפן צום טייך אויף גיך
און האָט זיך באמת דערטרונקען.

דער גליקלעכער

כ׳וואַרט ניט קיין בריוו פון קיינעם,
אַלע קרובים און אַלע שכנים
וווינען אינאיינעם.

כ׳וואַרט ניט קיין געסט, קיין בשורות,
כ׳שרייב און פאַרמעק די שורות,
אותיות מיט קרומע צורות.

כ׳וועב און צערייס דאָס געוועבטע,
כ׳לעב און פאַרגעס דאָס געלעבטע,
כ׳שלאָף מיט אויגן פאַרקלעפטע.

כ׳פאַרמאַך די אויגן

כ׳פאַרמאַך די אויגן און מיטן געדאַנק
נעם איך אַרום די גאַנצע ערד,
ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פון אַ פערד,
וואָס מע האָט עס ליב פאַר זיין שיינעם גאַנג,

וואָס מע האָט עס ליב פאַר זיין קלוגן קוק,
פאַר דער קלוגער מינע, פאַרן שיינעם קאָפּ,
וואָס ער הויבט אים אויף און לאָזט אים אַראָפּ
און שאָקלט דיר צו אַזוי ווויל און קלוג.

אַליין האָב איך אַ מאָל, שוין לאַנג
אויף אַ שיינעם גראָטן פערד
דורכגעריטן אַ גרויס שטיק ערד,
אַ גרויס שטיק וועג און מיטן געזאַנג

אַוועקגעריטן צו יענער צייט,
ווען דאָס פערד איז נאָך געווען די קרוין,
איז געווען דער כבוד, געווען דער לוין,
געווען דער אָנשפּאַר פאַר העלדישע לייט.

געווען די איינציקע פערדנקראַפט.
איינגעשפּאַנט צו קלוגע פערד
האָט זיך גענומען דרייען די ערד,
געוואָרן איר שטענדיקע אייגנשאַפט.

כ׳פאַרמאַך די אויגן און מיטן געדאַנק
נעם איך אַרום די גאַנצע ערד,
ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פון אַ פערד,
וואָס מע האָט עס ליב פאַר זיין שיינעם גאַנג.

הספד נאָכן לעצטן פערד

ס׳איז דאָס לעצטע פערד געפאַלן,
מ׳האָט דאָס לעצטע פערד פאַרשלעפּט,
די אַספאַלטן גלאַנצן, שטראַלן
און די געגנט לאַכט און לעבט.

לאַזט מיך אָפּזאָגן אַ הספּד,
פּלאַץ גיט אָפּ דעם נעקראָלאָג
פאַרן דינער פון דער מענטשהייט
הויב איך אויף מיין הספּד־קלאָג.

און איך זאָג אייך, אַן אַ רייטער
שטעלט אַוועק אַ פערד פון שטיין,
זאָל זיך דאַכטן, ווייטער־ווייטער
יאָגט ער זיך אַן אונדז, אַליין.

דער גבור

ווייט אין מערב אויף אַ פייער־פערד
נידערט טיף אַראָפּ אַ ריז, אַ גבור,
און ער טראָגט די זון אונטער דער ערד,
ברענגט זי צוריק קיין מזרח־זייט אַריבער.

ר'הויבט זי אויף דאָרט מיט דער רעכטער האַנט
און ער נעמט זי מיט דער לינקער איבער,
וואַנדערט זי מיט אים פון לאַנד צו לאַנד
איבער אַלע גרענעצן אַריבער.

שטייען די סאָלדאַטן אויף דער וואַך,
היטן אָפּ די פעלדער מיט די שטיבער
און זיי ווערן ערנסט און פאַרטראַכט,
ווען דער גבור לאָזט אַליין זיי איבער.

און קומען וועט אַ מאַן

און קומען וועט אַ מאַן פון סאַמע אונטן
און זיין וועט ער דער יורש פון קייסאָרים,

ער וועט מיט קראַפט צעטרייסלען אַלע גרונטן
און ווי דאָס פֿאָלק זיינס וועט ער לעבן אָרעם,

אין פּראָסטע קליידער מיט אַ פּראָסטן נאָמען
אַרומגיין וועט ער איבער פּראָסטע שטיבער
און ווייזן יעדן ס׳לעבעדיקע פּנים
און ניט קיין בילד, ווי מאָלערס טרייבן איבער.

מיט פּראָסטע ווערטער אויף אַ פּראָסטן לשון
און מיט אַ לידל אויף אַ פּראָסטן פידל
צערירן וועט ער אונדזערע נשמות,
ווי פּראָסטע ערד צערירט מען מיט אַ רידל.

ביי יעדן קראַנקן וועט ער זיצן נאָענט,
אַיעדן אָבל וועט ער קענען טרייסטן,
ווי האָניק זיס וועט קלינגען זיין גוט־נאָוונט
און שמעקן פֿאַרן פֿאָלק דעם אויסגעלייזטן.

אין טאָל איז דער טייך

אין טאָל איז דער טייך און דער וועג און דאָס פֿעלד,
אין טאָל איז דאָס גראָז אויף די לאָנקעס,
איך שטיי אויפֿן באַרג ווי אויף שפּיץ פֿון דער וועלט
און צייל מיינע גרויסע מאַיאָנטקעס.

פֿאַר טאָג, ווען דער פּריץ אין פּאַלאַץ נאָך שלאָפֿט,
בין איך אויף דער וועלט שוין אַ וואַכער,
איך פֿיר מיינע טשערעדעס, צייל מיינע שאָף
און גיי אין מיין פֿעלד נאָכן אַקער.

פאַר נאַכט, ווען דער פריץ פאַרקויפט אין דער פרעמד
דאָס פעלד מיט די זאַנגען און וועגן,
איך לאָז ניט אַרויס עס, דאָס פעלד, פון די הענט,
דאָס פעלד, וואָס פאַרבלייבט מיין פאַרמעגן.

און מעגן זיי רייטן די פריצים גאַלאָפּ,
און מעגן זיי רייטן די ריטער,
עס נעמט די געשיכטע פון וועג זיי אַראָפּ
און מיך שטעלט זי היטן די גיטער.

אַ ייד

דער שטול — ביים טיש און דער טיש — ביי דער וואַנט,
דער טינטער איז פול און די פען — ביי דער האַנט,
די שיין קומט פון לינקס און דער טאָג היינט איז העל,
מיר פעלט בלויז דער נעכטיקער ייד אויף דער שוועל.

דער ייד, וואָס איך האָב אים צו קומען פאַרווערט
ביי טאָג, ווייל ער האָט מיר מיין אַרבעט געשטערט,
איצט קומט ער בכלל ניט, דער ייד איז ניטאָ —
וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס די טינט איז מיר בלאָ.

וואָס קומט מיר אַרויס פונעם טיש ביי דער וואַנט,
פון דעם, וואָס עס ליגט דאָס פאַפיר ביי דער האַנט,
פון דעם, וואָס דער טאָג איז היינט זוניק און העל?
עס פעלט מיר דער נעכטיקער ייד אויף דער שוועל.

כ׳האָב היינט געהאַט אַ גאַסט

כ׳האָב היינט געהאַט אַ גאַסט, אַ פרעמדע פרוי,
זי האָט צו מיר פאַרבלאָנדזשעט על פּי טעות,
וואָס איך האָב אויפגעקלערט און אָט אַזוי
געוואָרן מיט איר פריינד ניט אויף קאַטאָוועס.

איך האָב געזאָגט: מיסתּם דאָס צווייטע הויז,
נאָר די קוואַרטיר איז מיטן זעלבן נומער,
די הייזער זענען פון דער זעלבער גרויס
און אויפגעבויטע אינעם זעלבן זומער.

נאָר רוט אייך פריער אויס, האָב איך געזאָגט,
איר זייט אַוודאי, זאָג איך, מיד געוואָרן
פון גיין אַרויף די טרעפּ צום פערטן שטאָק.
כ׳האָב ניט דערמאָנט קיין עלטער און קיין יאָרן.

די פרוי האָט מיך באַדאַנקט און באַלד באַזעצט
אַ שפּיץ פון בענקל, וואָס איז פריי געשטאַנען,
די אויגן האָבן עטוואָס זיך גענעצט —
ניט גוט מיט איר, האָב איך דערפון פאַרשטאַנען.

זי האָט געזאָגט: ״איך קען אייך ניט, מיין פריינד
און כ׳וועל מיט אייך דאָס שווערע האַרץ ניט טיילן
נאָר ס׳איז ביי מיר אַ טאָג אַ גוטער היינט
און איך וועל נאָך אַ מאָל פון אים דערציילן

און נאָך אַ מאָל: אַ דאַנק, איך מוז שוין גיין״
האָט זי געזאָגט, און זיך מיט מיר געזעגנט
און איך האָב ניט געוואַגט איר נאָכצוגיין,
נאָר אָוונטס האָב איך ווידער זי באַגעגנט

און איר געזאָגט: „איך האָף, איר וועט פאַרשטיין
(דערביי געצאַפּלט, זיך פאַרהיקעט שיער)
אַז וויפל מאָל איר וועט אַהינצו גיין,
איך וויל, איר זאָלט צו מיר פאַרבלאָנדזשען פריער".

און זי האָט זיך געזעגנט נאָך אַ מאָל,
איך ווייס ניט, ווו זי איז געגאַן פון דאַנען,
נאָר זיס האָט נאָכגעקלונגען מיר איר קול,
וואָס האָט געזאָגט מיר: „יאָ, כ'האָב אייך פאַרשטאַנען".

ווי אַזוי סע ווערט שטיל

סע דרייט זיך דער קאָפּ מיר אַזוי ווי אַ ראָד,
וואָס טראַסקעט איבער די שטיינער פון שטאָט.
אַפילו אין שלאָף, אין דער שטילקייט פון נאַכט,
מיר חלומט זיך אָפּט אַ רוישיקע זאַך,
אַ גראַגער, אַ פּייקל, אַ וואָס נאָר איר ווילט
און רוישיקע גאַסן און אָט איז דאָס בילד
פון רוישיקן מאַרק אין אַ זונטיק ביי טאָג
און אָט איז אַ פרוי, זי שפּאַנט און זי טראָגט
אַ הויכן, אַ פולן קויש אויפן קאָפּ,
זי קוקט ניט ארויף און קוקט ניט אַראָפּ
און סע שטעלן זיך אַלע גערוישן אָפּ.
דער מאַרק פאַרשווינדט, די גאַסן, די שטאָט,
די פרוי שטייט אין מיט פון אַן עפּל־סאָד,
די עפּל פאַלן פון דיביימער אַראָפּ
אין קויש אַריין, צו איר אויפן קאָפּ
און ווען דער קויש ווערט שוין פול מיט זיי,
פאַרדעקט אים אַ וואָלקנדל ווייס ווי שניי,
די פרוי לאָזט זיך גיין אויף דער ווייכער ערד
און שטילער און שטילער און שטילער ווערט.

אַ ליבע

און אָט איז די ליבע פון איינעם אַ פּאָרל,
זיי האָבן זיך ביידע באַגעגענט אין פעלד,
ווען ער איז אין וועג אויף אַ וואָגן געפאָרן,
האָט זי זיך אין וועג אים אָקעגנגעשטעלט

ער האָט זיך אין מיטן פון האַסטיקן יאָגן
אַ צי אויס געטאָן און די פערדלעך געצוימט
און זיצן געבליבן אין שטרוי אויפן וואָגן
אַזוי ווי אויף גראָזן אין גאָרטן פאַרטרוימט.

זי האָט זיך דערנענטערט, געטראָגן אַן עמער,
זי איז אים מיט פולן אָקעגנגעגאַן.
עס האָט הינטער איר זיך די לאַנדשאַפט פאַרקלענערט
און זי איז געוואַקסן מיט יעדער איר שפּאַן.

זי האָט אים פון עמער פון פולן געפּויעט
און ער האָט געטרונקען דאָס וואַסער ווי ווײַן
ער האָט איר דעם דורשט פון זיין האַרצן פאַרטרויעט
און ס'האָט זיך איר פּנים צעגאָסן מיט שײַן.

ווער ווייסט וויפל טעג און חדשים און יאָרן
זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן געפעלט,
זיי האָבן באַקענט זיך, דערקענט זיך, דאָס פּאָרל,
זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט אין פעלד.

די האָפענונג

איך ווייס, ס'איז מיין געליבטע אַ פאַרמשפּטע צום טויט
און מאָרגן פרי צי היינט פאַר נאַכט ועט זי געהאָנגען ווערן,
נאָר ביז דער לעצטער רגע טראָג איך איר אין תּפיסה ברויט
און גלויב ניט אינעם אורטייל און וויל פון אים ניט הערן.

און ביז דער סאַמע לעצטער רגע האָף איך. אַז אַ נס
וועט זי אַרויספירן, באַפרייען זי פון טיפן־טיפן קעלער.
איך גלויב אין יושר נאָך, אַלטמאָדיש גלויב איך, פעסט
און גלויב ניט, די געשיכטע זאָל באַגיין אַזאַ מין פעלער.

אָט פירט מען זי. אַ טויטע שטילקייט הערשט אין תפיסה־הויף,
די תליה שטייט אַ גרייטע שוין, דער שלייף פון שטריק איז אָפן,
איך נעם די לעצטע ברעקלעך פון מיין האָפענונג צונויף
און הער ניט אויף אין לעצטער רגע אויף אַ נס צו האָפן.

אָן אַ נאָמען

דער אָוונט שאַרט זיך צו מיין שוועל
ווי כוואַליעס צו די טייכל־ברעגעס
און טונקל ווערט מיר אויף דער זעל
די ערשטע אָוונטיקע רגעס.

דערנאָך, ביים אָנקום פון דער נאַכט,
ווען דער אַרום ווערט דורכויס פינצטער,
ווערט עפּעס ליכטיקס אויפגעוואַכט
אַ פונק, אַ שטערן אין מיין פענצטער.

דער שטערן שיינט און דרינגט אַריין
אין טונקעלן רוים פון מיין נשמה.
איך לאָז זיין טרייסטנדיקע שיין
דערווייל נאָך אָן אַ נאָמען.

אין יעדן לאַנד

אין יעדן לאַנד אַזוי פיל שטעט
און יעדער שטאָט האָט איר פּאָעט,

וואָס לייגט אַוועק די פּען און רעדט
מיט פּראָסטע ריידנדיקע רייד,
ער לייגט אַוועק די פּען און גייט
פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט
און זאַמלט, האַנדלט איין זיך דאָרט
דעם דינגענדיקן קונהס וואָרט,
דעם קרעמערס שבועה אויפן אָרט,
דעם זינגענדיקן שניידערס ליד,
די שווערע ווערטער פונעם שמיד,
דאָס קרעכצן פון אַן אַלטן ייד,
דער עפּל־יידענעס געקלאָג,
דעם תלמיד חכמס שאַרפן זאָג.
ער גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג
און זוכט און נישטערט און ער טרעפט
אַן אַלטן פּנקס צי אַ העפט,
וואָס איז פאַרגעלט שוין אויף דער העלפט.
און וואָס סע קומט צו זיינע הענט
אַ צייכענונג, אַן אָרנאַמענט
אויף אַ פּאַסאַד, אויף אַלטע ווענט,
די האַלבע אותיות אויף אַ שטיין
צעפרעסן, איינגעשרומפן, קליין
פון צייט, פון רעגן, פון געוויין,
איז אַלץ אַן עדות, וואָס דאַרף שטיין
און אָפּהיטן דעם פעלדס געביין,
ווייל גאָרניט טאָר פאַרלוירן גיין.
אין יעדן לאַנד אַזוי פיל שטעט
און יעדער שטאָט האָט איר פּאָעט,
אַן איינציקן אַזאַ פּאָעט,
וואָס לייגט אַוועק די פּען און רעדט,
ער לייגט אַוועק די פּען און גייט
פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט.

פון בוך „שטערן אויפן הימל"

די עפּל פֿאַלן

די עפּל פֿאַלן ווידער אַראָפּ,
זיי זענען ווידער רייף און זיס
און ווער ס'איז געשטאַנען אויפֿן קאָפּ
שטעלט ז'ך צוריק אויף די פֿיס.

דער ווייץ איז ווידער געל און גרייט
צום שניט אַזוי ווי צוריק מיט אַ יאָר
און ווער ס'האָט גערעדט אין דער יוגנט פֿאַרדרייט,
רעדט אויף דער עלטער קלאָר.

און ווער ס'האָט גערעדט אין דער יוגנט קלאָר,
מיט יאָרן צוריק, אַמאָל,
וועט איצטער אויף די עלטערע יאָר
דערהערן זיין אייגן קול,
דאָס קול פֿון אַמאָל־אַמאָל.

בילד און מעשה

הויך פֿאַרשנייטע דעכער ווייסע —
ס'איז אַ בילד און ניט קיין מעשה.

לאָמיר זיך באַגיין מיט בילדער
פֿונעם ווינטער, וואָס איך שילדער.

ס׳איז ניט שווער דעם שניי צו מאָלן —
אָנגעשנייטע בערג און טאָלן,

אָנגעשנייטע וועג און פעלדער,
הויך־פאַרשנייטע ווייסע וועלדער.

הויך פאַרשנייטע דעכער, גאַסן,
ביי די גאַסן — ווייסע פּאַסן.

ווייס־פאַרשנייטע טראָטואַרן —
שטייען מענטשן און זיי שאַרן

דאָרט צונויף די שנייען ווייסע,
אָבער דאָס איז שוין אַ מעשה.

לאָמיר האָבן פאַרגעניגן,
לאָמיר זיך מיט בילד באַגניגן.

ווינטערדיקער הימל

ווינטערדיקער הימל אָן אַ טאָג, אַ נאַכט,
שטערן, זון, לבנה ערגעץ ווו פאַרמאַכט,
ערגעץ ווו באַהאַלטן אין אַ פרעמדן לאַנד,
הענגען דאָרט אין איינעם אויפן זעלבן ראַנד,
שפּיגלען זיך אין טייכן אַלע מיט אַ מאָל,
וויגן זיך און זינגען אויף אַ לויטער קול.
פליסט דאָס קול אַהער צו ווי אַ ריטשקע העל
און עס ווערט פאַרפרוירן ביי דער סאַמע שוועל
און עס ווערט פאַרפרוירן און עס ווערט פאַרדעקט
אונטער טונקלעם הימל מיט אַ ווייסער דעק.

בילדער

דרויסן אויף די האַרטע שטיינער
ליגט אַ ווייכער טאָג אַ שיינער,
ליגט אַ בלויער טאָג אַ מילדער,
אַ באַהאָנגענער מיט בילדער.

איז דאָס ערשטע בילד — אַ פּויער
איינגערעמלט אין אַ טויער,
און דאָס בילד דאָס צווייטע ווייטער
איז אַ יונגער, שיינער רייטער.

און דאָס דריטע בילד — אַ מיידל
טוט זיך אויס ביים טייך דאָס קליידל
און זי מעסט זיך אָן אַ כוואַליע,
צי זי פּאַסט איר צו דער טאַליע.

דרויסן אויף די האַרטע שטיינער
ליגט אַ ווייכער טאָג אַ שיינער,
ליגט אַ בלויער טאָג אַ מילדער,
אַ באַהאָנגענער מיט בילדער.

און דאָס פערטע בילד — דער טויער,
וווּ געשטאַנען פריער דער פּויער,
איצטער שטייט שוין דאָרט דער רייטער,
וואָס איז פריער געשטאַנען ווייטער.

און דאָס פינפטע פון די בילדער
איז דער זעלבער טאָג דער מילדער
אַרום פריש געבאָדן מיידל,
אָנגעטאָן צוריק אין קליידל.

און דאָס שענסטע בילד — דאָס זעקסטע
פון די בילדער — איז דאָס עקסטע,
אין אַ ווינקל שטייט דאָס פּאָרל,
שיינען זייערע יונגע יאָרן
אינעם שיינעם טאָג דעם קלאָרן.

פון דיין שטיבל

פון דיין שטיבל ביז מיין היים
מוז אַ ליד היינט ווערן;
געסלעך, שטיבעלעך פון ליים,
און אַ הימל שטערן.

כ'האָב אַ גאַנצן טאָג געוואַרט
דער פאַרנאַכט זאָל קומען,
ווען דו וועסט פון צימער צאַרט
מיר אַנטקעגן שווימען.

און איך וועל דיך ערגעץ ווייט
צו די גראָזן ברענגען,
אָפּזיצן מיט דיר די צייט
און מיט דיר פאַרברענגען.

ס'איז מיר גוט צו דיר צו גיין,
דיך אַהיים צו פירן
און פון דיר אַליין אַהיים —
גיין און פאַנטאַזירן.

איצטער ערשט דערמאָן איך זיך,
וואָס געוואָלט דיר זאָגן —
ערגעץ מיניעט זיך אַ ליכט
און סע נעמט שוין טאָגן.

אייל איך גיכער זיך אַהיים,
מאָרגן קום איך ווידער!
געסלעך, שטיבעלעך פון ליים,
און אַ הימל לידער.

גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם

גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם
מיט צוויי עמער אין די הענט,

ביז דאָס מיידל איז געקומען,
האָט דער ברונעם אָפּגעברענט.

איז דאָס מיידל פונעם ברונעם
צו דעם טייך אַוועק צערייצט,
ביז זי איז צום טייך געקומען,
האָט דאָס גראָז דעם טייך פאַרפלייצט.

האָט זיביידע פוסטע עמער
אויפן גראָז געטון אַ וואָרף
און דערזען, אַ סטאַדע לעמער
פירט דעם פאַסטעך צו דעם דאָרף.

האָט זי ווידער ביידע עמער
אויפגעהויבן פונעם גראָז
און צעטריבן אַלע לעמער
און דעם פאַסטעך זיך געלאָזט.

האָט דער פאַסטעך זי גענומען,
זי געקושט אויף זיינע הענט,
איז געוואָרן פול דער ברונעם,
וואָס האָט אָקערשט אָפּגעברענט.

ס'האָט דאָס גראָז צוריקגעצויגן
זיך פון מיטן טייך צום פעלד
און אין מיידלס ביידע אויגן
האָט זיך אומגעקערט די וועלט.

מיידלטרויער

פאַר נאַכט צו פאַלט צו דער טרויער,
איך טרינק אים ווי ווייַן אויס ווי זיסן.
ווער האָט עס מיך ליב אָן מיין וויסן ?
כ'פאַרמאַך זיך אַזוי ווי אַ מויער.

צי מעג מען פון טרויער געניסן ?
דער טאָג איז געווען אַזאַ בלויער,

ביי נאַכט גייען יינגלעך אויף לויער,
צי מעג מען אַזוי זיך פֿאַרשליסן ?

אַ יינגל בלייבט שטיין ביי מיין טויער,
צי זאָל איך דאָס יינגל באַגריסן ?
צי וועט זיך די גאַס ניט דערוויסן ?

איך זיץ און איך צערטל דעם טרויער,
די שכנים באַהיטן מיין טויער,
ווער האָט עס מיך ליב אָן מיין וויסן ?

דאָסביימל

אין דרויסן איז נאַכט געוואָרן,
די שטיבער אין שטאָט זענען שוואַרץ
און ס'וויגט זיך אונטער אַ גאָרן
אַ ביימל אַן איינגעדאַרטס.

סע וועט שוין קיין בוים ניט ווערן,
דאָס ביימל וואָס וויגט זיך קוים,
דאָס ביימל באַוויינען שטערן,
סע וועט שוין ניט ווערן קיין בוים.

פֿאַר טאָג וועלן זונענשטראַלן
זיך אויסציען ביז צו דער שטאָט
און ס'וועט אַרונטערפֿאַלן
דאָס ביימל אונטער אַ ראָד.

דאָס ראָד וועט דאָס ביימל צערייבן,
און ווייטער אַוועק אין געדריי,
ס'וועט עמעץ דאָס רעדל טרייבן
ביז צו דעם לעצטן דריי.

דאָס רעדל

ביי אונדז אין הויף ליגט אַ רעדל,
עס האָט זיך געדרייט אַ מאָל,
ווען ס׳האָט זיך דער וואָגן פון שטעטל
געיאָגט איבער באַרג און טאָל.

ניטאָ שוין דער וואָגן פון שטעטל,
דאָס שטעטל איז אויך ניטאָ
און נאָר דאָס איינציקע רעדל
געבליבן איז ליגן דאָ.

דאָס איינציקע רעדל פון וואָגן,
דאָס הילצערנע איינציקע ראָד,
עס האָט אים אַהער צו פאַרטראָגן
באַגראָבן צו ווערן אין שטאָט.

באַגראָבן צו ווערן אין מיסטן
פון הויף, וואָס מע שיט דאָ אויס.
מע לאָזט עס ליגן אומיסטן,
ווען מ׳פירט די מיסטן אַרויס.

ביי אונדז אין הויף ליגט אַ רעדל,
עס האָט זיך געדרייט אַ מאָל,
ווען ס׳האָט זיך דער וואָגן פון שטעטל
געיאָגט איבער באַרג און טאָל.

ווי ס׳טיילט זיך אָפּ

ווי ס׳טיילט זיך אָפּ אַ זייפּנבלאָז
פון דינעם לעכעריקן שטרוי
אין קינדערישן מיילעכל,
ווי ס׳ציט זיך פון אַ פּאַפּיראָס
דער רויך אַרויף צום הימלבלוי
און דרייט זיך ווי אַ קניילעכל,
אַזוי האָט היינט אַ שווער געפיל
פון האַרצן לייכט זיך אָפּגעטיילט

און אויפגעהערט צו מאַטערן,
און אָפּגעפלויגן שאַ און שטיל,
און אָנגעהויבן אין דער וועלט
אין זעונגען צו פלאַטערן.

ווען די פענצטער הויבן אָן צו טאָגן

ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן,
הייבן אויף די ווענט זיך פון דער נאַכט,
ווערט די גאַס ווי פון אַ גרויסן וואָגן
אויסגעלאָדן, אויף איר פּלאַץ געבראַכט.

ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן,
הער איך, ווי אַ צווייטער וואָגן פאָרט,
טיש און שטולן ווי אַריינגעטראָגן
שטעלן זיך צוריק אויף זייער אָרט.

ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן,
ווערן טיר און טויער אויפגעמאַכט
און דער וועכטער איילט זיך אָפּצוזאָגן
אַ גוט־מאָרגן ווי אַ גוטע־נאַכט.

מיר ווילט זיך

מיר ווילט זיך אַ טרייסל טון מיט דער קרוין
פונעם פלוימענבוים,
אַז אַראָפּ פון אים זאָלן ניט נאָר קיין פלוימען,
נאָר אויך דער טרוים
פון מיינע טרוימען,
וואָס כ׳האָב אים נעכטן אויפן בוים געלאָזט
פאַרן שלאָפן גיין,
ווי מע לאָזט אַ רעקל אויפן גראָז,
אַ ביכל אויף אַ שטיין
און מע טרעפט פאַר טאָג זיי ליגן דאָרט
פינקטלעך אויפן זעלבן אָרט.

כ'האָב נעכטן בעתן זונפאַרגיין
די שקיעה שטאַרק צעבלאָזן
און איצטער,ביים אַהערצוגיין,
איך האָב זי דאָ געטראָפן שטיין
אַקעגן פונקט אינעם זונאויפגיין
און רויט ווי כ'האָב זי דאָרט אַליין
געלאָזן.

איך קוק צום הימל ווי דורך אַ שויב,
ווי דורך אַ גרינעם שלייער,
די ווייטקייט, וואָס מע זעט זי קוים,
איז אָפּגעשיט מיט פייער.
די פלאַמען שלינגען איין די פלוימען
און ס'גליט דער סאַמע הייסטער טרוים
פון אַלע מיינע טרוימען.

אין מיין פענצטער

אין מיין פענצטער זע איך ווי אין שפּיגל —
ס'פּאַכט דער ווינט מיט צווייגן ווי מיט פליגל.

וואָלקנס יאָגן אָן פון אַלע זייטן,
טראָפּנס, טראָפּנס אויף די שויבן רייטן.

און איך ווייס ניט פריער ווו צו קוקן —
אויף די צווייגן, וואָס זענען נאָך טרוקן,

צי גאָר אויפן טייך, וואָס ליגט אַקעגן
און ער פילט קיין טעם ניט אינעם רעגן.

דער אַלטער ברונעם

דער אַלטער ברונעם רעדט צום יונגן בוים:
„אין מיינע טיפן כ'האָב דיך אויסגעטרוימט.

ביסט אויפגעגאַנגען מיט דיין גרינעם קאָפּ,
בשעת איך האָב געגראָבן זיך אַראָפּ.

דיין וווקס איז הויך, דיין פּרוכט איז רונד און רייף
און איך בין ווי אַ שפּיגל אויסגעשלייפט.

און גאָרניט פעלט צו אונדזער בילד אין פעלד,
דער מענטש, וואָס האָט אונדז דאָ אַוועקגעשטעלט,
האָט אויגן, זאָל ער קוקן אויף זיין וועלט".

פּאַר טאָג

פּאַר טאָג.
איך אָטעם די טונקעלע לופט אַריין
און אָטעם זי אַרויס מיט שיין
און וואַרט, וואָס ווייטער וועט זיין.

דער טאָג איז אַ סטויג.
אַ פייערפלעמל איז מיין אויג,
וואָס צינדט
דעם סטויג אויפן ווינט.

אַ סטויג האָט געגעכטיקט אויפן פעלד,
זיך אָנגעצונדן און פאַרכאַפּט די וועלט.

דאָס קליינינקע ווינטל

דאָס קליינינקע ווינטל אַריין איז אין צאָרן
אַזוי ווי די מעכטיקע ווינטן אין מידבר,
דער הימל דער הויכער איז שטויביק געוואָרן
און האָט מיטן שטויב אויף די פעלדער געניידערט.

די ביימער די שטאַרקע, וואָס וואַקסן פּאַוואָליע,
זיי האָבן צעוויגט זיך אין רונדיקן רוישן,
די ברייטע אַקאַציעס, די שמאָלע טאָפּאָלן
אַזוי ווי עס וואָלט ניט געקלעקט זיי דער דרויסן.

די וואַרצלען פֿאַרהאַלטן די שטאַמען, די קרוינען,
זיי זענען אין ראַם פֿון מיין פענצטער פֿאַרבליבן,
עס האָבן לסוף זיך באַרויִקט די רוימען,
די רוימען די בלויע מיט צווייגן באַשריבן.

מיטן־זומער

מיטן־זומער, אַלע שוואַלבן
זענען פֿאַר דער צייט
אָפּגעפֿלויגן מיט אַ האַלבן
זומער אין דער ווייט.

מיטן־זומער. אַלע וועגן
שימלען אויפֿן פֿעלד,
ניט קיין זון און ניט קיין רעגן —
ווינט און ווייסטע קעלט.

מיטן־זומער, מיטן־זומער
און דער זומער איז צו ענד
און אַ קרומער בוים אַ פֿרומער
ברעכט אין ווינט די הענט.

נאַכט

די ביימער טרעטן אין טונקלעניש אָפּ,
די שטיינער וואַרפֿן אין טייך זיך אַראָפּ,
דער ווייסער וועג צווישן טייך און וואַלד
ווערט קירצער, קירצער און ענדיקט זיך באַלד.

עס איז צו שפּעט צוריק צו גיין
און איך בין ווייט פֿון דער היים און אַליין,
פֿאַר מיר און הינטער מיר איז נאַכט,
דער וועג איז פֿון ביידע זייטן פֿאַרמאַכט.

ס׳ווערט מיר הייס און ס׳ווערט מיר קאַלט,
דער וועג צווישן טייך און וואַלד איז אַלט,
נאָר עלטער פון אים איז אויף טויזנטער יאָר
מיין עלטער־זיידע באַוואַקסן מיט האָר.

איך ציטער און שרעק זיך אַזוי ווי אַ שאָף,
מיין זיידע וועקט זיך אין מיר ווי אין שלאָף,
מיין זיידע, דער וואָלף, מיין זיידע דער בער —
״ווי קומסטו, אייניקל מיינס, אַהער ?״

— איך קום פון אַ הויז, איך גיי פון דער שטאָט,
עס האָט מיך אַ צי געטון צו גאָט,
וואָס ווינט אין אַ הימל איבער אַ וואַלד,
די וואָלקנס צייכענען זיין געשטאַלט.

מיין זיידע צעלאַכט זיך אין מיר אויף אַ קול
און ס׳קלינגט דער עכאָ אָפּ מיט אַ מאָל
און פלאַקערט ווי אַ דונער אין רוים,
ביז וואַנען ער לעשט זיך, קלינגענדיק קוים

און איך שטיי ווייטער אין וועג אַליין
און ווייס ניט וווהין צוריק צו גיין
פון זיידן, פון גאָט און פונעם וואַלד
און ס׳ווערט מיר הייס און ס׳ווערט מיר קאַלט.

די שקיעה שמעקט

די שקיעה שמעקט מיט געבראָטנס,
דאָס פעלד ליגט פאַרחלשט, פאַרשמאַכט,
צען טויזנט פיר הונדערט שאָטנס
גיסן צונויף זיך,
נאַכט.

אויף יענער זייט פעלד ליגט דער שונא,
ווער ווייסט, צי ער שלאָפט, צי ער וואַכט,

די וואַלקנס — געבראָטענע, ברוינע —
צערייצן די לופט פון דער נאַכט.

די וואַלקנס פאַרברוינטע, פאַרקוילטע,
זיי הילן אין טונקל זיך איין,
אַ סקירדע מיט שטרויען צעפוילטע
גלאַנצט אין לבנה־שיין.

און איבער דער סקירדע מיט שטרויען
די וואַלקנס, קויטיק ווי זאַלץ,
זיי טריפן ווי קויטיקע טויען,
מיט טראָפנס לבנה־שמאַלץ.

אויף ווייטע וועגן

אויף ווייטע וועגן שטייט אַ בוים,
וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זיין קרוין
ווי אין אַ שויב, אַ בלויער שויב
און וואַלקנס צוויי — אַ קראָ, אַ טויב
מיט פליגל, פליענדיק צעשפּרייט,
זיי קרייזן קונציק זאַלבע צווייט
אַרום די צווייגן ווי דער ווינט,
וואָס יאָגט מיט שאָטנס אָן געשווינד
און ברענגט פון רעגן אַ גערוך
און ווי אונטער אַ טונקלעם טוך
איז יעדער דאַך און יעדער בוים,
וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זיין קרוין
ווי אין אַ שויב, אַ טונקעלער שויב.
די קראָ צעקריגט זיך מיט דער טויב,
און זיגט די קראָ, ווערט בלינד די וועלט
און ס'בלאָנדזשען שטעט אַרום אין פעלד,
און זיגט די טויב, ווערט ליכטיק באַלד,
אַ בליץ שניידט דורך אַ שוואַרצן וואַלד
און עמעץ קוקט פון דאָרט אַרויס
ווי דורך אַ פענצטער פון אַ הויז,

און נאָך אַ הייסן שאַרפן בליץ —
אַ קילער, דינער, שאַרפער שפּריץ,
און ליכטיק, ליכטיקער אַלץ ווערט,
און גרין און שמעקנדיק די ערד,
און אויגן ווערן גרויס און בלוי
און אָנגעגאָסענע מיט טוי,
וואָס שפּיגלען איין דעם ווייטן רוים.

אויף ווייטע וועגן שטייט אַ בוים.

די נאַכט

די נאַכט איז אַ טונקעלער טרעגער
פון וואָלקנס, וואָס הענגען אַראָפּ.
די נאַכט איז אַ נאַקעטער נעגער
מיט גאָלדענע אויגן אין קאָפּ.

די נאַכט האָט אַ גאָלדענעם זייגער
ביים בייכיקן וואָלקן אין טאַש.
די נאַכט האָט איר אייגענעם שטייגער —
אַ טישל, אַ גלאָז מיט אַ פלאַש.

די נאַכט האָט דעם טאָג מיט די ביינער
פאַרשלונגען, פאַרשרפּעט אויף קויל,
די נאַכט — זי האָט קלאָר־ווייסע ציינער
און האַלט זיי פאַרמאַכט אין מויל.

די נאַכט איז אַן אוראַלטער יעגער,
וואָס קומט פונעם וואַלד אין די שטעט
און ברענגט צו דיין ווייסן געלעגער
דעם ריח פון בלוט, צו דיין בעט.

דאָס בלוט פון געשאָסענע בערן,
וואָס כאָרכלען און גוסטן אויס,
דאָס בלוט איז אַ שייטער פון שטערן,
וואָס ברענט פון די בערן אַרויס.

די נאַכט איז אַ שוואַרצע מאַמע
פון ווייסע קינדערלעך פיל,
די נאַכט איז אַ מעשה מיט גראַמען,
אַ ליד מיט געשמאַק און געפיל.

די נאַכט איז אַ פריצה אַ ווייסע,
אַ בלאַסע אויף אַ שוואַרצן פאָן,
אַן איידעלער סוף פון אַ מעשה,
וואָס הייבט זיך פון גראָבקייטן אָן.

די נאַכט טראָגט אַ הוט מיט אַ פעדער,
די פעדער איז שווער ווי אַ שווערד.
די נאַכט פאָרט אויף דייטשישע רעדער
געשפּאַנטע צו מיצרישע פערד.

די נאַכט שפּאַנט מיט זיידענע זוילן
אַריבער פון לאַנד צו לאַנד
און לויערט אויף די יידן פון פוילן —
דאָס אַש פונעם היטלערשן בראַנד.

די נאַכט פליט אויף פינצטערע פליגל
און לאָזט זיך אַראָפּ אין טונעל,
די נאַכט שלאָפט אויף קויטיקע שטיגן
אַראָפּ מיטן קאָפּ צו דער שוועל.

די נאַכט איז אַ קאַץ אויף אַ בוידעם,
די נאַכט איז דער גייסט פון אַ שד,
די נאַכט איז אַ וויכער פון שדים,
וואָס דרייט זיך פון אָוונט ביז שפּעט.

די נאַכט איז אַ קו, איז אַ מאַמע,
וואָס זייגט אָן איר קעלבל מיט שלאָף,
ביז ס'הייבט אָן צווישן הערנער צו פלאַמען,
די נאַכט האָט אַ ליכטיקן סוף.

("נייע פרעסע", פּאַריז 1962)

גלוסט זיך ביי נאַכט מיר

גלוסט זיך ביי נאַכט מיר גאַסמוזיק הערן,
וויגט זיך מיין שאָטן צום טאַקט פון לאַמטערן,
וויג איך זיך אויכעט, מאַך איך גרימאַסן,
זשעסטן מיט הענט און מיט פיס און מיט אַקסל.
כ'שפּרינג אין דער לופטן ווי כ'וואָלט זיך צעוואַקסן
איבער די שטאָקן די העכסטע און דעכער,
איבער די דעכער און העכער און העכער,
וואַקסט אויס מיין שאָטן און איך מיט אים אויכעט,
די נאַכט איז אַ לעמל און איך בין אַ שוחט,
אַ שוחט, וואָס קוילעט אַ לעמל, אַ קעלבל,
וויגט זיך אַ שילד אויף אַ קאַלבאַס־געוועלבל,
וויגט זיך אַ שילד גאַר און איך אין דער מיטן,
כ'פּיל ווי אַ חלף וואָלט מיך עס צעשניטן,
צעשניטן אויף שטיקלעך אויף דינע און לאַנגע,
זיי וויגן אין ווינט זיך, באַקומען זיך קלאַנגען,
קלאַנגען פון גאַסמוזיק, בלעכערנע שילדלעך,
שפּריצט פון די שיכּורע אויגן מיט בילדלעך
מאָדנע, וואָס הענגען זיך אויף אויף די דראָטן,
שטעל איך זיך אָפּ און באַרויק מיין שאָטן
און ניכטער זיך אויס פון די גאַס־משוגעתן
און גיי זיך אַ רויקער איבער די גאַסן.

טשערנאָוויץ 1935

זונליד

כאַפּט זיך אויף די זון דערשראָקן,
ניט פֿאַרשפּעטיקט זי צו טאָגן ?
מיט צעלאָזטע שטראַלן־לאָקן
באַרג־אַרויף גענומען יאָגן.

אויפֿגעהויבן זיך פֿון אונטן,
הענט און פֿיס און לייב פֿאַרגעסן
ערגעץ דאָרטן אויף די גרונטן,
ווו געשלאָפֿן און געגעסן.

הוילער קאָפּ, אָן האַלדז און נאַקן,
אויף דער ערד זיך אויפֿגעהויבן
מיט צוויי פֿלאַמענדיקע באַקן,
מיט צוויי ברענענדיקע אויגן.

אָנגעקומען ווי דער שטייגער
צו דער צייט, צו דער סעקונדע,
אויפֿגעגאַנגען לויטן זייגער
אויף דער ערד, וואָס איז אַ רונדע.

מיט איר גרויסער שיין דער העלער,
מיט איר אייגענער געקומען,
ווי אַ פֿייערדיקער טעלער
אין דער שיין אַרומגעשווומען.

פֿון דער ערד זיך אויפֿגעהויבן
און געלאָזט זיך צו די הימלען,
אָנגעקלאַפּט אין אַלע שויבן
ווי מיט פֿייערדיקע צימבלען.

איז געוואָרן טאָג אין שטעטל,
איז אין דערפֿל טאָג געוואָרן,
ס'איז דער זונוועג אויסגעטרעטן
אויפֿן הימל שוין פֿון יאָרן.

אויסגעפּאָרן פון פּאַרצייטן,
ווען די ערד געווען נאָך ליידיק.
איצטער שיינען שטעט פון וויטן
אויף דער זון וואָס איז פון אייביק.

קלינגען זייגערס אויף די טורעמס,
טוט די זון די זייגערס פּאָלגן.
ס'שטעלן זי ניט אָפּ קיין שטורעמס
אויף איר וועג און ניט קיין וואָלקנס.

מיין באָרד

כ'האָב אויפגעשטעלט פיר ווענט, אַ דאַך,
אַריינגעשטעלט אַ טיש, אַ שפּיגל,
איך בעט דאָס בעט אויס אויף ביינאַכט
און לאָז אַראָפּ די פליגל.

די אויגן פאַלן צו אַליין,
דער קאָפּ ווערט אויך אַנטשוויגן
און ס'קומען שרעטעלעך צו גיין,
וואָס כ'האָב ביי טאָג פאַרטריבן.

זיי טוען אָפּ מיט מיר אַצינד,
זיי טוען, וואָס זיי ווילן,
זיי מאַכן פון מיין באָרד אַ קינד,
וואָס מוז מיט זיי זיך שפּילן.

דאָס מעסער

כ'האָב דאָס מעסער ערשט געהאַלטן,
ברויט געשניטן כ'האָב דערמיט,
ס'האָט דאָס מעסער זיך באַהאַלטן,
וווּ באַהאַלטן, ווייס איך ניט.

כ'האָב אַ בוך אַ נײַס באַקומען,
װײַל איך אױפֿשנײַדן דאָס בוך,
איז דאָס מעסער מיר פֿאַרשװוּנדן
און איך מאַטער זיך און זוך.

כ'האָב עס שױן געזוכט אין שרענקל
פֿון די גלעזער, װאָס אין קיך,
אױפֿן טיש, אױף יעדער בענקל,
כ'זוך עס צװישן בערשטלעך, שיך.

כ'האָב געזוכט אין יעדן קעסטל
און אפֿילו אױך אין בעט,
אױך אַװעקגערוקט דעם פֿעסטן
אַלטן דעמבענעם בופֿעט.

פּלוצעם, זע: אין סאַמע מיטן
פֿון מיש־מאַש, װאָס כ'האָב געמאַכט,
נעבן ברױט, װאָס ליגט צעשניטן,
ליגט דאָס מעסער און סע לאַכט.

דאָס שליסעלע

איך האָב געפֿונען אַ שליסעלע
און קאָן נישט געפֿינען דעם שלאָס.
איך לײג זיך צו אַ ביסעלע
צו פֿאַרשלאָפֿן דעם פֿאַרדראָס.

איך לײג זיך צו אַ ביסעלע
און חלום, איך גײ אױפֿן װעג
און איך פֿאַרליר דאָס שליסעלע
און כאַפּ זיך אױף מיט שרעק.

דו, נאַר, װאָס טױג דאָס שליסעלע,
אַז ס'איז ניטאָ קײן שלאָס.
איך װײן זיך אױס אַ ביסעלע
און װײס אַלײן ניט פֿאַרװאָס.

מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס

הערש סעגאַלן

מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס,
די טיר פאַרשלאָסן און אַראָפּ די טרעפּ,
געבליבן איז אין שטוב דאָס מעבל בלויז,
אין קיך געבליבן — בלויז די טעלער, טעפּ.

וואָס טוט אַצינד דאָס מעבל, דאָס געפּעס,
בשעת זיי בלייבן דאָרט אָן אונדז אַליין ?
ווען ס'וואָלט געקאָנט געשען אַזאַ מין נס,
ניט שטייענדיק איצט דאָרט, כ'זאָל דאָרטן שטיין.

אַן אינו נראה ווערן פאַרן בעט,
דער דיל זאָל אויך ניט פילן מיינע טריט,
כ'זאָל הערן, וואָס דער שטול צום טיש רעדט,
דאָס בילד צום שפּיגל, וואָס מיך שפּיגלט ניט.

דער רוים, וואָס אין די לערע טעפּ אין קיך,
דער גלאַנץ אין שטוב פון שראַנק און פון בופעט
ניט פילן זאָלן זיי אַצינד אויף זיך
מיין אויג, וואָס קוקט אויף זיי, מיין אויג, וואָס זעט.

קאָן זיין, איך וואָלט זיך דאָרט אַזוינס דערוווּסט,
וואָס וואָלט באַפרייט מיך פון דער מאַכט פון וואָרט
און אפשר וואָלט זיך מער מיר ניט געגלוסט
צוריק צו קומען צו מיין אייגן אָרט.

מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס,
די טיר פאַרשלאָסן און אַראָפּ די טרעפּ,
געבליבן איז אין שטוב דאָס מעבל בלויז,
אין קיך געבליבן — בלויז די טעלער, טעפּ.

צי הערט איר ניט ?

צי הערט איר ניט ווי אַלצדינג רעדט
און איינס דעם צווייטן שרייט ניט איבער ?

סע רעדט אין שטוב דאָס בעט צום גרעט,
סע רעדן איינס צום צווייטן שטיבער.

עס רעדט דאָס פינטל אויף דער וואַנט
צום שטערן, וועלכער קומט אונדז ווען
און קלינגט אין שויב, ווי גלייך אַ האַנט
וואָלט אים געטרייסלט ווי אַ גלעקל.

עס רעדט דער טראַקטאָר גיך־גיך־גיך
און נעמט מיט רויש די גרעסטע שטחים
און פון די פעלדער ביז דער קיך
זיך שפרייט זיין רויש, זיין רויך לויפט נאָך אים.

אַ שטומער רעדט מיט יידע הענט,
נאָר מיט דער רעכטער עפּעס מערער
און ס'הערן צו זיך טויבע ווענט
ווי שילער, ווען סע רעדט דער לערער.

אַ בלינדער טאַפּט דעם וועג און גייט
און ס'רעדט זיין שטעקן צו די שטיינער.
ווער הערט דעם בלינדנס שטעקנס רייד?
צי בלויז די שטיינער? ווייטער קיינער?

ווער הערט עס, ווען דער שטעקן שרייט:
"דאָ גיי, דאָ גיי און דאָרטן גיי ניט!"
דער בלינדער נעמט זיך אין אַ זייט,
"דער עיקר גיי, דער עיקר שטיי ניט!"

צי הערט איר ניט, ווי אַלצדינג רעדט
און איינס דעם צווייטן שרייט ניט איבער?
עס רעדט אין שטוב דאָס בעט צום גרעט,
ס'רעדן איינס צום צווייטן שטיבער.

אַ שטיין

האַרט ווי אַ שטיין,
ליגט ווי אַ שטיין,
שטום ווי אַ שטיין,
טויט ווי אַ שטיין,
עלנט און אַליין
ווי אַ שטיין.

נעם איך דעם שטיין
און טראָג אים אַוועק צו שטיינער,
איז ער שוין ניט אַליין,
איז ער שוין ניט קיין איינער.
האַק איך אויס אינעם שטיין
אַ וואָרט, אַ צאָל, אַ נומער,
איז דער שטומער שטיין
מערער ניט קיין שטומער.

האַק איך אַרויס פונעם שטיין
אַ קאָפּ מיט נאָז און אויגן,
ווערט דער טויטער שטיין
מיט אַ שמייכעלע פאַרצויגן.

אַ שמייכעלע אויף דער זון
און ס'ווערט מיר גרינג דערפון.

שטיפעריש

1. אַ מאָל איז געווען אַ באָבע מיט אַ זיידן
אַ מאָל איז געווען אַ באָבע מיט אַ זיידן,
האָבן זיי זיך ביידע געלעבט אין פריידן.
דער זיידע איז אַוועק מיט אַ גרויסער האַק
צו די צייטיקע וועלדער,
דער זיידע האָט די וועלדער אויסגעהאַקט,
זענען זיי געוואָרן פעלדער.
די באָבע איז נאָכגעגאַן מיט אַ זאַק

די שפּענער צונויפצוקלייבן,
ס'אייניקל האָט אויך געטון, וואָס ער קען,
ס'אייניקל איז נאָכגעגאַן מיט דער פּען
די מעשה צו פֿאַרשרייבן,
די מעשה פֿון דער באָבען מיטן זיידן,
וואָס האָבן זיך ביידע געלעבט אין פֿריידן.

2. אויף יענער וועלט

צווישן די צייטיקע פּרוכטן אין פֿריידן
שפּאַצירט זיך מיין באָבע מיט מיין זיידן,
נישטאָ קיין געשעענישן אין גן עדן.

די פּרוכטן, איין מאָל צייטיק געוואָרן,
פֿאַרבלייבן פֿרישע אויף אייביקע יאָרן,
ניטאָ קיין פּרוכט, וואָס מע זאָל ניט טאָרן.

דער גאָרטן איז ווידער געוואָרן אַ גאָרטן
דורך דעם, וואָס ס'איז גאָרניט פֿאַרבאָטן דאָרטן —
די עפּל פֿון די בעסטע סאָרטן.

3. נייעס

אויך דאָ אין גן־עדן ברענגט נייס די צייט.
געקומען אַ פּאַרטיע מיט נייע לייט
פֿון דאָרט, פֿונעם לעבן, פֿון יענער זייט.

דער זיידע איז געקומען צו הערן אַ וואָרט,
די באָבע זיצט אויכעט ניט איין אויף קיין אָרט,
ווייל דאָס איז די איינציקע אַרבעט דאָרט.

געקומען אָפּנעמען אַ גרוס,
אַ גרוס פֿונעם אייניקל, וועלכער מוז
נאָך לעבן און לעבן אין זיידנס זכות.

אין זכות פֿונעם זיידן, וועלכער רוט
שוין לאַנג אין גן עדן, און ס'איז אים גוט
און נעמט אָפּ גרוסן אַלע מינוט.

שלוחים

האָט זיך דערנענטערט דער פרייטיק־פאַרנאַכט,
האָט זיך דער רוים על פּי טעות פאַרמאַכט,
איידער די זון איז פאַרגאַנגען,
האָט זיך דער עולם אין שטעטל צעוויגט,
האָט מען שלוחים קיין מערב געשיקט,
זענען שלוחים געגאַנגען.

זענען געגאַנגען און האָבן געשפּאַנט
ווייט צום פאַרמאַכטן, פאַרשלאָסענעם ראַנד,
ביז מ׳איז צום ראַנד געקומען.
שטייט ביי אַ טויער די זון און זי ברענט,
האָט ניט קיין שליסל און האָט ניט קיין הענט,
ברענט זי ווי הונדערט זונען.

סקלאַדן מיט וואַלקנס און פעסער מיט טוי
שטייען צעשטעלט אויפן הימל־בלוי,
ווער זשע היט די פאַרמעגנס ?
ניט קיין מלאכים און ניט קיין גאָט,
פרייטיק, ווייזט אויס, זיך פאַרהאַלטן אין באָד,
זענען זיי אונטערוועגנס.

שטייען שלוחים ביים עק פון דער וועלט,
לייגט זיך די זון מיטן קאָפּ אויפן פעלד
כאַפּן דערווייַלע אַ דרימל,
ציט זיך דער פרייטיק אָן סוף און אָן עק,
ווען שוין קיין שבת ניט זיין ? סאַראַ שרעק,
סאַראַ שטראָף פונעם הימל.

ווען שוין אייביק זיין וואָך ? זיין חול ?
אייביקן וואָך, סאַראַ שרעק, סאַראַ גרויל,
אייביקע וואָך, סאַראַ צאָרן !
״זאָרגט זיך ניט, יידן !״ דערהערט זיך אַ קול,
נידערט די זון אין טיף־טיפן טאָל,
וואָס איז אָקערשט געוואָרן.

דרייען די יידן אויף מיזרח זיך אויס,
לאָזט דער תחום שבת זיי ניט אַרויס,
יידן, שלוחים זיבן.
שבת געוואָרן, טאָר מען ניט גיין,
זענען זיי דאָרטן געבליבן שטיין,
דאָרטן אויף שבת פאַרבליבן.

נו און דאָס שטעטל ? ס'איז שבת, ס'איז רו,
גרייט מען קיין נייע שלוחים ניט צו,
עסט מען זיך קוגל און קוכן,
אָבער נאָך דער הבדלה באַלד,
מאַכט מען דעם אמתן גרויסן געוואַלד,
שיקט מען שלוחים, זיי זוכן.

ס'איז אומעטיק

ס'איז אומעטיק צו זינגען וועגן אומעט,
ס'איז פיינלעך שווער צו זינגען וועגן פיין.
אַ ראָד מיט טענצער דרייען זיך אַרומעט
און נעמען מיך אין זייער ראָד אַריין.

נישט טאַנצן, הייסט דאָך אָפּשטעלן די טענצער,
נישט דרייען זיך, הייסט אָפּשטעלן די ראָד,
איך שעם זיך פאַר די אויגן אין די פענצטער,
איך שעם זיך פאַר די פענצטער פון דער שטאָט.

ניט טאַנצן, ווען די כלי־זמר זענען מלא
און זייער שפיל דערגרייכט די העכסטע טרעפּ ?
ניט טאַנצן, וועט מען שפּילן לבטלה,
וועט זיין דאָך אַן עבירה, וואָס איך לעב.

ס'איז אומעטיק צו זינגען וועגן אומעט,
ס'איז פיינלעך שווער צו זינגען וועגן פיין,
אַ ראָד מיט טענצער דרייען זיך אַרומעט
און נעמען מיך אין זייער ראָד אַריין.

פון וועג

פון וועג, וואָס צווישן פעלדער ליגט
ווי לייוונט אויסגעשפּרייט,
וועל איך מיר אָפּשניידן אַ שטיק
און אָנטון פאַר אַ קלייד.

און אויב אַ וואָגן באַרג־אַרויף
פאַרלירן וועט אַ ראָד,
וועל איך אים נעמען אויף מיין גוף
און ברענגען גלייך אין שטאָט.

ניט פרעגן, ווו דער שמייסער איז,
דאָס אויסגעשפּאַנטע פערד,
זיי רייטן ערגעץ אום, געוויס,
און בלאָנדזשען אויף דער ערד.

איך וועל זיך לאָזן מיטן וועג,
דעם גרויען שטויבן־פּאַס,
וואָס האָט אין פעלד זיך אויסגעשטרעקט
אַזש ביז דער קאָוואַלישער גאַס.

און לאַנגזאַם וועל איך טראָגן עס
דאָס פורל, דעם בעל־מום,
אַ חולה איז דאָך ניט קיין מת,
איז נעם איך עס אַרום.

און שטעל אַנידער עס ביים הויז
פון עלטסטן בעסטן שמיד
און קלאַפּ און שריי : היי, קומט אַרויס,
מע דאַרף אייך דאָ, ר׳ ייד !

דער ייד וועט אויפשטיין פון דער באַנק,
נאָך איידער ס׳האָט געטאָגט
און זאָגן : יאָ, ס׳איז טאַקע קראַנק
דאָס פורל, וואָס מע טראָגט.

אַניט וואָלט דאָך דער יונגער מענטש
ניט אָנגעקלאַפּט אַצינד
און ניט געטראָגן אויף די הענט
אַ וואָגן ווי אַ קינד.

ווי גוט איז אָנהייבן דעם טאָג
פון סאַמע אין דער פרי,
און מיטן האַמער טון אַ שלאָג
און מיטן בלאָז־זאַק טון אַ צי.

דער ייִד וועט עפענען די טיר
פון קוזניע טויער־ברייט
און טון דאָס פייער אַ צעפיר
און אַ צעבלאָז די פרייד.

און ווען דאָס ראָד וועט פאַרטיק זײַן,
דאָס פורל אויפגעשטעלט,
וועט אַניאָגן אין שטאָט אַרײַן
דער רײַטער פונעם פעלד.

און פרעגן, ווער האָט עס געבראַכט
דאָס פורל אַזש אַהער
און ווער האָט עס צו רעכט געמאַכט
און גאַנץ געמאַכט עס, ווער?

דער ייִד, דער שמיד, וועט שטיין פאַרקלערט
און זען דורך אַלטער בריל,
דעם רײַטער אײַנשפּאַנען דאָס פערד,
אַוועקפאָרן אין מיל.

און ביז דער וואָגן קערט זיך אום
מיט זיבן זעקלעך מעל,
וועט האָבן אויפגעגאַן די זון
אויף דאַך און שליאַך און שוועל.

פון אַלע בלינדע

אברהם מאָרעווסקין

פון אַלע בלינדע דער בלינדסטער
בין איך אין דער נאַכט דער בלינדער,
ס'איז גרינג אויפן פאַן פון דער פינצטער
צו מאָלן מיט די אויגן בילדער.

דער דמיון פון יעדן בלינדן
איז רייכער פון רעגנבויגן
מע קאָן ניט דעם דמיון פאַרבינדן
און מאַכן אים בלינד ווי אויגן.

איך זע ניט, ווען דער חושך
האָט איינגעהילט אין זיין מאַנטל,
נאָר כ'הער, ווי אַ בוים האָט צערוישט זיך
דאָס בילד פון אַן אַלטן באַקאַנטן.

איך פיל אַ באַקאַנטן ריח,
איך הער אַ באַקאַנט געשריי,
מיין זיידע איז אויפן מזבח
געבונדן, דער צענטער אין ריי.

מיין זיידע פאַרברענט איז געוואָרן,
דער ווינט האָט דאָס אַש פאַרווייט
און איצטער, נאָך הונדערטער יאָרן,
איך הער ווי מיין זיידע גייט.

מיין זיידע איז אַריין ווי אַ דיבוק
און האָט זיך באַזעצט אין מיר,
מיין באָבע, מיין זיידנס זיווּג,
זי פירט אונדז פון טיר צו טיר.

זי קלאַפּט אין די טירן און וואָרנט
די אייניקלעך אירע פון לאַנד.
זי פירט מיך, דעם בלינדן, פון פאָרנט,
זי פירט מיך אַרום ביי דער האַנט.

צי מיינט זי מיך, צי מיין זיידן,
וואָס האָט זיך באַזעצט אין מיין פעל ?
צי איז טאַקע דאָ זיין גן עדן
אין מיר, זיין איינצל־צעל ?

פון אַלע בלינדע דער בלינדסטער
בין איך אין דער נאַכט דער בלינדער,
ס'איז גרינג אויפן פאַן פון דער פינצטער
צו מאָלן מיט די אויגן בילדער.

שפעט ביי נאַכט

ס'איז שפעט ביי נאַכט. אַ נעפל הילט די שטאָט
און ערגעץ, ניט צו זען, פירט אַ גאַס אַראָפּ,
און ערגעץ אונטן דאָרט בליט אין נעפל אויף
אַ הויכער באַרג, וואָס פירט צום באַרג אַרויף.
אַן איינזאַם שטיבל שטייט דאָרט אין דער הייך
און שטערן פליען אום ווי פונקען אין אַ רויך.
אַ סטעזשקע פירט פון שטיבל באַרג־אַראָפּ,
אַ סטעזשקע שלענגלט זיך און לויפט און לויפט,
ווי ס'לויפט אַ העלע ריטשקע באַרג־אַראָפּ,
און גיסט זיך אונטן מיטן וועג צונויף,
וואָס שפיגלט אין זיין שטויב די שטערן אָפּ,
די שטערן פונעם ריינסטן שטערנגאָלד,
די שטערן אויפן הימל אויסגעמאָלט.

צי קאָן מען ?

צי קאָן מען אַוועקגיין פון אייגענעם ליד ?
צי קאָן מען זינגען אַ פרעמד געזאַנג ?
צי קאָן מען פאַרלאָזן די אייגענע טריט ?
צי קאָן מען גיין מיט אַ פרעמדן גאַנג ?

מע קאָן ניט גיין מיט קיין פרעמדן גאַנג,
מע קאָן ניט פאַרלאָזן די אייגענע טריט,
מע קאָן ניט זינגען קיין פרעמד געזאַנג,
מע קאָן ניט אַוועקגיין פון אייגענעם ליד.

שיינע לידער קאַסטן טייער

כ׳ליג אין היץ — אַ העליש פייער,
כ׳רעד פון היץ — ״ס׳איז גוט, ס׳איז גוט!״
שיינע לידער קאַסטן טייער,
הייסע לידער קאַסטן בלוט.

זעסט דעם בוים? דו הערסט זיין רוישן?
כ׳וואַרף אים צו דעם פייער צו,
זיינע פרוכטן — פולע קוישן
ברענען אויך שוין ערגעץ ווו.

ס׳האָט די נאַכט זיך אויסגעצויגן,
שוואַרצע אויגן האָט די נאַכט,
כ׳וואַרף איר פאַקלען אין די אויגן
און זי האַלט זיי ניט פאַרמאַכט.

פונעם רוים, וואָס איז אומענדלעך,
פאַלן שטערן מיר אַראָפּ,
שטערן פאַלן ווי די שפּענדלעך
צו דער שׂרפה אין מיין קאָפּ.

כ׳ליג אין היץ — אַ העליש פייער,
כ׳רעד פון היץ: ״ס׳איז גוט, ס׳איז גוט!״
שיינע לידער קאַסטן טייער,
הייסע לידער קאַסטן בלוט.

סע לעשט ניט מיין דאָרשט

סע לעשט נישט מיין דאָרשט קיין שום געטראַנק,
כ׳האָב היינט שוין געטרונקען ניט איין מאָל,
מיין האַרץ איז דאָרשטיק נאָך אַ געזאַנג,
וואָס כ׳האָב ניט געהערט נאָך קיין מאָל.

אין דרויסן איז נאַסע נאַכט אַצינד,
אין דרויסן איז נאָך אַ רעגן

און שטיל איז איצטער אפילו דער ווינט,
וואָס טריקנט אויס די וועגן.

און שטיל איז דער נאַסער בוים, וואָס גלאַנצט
אַקעגן דער שיין פון לאַמטערן,
און שטיל גייט אָן אין הימל דער טאַנץ,
דער אייביקער טאַנץ פון שטערן.

מיר זיצן — אַ קרייז פון קלוגע לייט —
און עפעס קלוגס מיר ברומען,
נאָר ניט פון נאָענט און ניט פון ווייט,
סע וויל יענץ געזאַנג ניט קומען.

און בין איך ניט זוכה צו זיין געבענטשט
דאָס גרויסע געזאַנג צו הערן,
בין איך ניט דער איינציקער דאָרשטיקער מענטש,
מיר זענען ווי זאַמד און שטערן.

און זאָל כאָטש איינער, קיין חילוק ניט ווער,
ניט איך און ניט דו, איז אַ דריטער,
זאָל זיין כאָטש איינער, וואָס האָט דערהערט
דאָס גרויסע געזאַנג מיט אַ ציטער.

און אויב זיין האַרץ האָט אַ גוט געהער,
וועט ער עס אויך אונדז דערלאַנגען
און זינגען וועט ער, איך ווייס נאָך ניט ווער,
די סאַמע גרעסטע געזאַנגען.

סע לעשט ניט מיין דאָרשט קיין שום געטראַנק,
כ׳האָב היינט שוין געטרונקען ניט איין מאָל,
מיין האַרץ איז דאָרשטיק נאָך אַ געזאַנג,
וואָס כ׳האָב ניט געהערט נאָך קיין מאָל.

דיכטונג

און הייבן הייבט עס אָן זיך פונעם גיין.
איך גיי אַרום מיט גרויסער־גרויסער לוסט,

איך גיי אַרום און רעד צו זיך אַליין
און כ׳זאָג מיר זאַכן, וואָס כ׳האָב ניט געוווּסט.

און אויב אַ וואָרט פֿאַרלירט זיך אויפֿן וועג,
איך דריי זיך אויס און קער זיך אום צוריק
און הער זיך איין און זוך עס גאַנצע טעג
און רו ניט איין שוין אויף קיין אויגנבליק.

נאָר, גייענדיק, געפֿינט מען ניט דאָס וואָרט,
וואָס מ׳האָט שוין איין מאָל אין די הענט געהאַט,
מע דאַרף זיך שטעלן אויף אַ הויכן אָרט
און שטיין דאָרט אויף דער וואַך ווי אַ סאָלדאַט.

און טראַכטן דאַרף מען אויך ניט פֿון קיין זאַך,
דאָס וואָרט וועט מיך שוין אויסזוכן אַליין,
דאָס וואָרט וועט מיך באַפֿרייען פֿון דער וואַך
און וועט אַליין מיר הייסן ווייטער גיין.

איך גיי און גיי און הער ניט אויף צו גיין,
איך גיי אַרום מיט גרויסער־גרויסער לוסט,
איך גיי אַרום און כ׳רעד צו זיך אַליין
און כ׳זאָג מיר זאַכן, וואָס כ׳האָב ניט געוווּסט.

איינגעראַמט און פֿאַרבליבן

אַ פּראָסט שטיק פּאַפּיר און אַ פּראָסטער בלייער,
אַ פּערציקער לעמפּל און אַ זייגער.

אַ פֿרייע שעה און טיי אויפֿן טישל,
אַ גלאָז און אַ לעפֿעלע אויף צו מישן.

אין פֿענצטער אַ נאַכט מיט אַ הימל אַ גרויסן,
אַ שויב, וואָס ציטערט פֿונעם פֿאָרן אין דרויסן.

אַ ווייט געראַוש ווי אַ נאָענט געפּליסטער,
און פּרצעס בילד און אַ בוך פֿונעם נסתר.

מוזיק פון רייד פון פאַרשיידענע ערטער,
מוזיק פון רייד אָן דעם טייטש פון ווערטער,

דאָס האָט זיך מיר איינגעראַמט און פאַרבליבן
אין ליד, וואָס כ'האָב אָקערשט אָנגעשריבן.

אַ פייערדיקער זומערדיקער דרויסן

אַ פייערדיקער זומערדיקער דרויסן,
אַ זומערדיקער, פייערדיקער טאָג,
איך האָב אים ווי אַן אויוון ברויט אַ הייסן
גענומען גלייך אויף זיך ווי אויף אַ וואָג.

און אָפּגעווויגן האָב איך אים, דעם דרויסן,
און אָפּגעווויגן האָב איך אים דעם טאָג,
איך האָב אים ווי אַן עפּל־קויש אַ גרויסן
אויף זיך גענומען און די וואָג געזאָגט.

און ווער עס איז מיך חושד און איז אויסן
מיין משא איבערוועגן אויף דער וואָג,
זאָל קומען אין אַ פייערדיקן דרויסן,
זאָל קומען אין אַ זומערדיקן טאָג.

פרעג מיך ניט גאָרניט

פרעג מיך ניט גאָרניט.
מיין ווינקל איז שוואַרץ און פאַרשטויסן,
די האָלצהעקערס האַקן אין דרויסן
און האָבן קיין צייט ניט צו הערן
דאָס רעדן
פון די העק מיט די זעגן,
פון מידקייט זיי הערן ניט גערן,
סע לייכטן, מסתמא, שוין שטערן.

פרעג מיך ניט גאָרניט.
איך ליג דאָ פאַרשלאָסן אין שווייגן,

אין דרויסן אויף דר׳ערד צווישן צווייגן
די וואַלד־מענטשן, ברוינע ווי בערן,
זיי שינדן
די קאָרע פון לינדן
און בינדן
בערעזעווע בעזעמס צום קערן,
איז וואָס גייט עס אָן זיי די שטערן ?

פרעג מיך ניט גאָרניט.
איך זיץ אין דער פינצטער אַ פרעמדער,
אויף שטריק הענגען שווייסיקע העמדער,
וואָס ווילן גאָר טרוקן ניט ווערן.
זיי הענגען
ווי טונקעלע וואָלקנס און ברענגען
מיר שרעק, זיך ניט איבערצוקערן,
איך ציטער אַזוי ווי אַ שטערן.

פרעג מיך ניט גאָרניט.
מיין לעבן וועט סיי ווי פאַרפליסן
און קיינער וועט מיר ניט דערגיסן
צום ערדערנעם קריגל דעם גראָבן
קיין טראָפּן,
קיין שטיינדל דעם דנאָ צו פאַרשטאָפּן,
מע וועט עס צעטרעטן, צעשטערן,
מע וועט עס מיט מיר שוין באַגראָבן.
ווי לאַנג קאָן מען קוקן אויף שטערן ?

אָוונטליד

אין קליינעם צימערל פאַרמאַכט,
ביים קליינעם פענצטערל פאַרקלערט,
איך זיץ אַליין און, וואָס מיר דאַכט
איז דאָס, אַז אויף דער גאָרער ערד
איז ווי ביי אונדז אַצינד פאַר נאַכט,
אַז ערגעץ ווייט
איז איצט די זעלבע צייט,

די זעלבע אָוונט־שעה,
די זעלבע טונקלקייט, וואָס דאָ
און אומעטום איז שטיל
און אַז מיין טאַטע אין בראַזיל
פאַרענדיקט מינחה איצט אין איינעם מיט אַ היגן ייד
און ערגעץ אין מאַדריד,
וווּ קיין ייד איז ניט פאַראַן,
פאַרענדיקט איצט דאָס אייניקל פון אַ מאַראַן
דאָס זעלבע אָוונט־ליד:

אין קליינעם צימערל פאַרמאַכט,
ביים קליינעם פענצטערל פאַרקלערט,
איך זיץ אַליין און, וואָס מיר דאַכט,
איז דאָס, אַז אויף דער גאָרער ערד
איז ווי ביי אונדז אַצינד פאַר נאַכט.

איצטער

איצטער איז מיר גרינגער.
שפעט ביי נאַכט. סע שלאָפן שוין די זינגער,
און די הערער שלאָפן שוין אַצינדער,
און די לערער שלאָפן און די קינדער,
און די אמת־זאָגער און די ליגנער,
איצטער איז מיר גרינגער.

איצטער איז מיר בעסער.
שפעט ביי נאַכט. סע שלאָפן שוין די פרעסער,
און די קוכערס שלאָפן און די טעפּ, די פאַנען,
און די טישלעך שלאָפן אין די רעסטאָראַנען
און די ציינדלעך פון די גאָפּלען און דאָס שאַרפע מעסער,
איצטער איז מיר בעסער.

איצטער בין איך ניכטער,
איצטער שלאָפן איין די שיכורע געזיכטער
אין דער פינצטערניש ווי פּודיקע געוויכטער.

איצטער צינד איך אָן אַלע מיינע ליכטער,
איצט איז ליכטיק אויפן טיש פון דיכטער,
איצטער בין איך ניכטער.

שוין וויפל מאָל

שוין וויפל מאָל מיר חלומט זיך אַלץ דער זעלבער שטריק
און וויפל מאָל סע ווערט מיר שווער און פיינלעך ביז שגעון,
איך מאַך אַ שלייף און שטעק אַריין דעם קאָפּ מיינעם דעם גראָען
און וויג זיך פאַר די אויגן פון צדיקים און רשעים
אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

פאַרוואָס ביסטו פאַרשוווּנדן פונעם הימל, גאָט ? !
און מענטשן זענען אויף דיין אָרט געוואָרן ריכטער,
און שווינדלער זענען אויף מיין אָרט געוואָרן דיכטער
און ס'איז ניט צו דערקאָנען פון מאַסקעס ביז געזיכטער
און ס'ווערט פון טאָג צו טאָג געדיכטער און געדיכטער
דער מאַסקאַראַד, דער מאַסקן־קאַראַהאָד.

סע דרייט זיך וויכערדיק אַ פאַרביקער ווירוואַר
און ס'האָט אויך מיך דער וויכער אַריינגעדרייט אין מיטן,
דערנאָכדעם אָפּגעשטופּט און אויף אַן אַנדערן פאַרביטן,
ס'האָט איינער אָנגעשמירט זיין האַלדז מיט רויטס פון פרויען־ליפּן,
ווי גלייך מע האָט אים אָקערשט פון דער תליה אָפּגעשניטן,
זיך אויבן אָן אַוועקגעשטעלט, אַז ער זאָל שיטן, שיטן
מיט רייד, מיט אומגליקן, וואָס ער האָט ניט געליטן,
אַ דערנער־קרוינדל אויפן קאָפּ און אין זיין האַנט אַ היטל
צונויפצונעמען צווישן פאָלק אַ גראָשנדיקן שכר.

אויפן פערד

און איך בין ווידער, ווידער אויפן פערד,
אַזוי פיל מאָל געווען שוין אונטער אים,
אַזוי פיל מאָל געליגן אויף דער ערד
און אויסגעהערט די בייזוויליקע שטים,
וואָס האָט געזאָגט — אַזוי איז דיר באַשערט.
נאָר איצטער בין איך ווידער אויפן פערד.

און רײטנדיק קוק איך ניט אַרויף,
מײן קאָפּ געבויגן, קוק איך אַלץ אַראָפּ
און קריך אַראָפּ און הײב אַ צווײטן אויף
און טו אים אָן דאָס היטל אויפֿן קאָפּ
און שטויב אים אָפּ די שטרויען פֿון זײן גוף
און זעץ אים אויף זײן פֿערד צוריק אַרויף.

און זאָג אים צווײ מאָל אָן: געדענק, געדענק!
ניט אײן מאָל, רײטער, פֿאַלן נאָך דו װעסט,
טאָ זײ צו די געפֿאַלענע ניט שטרענג,
בשעת דיר דאַכט, דו זיצסט אין זאָטל פֿעסט.
סע טרעפֿט, דו האָסט פֿאַרטראַכט זיך צי פֿאַרבענקט
און גאָר דײן װעזן אויף אַ האָר שוין הענגט.

און איך בין װידער, װידער אויפֿן פֿערד,
אַזוי פֿיל מאָל געװען שוין אונטער אים,
אַזוי פֿיל מאָל געליגן אויף דער ערד
און אויסגעהערט די בײזװיליקע שטים,
װאָס האָט געזאָגט — אַזוי איז דיר באַשערט —
נאָר איצטער בין איך װידער אויפֿן פֿערד.

מײן אוצר

געקומען זענען מיר אויפֿן פֿאַרהער
ניט אַלע גלײך באַװאָפֿנטע מיט װיסן,
מײן מאַמעס גורל איז געװען אַ שטער,
איך זאָל װי איר פֿון װיסנס־בוים געניסן.
אין שול, אין די פֿאַר קלאַסן, אויף דער לער,
האָב איך קײן סך צו װיסן ניט באַװיזן.
מײן ענטפֿער איז מיר אָנגעקומען שװער,
ס׳איז ניט געװען מיט װאָס מיך צו באַגריסן,
איך האָב אָבער געהאַט אַ גוט געהער,
פֿון אײערע ענטפֿערס כ׳האָב געשעפּט מײן װיסן.

און ערשט דערנאָכדעם איז אַװעק אַ גאַנג,
איר האָט דאָס װיסן ניט באַדאַרפֿט שוין מערער

און איך האָב עס פֿאַרוואַנדלט אין געזאַנג
און איך האָב עס דערקלערט מיר פֿאַר מיין לערער.
כ׳בין אומגעגאַנגען אין די גאַסן, לאַנג
און ממש פון די הענט פון גאַסנקערער
אַרויסגעריסן כ׳האָב אַן אַלטן באַנד,
וואָס איר האָט אין די הענט פונעם צעשטערער
אַוועקגעגעבן מיט אַ לייכטער האַנט,
ווייל איר האָט כלומרשט ניט באַדאַרפט אים מערער.

איצט מאָנט איר אייער רעכט אויפן פֿאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פונעם זכרון.
דעם אוצר, וואָס איך האָב אַליין אין וועג
געטראָגן אין די סאַמע שווערסטע יאָרן,
האָב איך געבראַכט פֿאַר מיינע לעצטע טעג
און כ׳וויל אים אויך פֿאַר מיינע קינדער שפּאָרן.
אומזיסט איז איצט נאָך מיר אייער געיעג,
איר וועט שוין ווייט אַצינדערט ניט פֿאַרפֿאָרן,
ס׳איז מערער שוין ניט אייערער דער פֿאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פונעם זכרון.

נאָר ער איז ניט פֿאַרשלאָסן אויף קיין שלאָס,
איך האַלט אים אויך ניט אין קיין זאַק באַהאַלטן
און ווער סע וויל קען קומען אינעם גראָז
זיך זעצן דאָ מיט מיר דעם גרויען, אַלטן;
און ווער סע וויל קען קומען אָפן, פּראָסט,
זיך זעצן אויף מיין אויסגעשפּרייטן מאַנטל,
פֿאַררייכערן מיט מיר אַ פּאַפּיראָס
און רעדן ווי מיט זיינס אַן אַלט־באַקאַנטן —
איך האַלט ניט מיין פֿאַרמעגן אויף קיין שלאָס,
איך וויל פֿאַר קיינעם גאָרניט באַהאַלטן.

שטורעמדיק וועל איך קומען

איך וועל אין אַ נאַכט פון שטורעם
אַוועק, דורכן פענצטער אַרויס
און שטורעמדיק וועל איך קומען
צו אייניקע דיכטער אין הויז.

און קלאַפּן אין טיש וועל איך, קלאַפּן
און שרייען דאָס גרעסטע געשריי,
ס'וועט הילכן מיין קול און מיין קלאַפּן
איף זייערע טישן, ביי זיי:

„וואָס וואַרעמט איר ווידער די שטולן?
וואָס דרימלט איר ווידער שוין איין?
און טרוימט פון נעכט מיט פולע
לבנות מיט גיפטיקער שיין."

„איר זעצט זיך שוין ווידער צו זויפן
מיט אויגן פאַרמאַכט אין דער נאַכט
און זיצנדיק, ווילט איר אַנטלויפן
צו אַלץ, וואָס איז אויסגעטראַכט.

איר האָט זיך פאַרזאָרגט מיט פאַרדינסטן
ווי פריצים מיט אַל דאָס גוטס
און ס'האָבן אייך קנעכט און דינסטן
געשייערט די נעמען, געפּוצט.

און איר האָט מציאות געהאַנדלט
און ביליק זיך איינגעקויפט רום
און פרעמדע פראַצע פאַרוואַנדלט
אין אייער אייגנטום.

דערנאָך די פרעמדע פאַרטריבן,
דעם חשבון צעריסן, פאַרברענט
און כשר זיך אונטערגעשריבן
מיט אויסגעכאַליעטע הענט.

אויף אַלץ, וואָס אין אייערע גערטנער
די פרעמדע האָבן פאַרפלאַנצט,
און אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט נאָר,
געראָטן איז און איז גאַנץ.

איר הערט? די וואָרצלען וויינען.
די וואָרצלען פון בוים, וואָס בליט.

צי מיינט איר, מע קאָן זיי פאַרניינען
דערפאַר וואָס מע זעט זיי ניט ?

דאָס ליכט פון זיבעצן זונען
וועט גראָבן, צעגראָבן די ערד
און איטלעכן וועט עס געפינען
און אומקערן אים זיין ווערט.

וווהין ? איר ווילט אַנטרינען,
באַרימטע, באַוווּסטע לייט,
אַ שאָטן ווילט איר געפינען
אויף איבער דער זונענצייט.

דאָס ליכט וועט אייך סיי ווי סיי טרעפן,
נישטאָ קיין באַהאַלט פאַר אייך.
פאַרזוכט פונעם סם אַ לעפל
פון אייער אייגענעם טייך.

דער סם איז פאַרפּראַוועט מיט טוגנט,
דער מאָרד מיט לייטישקייט שמעקט,
מיט אים האָט איר אויך אונדזער יוגנט
דאָס לעבן אָפּגעעקט.

נאָר יונגע ביימער בליען
איבער אייערע קעפּ
און איר וועט פאַר זיי נאָך קניען
אויף אייערע שטיינערנע טרעפּ.

אייער געוויין

און אייער געוויין איז ניט קיין געוויין,
נאָר אַ קוועטשן מיט די אויגן
און אייערע טרערן זענען פון שטיין,
וואָס פאַלן האַרט אויף פּאַפּירענעם בויגן.

איר בענקט נאָך יענער האַלבער נאַכט,
נאָך יענעם חלום, יענעם גרויען,

וואָס האָט דורך דורות אונדז אָפּגעשוואַכט,
ניט צוגעגרייט אונדז צום נסיון.

איר רעדט אַזוי פלינק וועגן קידוש השם
פון זיידעס און עלטער־זיידעס,
איר האָט אונדזער ״תמות נפשי״ פאַרזען,
פון וועלכן איר אַליין זענט עדות.

מיר זענען אייך גלייביק נאָכגעגאַן,
געזונגען אייערע לידער,
נאָר איר האָט זיך אויסגעשפּאַנט פון געשפּאַן,
פאַרלאָזט אין אַ נויט אייערע ברידער.

און איר האָט פון שפּאַן זיך אויסגעשפּאַנט,
געלאָזט אונדז טיף אין דער בלאָטע,
אַוועק מיטן בעסערן גורל אין האַנט
און אונדז געלאָזט די חרטה.

איצט זינגט איר ווידער דאָס זעלבע ליד
און זוכט זיך ווי צוצוטוליען.
איר הערט ? דער אָפּגעגאַרטער ייד
וועט מער ניט לאָזן אייך הוליען.

איר זינגט פאַר אַ מאַסע, וואָס האָט אייך פאַרלאָזט,
איר קלאָגט פאַר די ליידיקע רוימען.
איר בויט אייך אויס אינעם גרעסטן פראָסט
אַ הייסן גיהנום פון טרוימען.

מיר וואָרענען אייך און יעדן דעם,
וואָס וואַרפט זיך אין אייערע פלאַמען
און שלאָגט זיך פאַר אייער שיינעם שם
און טרעט אויף זיין אייגענער מאַמען.

קיין תשובה וועט אייך ניט העלפן, ניין,
ווייל איר זענט געוואָרנט באַצייטנס
און אייערע טרערן זענען פון שטיין
און ליגנערן פון ווייטנס.

עס הייבט זיך שוין אָן

עס הייבט זיך שוין אָן
מיט ניט־דערלייענען, מיט ניט־דערזאָגן,
מיט ניט־דערווײנען, מיט ניט־דערקלאָגן,
מיט ניט־דערפליען, מיט ניט דערגרייכן,
כאָטש נידעריקע, כאָטש האַלבע הייכן.
עס הייבט זיך שוין אָן.

עס הייבט זיך שוין אָן
מיט לויבן אין טאָג אַריין איינער דעם צווייטן
פאַר גאָרנישטלעך, פאַר קלייניקייטן.
דו ביסט דער מחבר פון שענסטן מעטאַפער
און איך — פונעם שענסטן פאַרגלייך דער מחבר.
עס הייבט זיך שוין אָן.

עס הייבט זיך שוין אָן
מיט פלעצער פאַרכאַפּן אין אונדזער יאָרהונדערט,
פון דעם, וואָס איך זאָג דיר, דו ביסט ניט פאַרוווּנדערט,
אַז דו ביסט אַליין אַ גאַנצער אָרקעסטער,
אַז דו ביסט דער בעסטער, אַז דו ביסט דער גרעסטער,
עס הייבט זיך שוין אָן
און סע לאָזט זיך ניט אויס.
איך בעט דיך, לאָז פון געשעפט מיך אַרויס.

נעם צוגויף

נעם צונויף אין אַ טאָג אַ שיינעם
אַלע פּאָעטן און מאַך פון זיי איינעם.
קנעט זיי צוזאַמען און היט זיך ביים קנעטן,
ס'זאָל ניט אַנטרינען אַ פּאָרל פּאָעטן,
ווי ס'איז שוין געשען אַ מאָל אין מיין שטעטל.

צוויי פּאָעטן זענען זיי געוועזן
הויך געבילדעט און שטאַרק באַלעזן,
האָבן זיי ביידע גלייך געשריבן,

זענען זיי לאַנג זיך שונאים געבליבן,
איינס אויפן צווייטן רכילות געטריבן.

נאָר, אַז ס'איז געקומען צום טאָג צום שיינעם
צו מאַכן פון אַלע פּאָעטן איינעם,
האָבן זיי איינער דעם צווייטן געפונען,
זענען זיי איינער צום צווייטן געקומען,
איינער דעם צווייטן געהאָלפן אַנטרינען.

לעבן פון דעמלט אָן בשלום,
איינער אַנטלייט ביים צווייטן אַ חלום,
איינער באָרגט אַ וואָרט דעם צווייטן,
איינער גייט דעם צווייטן באַגלייטן,
ווען איינער גייט אַוועק פונעם צווייטן.

שלאָפט מיין שאָטן

שלאָפט מיין שאָטן אויף דער וואַנט,
וואַך איך און איך היט אים אָפּ,
כ'ריר זיך ניט פון אָרט, ער זאָל
פון וואַנט, חלילה, ניט אַראָפּ.

פלוצעם הער איך, ווי סע פאַלט
אין דער שטילקייט אַ גלעכטער.
כ'ציטער אויף און קוק און זע:
מיין שאָטן אויפגעוועקטער

ציטערט, ציטערט אויף דער וואַנט,
פאַלט אַראָפּ און פליט אַרויף
און ווי קנוילן רויך לויפט נאָך
זיין געלעכטער אָן אַ סוף.

טשערנאָוויץ 1934

מיינע אָפּגעגנאַרטע בלוטן

מיינע אָפּגענאַרטע בלוטן גלייבן ניט דעם קלאַפּ אין טיר,
זיץ איך און איך ענטפער ניט, איך טו זיך ניט קיין ריר
זיץ איך אַ פאַרשלאָסענער, דער שליסל איז ביי מיר.

כ׳ווייס, אַז ערגעץ הייצט מען און מע שיקט מיר וואַרעמקייט צו,
כ׳ווייס, אַז ערגעץ הייצט מען און מע שיקט מיר ליכט און רו.
כ׳וואָלט געגאַן דעם ערגעץ זוכן, איז ער אָבער ערגעץ וווּ.

צו פיל מאָנערס האָבן זיך געמאָלדן מיר נאָך שכר,
שכר קאָן צאָלן דער נאַר, וואָס ער האַלט זיך פאַר אַ האַר
און האָט אָנגעזאַמלט, ביי די מאָנערס טאַקע, זייער מי און צער.

מיינע אָפּגענאַרטע בלוטן גלייבן ניט דעם גרינעם גראָז
און דעם וואַסער, וואָס מע שיקט מיר דורך די רערן גלייך אין גלאָז,
עפּעס שרייען מיינע בלוטן, קיינער וויל ניט הערן וואָס.

מיין קאָפּ איז קלאָר

מיין קאָפּ איז קלאָר, מיין האַרץ איז דורכזיכטיק,
פאַרוואָס זשע איז אין ערגעץ מיר ניט ליכטיק ?
סע גנבעט זיך אַ טונקלקייט אַריין
אין דרומדיקער זונענשיין,
אין שלאָפנדיקן, צפונדיקן שניי,
אין קאַלטן קלאָרן וויין,
אין הייסער זידנדיקער טיי,
אין הייס, אין קאַלטס,
אין אַלץ
און ווּ איך שטיי און גיי.

מיין קאָפּ

ס׳איז מיין קאָפּ באַלאָדן
ביזן סאַמע שפּיץ,
איז מיר שווער אים טראָגן
אין אַזאַ מין היץ.

פולע זעק מיט זאָרגן,
דאגות — גאַנצע בערג
פון יאַרידן, טאָרגן
און פון ווייטע מערק.

זעק — נאָך ניט געעפנט,
בערג — נאָך ניט גערירט,
איז מיר שווער צו טרעפן,
וואָס סע וואַרט אויף מיר.

וואָס מע קען שוין וויסן
מיט אַזאַ מין קאָפּ!
אויף אַ ווייכן קישן
פאַלט מיין קאָפּ אַראָפּ.

און ער ווערט אַנטשלאָפן
מיט אַן אויג פאַרמאַכט
און דאָס צווייטע אָפן
שטעלט זיך אויף דער וואַך.

ס'טרעפט אויך מיט אַ וועכטער,
אַז ער דרימלט איין,
ווען אין שוואַרצע נעכט ער
זעט פאַר זיך קיין 'שיין.

מיט אַ מאָל ווערט גרינגער
אויפן קאָפּ ביי מיר,
ווי מיט גרינגע פינגער
וואָלט מען טאָן אַ ריר.

זאָל עס זיין אַ פידל
וויל אַ ציטער טאָן
אָדער גאָר אַ נאָדל
איז אַריין אין קאָן.

און פון סאַמע מיטן
דורכגעשטאָכענע זעק
אָנגעהויבן שיטן
אַל די ווייסטע שלעק.

שרעק און אַנגסט און ציטער,
פּחד פאַר דער וועלט
און די טיי איז ביטער,
און דער צוקער פעלט.

און דאָס ברויט איז טרוקן
און דאָס קינד ניט זאַט,
ציטער איך מסוכן,
ציטער ווי אַ בלאַט.

שטעכט און שטעכט די נאָדל,
אויסגעשאָטן אַלץ,
קומט די ריי פון פידל
צוצושיטן זאַלץ.

ניט מיט גלאַנץ געקומען,
פראָסטער פידל בלויז,
ניט קיין פידל־בלומען,
ניט קיין פידל־רויז.

שיט ער אַלץ און שיט ער,
שיט ער ביזן סוף,
כ׳טו אַ פרישן ציטער
אין מיין טיפן שלאָף.

אַז דעם קאָפּ ווערט גרינגער,
דאַרף דאָך ווערן גוט,
וואָס זשע זענען פינגער
הוילע ווונד און בלוט?

דאָס גייט אויכעט איבער,
ס׳קומט די בעסטע שעה
און די נאָדל ווידער
אָנגעשאַרפט איז דאָ.

סטענגעס רויטע, בלאָע
ציען זיך אַ קייט,
האָט דאָס אויג הנאה
שלאָפנדיקערהייט.

שטעכט די נאָדל ווייטער
און דערשטעכט זיך דאָך,
קריכט אַרויס אַ לייטער
דורך אַ נאָדל־שטאָך.

שטייגט זי ביזן הימל
פון דער טיפער ערד —
ס'איז דער לעצטער דרימל
איידער טאָג סע ווערט.

עפן איך די אויגן
און איך ויש זיי אויס,
פליט דער רעגנבויגן
פון דער שטוב אַרויס.

פליט אַרויף די לייטער,
פאַלט אַראָפּ מיין קאָפּ,
וואַקסט באַלד אויס אַ צווייטער,
פאַלט ער ניט אַראָפּ.

ס'איז דער קאָפּ באַלאָדן
ביזן סאַמע שפּיץ
און איך מוז אים טראָגן
אין דער גרויסער היץ.

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט, ווער ס'איז שולדיק, איך צי דו,
קען זיין, אַז שולדיק איז גאָר דאָרט אַ דריטער,
נאָר דיך מקנא בין איך מיט דיין רו,
בשעת איך פיל אין זיך, איך ווער צעשפּליטערט.

איך ווייס ניט, ווער פון אונדז עס איז געבענטשט,
איך ווייס ניט ווער פון אונדז עס איז פֿאַרשאָלטן,
אין יעדן מענטשן זע איך גאַנץ דעם מענטש,
נאָר זיך, ווי כ'וואָלט געווען אויף צוויי געשפּאָלטן.

איך ווייס ניט, ווער פון אונדז איז מער גערעכט,
קאָן זיין אַ דריטער איז פון אונדז גערעכטער,
נאָר כ'זע דיך שלאָפן רויק אין די נעכט
און ס'איז דיין שלאָף אַן אמתער, אַן עכטער.

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן

נעם אַרום מיין קאָפּ מיט דיינע יונגע הענט,
נעם אַריין מיין קאָפּ אין דיינע הייסע פינגער,
מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָב איך דיך דערקענט
ווי אַן אמת־אַלטער, אמת־בלינדער זינגער.

זיי מיין אייניקל און זעץ דיך אויף די קני —
איז דיר שלעכט מיך האָבן פֿאַר אַ זיידן?
פיר מיך תּפילה טון אַלע אין דער פרי
צו דעם עץ החיים פון גן־עדן.

אָן דעם וועג צו קענען פירסטו מיך אַוועק,
אָן אַ שטעקן גיי איך דיר דערנעבן;
הייבסט אַרויף מיר ביז דער נאָז דעם וועג —
און ער שמעקט מיט פרישער ערד, מיט לעבן.

גאָט האָט דיר אַן אַלטן ייִד באַשערט,
ס'וואַקסט דאָך ווייסע האָר שוין אויף מיין פּנים —
כ'לויף דיר נאָך ווי אַ סאָלדאַטסקע פערד,
וואָס מע נעמט עס שוין ניט אויף מלחמה.

נעם אַרום מיין קאָפּ מיט יונגע הענט
נעם אַריין מיין קאָפּ אין הייסע פינגער,
מיט פֿאַרמאַסטע אויגן האָב איך דיך דערקענט,
ווי אַן אמת־אַלטער, אמת־בלינדער זינגער.

לוד 1972

פּאָר טאָג. אַראָפּ פונעם בריקל,
אַרויף אויף דער הייליקער ערד
און גאַרניט. איך האַלט אויף אַ שטריקל
מיין פעקל פון קליינער ווערט.

אין פעקל אַ העמד מיט אַ זייפל.
איך טראַכט, איך בין נאָך ניט ראַזירט,
מיין פרוי, זי איז ממש פאַרצווייפלט —
פאַרגעסן ס'בריוונפּאַפּיר.

און שוין וויל זי שרייבן אַ בריוול
דער שוועסטער, וואָס זי האָט פאַרלאָזט,
סאָלדאַטן אין שיך (ניט אין שטיוול)
פאַרוואַקסן און אָפּגעלאָזט

זיך דרייען אַרום מיט די ביקסן
אויף אַקסל און גלאַט אין דער האַנט,
אַ יידישע מויד ווי אַ שיקסל
אין קליידער פון אַ סערזשאַנט,

וואָס רעגולירט די באַוועגונג,
די טעקסיס און זי רעגירט
מיט אויטאָבוסן און וועגן
און פירט די באַוועגונג און פירט.

מע ברענגט אונדז אַרויף ערגעץ אויבן,
ס'איז הייס, טו איך אויס דעם ראָק
און דורך די גרויסע שויבן
פון סאַמע, פון העכסטן שטאָק

מיר קוקן אַראָפּ אויף אונדזערס,
מיר קוקן צום לאַנד אַרויס
און חוץ דעם לאַנד קיין באַזונדערס
געפינט מיין פרוי ניט אויס.

און אַט איז די טאָכטער, דער איידעם,
זיך טרעפן לאָזט מען נאָך נישט,
זיי קוקן אַרויף צום בוידעם,
מיר קוקן אַראָפּ אויפן כביש

און אַט זעמיר אַלע צוזאַמען,
די קינדער, דער קוש און די טרער,
די טאָכטער מיט דער מאַמען,
דער איידעם מיטן שווער.

טומלט ניט!

טומלט ניט און שטעלט מיר ניט קיין פראַגן,
איידער נאָך איך האָב מיין האַרץ דערהערט —
צי איך בין צופרידן מיט מיין לאַגע
אויף דער אויסגעבענקטער ערד.

לאָזט מיך קוקן, לאָזט אַליין מיך פילן
ווי די שטראַלן קלעטערן אויף בערג,
כ׳וועל נאָך היינט דאָס אויג ניט קענען שטילן
אויף די ברוינע ראָזשינקעס־און־מאַנדלען־מערק.

לאָזט אַליין מיך אומגיין, לאָזט מיך שטייגן,
גיט דעם רעדנער, וואָס אים קומט — אַ וואָרט,
מיר — אַ ביסל פרייהייט אויף צו שווייגן,
שווייגן היט די הייליקייט פון אָרט.

חיפה

אין דער צייט פון דראַנג און שטורעם
בויען מיר די בבל־בערג
אויפן קאַרק פון כרמל־טורעם
און סע שפּיגלט זיך דאָס ווערק

אינעם אומרו פון די כוואַליעס,
אינעם אומרו פונעם ים,
וואָס אַ מאָל איז ער אַ טלית
און אַ מאָל אַ בלויקייט סתם.

אויף די זאַמדן אויף די נאַסע,
אויף די זאַמדן פונעם ברעג,
וואַרפט אַ ייִד די גלות־משא
אין דער שקיעה־שיין אַוועק.

און ער שפּיגלט זיך אין וואַסער
און ער טובלט זיך אין ים
און ער גייט אַרויס אַ נאַסער
פונעם פורפור־פלאַם.

און ער שטייגט אַרויף צום טורעם
און ער קוקט צוריק אַט־אַט
און סע פורעמט זיך אַ שטורעם
אויפן שפּיגל פון דער שטאָט.

אין באר־שבע

איך קוק און איך זע: אברהם אבינו
טרעט אויפן דאַזיקן טראָטואַר
און אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע
ער האַלט אַ רעדע ווי אַ שר.

זיין שטעקן איז נאָך פון תרח ס צייטן,
נאָר אויפן קאָפּ ער טראָגט גאָר אַ הוט,
ער איז אויף אַן אייזל געקומען צו רייטן
צום היינטיקן יום העצמאות.

דאָס אייזל געלאָזט ביים פאַרשוווּנדענעם טויער,
דעם מאַנטל־טלית אויסגעטאָן
און זיך פאַרקוקט אויף דער ווייסער־בלויער
יצחקדיקער ישראל־פאָן.

די אייניקלעך — אַלטע באַיאָרטע ייִדן
און יונגע חברה מיט בערד,
פון אַלע ווילדע וועלט־יאַרידן
צום זיידנס ברונעם זיך אומגעקערט.

ס'איז שווער דאָס וואַסער אַרויסצובאַקומען
פון ברונעמס טיפן, פון דער טיפקייט פון צייט,
נאָר אויסגעשליפן איז דער ברונעם
און ס'לוינט זיך צו קומען פון אַל די ווייט.

אין שוויס פון פנים איר וועט דאָ פאַרדינען
דעם לויטערן טרונק, דאָס וואַסער־קרישטאָל,
סע שמעקט באר שבע מיט אברהם אבינו,
וואָס כ'האָב אים געזען היינט עטלעכע מאָל.

שטערן אויפן הימל

און דאַנקען גאָט, די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַמאָל
און ווידער קלינגען אַלטע שטערן־לידער
און טאַקע ווידער און טאַקע נאָך אַ מאָל.

דאָס זעלבע לאַנד. די זעלבע שטערן ווידער,
וואָס שיינען ווידער איבער באַרג און טאָל,
פון בבל ברענגט מען היים די ציון־לידער,
די ניט־באַפלעקטע לידער פון אַמאָל.

און ווער סע נעמט אונדז אויף מיט קידער־ווידער,
מיט בבל־דזשאַז, מיט הייזעריקן קול,
מיר ענטפערן : די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַמאָל.

ירושלים, 27.10.1974

ירושלים

די שטאָט די פאַרברענטע
צוריק מיט יאָרהונדערטער,
די שטאָט די געשענדטע
און שווער פאַרוווּנדעטע,
די שטאָט די צעטיילטע
און ווידער פאַראייניקטע,
די אויסגעהייליטע
די שטאָט די הייליקע,
איך שטיי אויף די שטיינער
די גרויע, פאַרטרויערטע,
איך קוק אויף די שטיינער
די פריילעך פאַרמויערטע,
איך קוק אויף בנינים
פון זון באַגילדעטע,
דאָס קול פון מנינים
ביז וואָלקנס צעזילבערטע
קלינגט אָפּ מיט התלהבות
אין דבקות גערייניקטע,
מיט יידישער אחדות
אין שטאָט אין פאַראייניקטער.

ירושלים, 6.10.1975

אין ירושלים

הייליקע ערטער זינט טויזנטער יאָרן,
בערג פון לאַנג באַרימט און באַוווּסט,
נאָר דאָס יונגע פאַרליבטע פּאָרל
האָט זיך נאָך ניט געקושט.

דוד דעם זינגער און שלמה דעם חכם
האָט מען לאַנג שוין אָפּגעשאַצט,
דוד און שלמה, אונדזערע מלכים —
אָט איז אַ זכר פון זייערס אַ פּאַלאַץ.

נאַר קיין פּלאַץ פאַרן יונגן פאַרל
ווו זיך צו קושן איז ניט פאַראַן
און די ליבשאַפט פון יונגע יאָרן,
און די ליבשאַפט פון פרוי און מאַן

בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ דרויסן,
בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ הויז,
קאָן דען אַ פאַרל זיך קושן ביים כותל,
ווו מע וויינט די אויגן זיך אויס?
קאָן דען אַ פאַרל זיך קושן אין קלויז?

קושט מען זיך אויף די פּראָסטע גאַסן,
קושט מען זיך אויפן אָפענעם וועג
אונטער דער שיין פון לאַמטערן פון בלאַסן,
אונטער דער שטאַרקער שיין פון די טעג.

ניט גוט

ניט גוט צו ליגן און ניט קענען
דעם וואָלקן אויסגלייכן אין שויב
און לאָזן ניט־פאַרהאָנגען ברענען
די זון אין לאַנגע זיילן שטויב.

ניט גוט צו ליגן און ניט וויסן,
וואָס הערט זיך דרויסן אויפן פּלאַץ,
צי קומט דאָס דונערן פון שיסן,
צי פון אַ ראָד, וואָס האָט געפּלאַצט.

ניט גוט, ניט גוט אַ צוגעשמידטער
צו קוקן אויף אַ ראַם פון גאָלד
און לאָזן ניט פאַרענדיקט לידער
און ניט אַזוי, ווי האָסט געוואָלט.

ניט גוט און ווייסט עס דער ניט־גוטער
און אפשר איז גאָר גוט אַזוי
אַ צוגעשמידטער און באַרוטער
פאַרוועבן זיך מיט אָוונט־בלוי.

ירושלים, 25.6.1975

קלאָג

און קלאָג איך זיך אויף מיינע זאָרגן,
איך בעט דיך, גלייב איר ניט, מיין קלאָג,
איך האָב אַ מאָל אַ טאָג דערוואָרגן,
געוועז אַן זאָרגן יענער טאָג.

און קלאָג איך זיך אַ מאָל אויף טרויער,
איז ווייס, אַז ס'האָט אין גאַנצן לאַנד
נאָך קיינער ניט פאַרמאַכט זיין טויער,
בשעת מע הערט, דער טרויער שפּאַנט.

און הערסטו קלאָג אויף פּיין און ווייטיק,
איז לאָז מיין קלאָגן ניט דערהערט,
כאָטש קיינעם־קיינעם איז ניט נייטיק
קיין פּיין און ווייטיק אויף דער ערד.

נאָר אויב איך וועל אַ מאָל זיך קלאָגן,
אַז כ'קאָן ניט אויסקלאָגן מיין קלאָג,
אָ דעמלט, ברודער, זאָלסטו זאָגן:
אַ קלאָג צו אים, ער לעבט אָן קלאָג.

שטראַלן קרומען זיך

שטראַלן קרומען זיך, פאַרדרייען זיך הינטער אַ שאָטן,
לויכטן, באַלויכטן די קערנדלעך, וואָס כ'האָב צעשאָטן.

בייג זיך, שוועסטערל, איידער די שיין ווערט אַנטרינען,
וועסטו, קליינינקע מיינע, דיין קערנדל דאָרטן געפינען.

היט עס, איך בעט דיך, ביז כ'וועל צוריק זיך קערן,
כ'האָף, אַז ביי דיר וועט פון קערנדל ווערן אַ קערן.

בייג זיך, שוועסטערל, בייג זיך, שטאָלץ איז דער גרעסטער חסרון.
ווייסט דאָך, פון בבל־טורעם דעם שטאָלצן איז גאָרניט געוואָרן.

איך וועל זיך בייגן צו דיר, כ'וועל אויף די הענט דיך נעמען
און דיך אויפהייבן הויך איבער די גראָע ברעמען.

איך און די ווייטקייט

כ׳גיי אַפּ פונעם פענצטער, דורך וועלכן איך קוק
און ס׳טוט זיך די ווייטקייט צום פענצטער אַ רוק.

איז פּרוּוו איך צוריק איר אַקעגן צו גיין,
אַנטלויפט זי ווידער, וויל נאָענט ניט שטיין.

דאָ זע איך, אַז ס׳איז אומזיסט מיין מי,
ס׳איז שטענדיק איינער פון אונדז ניט הי.

איך אָדער זי, זי אָדער איך,
איז נעם איך די פען און פאַרצייכן אויף גיך:

מיר בלייבן צעשיידטע אויף אַלע צייטן
און כ׳לעב מיט דער ווייטקייט פון דער ווייטן.

די צייט מאָלט

די צייט מאָלט די שטיינער אויף זאַמדן,
די צייט קלעפּט פון זאַמד אויס אַ שטיין
און איך פרעג מיין שכן, דעם למדן,
מיט וועלכער צייט זאָל איך גיין.

איז קנייטשט ער צוזאַמען זיין שטערן
און לאָזט זיי די קנייטשן פאַנאַנד —
וואָס לאָזן די קנייטשן מיך הערן,
די קנייטשן פון שטומען פאַרשטאַנד?

וואָס לאָזן די קנייטשן מיך הערן,
וואָס ער האָט פונאַנדערגעלאָזט?
אַ מידער פון פרעגן און קלערן
איך זעץ אַוועק זיך אויף גראָז.

דאָס קאַרגע גראָז צווישןביימער
אין ערגעץ אַ ווינקל פון לאַנד

און זאָלן זיך זאַמדן די שטיינער
און זאָל זיך שטיינען דאָס זאַמד.

פון מידבר בלאָזט...

פון מידבר בלאָזט אַ צוקערווינט,
די זיסקייט אויפן וועג צערינט.

און אויף דער ליפּ זיך לייגן אָפּ
די זאַמדן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

און אויף די וויעס, אויף דער נאָז...
פון מידבר בלאָזט, פון מידבר בלאָזט.

וויפל באָדן דאַרף דען גאָט?

וויפל באָדן דאַרף דען גאָט?
אים איז גענוג אין מידבר אַ באַרג
צו מאַכן איין־איינציקן געטלעכן טראָט,
דעם שטן די גאַנצע וועלט איז קאַרג.

וויפל גלויביקע דאַרף דען גאָט?
אים איז גענוג אַ ייד מיט אַ קול,
מיט אַ שמע ישראל ד׳ אחד.
דער שטן דאַרף זינדיקע אָן אַ צאָל.

וויפל דאַנק־געזאַנג דאַרף דען גאָט?
אים איז גענוג אַ ברכה אויף ברויט
און אויף אַן עפּל ערשט פונעם סאָד
דער שטן שלעפּט קוישן איבערן פּלויט.

וויפל שטנס דאַרף דען גאָט?
דער איינציקער איז אויך ניט קיין לייט,
נאָר ס׳איז דעם רבונו של עולם אַ שאָד
אים אומצוברענגען פאַר דער צייט.

ווייל שבת, דאַרפט איר וויסן וויל,
ווען גאָט פון כל מלאכתו רוט,
איז דער, וואָס שוואַרצער איז פון קויל,
דער איינציקער, וואָס עפּעס טוט.

מע קאָן אים די טובה מוחל זיין,
איז אָבער די מעשה דערפון אַזוי,
אַז שבת נאָך טיש, ווען גאָט שלאָפט איין,
איז אין דינסט דער שטן, דער שבת־גוי.

און גאָט הייבט אויף

און גאָט הייבט אויף די רעכטע האַנט
און רעדט צו מיר דורך אַלע וועלטן:
איך וועל דיך בענטשן מיט טאַלאַנט,
דיין לשון אָבער וועל איך שעלטן.

און גאָר די שיינקייט פון דיין שיר
זיך נערן וועט פון אָט דעם לשון,
בשעת סע בליט דיין שיר אין דיר,
דיין לשון צאַנקט און ווערט פאַרלאָשן.

און גאָט הייבט אויף די לינקע האַנט
און רעדט צו מיר דורך וואָלקנס,ביימער,
דורך אַלע שיינקייטן פון לאַנד,
פון אַלע בערג און אַלע שטיינער.

די אייביקייט איז מיינע בלויז,
דיין הויז איז שטייניק, זאַמדיק, ליימיק
און איך צעשטער דיין ערדיש הויז
און לאָז דעם הימל זיך אויף אייביק.

און גאָט לאָזט פאַלן ביידע הענט
און הערט מיין ענטפער אויס מיט גאַפן:
מיין גאָט, צעשטערן קאָנסט די ווענט,
נאָר ניט דאָס ליים, וואָס האָסט באַשאַפן.

דו קאָנסט פֿאַרלעשן מיר מיין שפּראַך,
נאָר ניט מיין מענטשנמויל פֿאַרמאַכן,
אויך מאַנגערס „שטערן אויפֿן דאַך"
צעפֿינקלען זיך אין אַנדערע שפּראַכן.

דער טאָג

דער טאָג איז אַ פּשוטער ייד,
וואָס קומט פֿון חוץ לארץ,
געווען איז ער דאָרט אַ שמיד,
געקאָוועט פֿערד ביים פּריץ.

דער טאָג איז אַ ייד אַ גביר,
געשעפֿטן פֿאַרמאָגט אין באָסטן,
האָט אַלצדינג דאָרט ליקווידירט
און לאָזט אין ישראל זיך קאָסטן.

דער טאָג איז אַ מאָלער פֿון פֿאַך,
ער קומט אַהער זיך באַווייזן
און וואָס ער האָט שלעכט געמאַכט
פֿאַרריכט ער דאָ, זיינע גרייזן.

דער טאָג איז אַ חסידל דאַר,
אַ שטריימל אויף פּאות ווי לאָקן,
ער האָט די זונשיין פֿאַרנאַרט
צו זיך אין די ווייסע זאָקן.

איצט שפּאַרט די שיין אַרויס
און שטראַלט פֿון די טריט פֿון דער וייטן
און בריט אין די זאַמדן אויס
אַ שיין אויך פֿאַר אַנדערע צייטן.

דער טאָג ברענגט דעם חלום פֿון טאָג,
דעם אייביקן חלום פֿון שלום,
דער שלום אַ נעכטיקער טאָג
פֿאַרבלייבט אויך אויף מאָרגן אַ חלום.

דער טאָג איז ביים אָנהויב יונג
נאַר גראָ ווי אַש אין בעכער,
וואָס טראָגט באַהאַלטן דעם פונק,
וואָס האָט זיך ערשט דאָ צעפעכערט.

דער טאָג — אַ געזעצלעך קינד
מיט ברידער — ממזרים סאַמע —
די פירות פון טאַטנס זינד
מיט עפּעס אַ פרעמדער מאַמע.

ווי וואָלקנס פון גאָר דער וועלט,
זיי מאַכן טריב דאָס געמיט אים
און מאָנען חנוכה־געלט
און מאָנען מעות חיטים.

דער טאָג איז געפאַרבט און געשמינקט,
פאַרפוצט לויט דער לעצטער מאָדע
און פאַרביקע אייזקרעמען שלינגט,
פאַרטרינקט מיט מיץ און סאָדע.

און ווישט זיך די ליפּן אָפּ
און שמירט זיי מיט העל־רויטס ווידער
און פאַרבט זיך גרין דעם קאָפּ
און לייענט מאָדערניסטישע לידער.

און קומט דער פאַרנאַכט ניט געזאַמט,
איז צינדט דער טאָג אַ לאַמטערן,
און פליט זיך אַוועק צעפלאַמט
אויף איבער נאַכט צו אַ שטערן.

אונטער דער שטילקייט

אונטער דער שטילקייט פון שיינעם געדיכט
רודערן קלאַנגען ווי פיש אין אַ ים,
אַ קלאַנג שטעקט אַרויס זיין זילבערן געזיכט
און פאַרבט זיך אויף גאָלד אינעם זונענפלאַם.

אונטערן ווײַ פונעם שטילן וואָרט
רודערט געשריי און רירט אויף די ווייט
און וועקט אויף דאָס בלוט פונעם ערשטן מאָרד,
ביז צו די מאָרדן פון אונדזער צייט.

אונטערן וואַקל, וואָס שלעפּט אויף צוריק
פלאַקערט אַ פאַקל, וואָס טרייבט דיך פאָרויס
און צייכנט די זעונג פון זיכרען זיג,
וואָס לעשט זיך מיטן פאַקל אויס.

די פעלדער שמעקן

די פעלדער שמעקן שטאַרקער אין דער נאַכט,
אין שטילקייט הערט מען שטאַרקער זייער ריח,
די ריחות גייען אויף צום הימל־פראַכט,
ווי רויכעס פון אַ קינס אַ מזבח.

ס'איז קין דאָך אַן אַקערער געווען
און ניט ווי הבל, וואָס האָט שאָף געפיטערט
און קינס קערנער האָבן זיס געברענט
און ניט ווי חלב, וואָס די לופט פאַרביטערט.

האָט גאָט דאָך קינס קרבן אָפּגעווענדט
און הבלס חלב האָט ער אויפגענומען,
כאָטש קינס קערנער האָבן זיס געברענט,
נאָר זיסער איז דער חלב צו גאָטס גומען.

האָט קין דאַן זיין פעטן ברודער גלייך
אַרויפגעוואָרפן אויפן שאָפן־שייטער
און אָפּגעוואַשן זיך די הענט אין טייך
און פונעם אָרט פון מאָרד אַוועק אַלץ ווייטער.

נאָר גאָט האָט פון די הימלען אַלץ געזען
און נאָכגעשיקט די אויגן ווי צווי וועכטער,
ס'איז קין דער באַליידיקטער געווען
און ביזן מאָרד געווען דער גערעכטער.

און איצטער, איצטער איז שוין אַלץ פֿאַרקערט,
אַ מערדער קין איז אַ ניט געשווינטער
און גאָט שפּייט אויף די פּרוסטן פון דער ערד
פון קינס קינדער דער געדיכט־באַווינטער.

שיריים ליגן אויפֿן טיש צעשיט

שיריים ליגן אויפֿן טיש צעשיט
און וואַרטן, אַז די עסערס זאָלן בענטשן.
אין דרויסן בלאָנדזשעט אום אַ ניגון פֿון אַ ליד
און זוכט דאָס קול פון זינגער צווישן מענטשן,
נאָר גראָד זינגט קיינער צווישן מענטשן ניט,
ניט אין שטוב ביים טיש און ניט אין דרויסן,
די ערד — אַ שטויבל צווישן שטערן פֿליט
און האָט זיך ניט מיט וואָס פֿאַר זיי צו גרויסן.

אַ וויסטע שטילקייט האָט דעם רוים פֿאַרפלייצט,
די זון האָט אַלע שטערן איינגעשלונגען,
די זון איז אָנגעצונדן און צערייצט,
ווייל מ'האָט איר היינט קיין לויבליד ניט געזונגען.
די ערד האָט זיך צעקאָרנט און צעווייצט
און איצטער ליגט זי אָפּגעקאָסיעט, טרוקן,
דער רוים ווי אין אַ באָד איז אָנגעהייצט
און ס'ליגט דאָס ליד פֿאַרחלשט, קראַנק מסוכן.

און נאָר די ווינטן וועקן אויף דאָס ליד,
און נאָר די ווינטן וועקן עס צום לעבן,
דער ווינט לאָזט אָפּט אין רוים אַ שאַרפֿן שניט,
די שניטן טוען זיך צוזאַמענוועבן,
און דאָס געוועב שפּרייט אויס זיך פֿאַר די טריט
פון באָרוועסע, וואָס קומען אָן צו שוועבן,
וואָס טרעטן לייכט, ווי גלייך זיי טרעטן ניט
און רירן קוים די ערד אָן מיט די נעגל.

ווי נעמט מען

ווי נעמט מען די צייט און די אַרבעט,
וואָס זאָל פונעם ליד מיך באַפרייען ?
קיין גליד איז ביי מיר ניט פאַרמאַטערט
און ס׳קען מיר קיין פריידן ניט סטייען.

דער הימל, די זון, דער באַשעפער —
ווי וואַרעם און היימיש און נאָענט,
מיך קאָן נאָך פאַרכישופן אפשר
די טונקעלע ווייטקייט פון אָוונט.

דער אָוונט דערווייטערט די פעלדער
און ציט מיך אַרויס אויף די וועגן,
איך לויף צו דעריאָגן די עלטער,
נאָר ס׳קומט מיר מיין יוגנט אַקעגן.

כ׳בין אויפגעשטאַנען היינט פאַר טאָג

כ׳בין אויפגעשטאַנען היינט פאַר טאָג
און פאַרן שפּיגל זיך פאַרשעמט,
איך האָב געהערט אַ גראָבן זאָג
פון דעם, וואָס איז אין הוילן העמד
אַקעגן מיר געשטאַנען.

איך האָב אין צאָרן הויך מיין האַנט,
איך האָב מיין פויסט געטון אַ הייב,
נאָר יענער האָט די זעלבע האַנט,
דעם זעלבן פויסט געטון אַ הייב
און קעגן מיר געשטאַנען.

בין איך אַוועקגעגאַן אַ שפּאַן
און באַלד זיך ווידער אומגעקוקט,
איז יענער אויך אַוועקגעגאַן
און אויף אַ שפּאַן זיך אָפּגערוקט,
געקוקט אויף מיר פון ווייטן.

האָב איך אַ ווייכן קוק געטון,
האָט ער זיך אויך צעשמייכלט גלייך,
זיין צאָרן איז ווי אויף דער זון
דאָס אייז, צעגאַנגען זיך אין טייך
באַזוימט מיט זילבער ביי די זייטן.

רייפקייט

לייגט דער שטויב זיך אויף די ווענן,
מישט זיך אויס מיט ווייטקייט גרויער,
נאָר מע פילט מיט שאַרפע אויגן,
אַז דער הימל איז אַ בלויער.

יאָגן רעדער איבער שטרעקעס,
הייבן אויף אין וועג די שטויבן,
כ'פיל די גרינקייט פון די סטעפּעס
אויך מיט די פאַרשטויבטע אויגן.

ס'הויבט זיך אויף אַ ווינט אַ ווילדער,
ברענגט אַ טרוקעניש צו שלעפּן,
נאָר דעם טייכס צעלאָזטן זילבער
זעט מען אויך דורך יעדן נעפּל.

גאָרניט קען מיך ניט פאַרבלענדן,
ס'פּליט מיין בליק — אַ פייל פון בויגן
און דעם וועג דורך טונקעלע מענטשן
שנייד איך דורך מיט מיינע אויגן.

איך זיץ אין דער שטילקייט פאַרטראַכט

איך זיץ אין דער שטילקייט פאַרטראַכט
פאַר נאַכט אויף אַ שטיין אויף אַ שטומען
און כ'הער זיך צו צו דער נאַכט,
וואָס דאַרף פון ערגעץ קומען.

איך זיץ און איך װאַרט און איך װאַך
די נאַכט, זי איז שױן געקומען,
איך לאָז מיך אַראָפּ אין דער נאַכט
װי אין אַ טיפֿן ברונעם.

דאָס מױל פֿונעם ברונעם פֿאַרמאַכט,
לבֿנה־שײַן אויף מײַן גומען.
װאָס האָב איך דער שטילקייט געבראַכט ?
די שאָטנס פֿון אַלע זונען.

װאָס האָב איך דאָרט אױבן געמאַכט ?
געבלאָנדזשעט אין אַלע אַרומען,
ביז כ׳בין אַראָפּ אין דער נאַכט
װי אין אַ טיפֿן ברונעם.

מײַן לײַב איז מיד

מײַן לײַב איז מיד פֿון קלײדער טראָגן,
פֿון קלײדער טראָגן, ליגן זאָגן,
װײַל װאָס איז דען אַ הױט, למשל,
אויף פּראָסטן ניט־פֿאַרשטעלטן לשון ?
אַ ליגן, װאָס דעם פֿליך באַהאַלט ער,
אַ גרױסן פֿליך פֿון אַ בוכהאַלטער.
און װאָס באַדײַט דאָס העמד דאָס װײַסע ?
אַ ליגן אױך, אַ פּוסטע מעשה
אויף צודעקן די האָר די שװאַרצע,
װאָס װאַקסן אױפֿן פּעטן האַרצן.
און װאָס באַדײַט עס דען דאָס רעקל,
װאָס נעמסט אַראָפּ עס פֿונעם פּלעקל ?
דאָס רעקל אין די בלאָע פֿאַרבן,
װאָס טוסט עס אָן אױף בײדע אַרבל
און אַלע קנעפּלעך דו פֿאַרקנעפּלסט
און פֿרעמדע אױגן דו פֿאַרנעפּלסט,
מע זאָל ניט זען דײַן בײַכל װאַקסן.

די קישעלעך אויףביידע אַקסל
באַדייטן אויך אַ גראָבן ליגן,
מע זאָל ניט זען, אַז ניט קיין פליגל,
נאָר גאָר אַ האָרב איז אויף דיין רוקן
און ס׳קען זיך גלוסטן ווען קוקן.
און וואָס פאַרדעקן דען די הויזן?
פאַרשטייט זיך, אויכעט ניט קיין רויזן.
נו און די שיך די אָפּגעפּוצטע?
פאַרדעקן פיס שוין אָפּגענוצטע.
מיין לייב איז מיד פון קליידער טראָגן,
פון קליידער טראָגן, ליגן זאָגן.

אין שפּיטאָל

מיינע האָר אויפן ווייסן קישן זיי גראָען
אַזוי ווי די שטויבן, וואָס אויפן וועג,
מיינע פריינד זיי קומען צו מיר אויף שעהען
און גייען פון מיר אַוועק אויף טעג.

מיינע ווייטיקן זענען מיד געוואָרן,
שרייען זיי ניט אין גבול פון שפּיטאָל,
כ׳ליג אָן כוחות אויף אַ הויפן יאָרן
און מיר דאַכט, אַז איך שווים צום אַמאָל.

מיינע קינדער־יאָרן לויפן באָרוועס
מיינע אויגן פאַרביי אין הוילן העמד,
לויפן צוריק דורך שרפות, חורבות,
צוריק צו דער מאַמען אויף די הענט.

שטיל, אין שפּיטאָל איז געוואָרן פינצטער
און ווידער ליכטיק אויף אַלע ווענט,
ד צייט ווי אַ רעגן קלאַפּט אין די פענצטער
מיט אַלע פינגער פון אירע הענט.

נאַכטגעדאַנקען

דער טאָג איז אַוועק און דער חשבון איז שלעכט געמאַכט,
דער טאָג איז אַוועק, איז אַוועק, איז אַוועק און ס׳איז נאַכט.
ס׳איז נאַכט און ס׳איז נאַס און ס׳איז קאַלט און ס׳איז וויסט
און ס׳איז נאַכט —
דער טאָג איז אַוועק און דער חשבון איז שלעכט געמאַכט.

אין פענצטער איז שוואַרץ און דאָס אויג איז דערשראָקן און ווילד,
דאָס פּנים איז הייס און צערייצט, נאָר דער האַלדז איז פאַרקילט,
אַ שטערן בליצט אויף ווי אַ גראַשן, וואָס מ׳האָט אים פאַרשפּילט
און ווידער איז שוואַרץ און דאָס אויג איז דערשראָקן און ווילד.

אַ טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק!
און ווידער אַ טאָג, אַ טאָג וואָס וועט ווידער אַוועק.
אַ טאָג און אַ נאַכט און אַ טאָג און ס׳נעמט ניט קיין עק,
אַ טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק!

ווער סע זאָגט...

כ׳האָב געזען אַן אָרעם יינגל
טאַנצן באָרוועס אויפן מיסט.
ווער סע זאָגט, אַז דיכטער זינגען,
ווייסט ניט, וואָס אַ דיכטער איז.

כ׳האָב געזען אַ מויד זיך דינגען
מיט אַ זעלנער און געוויינט.
ווער סע זאָגט, אַז דיכטער זינגען,
ווייסט ניט, וואָס אַ דיכטער מיינט.

כ׳האָב געהערט אַ קלויסטער קלינגען,
כ׳האָב געזען אַ קלויז, וואָס ברענט.
ווער סע זאָגט, אַז דיכטער זינגען,
האָט קיין דיכטער ניט געקענט.

ווערטער יידישע

ווערטער יידישע פון אַלע עקן וועלט
קלאַפּן אָן ביי נאַכט צו מיר אין טיר —
ס'האָבן דיכטער אונדז פון ליד אַרויסגעשטעלט,
זענען מיר געקומען זיך אויסוויינען פאַר דיר.

ס'האָבן דיכטער קלייבנדיק די שפּראַך,
ווי מע קלייבט קראַוואַטן אין אַ קלייט,
אונדז געפּסלט און אַוועקגעמאַכט
מיט דער האַנט פון לעבעדיקסטע רייד.

זוכנדיק אַ וואָרט, וואָס איז נאָך ניט געווען,
האָבן זיי געמעקט, געשניטן בלינד,
האָבן מיר, די אויסגעמעקטע, קיינער זאָל ניט זען,
אַנגעקלאַפּט צו דיר אין ליד אַצינד.

האָב איך זיי, די אויסגעמעקטע, אויסגעהערט,
ניט געהאַט קיין האַרץ צו לאָזן זיי,
פונעם שטויב זיי אויפגעהויבן, פון דער ערד,
און זיי אויסגעשטעלט אין רייען — ריי נאָך ריי.

פון די אויסגעמעקטע ווערטער האָב איך באַלד
אויסגעוועבט אַן אויסגעמעקט געזאַנג.
זינגט עס ניט ווי פייגל אין אַ וואַלד,
זינגט עס ווי אַ שטיין ביים זונפאַרגאַנג.

וווּנדערווערטער

וווּנדערווערטער ווי רפואות אונטער גלאָז,
וווּנדערוואַסערלעך און וווּנדערזאַלבן,
האַלט דעם אָטעם איין, ווייל פון אַ בלאָז
קאָן דאָס גלאָז, חלילה, זיך צעהאַלבן.

וווּנדערווערטער — שטיינער פון גראַניט
מיניען זיך און שפּילן זיך מיט פאַרבן,

שטעל זיך אָפּ אַ ווײַלע, זײ געהיט
פון אַן איבעריקן טראָט אויף וועג אויף האַרבן.

וואַנדערוועטער — שמאָלער קלאָרער פלוס
צווישן גראָע נעפּלדיקע ברעגן,
פֿאַלט אַראָפּ דאָרט פון אַ בוים אַ נוס,
בייג זיך ניט, זי איז פון קיינעמס וועגן.

וואַנדערוועטער אויף אַ שטרענגער וואָג,
מיט אַ דינער־דינער מאָס געמאָסטן,
קיינער ווייסט דערווייל ניט, היינט צו טאָג,
וויפל וועלן זיי אונדז מאָרגן
אָט די וואַנדערוועטער קאָסטן.

4.10.1975

אין דער קראָם פון שיינע ווערטער

אין דער קראָם פון שיינע ווערטער
שטייען ביי די ראַפטן מיידלעך
און זיי ווענדן זיך: "געעהרטער
קונה, אפשר דאַרפט איר דריידלעך
זיך ביים רעדן אויסצודרייען?
אפשר הייסע ווערטער, פלאַמען?
אפשר קאַלטע ווערטער, שנייען?
קורצע ווערטער צו דער מאַמען,
לאַנגע רעדעס צו די "מאַסן",
ווערטער גרויסע, ווערטער קליינע,
ליבעווערטער, אויך צום האַסן
איז פאַראַנען ווערטער שיינע.
ס'איז פאַראַנען ווערטער־גלעקלעך
פאַר אַן אָונטפעלד אַ שטילן,
אפשר דאַרפט איר ווערטער־עקלעך
צוצובינדן צו געפילן?
ס'איז פאַראַנען ווערטער נייע,
אַלטע ווערטער בירושה,

שעמט אייך ניט, איר דאַרפט באַפרייען
זיך, געערטער, פון דער בושה.
ווייסט, אַז אונדזער אויסוואַל ווערטער
איז דער רייכסטער, איז דער פילסטער
און איר קאָנט מיט זיי, געערטער — —"
רעדט אַ מיידל מיט געפליסטער
אינעם אויער פון אַ קונה,
אַז סע ווערט דעם קונה וואַרעם
פון אַזעלכע און אַזוינע
שיינע ווערטער פול מיט שאַרעם.
ער באַשטעלט ביי איר דעריבער
ווערטער אויף זיך צו דערקלערן
איר אַליין טאַקע אין ליבע,
ווייל ער וויל איר חתן ווערן.
פאַקט דאָס מיידל איין אַ שאַכטל
מיט די טייערסטע ווערטער סאַמע
און פון דאַן אין די פאַרנאַכטן
זעט מעןביידע שוין צוזאַמען.

מיין וואָרט

מיין וואָרט — מיט ברענשטאָף אָנגעלאָדן,
עס ברענט, ברענט אויס און ווערט פאַרלאָשן,
נאָר אַש איז אויך אַ וואָרט אין לשון,
איך בין פון פלאַם אַרויס אָן שאָדן.

דאָס אַש קאָן קיינער ניט פאַרברענען
און אויב דער ווינט וועט עס צעבלאָזן
און ס'וועט זיך אינעם זאַמד צעלאָזן,
וועל איך עס אינעם זאַמד דערקענען.

ווייל זאַמד איז אויך אַ וואָרט מיט ווערטער,
אַ וואָרט צעשפּרייט אויף טויזנט ערטער
און ס'לאָזט דער ווינט עס לאַנג ניט ליגן.

ווי לאַנג דער ווינט זאָל זיי ניט טראָגן,
די זאַמדן קען ער ניט פאַרטראָגן
פון דר'ערד און לאָזט אַראָפּ די פליגל.

איך בין אין גערטנער ניט געווען

איך בין אין גערטנער ניט געווען,
איך האָב קיין בלומען ניט געזען,
איך זיץ פאַרשפאַרט אין שטוב אַליין
און הער אַ נס: ס׳בוך, וואָס כ׳לייען
פון נעכטן אָן, האָט אויפגעבליט.
דאָס ביסל וואַסער, וואָס איך טרינק,
ווערט אָפּפרישן דעם פריען צוויט,
די ווערטער שלאָפן אויפן צונג,
די ווערטער "גרין" און "רויז" און "בלום",
זיי ציען זאַפטן פון מיין לונג,
די שטילע ווערטער, וואָס איך זינג
זיי איבער, זענען זיס און גרינג
און טראָגן זייער דופט אַרום,
ווען אַלע שטויבן ליגן שטום.
דער שטויב פון אַלע זומערטעג,
איז שווער און מיד און לייגט זיך אָפּ
אויף ווייסן וועש, וואָס פאַלט אַראָפּ
פון שטריק, וואָס איז פאַרבונדן לויז.
צווישן פלויט און דאַך פון הויז.
אין דרויסן ברענט דאָס דאַרע גראָז
פון גרויסן פעלד, וואָס איז פאַרלאָזט
און ס׳דעמפט דער שמאָלער טייך, וואָס גרינט
און רירט זיך ניט פון שטאַרקן ווינט.
אין דרויסן שטייט אַן אַלטער בוים,
אַ געל און קרום און פויל שטיק האָלץ
געוואָרן פון זיין פרילינגטרוים,
געוואָרן פון זיין וווקס און שטאָלץ.
וואָס זאָל איך איצטער זוכן דאָרט?
זיי וועלקן יעדער אויף זיין אָרט
און בליען אַלע אין מיין וואָרט.

אָנגעשאַרפטע ווערטער

אָנגעשאַרפטע ווערטער ווי חלפים,
אָנגעצילטע קללה ווי אַ קויל,

גאָטעניו, מיין גאָלדענער, ניט שטראָף אים
פאַר די נאַרישקייטן פון זיין מויל.

גאָטעניו, מיין גוטינקער, ניט צאָל אים
פאַר די ווילדע מעשים, וואָס ער טוט,
רייצנדיקע שלאַנגען פון זיין חלום
האָבן אים פאַרסמט דאָס יונגע בלוט.

רייצנדיקע שלענגלדיקע שלאַנגען
און געשטרייפטע טיגערס אין געלאַף,
זיבן מאָל איז דאָך דיין זון פאַרגאַנגען
אין דער ערשטער וואָך פון וועלטבאַשאַף.

און פון דעמלט זאַמלען זיך די שקיעות,
ביז זיי פּלאַצן אין דיין ענגן רוים,
שפּריצט מיט פייער אויך אויף זיינע וויעס,
זעצט פון מויל זיינעם מיט עמערס שוים.

אָנגעגליטע ווערטער ווי אַן אויוון,
קאַלעכשטיינער ווערן ווייס ווי שניי,
גאָטעניו, מיין האַרציקער, לייז אויס אים
פונעם פייער, וואָס סע ברענט אין זיי.

אַ ליד אָן גראַמען

אַ לויב דער זון,
דער זון, וואָס גייט אויף פאַר טאָג
און דער זון, וואָס פאַרגייט פאַר נאַכט.
די זון שטרעקט אויס אירע שטראַלן צום טייך
און שלעפּט אַרויף די וואָלקנס,
וואָס הענגען אַ ביסל,
רוען זיך אָפּ
און רעגענען, רעגענען, רעגענען
און טרינקען אָן די געוויקסן.
דער שטראָם פון די לעמפּלעך ביי נאַכט
שטאַמט פון דער זון,

די קוואַלן פון נאַפט
שאַפט די זון,
די היץ אין פאַרמאַכטן אויוון
קומט פון דער זון,
די קוילן אויף ווינטער
פאַרגרייט די זון,
די זון שטעלט אונדז צו די קאַרטאָפל
ביז צו די קעלערן
און איז אונדז מכבד מיט וויין
און איז אונדז מכבד מיט זונענשיין,
נאָר דאָס האָב איך צוגעגעבן סתם,
ווייל ס׳וויל זיך מיר ענדיקן מיט אַ גראַם.

אַז ס׳טוט מיך וויי

אַז ס׳טוט מיך וויי אַ האַנט,
טוט עס וויי דעם גאַנצן לאַנד.
אַז דער ווייטיק גרעסער ווערט,
טוט עס וויי דער גאַנצער ערד.
ווערט די גאַנצע ערד מיין גוף,
לייגט דער הימל מיר אַרויף
שטעכעדיקן וואָלקנשפּיץ,
שניידנדיקן וואָלקנבליץ,
בייג איך זיך אַראָפּ־אַראָפּ
מיטן בויך און מיטן קאָפּ
און איך קאַרטשע זיך פון וויי
און איך לעכער מיט געשריי
דורך דעם וואָלקן ביזן דנאָ,
ביזן סאַמע הימלבלאָ.
גייט אין אויג מיר אויף אַ שיין,
גייט די שיין אין גוף אַריין,
טיף אַריין צו מיר אין בלוט
און עס ווערט מיר גרינג און גוט.
אַז סע ווערט מיר גוט און גרינג,
הייב איך אויף זיך און איך זינג,
זינג צום הימל און איך דאַנק
גאָר דער ערד פאַר מיין געזאַנג.

*

סע ברומט שוין ווידער,
סע קאַכט אויף ס'ניי אין די געדערעם,
דאָס זענען אָנהייבן פון לידער,
וואָס פאַרן אָנקומען צו ווערעם,
זיי קריכן מיט די פייגל פריער
אויף ברייטן שטח פון די רוימען
און פאַלן טיף אַראָפּ ווי פליער,
נאָר ווערן פריער בלינד פון טרוימען
און נאָך דעם טויב פון די געזאַנגען
און נאָך דעם קרום פון די געיעגן
און נאָך דעם שטום פון די פאַרלאַנגען
און אָפּגעשמיסן פונעם רעגן.

איצט קאָנסטו, וואָס דו ווילסט נאָר, פרעגן.

וואָס וועט זיין?

וואָס וועט זיין מיט די דאָרפישע לידער,
מיט די ריטמישע לידער ביים קאָסיען היי —
סע קאָסיעט דאָס היי זיך אָן די שניטער,
וואָס פלעגן ביים קאָסיען זינגען זיי.

וואָס וועט זיין מיט די שניידער־געזאַנגען —
ס'איז אונטערגעגאַנגען דאָס האַנטגעניי
און דערמיט זענען אונטערגעגאַנגען
אויך די געזאַנגען ווײ מיר, וויי.

וואָס וועט זיין מיט די סערענאַדעס,
מיט די גיטאַרעס און ליבעבריוו —
די ליבעלידער און די סטראַדאַניעס
ליגן אין סקלאַדעס, אין אַרכיוו.

וואָס וועט זיין?

פֿאַראַן

פֿאַראַן אַן אייביק גרויסער טאָג,
וואָס טיילט די אייביק אַלטע נאַכט
אויף נעכט אַ סך,
וואָס טיילן ווידער איין
די גרויסע שיין,
דעם גרויסן טאָג אויף שטיקלעך, טעג,
ווי ס׳טיילט דער ברייט פֿאַרצווייגטער וועג
דאָס איינציקע, דאָס גרויסע פֿעלד
אויף קליינע פֿעלדער אין דער וועלט.

עס ווייסן שוין אַלע

עס ווייסן שוין אַלע — אַרום דער זון
דרייט זיך די ערד אַ קליינס ווי אַ שרעטל,
נאָר הייב איך די אויגן אַרויף צו דער זון
דרייט זיך די זון אַרום דעם שטעטל.

עס ווייסן שוין אַלע — די שטערן אין רוים,
ריזיקע וועלטן מיט אייגענע געטער,
נאָר הייב איך די אויגן אויף צו אַ בוים,
ציטערן די שטערן אויף זיינע בלעטער.

עס ווייסן שוין אַלע, אַז אָן אַ סוף
ציען זיך אייביק די ליידיקע רוימען,
נאָר הייב איך די אויגן אויף פּונעם שלאָף,
זענען זיי פֿול מיט היימישע טרוימען.

אויפֿגעבויט אַ הויז

אויפֿגעבויט אַ הויז מיט אַ דאַך אַ גרויסן,
איז געוואָרן קלענער מיט אַ הויז דער דרויסן,
איז געוואָרן ווייניקער מיט אַ שטיקל רוים,
איז געוואָרן מערער מיט אַ שטער, אַ צוים,
איז געוואָרן לענגער אונדזער גאַס און קרומער,
איז געוואָרן ענגער פּונקט אין מיטן זומער.

סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג

און ניט פון קיין גאַסן און ניט פון קיין מערק,
סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג.
דער סיני־באַרג און דער באַרג אָלימפּ,
זיי האָבן שוין לאַנג זיך געמאַכט באַרימט
מיט געטער און געטינס, מיט אַן איינציקן גאָט,
לעגענדעס און לוחות, מיט צען געבאָט,
נאָר יונגע אויפגעקומענע בערג,
זיי קוקן אַראָפּ אויף די הימלישע ווערק,
זיי קוקן מיט שפּאָט, אפיקורסיש צעלאָזט,
די יונגע בערג זענען וואַכעדיק פראָסט,
באַלקאַנען און אַלפּן און בערג פון אוראַל
און שטיינערנע בערג און בערג מיט מעטאַל
און בערג, וואָס זענען באַדעקט מיט וואַלד,
סע רוישט און סע הילכט און סע ברילט און סע שאַלט.
סע שטייען קאַרפּאַטן אַ גאַנצע קייט,
אַ קייט פון בערג אין דער לענג, אין דער ברייט
און וואַרפן מיט קלעצער אין טאָלן אַראָפּ
אין רוישיקע טייכן, וואָס פירן זיי אָפּ
צו ווייטע שטעט (מיט גאַסן און מערק),
סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג.

שטייט דער באַרג

שטייט דער באַרג — אַ הויכער גוי,
אַ הויכער גוי, אַ באַרג, אַ כלאָפּ,
גייט אַ ייִד פאַרביי און זאָגט :
"ס'איז פון אייביק אָן אַזוי,
אייביק שטייט אַ גוי און טראָגט
דעם הימל אויפן הוילן קאָפּ."

"אייביק־אייביק" און דאָס וואָרט
שטעלט דעם באַרג זיך אויפן קאָפּ,
שטעלט זיך אויפן באַרג און שטייט

אייביק, רירט זיך ניט פון אָרט.
בלויז דער ייִד אַלץ גייט און גייט,
שטעלט אין ערגעץ זיך ניט אָפּ.

אונדזער גיין

אונדזער גיין איז אַן אייביק גיין צום מאָרגן,
צו וועלכן מאָרגן?
צום מאָרגן, וואָס גייט צום איבערמאָרגן,
וואָס גייט צו די ווייטערדיקע מאָרגנס
און בלייבסטו שטיין,
צי ערגעץ וווּ ליגן אונטער אַ שטיין,
גייט זיך די צייט אָן דיר, אַליין,
צום מאָרגן,
דער מאָרגן צום איבערמאָרגן —
אַן אייביקע קייט,
וואָס רופט זיך אייביקייט.

און אַז די ערד איז קראַנק געוואָרן

און אַז די ערד איז קראַנק געוואָרן,
האָט זי דאָס לעבן געבאָרן,
און אַז די ערד איז געוואָרן מסוכן,
האָט זי מיט אויגן גענומען קוקן.
און אַז די ערד האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן,
האָבן זיך אָנגעצונדן פאַרבן,
האָבן זיך אויפגעהויבן שטערן,
האָט זי מיט אויערן גענומען הערן,
האָבן ווינטן גענומען בלאָזן,
האָבן צעוויגט זיך צווייגן און גראָזן,
האָבן צערווישט זיך טייכן און ימים,
האָבן זיך ווערטער גענומען גראַמען.

אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר

און אַט אַזוי מיט אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר
פֿאַרגייט דאָס גאַנצע יאָר,
פֿאַרגייען יאָרן,
וואָס גייען אין דער אייביקייט פֿאַרלאָרן
מיט אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר
און גאָר.

דער ווינט פֿאַרוויגט די ביימער

וויגליד פֿאַר רוטעלע לעווין

דער ווינט פֿאַרוויגט די ביימער
און זינגט אַ וויגנליד,
דאָס וויגליד הערט ניט קיינער,
די הערער זענען מיד.

די הערער ווילן שלאָפֿן,
די הערער שלאָפֿן שוין,
עס שטייט אַ בוים אין צפֿון
מיט ווייס פֿאַרדעקטער קרוין.

עס שטייט אַ בוים אין צפֿון,
דיין טאַטע קומט פֿון דאָרט
און זינגט דיר, דו זאָלסט שלאָפֿן
און ברומט אַ יידיש וואָרט.

ער קומט פֿון שניי און שטורעם,
ווי קומט ער דען אַהין ?
דיין טאַטע ז׳דאָך אין דרום
געוואַקסן, וווּ ס׳איז גרין.

דערנאָך האָט זיך געטראָפֿן,
עס זאָל ניט טרעפֿן מער
פֿון דרום ביז קיין צפֿון,
פֿון צפֿון ביז אַהער.

דער ווינט פאַרוויגט דיביימער
און זינגט אַ וויגנליד,
דאָס וויגליד הערט ניט קיינער,
די הערער זענען מיד.

די הערער ווילן שלאָפן,
די הערער שלאָפן שוין,
ס'האָט גאָרניט ניט געטראָפן,
עס בליט דער זעלבער בוים
ביי דיכטער אין די סטראָפן,
ביי רוטעלען אין טרוים.

עס שטייט אַ בוים אין צפון
מיט ווייס פאַרדעקטער קרוין.

אַ טאָג אַזאַ

ס'איז היינט אַ טאָג אין גאַנצן אומגעוויינלעך,
אַן אַנדערער פון אַלע אַנדערע טעג,
אַ טאָג, ווען אויף לוויות גייט מען ווי פאַרשטיינערט
און וויינען וויינט מען ערשט צוריק צו וועגס.

אַ טאָג, ווען די פאַרגעסענע זכרונות
צעצינדן זיך ווי האָלץ מיט פלאַם און רויך,
און ברענען זעסט אפילו די חלומות,
וואָס האָסט געחלומט אין דיין מאַמעס בויך.

אַ טאָג, ווען אַלע דיינע פלענער,
געוווינהייטן, געוויינלעכקייטן סתם
און דיינע אַלטע ביינער ווערן שפּענער
און אַלע אין איינעם ווערן זיי איין פלאַם.

אַ טאָג, ווען אויך די צייט פון רגעס, שעהען
פאַלט איין און פאַלט אַריין אין פייערגרוויל,
זיי מישן אויס זיך מיט די רויטע קראָען,
וואָס ברענען אויס און ווערן שוואַרץ ווי קויל.

און ס׳פּאַלט אַ שניי און קאָן זיי ניט פאַרשנייען,
און ס׳נעמט אַ פראָסט און האַלט ניט איין דעם פלי,
און מענטשן אויף די גאַסן גייען, גייען
און שטעלן זיך ניט אָפּ ביז אין דער פרי.

ס׳איז היינט אַ טאָג אין גאַנצן אומגעוויינלעך
אַן אַנדערער פון אַלע אַנדערע טעג,
אַ טאָג, ווען אויף לוויות גייט מען ווי פאַרשטיינערט
און וויינען וויינט מען ערשט צוריק צו וועגס.

רו

די נאַכט האָט די שויבן פאַרמאַכט,
אין שוואַרצן זיי אָנגעטאָן,
נאָר כ׳פּיל אויף מיין קאָפּ אַ דאַך,
וואָס מע זעט אים אין שטוב ניט אָן.

ס׳איז שפּעט און אַ רעגן רינט,
דער ווינט קלאַפּט פעסט אין מיין טיר.
איך ווייס, אַז אַ בייטש איז דער ווינט,
אַ בייטש, וואָס דערגרייכט ניט צו מיר.

סע טאָגט אין דער אָפענער שטאָט,
כ׳בין פריש און בין אויסגערוט,
די זון איז אַ ליכטיקע ראָד,
וואָס דרייט זיך אַרום אין מיין בלוט.

ברויט אין לידער

ברויט אין לידער — ווי אַ ״ה״ אין סידור,
די לבנה איז מיר שוין דערווידער.

די לבנה, אויב זי וועט ניט קייכן
פאַר געלעכטער פון די נאַרישע פאַרגלייכן,

וועל איך איר אַ זונליד מוזן לייענען,
ביז זי וועט פאַר קינאה זיך צעוויינען.

די לבנה טוט די טרערן ווישן,
מענטשן עסן ברויט אויף אָוונטטישן.

זיצן נאָענט איינער נעבן צווייטן,
פלאָנטען אויף אַ פלאָנטער אַ פאַרדרייטן.

בינטלעך זונענשטראַלן פון זכרון
פאַלן אויף אַ טיש אַ טונקל־קלאָרן.

בליצט אַ שטראַל אויף אין פרימאָרגן־פלאַמען,
ליגן אויף די טישן לענדער, ימען.

קאָכט דאָס וואַסער אויף אַן אָרט אַ הייסן,
זינקען שיפן פון די גרעסטע גרייסן.

זינקען מיטן גאָלד און מיטן גאַנצן זילבער,
הייבן אָן די ימען זיך צו קאָכן ווילדער.

וואַרפט עס באַלד אַרויס די שיפן אויף די ערדן,
גייט מען קעגן זיי אַרויס מיט שווערדן.

גייען טעג שוין מיט געשלעג, מיט שלאַכטן,
דויערן זיי ביז אין די פאַרנאַכטן.

קער איך אָפּ מיין אויג פון דער סכנה,
קער זיך אום צוריק צו דער לבנה.

כ׳בעט זי, זי זאָל אויפהערן צו וויינען,
כ׳וועל איר מער קיין זונלידער ניט לייענען.

כ׳וועל זיך אויסשטרעקן אינעם גראָז אַ מידער,
זיך פאַרוויגן מיט לבנה־לידער.

וועט זי מיט לבנה־שיין פאַרדעקן
קאָפּ און פיס מיר, מיך ניט לאָזן וועקן.

ניט די וואָלקנס, ניט דער מינדסטער שטערן
זאָלן מיין לבנה־שלאָף ניט שטערן.

וועגן טויט

ס׳האָט די זון אין הימל זיך באַוויזן,
איז געוואָרן ליכטיק אויף דער וועלט.
ס׳איז די זון אויך פריער דאָרט געוועזן,
זענען מיר פון איר געווען פאַרשטעלט,
נאָך דעם האָט די ערד אונדז צוגעטראָגן,
נאָך דעם האָט די ערד זיך אויסגעדרייט
און אויף אונדז האָט אָנגעהויבן טאָגן
פון דער זון, וואָס אויף אַן אָרט זי שטייט.
זענען מיר אַרויס פון בעטן, שטיבער
און דעם טאָג מקבל זיין אויף זיך,
איז דער טאָג באַלד איבער אונדז אַריבער,
ווייל די ערד זי דרייט זיך שוין צו גיך.
האָבן מיר דעם חשבון שיער פאַרלאָרן
פון די גיכע טעג, וואָס דורכגעמאַכט,
זענען מיר געקומען אין די יאָרן
און דערנענטערט זיך צו יענער נאַכט,
ווען דער טאָג נאָך איר וועט אונדז ניט וועקן
און ניט שרעקן וועט אונדז מער די ערד,
ווען זי וועט מיט חושך אונדז פאַרדעקן,
וואָס איז אַלעמען, אונדז אַלעמען, באַשערט.
ווען די ערד צום טאָג וועט ווידער קומען,
קומען ווידער צו דער אייביקער זון,
וועט ביי אונדזער קבר שטיין מיט בלומען
אונדזערע אַ טאָכטער צי אַ זון.

כ׳האָב אַ גרונט געזוכט

כ׳האָב אַ גרונט געזוכט — אומזיסט.
אונדזער ערד איז פול מיט גריבער
און די גריבער פול מיט מיסט.
אויף די מיסטן בויט מען שטיבער,
וואָס מע רייניקט טאָג ווי נאַכט
און מע וואַשט די טיר־און־פענצטער

און מע פאַרבט די בלעך פון דאַך,
וועלכער גלאַנצט, אַז ער פאַרבלענדט דיך
ביי דעם זונפאַרגאַנג פאַר נאַכט,
און דו אַנסט ניט, אַז די ריינקייט
האַלט זיך אויף די גריבער מיסט,
סיי די פאַרביקייט, די שיינקייט,
וואָס די גאַנצע וועלט געניסט.

אַ לידער־בוך

אַ לידער־בוך, אַ טרויערבוך
אַ טונקל־גרויער אומעטבוך,
אַ שטיינער־און־אַ־ציינערבוך,
אַן אויסגעדאַרטער ביינערבוך,
אַ טונקל־רויטער ווונדנבוך,
אַ ווייטיקן־ און צרות־בוך,
אַ לידערבוך.

פון בוך "דאָס 5טע ראָד"

אין פֿרעמדן גן-עדן

דאָרט אין ווילדפֿרעמדן גן-עדן
איז ניטאָ קיין עץ-הדעת
און די שקצים מיט די מיידן
שיכּורן ביז משוגעת.

אין גן-עדן אינעם פֿרעמדן
וועלקט און פֿוילט דער עץ-החיים
און דאָס לעצטע ביסל לעבן
טרינקט לחיים
"פֿאַרן לעבן פֿאַרן נײַעם".

צווישןביימער-שטאַמען-שטאַנגען
שלענגלען זיך אין שנייען שלאַנגען
און זיי האַלטן רעדעס לאַנגע
און זיי זינגען ליבגעזאַנגען.

צו די שוטרים און די עלטסטע
די באַוואָפֿנטע און זאַטע,
די באַשוכטע און באַפּעלצטע
היטער פֿון גן-עדן-קראַטעס.

פֿון גן-עדן-קנעכט די היטער
און די סטאַלינישע ריטער
וואַרפֿן אָן אַ שרעק אַ ציטער,
אוי איז ביטער, אוי איז ביטער!

דער אויסדערוווילטער

אין אונדזער שויב — דער פּאַלאַץ, ווו ער וווינט,
בײַ אים אין שויב — די כאַטעס, ווו מיר וווינען,

זײַן קאָפּ איז פֿון דער מי פֿון אונדזערע הענט באַקרוינט,
ווײַל אונדזערע דאַרפֿן ניט קיין קרוינען.

ער לאָזט זיך קנעטן נאָר ווי ליים אַ שטיק,
מיר שאַפֿן אים און שאַפֿן אים אַלץ איבער.
לויט אונדזערע געשמאַקן מאָלן מיר זײַן גליק,
אין אונדזער עפּאָס ווערט ער אונדזער גיבור.

אין אונדזער חלום ווערט ער אונדזער גאָט,
צו אונדזער ווייטיק ווערט ער אונדזער היילער,
פֿאַרגלוסט זיך אונדז, איז ווערט ער אַ דעספּאָט
און אַלצדינג, וואָס סע דאַרף דער פֿאָלקס-דערציילער.

און וויל די מעשׂה, טוט ער אַל דאָס בייז
און טרעט אונדז מיט די פֿיס, און כּל-הרישעות טוט ער,
ביז וואַנען ס׳קומט זײַן שטראָף, מיר ווערן אויסגעלייזט,
ווײַל שטענדיק איז דער סוף פֿאַר אונדז אַ גוטער.

די ק.ג.ב-לײַט

די ק.ג.ב-לײַט לייענען ניט קיין לידער
און קענען ניט דעם דיכטער פֿון זײַן בוך,
זיי קענען בלויז דעם גוף זײַנעם, די גלידער,
צעשלאָגענע פֿון זיי בעת אַ נאַכט-באַזוך.

די ק.ג.ב-לײַט קענען ניט דאָס שאַפֿן
פֿון זייערע קרבנות אויף דער פֿרײַ,
זיי זאַמלען בלויז "חתימות", "אויטאָגראַפֿן"
אויף פּראָטאָקאָלן מיט אַ פּאַטש און מיט אַ שפּײַ.

זיי קוקן אויפֿן פֿאָלק, וואָס אויף די גאַסן
ווי אויף די פֿײַנט פֿון פֿאָלק. געוויס, געוויס . . .
פֿאַרדינען זיך דאָס שטיקל ברויט מיט האַסן
און שטיוול — מיטן שלאָגן מיט די פֿיס,
מיט טרעטן אויפֿן גוף און אויף די גלידער

די ק.ג.ב-לײַט לייענען ניט קיין לידער.

די קרעמל-שפּיל

הונדערט סטאַלין-ביאָגראַפיעס האָבן הונדערט שרײַבער אָנגעשריבן
און פֿון אַלע הונדערט האָט זיך סטאַלין איינע אָפּגעקליבן
און דעם שרײַבער זיך געהייסן ברענגען
אויפֿצושטעלן אויף אַ הויכן בענקל
און אים הענגען
נאָר פֿאַרן טויט געהייסן אים אַ לענין-אָרדן שענקען.

ס׳איז אַ קרעמל-שפּיל אַזאַ צווישן קרעמל-ווענט און טורעמס,
פֿריִער נעמט מען אויף דעם קרבן, סטאַלין האַלט אים אין די אָרעמס
און ער קושט אים פֿאַר דער תּליה, ער אַליין איז אויך דער תּליין,
ער אַליין און ניט קיין צווייטער
יאָסיף סטאַלין
אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון דער לייטער.

אַ חלום וויגט די שטאָט

אַ חלום וויגט די שטאָט מיט גאַסן ברייטע, שמאָלע
און וויגט די לאָמפּן אײַן אויף יעדער גאַס באַזונדער.
דאָס וויגליד טראָגט אַראָפּ די שטאָט אין יענע טאָלן,
וווּ אַלע פּראָסטע זאַכן ווערן וווּנדער.

וואָס איז דאָס גראָז וואָס וואַקסט אַליין אויף סטעפּעס,
וואָס זענען זיי די ווילדע קרומע טײַכן?
איך האָב די נאַכט געזען אין חלום עפּעס,
מיט וואָס עס קאָן זיך ניט די ווילדע וועלט פֿאַרגלײַכן.

איך האָב געזען אַ פֿענצטער פֿײַן געשליפֿן,
וואָס קוקט אַראָפּ אויף שטיינערדיקע גאַסן
און איך האָב צווישן הײַזער ווי פֿון טיפֿן
אַרויפֿגעקוקט צו הימלדיקע פּאַסן.

כ׳האָב ליב אויף יעדער גאַס דעם הימלפּאַס דעם שמאָלן,
דעם בלאָען דאַך, וואָס איבער אַלע דעכער,
עס וואַקסט די שטאָט, וואָס חלומט אין די טאָלן
אַריבער אַלע בערג און העכער, העכער, העכער.

עס חלומט זיך דער שטאָט אַן אַלטער חלום,
וואָס ס׳האָט געחלומט נאָך דער בבֿל-טורם דער ערשטע,
און ניט קיין הונדערט שפּראַכן וועט עס ווי אַ מאָל אים
צעשטערן נאָר אַ שפּראַך אַן איינציקע, אַ הערשער.

אַ חלום וויגט די שטאָט מיט גאַסן ברייטע, שמאָלע
און וויגט די לאָמפּן אײַן אויף יעדער גאַס באַזונדער.
דאָס וויגליד טראָגט אַראָפּ די שטאָט אין יענע טאָלן,
ווו אַלע פּראָסטע זאַכן ווערן ווונדער.

אין סטעפּ

איך שטרעק די אויגן אויס אין סטעפּ
פֿאַר טאָג בײַם שײַן פֿון האַלבער זון,
ווען ס׳ווערן בלאָנד די גרויע צעפּ
פֿון וואַלקנס און עס וואַקסן טרעפּ
אין סטעפּ אין פֿלאַכן רונד אַרום.

די זון הייבט אויף איר פֿולן קאָפּ,
צעפֿלאַמען זיך די צאַרטע טרעפּ
און ס׳נידערן די טרעפּ אַראָפּ,
פֿון זייער הייך צוריק אַראָפּ
און ציִען לענגער אויס דעם סטעפּ.

אַן אַקער-טראַקטער כאַפּט זיך אויף
און פֿאַרבט די פֿעלדער אָפּ אויף שוואַרץ
און ס׳ליגט דער שוואַרצער פֿרישער גוף
צעשטרעקט און ס׳אָטעמט אָפּ און אויף
זײַן ברייט צעבראָסטעט אָפֿן האַרץ.

פֿון טראַקטער קריכט אַראָפּ אַ יונג
און קריכט אַרונטער צו אַ שרויף
און שרויפֿט זי אײַן און ס׳טוט אַ קלונג
און ס׳טוט אַ רויש און ס׳טוט אַ זונג
אַזש ביזן סאַמע ווײַטסטן הויף.

איך שטרעק די אויגן אויס אין סטעפּ
פֿאַר נאַכט בײַם שײַן פֿון האַלבער זון,
ווען ס'ווערן רויט די בלאָנדע קעפּ
פֿון וואָלקנס און סע וואַקסן טרעפּ
אין סטעפּ אין שוואַרצן רונד אַרום.

איך שטרעק די אויגן אויס. ס'איז נאַכט,
איך צי צוריק זיך און איך בליק
אַרײַן אין זיך און וואָס מיר דאַכט,
אַז גאָר מײַן פֿרייד איז אויסגעטראַכט
און אויסגעטראַכט איז גאָר מײַן גליק.

דער סטעפּ איז שיין און ווערט באַלד גרין
און ווערט באַלד געל פֿון ריַיפֿן ווייץ
נאָר פּרווו און שיק מײַן ליד אַהין
צום יונג און זאָג אים ווער איך בין
איז ווערט ער תּיכּף אויפֿגערייצט
און שרײַט, אַז כ'האָב זײַן גאָט געקרייצט.

איך שטרעק די אויגן אויס אין סטעפּ
פֿאַר טאָג בײַם שײַן פֿון האַלבער זון,
ווען ס'ווערן בלאָנד די גרויע צעפּ
פֿון וואָלקנס און עס וואַקסן טרעפּ
אין סטעפּ אין פֿלאַכן רונד אַרום.

אין רוסישן וואַלד

1

טיף אין וואַלד, אין האַרץ פֿון דער געדיכטעניש,
דאָרטן ווו די שרעק איז מיינסטן וואַך,
וואַך צו יעדער שאָרך און אומגעריכטעניש,
ציטערט אויף מײַן האַרץ אין מיטן נאַכט.

יונגע הערצער, שאַדט ניט, מעגן ציטערן
און זיך שרעקן פֿאַר אַ וואָלף, אַ בער

און זיך שרעקן פֿאַר די וואַלד־געוויטערן,
נאָר דאָס האַרץ מײַנס איז ניט יונג שוין מער.

האָב איך זיך אין אַנגסטן און אין ציטערניש
אײַנגעמאָסטעט אויף דער קילער ערד,
אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון גאָר דער פֿינצטערניש
פּלוצים עפּעס אומגעריכטס דערהערט.

2

כ'בין אין וואַלד דאָ מיט געוואַלט פֿאַרבליבן
און פֿאַר נויט דאָס שענסטע ליד געגנאָסן,
דאָס, וואָס לערמאָנטאָוו וואָלט אָנגעשריבן,
ווען מאַרטינאָוו וואָלט אים ניט דערשאָסן.

כ'האָב אין וואַלד דאָ מיט געוואַלט געגנעכטיקט
און דעם וואַלד געהערט דערציילן, דאַכט זיך,
דאָס צו וואָס טאָלסטאָי וואָלט זיך געמעכטיקט,
ווען ער וואָלט געלעבט די צווייטע אַכציק.

ס'איז צום שטוינען ממש, ס'איז צום גאַפֿן,
ווי די שרעק פֿאַרשפּילט, פֿאַרוויגט איר קרבן.
כ'לייען די ווערק, וואָס טשעכאָוו וואָלט געשאַפֿן,
ווען ער וואָלט ניט אַזוי יונג געשטאָרבן.

3

אַ שפּראָץ אויף טאָג און אַלץ איז פֿאַרגעסן,
קיין שורה, קיין וואָרט ניט פֿאַרגעדענקט,
כאָטש כ'בין אַ נאַכט דאָ אָפּגעזעסן,
אין נאַכטישער שרעק צום טאָג געבענקט.

דער טאָג פֿאַרשטעלט מיט אַ מאָל די רוימען
און נעמט עפּעס אײגנס פֿון מיר אַוועק,
פֿאַר פֿרעמדע ווערק, פֿאַר אײגענע טרוימען
ווערט ענג אין מײַנע געמאָסטענע טעג.

איך נעם אַ האַק, אַ זעג, אויך פֿײַער
און כ׳האַק און לייג אַוועק אַ בוים,
דעם לאַנגן רונדן שטאַם באַפֿרײַ איך
פֿון זײַן אַרומגעהאַקטער קרוין.

און צינד אָן די צווײַגן און צום שײַטער
איך וואַרף אויך מײַנע זעונגען צו
און מאַדנע אָן רויך און אויסגעלײַטערט
זיי שטײַגן און טראָגן מיך ערגעץ וווּ.

איך זע אים

אין ליכטיקן זאַל אויפֿגערוימטן
איך זע אין אַ ווינקל אים זיצן
דעם לייענער דעם שטילן, פֿאַרטרוימטן,
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די קעלטן און היצן
פֿון פֿראָנטן.

אויף דאָרפֿישע וועגן אויף שטילע
איך זע אים דעם העלד — אומבאַקאַנטן
אין פֿרידלעכע קליידער ציווילע
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די היצן און קעלטן
פֿון פֿראָנטן.

אויף נײַע געפֿלאַסטערטע וועגן
איך זע אין אויטאָבוסן פֿאָרן
געשיצט פֿונעם ווינט און פֿון רעגן
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די שטורמישע יאָרן
פֿון פֿראָנטן.

איך זע אים בײַם ראָד און בײַם רודער,
איך זע אים בײַם טעסען די שטיינער,

איך האַלט פֿאַר אַ פֿרײַנד אים, אַ ברודער
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן,
אין מאַרך פֿון דיביינער
די פֿראַנטן.

איך זע אים אין תּפֿיסה צוזאַמען
מיט מיר און מיט אַנדערע זינדער,
עס וועט אים ניט זען מער זײַן מאַמע
דעם יונגן, דעם אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די בענקשאַפֿט צו ווײַב און צו קינדער,
די בענקשאַפֿט די אַלטע
פֿון פֿראַנטן.

דער שטאָטגערויש

סע רוישט די שטאָט, סע קרײַזט איר בלוט אין גאַסן ווי אין אָדערן,
זי עפֿנט ברייט די שפּײַכלערס אויף און זאַמלט דאָס גערעטעניש,
זי שפּײַט די שאָלעכץ אויס פֿון מויל און שלינגט אַראָפּ די יאָדערן
און ערגעץ ווײַט אַרויס דער שטאָט זעט אויס די שטאָט אַ רעטעניש.

און ערגעץ ווײַט אַרויס דער שטאָט מיט אַקעראײַזנס שטאָטישע
דער שטאָטגערויש צעאַקערט טיף דאָס פֿעלד דאָס ערשט געשניטענע,
דער שטאָטגערויש גלײַכט אויס דעם וועג, די סטעזשקע די כאַאָטישע
און טרײַבט פֿון וועג אַראָפּ דאָס פֿערד דאָס אַלטע אָפּגעריטענע.

און ערגעץ ווײַט אין צענטן דאָרף מיט הײַזעלער אַלטמאָדישע
דער שטאָטגערויש בויט אויס אַ הויז אַ שטאָטישע, פֿילשטעקיקע
דער שטאָטגערויש בויט אויס אַ שול אַ הויכע אַ גרויסשטאָטישע
צו לערנען דאָרט אי לויבגעזאַנג אי טויבגעזאַנג מיט ווערטער
אונטערטעניקע.

סע רוישט די שטאָט, סע קרײַזט איר בלוט אין גאַסן ווי אין אָדערן,
זי עפֿנט ברייט די שפּײַכלערס אויף און זאַמלט דאָס גערעטעניש,
זי שפּײַט די שאָלעכץ אויס פֿון מויל און שלינגט אַראָפּ די יאָדערן
און פֿאַר די שטערן אין דער הייך זעט אויס דאָס אַלץ אַ רעטעניש.

פֿון בויונג צו בויונג

פֿון בויונג צו בויונג מיר טראָגן אַריבער די הענט,
מיר לייגן אַרויף זיי אויף ציגל און נעמען אַראָפּ זיי פֿון ווענט,
מיר הייבן זיך אויף אויף די לייטערס און גייען אַראָפּ פֿון טרעפּ,
מיר שטײַגן אַרויף אויף דעכער און קוקן אין ווײַטן סטעפּ.

דער סטעפּ איז צעפּעלדערט, צעוועלדערט, צעבערגלט, צעטאָלט און צעטײַכט,
אַ וואָלקן פֿאַרטונקלט די בילדער און ס׳מאַכט זיי דער רעגן פֿײַכט,
דערנאָך קומט די זון די מילדע, ווידער ווערט לײַכט און העל,
מיר בויען אַ שטאָקיקן שפּײַכלער, אפֿשר וועט מאָרגן זײַן מעל.

מיר בויען אַ פֿאַרביקן גאָרטן לויט אַ געמאָלטן פּלאַן,
מיר מעסטן דעם וועג צו די שטערן און בויען אַהין צו אַ באַן,
מיר שיקן אַ שיף צו דעם אינדזל, וואָס ווײַזט זיך בײַ נאַכט מיט שײַן
און ברענגען פֿון דאָרטן שטיינער און מויערן דאָ זיי אַרײַן.

מיר האַקן דאָס אײַז אין צפֿון און פֿלאַנצן אין דרום טיי,
מיר וועקן אין דרום די בלומען און פֿלאַנצן זיי איבער אין שניי,
מיר בויען אַ בינשטאָק פֿאַר בינען ניט ווײַט פֿונעם קאַרשנסאָד
און שלינגען דעם שווייס פֿון די שטערנס בײַם ברענגען דעם האָניק אין שטאָט.

זומערדיקס

אַ צוג איז אַרויס פֿון דער שטאָט בײַ נאַכט
אין וועג איז טאָג געוואָרן
און ס׳האָבן די פֿענצטער זיך צעלאַכט
מיט פנימלער, וואָס פֿאָרן.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

די דעכער פֿון אַלע וואַגאָנעס גלײַך,
ניט נידעריקער, ניט העכער,
און איבער דער בריק און איבערן טײַך
און איבער אַלע טעכער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג שנײַדט דורך אַ געל שטיק פֿעלד,
אַ גרינעם וואַלד אַ גרויסן,
די קינדער האָבן דערזען די וועלט
אַרויס פֿון דער שטאָט, אין דרויסן.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג איז אַרײַן אין וואַלד בײַ טאָג,
באַגריסט פֿון זײַן אַלטן שומר,
דער צוג האָט דעם וואַלד אַדורכגעיאָגט
און איבערגעיאָגט די ביימער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג שטעלט אַרויס-דעם-וואַלד זיך אָפּ,
בײַם דערפֿל פֿון הילצערנע הײַזער,
די קינדער גייען פֿון צוג אַראָפּ
בײַם סלופּ מיטן הילצערנעם װײַזער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג לויפֿט ווײַטער און ווידער סטאָפּ
און ווידער אַ דערפֿל פֿון קלעצער
און ווידער גייען די קינדער אַראָפּ,
פֿאַרנומען די זומער-פלעצער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

און ווידער אין וועג און ווידער פֿאַרהאַלט
זײַן לויף דער צוג דער געשווינדער,
דער צוג האָט דעם אומעט פֿון באַרג און וואַלד
פֿאַרזייט מיט פֿריילעכע קינדער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

אַ רוסיש-ייִדיש ווערטערביכל פֿאַר אירקעלעך

ווינאָ — ווײַן,
סוויעט — שײַן,
סוויעט — ליכט,
ליצאָ — געזיכט,
ליצאָ — פּנים,
וורּאַגי — שׂונאים,
וורּאַגי — פֿײַנט,
דרוזיאַ — פֿרײַנד

דרוזיאַ — גוטע ברידער,
פּעסני — לידער,
פּעסני — געזאַנגען,
זוואָנקי — קלאַנגען,
זוואָנקי — טענער,
פּלאַגי — פּענער,
פּלאַגי — פאָנען,
מעסיאַץ — לבֿנה,
מעסיאַץ — חודש —
אויף לשון קודש.
דני — טעג,
דאָראָגאַ — אַ וועג,
דאָראָגאַ — טייער,
אָגאָן׳ — פֿײַער,
פּאָגאָס — פּאָרלאָשן,
יאַזיק — לשון,
יאַזיק — אַ שפּראַך,
קרישאַ — אַ דאַך,
וויעשטש — אַ זאַך,
פּראָפּעסיע — אַ פֿאַך —
מיטן האַמער אַ מאַך,
מיט דער נאָדל אַ ציי,
מיטן פּרעסל אַ ברי,
זאָפּלאָטקי — לאַטעס
אויף די קני,
טריאָפּקי — שמאַטעס
פֿון ניט הי.
באַזאַר — אַ מאַרק,
קרעפּקאַ — שטאַרק
קרעפּקאַ — פֿעסט,
גאָסטי — געסט,
גאָסטי — עסער,
אָבזשאָראַ — פֿרעסער,
באָטשקי — פֿעסער,
כליעב — ברויט,
קאַפּוסטאַ — קרויט,
יאַבלאָקאָ — אַן עפּל,
גאַלאָוקאַ — אַ קעפּל,
קאָסיטשקאַ — אַ צעפּל,
פוגאָוקאַ — אַ קנעפּל,
פלאַטאָק — אַ טיכל,
קניזשקאַ — אַ ביכל,
גאָלאָס — אַ קול,
אָגאָן׳ איז פֿײַער
נאָך אַ מאָל.
וויעשטש — אַ זאַך,
יאַזיק — שפּראַך,
יאַזיק — אַ צונג,
ליאָכקי — לונג,
ליאָכקי — לײַכטער,
מאָקרי — פֿײַכטער,
מאָקרי — נאַסער,
וואָדאַ — וואַסער,
ווינאָ — ווײַן,
סוויעט — שײַן,
קאָסטיאָר — אַ שײַטער
און אַזוי ווײַטער,
און אַזוי ווײַטער.

איך קען

איך קען אַזוי פֿיל סטראָפֿן,
וואָס האָבן צום האַרץ ניט געטראָפֿן.
איך קען פּאַטריאָטישע לידער,
וואָס זענען די פֿעלקער דערווידער
און אַרבעטער-געזאַנגען,

וואָס זענען צום פֿאָלק ניט דערגאַנגען.
איך קען דעם זויערן טרויער,
וואָס איז ניט דערגאַנגען צום טויער,
צום דאַרפֿישן טויער פֿון פֿויער.
איך קען אויך ליבע-סאָנעטן,
די ליבע-לידער צום לעבן
פֿון זעלבסטפֿאַרליבטע פּאָעטן,
וואָס קענען קיין קוש ניט געבן.
נאָר זיך דאַרף מען קענען קודם
און כ׳קען מײַן אייגענעם פֿעלער
צו שרײַבן וועגן אַ בוידעם
און וויינען אין אַ קעלער.

לאָזט אונדז אַרויס

ווען גאָט האָט אָדמען מיט חוהן געפּאַקט
בײַם גנבֿענען עפּל אין גן-עדן,
האָט ער געזאָגט זיי: קינדער, פֿאַרפּאַקט
דעם נאַקעט — און אַרויסגעטריבןביידן.

אײַ ווי חוה האָט עס ניט געוואָלט,
נאָר אָדם האָט בייז געשוויגן,
מיט פּעטש און קולאַקעס איר אָפּגעצאָלט,
די ערשטע, וואָס זי האָט געקריגן.

דערנאָך, אַז דאָס לעבן געוואָרן איז שווער,
האָט ער זי ׳געשלאָגן טאָג-טעגלעך
און שטאַרקער אויף וויפֿל דאָס לעבן איז מער
געוואָרן אומדערטרעגלעך.

ביז וואַנען מע האָט זיך דערשלאָגן צו פֿערד,
אַן אַקער אין אָקסן מיט הערנער,
ס׳האָט אָדם באַאַרבעט די האַרטע ערד
און זי האָט געמאָלן די קערנער.

דורך דורות אַזוי, אין שווייס פֿון געזיכט,
ביז גאָט האָט זיך סוף-סוף דערבאַרעמט,

איז אויפֿגעגאַנגען אַ גיהנומדיק ליכט,
וואָס האָט דעם גן-עדן דערוואָרעמט.

אַ נײַער גן-עדן מיט אַלטע שלענג,
מיט אַלטע פֿאַרבאָטן — ניט צו רירן.
די היטערס גייען אַרום אין דער לענג
און אין דער ברייט מיט ביקסן שפּאַצירן.

מיר ציטערן ביידע, מײַן ווײַב און איך,
די אייניקלעך פֿון אָדמען, דעם עלטערזיידן,
מיר שטייען בײַם טויער און בעטן זיך :
אָ, טרײַבט אונדז אַרויס פֿון גן-עדן.

הימל און ערד און לידער

הימל און ערד און לידער
צווישן הימל און ערד
שפּילן אין קידער-ווידער,
שפּילן זיך אין פֿאַרקערט.

קער איך איבער אַ כמאַרע
אויף דער לינקער זײַט,
בײַט זיך איבער די מראה
פֿון דער וועלט אין דער ווײַט.

בײַט זיך איבער דאָס טײַכל
מיט דער כמאַרע אין זיך,
ווערט עס אַ שבתדיק מאכל
פֿון אַ גוישער קיך.

ווערט עס אַ יויך מיט אויגן
פֿעט פֿון חזירשמאַלץ
און אַ רעגנבויגן
שיט מיט פֿאַרביקן זאַלץ.

און דער שטויב אויף די וועגן
הייבט צו דער זון זיך אויף,

לויפֿט אים די זון אַקעגן
אין אַ שרעקלעכן געלויף.

הימל און ערד און ווידער
ערד און הימל אין שפּיל,
שטיל איך אײַן די לידער,
ווערן די לידער שטיל.

פֿאַלט אויף זיי אַ דרימל,
קער איך אַרויס דעם פֿאַרקערט,
ראַטעווע אָפּ דעם הימל,
ראַטעווע אָפּ די ערד.

טו איך אָן

טו איך אָן דאָס תּשובֿה־קלייד
און דאָס תּשובֿה־היטל,
גיי אַרײַן אין תּשובֿה־קלייט
זיך קויפֿן אַ גוט קוויטל.

מאָנט דער קלייטניק אַ מין פּרײַז,
וואָס איז ניט צום צאָלן,
קויף איך אײַן זיך בעסער שפּײַז,
שטייען פֿולע שאָלן.

האָניק אַ שאָל און מילך אַ שאָל
און אַ שאָל מיט מאַנדלען,
כ׳האָב פֿאַר אַלע שאָלן באַצאָלט
די קלייטניקעס, וואָס האַנדלען.

נאָר קיין קוויטל ניט געקויפֿט,
ווייס איך ניט מײַן גורל,
סײַ ווי בלײַב איך אַ בעל־חובֿ
פֿאַר ניט געקויפֿטער סחורה.

פֿאַרקערט

אַ שאָף מיט אַ הונט צונויפֿגעבונדן
קריכן אויף אַלע אַכט.
דער פּאַסטעך, וואָס האָט דעם זיווג דערפֿונדן,
לאַכט.

די גאַנצע טשערעדע שאָף צעטריבן,
די איינציקע זיך געלאָזט,
אַ פּאַרציע פֿלייש איר אָפּגעגעבן,
דעם הונט — אַ פּאַרציע גראָז.

האָווקעט די שאָף אויף דער לבֿנה,
די שאָפֿענע אויגן פֿאַרמאַכט,
בײַם כּלבֿ האָווקעט עס אויף דער נשמה
און דער פּאַסטעך
לאַכט.

דער פּאַסטעך, וואָס האָט די שאָף געשוירן
און קעז פֿון איר מילך געמאַכט,
דער פּאַסטעך, וואָס איז אין דער סטינע געבוירן
אין איינער אַ שיינער נאַכט,
דער פּאַסטעך האָט איצטער פֿאַר גאָט ניט קיין מורא,
ער לאַכט.

דער פּאַסטעך — זאַט פֿון הייס געבראָטנס —
שטעלט ער זיך אויפֿן קאָפּ,
די ערד מיט אַלע אירע שאָטנס
קוקט אויפֿן הימל אַראָפּ.

קלאָגט זיך דער פּאַסטעך: מײַן ברודער, דער פּויער,
באַאַרבעט נאָך אַלץ די ערד,
בײַ אים איז פֿאַרבליבן אַלץ קאַפּויער,
אַלץ פֿאַרקערט.

סנאָבן

שטייט אַ שיינע פֿלאַש פֿון ווייַן,
כ׳שאַר זיך צו צו איר,
רינט גאָר טינט אין מויל אַרייַן,
שפּייַ איך אויף פּאַפּיר.
קומען סנאָבן באַלד צו גיין,
לויבן זיי מייַן שיר.

און מע קוויקט זיך מיט מייַן קוואַל,
מע אַנטציקט זיך מיט זייַן רויש,
צו מייַן שיינעם שטערנפֿאַל
שטעלן אונטער זיי אַ קויש,
טראָגן אים צום קיניגס זאַל
און מע שיט אים אויס.

מאַכט דער קיניג זיך ווי זיי,
אַז ער קוויקט זיך אויך,
אַז ער זעט אַ ווייַסן שניי,
אַז ער זעט אַ בלויען רויך,
טו איך נאָך אַ לעצטן שפּייַ,
מערער האָב איך ניט קיין כוח.

דער סאַטיריקער

מוטיק האָט ער אומשפּאַצירט בייַ זיך אַרום זייַן טיש
מיט דער פּען ווי מיט אַ שווערד געפֿאָכט ווי אויף אַ שלאַכט,
זייַנע ״העלדן״ האָט אַרומגעכאַפּט אַ ציטערניש,
האָט ער איינציקווייַז געשטראָפֿט זיי, בייַסיק אויסגעלאַכט.

שטיקער פֿלייש פֿון זיי געשניטן און געקריצט די ציין,
פֿאַר דער חניפֿה זיי געשמיסן אין זייַן שטרענגן ווערק,
זיי געצייכנט אָן רחמנות, שטעכיק און אַליין
מיט זייַן פֿאַרטיק ווערק אַוועק ער אין די בערג.

צו די הייכן, צום... רעדאַקטאָר אויפֿן העכסטן שטאָק
און געוואַרט דאָרט אומגעדולדיק און געוואָרן מיד,
ביז מע האָט אים עס צו דרוקן אָפּגעזאָגט,
האָט ער זיך צעוויינט, געקלאָגט, געחנפֿעט און געקניט.

איך אַליין גיי אויך אַהין צו מיטן דאָזיקן ליד.

אָן שאָדן

ניטאָ קיין ליכט. דער קילקאַסטן איז אויסגעשלאָסן,
דאָס אײַז אין אים — צעגאַנגען און צעגאָסן
און אין קילקאַסטן איז אַן איי פֿאַרבליבן
פֿון אַ צענדלינג, וואָס מײַן פֿרוי האָט אָפּגעקליבן
און די היץ איז גרויס אין הויז, אין דרויסן
און די לופֿט איז אָנגעגליט פֿון טאָג פֿון גרויסן,
לייגט מיר פֿאָר מײַן פֿרוי דאָס איי נאָך הײַנט צו עסן,
קען איך אָבער אין מײַן דאָקטער ניט פֿאַרגעסן,
וואָס האָט אָנגעזאָגט מיר, ניט צו עסן פֿאַרן שלאָפֿן
ניט קיין אייער, ניט קיין פֿלייש, אַפֿילו קיין קאַרטאָפֿל.
זאָגט מײַן פֿרוי, אַז אייער זענען ווידער טײַער
און זי קען זיך ניט פֿאַרגינען, געלט צו וואַרפֿן אויפֿן פֿײַער,
מאָרגן וועט דאָס איי אין גאַנצן שוין ניט טויגן,
דאַרף מען הײַנט עס אויפֿעסן און זי לייגט עס פֿאַר די אויגן
מיר אַנידער. אָפּגעקאָכט, פֿאַרשטייט זיך,
טוט אַ דריי עס פֿריִער און דאָס איי, סע דרייט זיך,
פֿאַרטיק, הייסט עס, און איך זעץ זיך צו צום טישל,
אָפּגעגעסן און פֿון טיש צום בעט, צום קישן.
ס'האָט די נאַכט אין בויך געדרייט מיך און געשניטן,
ס'האָט אָבער די הויזווירטשאַפֿט קיין שאָדן ניט געליטן.

דער אויבערמענטש

דער אויבערמענטש רעדט אויף אַן אויבערשפּראַך
און קוקט אַרויף צום אויבערהימל,
ער שטייט מיט די פֿיס אויפֿן אויבערדאַך
אין הויכע אויבערשטיוול.

דער אויבערמענטש רעדט צו זײַן אויבערגאָט
און דאַוונט צו אים פֿון זײַן אויבערסידור,
זײַן אויבערגוף וואַשט ער אין אויבערבאָד
און שפּײַט אַראָפּ אין דער נידער.

ער טוט זיך אָן אין זײַן אויבערהעמד,
אין אויבערגאַטקעס — זײַנע הויזן
ער בלאָנדזשעט אַרום אין אַן אויבערפֿרעמד
און שמעקט דאָרט אויבערוויזן.

און קומט די צײַט און זײַן אויבערהויט
ווערט אויסגעקנייטשט און יעדער אבֿר
שטאַרבט אָפּ מיט אַ באַזונדערן אויבערטויט
באַגראָבט מען אים אין אַן אויבערקבֿר,

אין אַ טיפֿן-טיפֿן אויבערקבֿר.

הײַדוקן
(מאָלדאַווישער מאָטיוו)

געדענקסטו, ברודער, די יונגע יאָרן,
מיר זענען הײַדוקן געווען,
די פּריצים זענען אין וואַלד געפֿאָרן
און האָבן אונדז ניט געזען.

מיר האָבן פּאָר זיי זיך אויסבאַהאַלטן
בײַם שמאָלסטן אָרט פֿונעם וועג,
דעם שפּײַער האָסטו ווי אַ האָק געהאַלטן,
דאָס מעסער איך ווי אַ זעג.

און זענען זיי נענטער צוגעפֿאָרן,
מיר האָבן זיי אָפּגעשטעלט,
זיי האָבן געבעטן: שענקט אונדז די יאָרן
און נעמט אײַך צו דאָס געלט!

מיר האָבן זיי אַלע מיט אונדזער וואָפֿן
ביז נאַקעט אויסגעטאָן,
זיי זענען גליקלעכע אַנטלאָפֿן,
די פּריצים אין הוילן סטאָן.

און נאָכגעלאָפֿן זענען די ווײַבער,
דעריאָגן ניט געקענט
און וואָלטן הײַדוקן געווען שרײַבער
מיט פּענען אין די הענט.

געהאַט וואָלט די וועלט שוין וואָס צו לייענען
און וואָס צו לאַכן געהאַט,
כאָטש ס'איז אַ מעשׂה אויף צו וויינען
און ניט קיין געלעכטער גלאַט.

מיר האָבן אין פֿאָלק צעטיילט די געלטער,
געווען איז ביַים פֿאָלק אַ פֿרייד,
ביַים פּריץ זענען פֿאַרבליבן די פֿעלדער
און אַלץ האָט צוריק זיך געדרייט.

געדענקסטו, ברודער, יענע יאָרן,
מיר זענען הײַדוקן געווען,
די פּריצים זענען אין וואַלד געפֿאָרן
און האָבן אונדז באַלד דערזען.

דאָס זענען געווען יונגע סאָלדאַטן
פֿאַר אַלטע פּריצים פֿאַרשטעלט,
אַ רוח דער וועלט אין איר טאַטנס טאַטן,
מיר האָבן פֿאַרשפּילט די וועלט.

מיר זענען יאָרן אָפּגעזעסן
און נאָך דעם געזעסן אויף ס'נײַ,
מיר האָבן דאָס קייטאײַזן אויפֿגעגעסן
און זענען אַרויס אויף דער פֿרײַ.

און ווידער זיך גענומען צום אַלטן
און ווידער הײַדוקן געווען

און ווידער אין וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן,
סע זאָל אונדז קיינער ניט זען.

און זענען פּריצים אָנגעפֿאָרן,
מיר האָבן זיי אָפּגעשטעלט,
זיי האָבן געבעטן: שענקט אונדז די יאָרן
און נעמט אײַך צו אונדזער געלט!

מיר האָבן זיי אויסגעטון ווי צום שלאָפֿן
און נאַקעטע אָפּגעלאָזט,
זיי זענען גליקלעכע אַנטלאָפֿן,
ניט פֿילנדיק דעם פֿראָסט.

און נאָר אַ מיידל איז פֿאַרבליבן,
עס איז איר געווען קאַלט,
איז זאָל זי וויסן פֿון אַ לעבן,
אַ נאַכט מיט הײַדוקן אין וואַלד.

ניטאָ שוין, ברודער, יענע יאָרן
מיט פּריצים מיט זעק מיט געלט,
דער אוראַלטער וואַלד איז שטאָטיש געוואָרן
און שטאָטיש דאָס דאָרף און דאָס פֿעלד,

די וועלט איז שוין אַנדערש צוגעשניטן,
לויט גאָר אַ אַנדער פֿאַסאָן
און באַנקרויבער האָבן אונדז פֿאַרביטן,
ווײַל אונדזערס איז אָפּגעטאָן.

גזלנים

(ייִדישער מאָטיוו)

מיר זענען אַראָפּ פֿונעם וועג
און ווײַטער, אַן וועג, געפֿאָרן,
אין וואָגן — אַ זאַק מיט אַ זעג,
אַ האַק און אַ ברויטל פֿון קאָרן.

מיר האָבן צעבונדן דעם זאַק,
די זעג פֿונעם זאַק פֿאַרוואָרפֿן,
מיר האָבן געלאָזט די האַק
די הענט זיך אָנצושאַרפֿן.

מיר זענען אַרײַן אין דער נאַכט,
מיר האָבן צעטיילט דאָס ברויטל,
מיר האָבן געוואַרט און געוואַכט,
געטראַכט אַלץ וועמען צו טויטן.

און אויף די פּויסטן געשמאַק
מיר זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן,
מיר האָבן פֿאַר טאָג די האַק
פֿאַרוואָרפֿן און היימגעפֿאָרן.

כ׳האָב הײַנט געזען

כ׳האָב הײַנט געזען אַ קו מיט פֿולע אײַטערס גיין
און אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז שיין
דאָס קוישע פֿולאײַטערדיקע גיין.

כ׳האָב הײַנט געזען אַ פֿולן קרוג
און אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז קלוג
דאָס האַלטן שטענדיק פֿול דעם קרוג.

כ׳האָב הײַנט געזען דעם זונאויפֿגאַנג אין בלוט
און אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז גוט
דאָס הימלישע דאָס זונענבלוט.

נאָר זעענדיק אַן אינוואַליד
מיט גאָר אַן אַלטן רויטן שניט,
וואָס בראָט און בריט.

דערבײַ אַ בלאָטער ווײַס און רונד
און ס׳גייט אַ דאַמע מיט אַ הונט
פֿאַרבײַ און היט זיך דאָס געזונט,

האָט אָנגעצונדן זיך אַ בונט
בײַ מיר אין האַרץ, האָב איך אַ שרײַ

געטון און נאָכגעשיקט אַ שפּײַ
און ס׳האָט צעטראָגן אים דער ווינט
אויף אַלע דאַמען מיט די הינט.

ווטער דעצעמבער 1940

כ׳האָב זיך דערמאָנט און אָפּגעמערקט
מיט דער דערמאָנונג אַ דאַטע.
זעקס און דרײַסיק יאָרן — בערג
הונגעריקע און זאַטע.

זעקס און דרײַסיק יאָר אַוועק
זינט דעם טאָג פֿון באַקאַנטשאַפֿט,
איך געדענק דעם ווײַסן וועג
אין דער ווינטער-לאַנדשאַפֿט.

איך געדענק די גיכע טריט
פֿונעם פֿראָסט געטריבן
און דאָס שיינע ליבעליד
אויפֿן שניי געשריבן.

כאָטש דו טראָגסט אַ קליינעם שוך
מיט אַ קליינעם נומער,
האָט דאָס ליד געגעבן פֿרוכט
ווי דער צוויט אום זומער.

ס׳האָט דער ווינטער אָפּגעברענט
און דער שניי צעגאַנגען
און מירביידע בײַ די הענט
זענען אַלץ געגאַנגען.

דורכן פֿײַער פֿונעם קריג,
דורך די וויסטע גרוילן.
נאָכן קריג און נאָכן זיג
זענען געבליבן קוילן.

און מיר האָבן אויף די בערג
חורבֿות ביז די כמאַרעס
אונדזער דאַטע אָפּגעמערקט,
אונדזער שענסטע דאַטע.

אויך ווען סטאַלין האָט צעשיידט
אונדז אויף לאַנגע יאָרן
און די קינדער — אונדזער פֿרייד —
זענען דאַר געוואָרן,

האָב איך אויך פֿון אַלע טעג
גראָד דעם טאָג דעם איינעם
אים געחלומט אויפֿן וועג
ווידער זײַן אין איינעם.

שטייט דײַן בעכער אויפֿן טיש,
זאָגן כ׳וויל לחיים!
וואָלט דער טויט זיך ניט געמישט,
ביילעניו בת חיים.

שוין דאָס פֿערטע יאָר אין ווײ
פֿראַווע איך די דאַטע
און איך לייען דאָס ליד אין שנײ,
וואָס איז ווײַט פֿון דאַנעט.

איך געדענק די גיכע טריט
פֿונעם פֿראָסט געטריבן
און דאָס שיינע ליבעליד
אינעם שניי געשריבן.

1976

צי בין איך ניט

צי בין איך ניט גענוג נאָך מיד,
ניט אויסגעהאָרעוועט גענוג,
גענוג ניט דאָרשטיק נאָך אַ ליד
אויף אויסשטרעקן מײַן האַלדז צום קרוג?

איך האָב זיי קיין מאָל ניט געציילט
די קריגלעך ליימיקע מיט ווײַן,
די קריגלעך הייליקע מיט אייל,
די קריגלעךליידיקע מיט שײַן.

אָט גיי איך נאָך די קעמלטריט
מיט בליק אין מדבר ווײַט פֿאַרקוקט —
צי גליט אין זאַמד דאָס מדבר-ליד
צי אינעם אַלטן ליים פֿון קרוג ?

אָט שטרעקט ער זיך צום הימלבלוי
אַ שווערער אויפֿן יונגן קאָפּ
פֿון יענער הויכער שמאָלער פֿרוי,
וואָס לאָזט אים אייביק ניט אַראָפּ.

נאָר היט מיך, גאָט, איך זאָל אַהין
זיך ווײַטער רירן מיט אַ שפּאַן.
אויף קעמל רײַט דער בעדווין,
דער באַלעבאָס פֿון קרוג, דער מאַן.

אַ קול קריצט אויס זיך און איך הער,
די אותיות קלינגען אויבן אָן :
"די פֿרוי דײַן באָבע איז און ער —
דײַן עלטער-זיידע פֿון חבֿרון"

"און דו, מײַן אַלטער מידער ייִד,
מוזסט ייִנגער ווערן מיט אַ מאָל
צו טרינקען פֿונעם קרוג דאָס ליד"
און ס'האָט פֿאַרלאָשן זיך דאָס קול.

דער הימל בלויט ניט

דער הימל בלויט ניט, דער הימל איז בלוי.
די נעכט שטילן ניט, די נעכט זענען שטילע
און מײַן זיידע תּפֿילהט ניט סתּם אַזוי,
מײַן זיידע טוט תּפֿילה.

איך פֿריי זיך באמת, ווען די ערד גרינט,
ווען די פֿייגל זינגען און צווײַגן זיך וויגן,
די ביימער רוישן, ווען דאָס טײַכל רינט
און זיי גיסן צונויף זיך אין איין איינציקן ניגון.

און כ׳ערגער זיך נאָר, ווען דער דרויסן ווערט גרוי
און ווען דער זומער נייגט זיך צו נעילה,
מײַן זיידע תּפֿילהט ניט סתּם אַזוי,
מײַן זיידע טוט תּפֿילה.

זי

כ׳האָב געזונגען שוין צום לאַנד,
צו דער טיר און צו דער וואַנט,
זי נאָר האָב איך אויסגעהיט
פֿון מײַן וואָרט און פֿון מײַן ליד.

כ׳רעד מיט קיינעם ניט פֿון דעם.
ווי מע רעדט ניט אויס דעם שם
לבטלה, סתּם אַזוי,
רעד איך ניט פֿון אָט דער פֿרוי.

ווען זי שטעלט אַוועק זיך דאָרט,
ווו ניט גרייכן קאָן מײַן וואָרט,
מוז איך גיין אַליין צו איר,
צו איר וואַנט און צו איר טיר.

כ׳האָב געזונגען שוין צום לאַנד,
צו דער טיר און צו דער וואַנט
זי נאָר האָב איך אויסגעהיט
פֿון מײַן וואָרט און פֿון מײַן ליד.

דער אָטעם אין אויער

און איידער איך טרעט אַריבער די שוועל
פֿון לאַקנדיקער ליבע,
איך מוז באַפֿרײַען די רויטע קרעל
פֿון שנירל קרעלן טריבע.

איך בין שוין געשלאָפֿן אײַנגעדעקט,
בין אָן אַ חלום געשלאָפֿן.
צו וואָס האָסטו אָנגערירט די דעק
און נאָך דעם צו זיך אַנטלאָפֿן.

צו וואָס דעם אומרו אויפֿגערירט,
דאָס פֿיבערן און דאָס צאַפּלען,
די קרעל, דעם רויטן פֿונק אין מיר,
צעבלאָזן מיט דײַנע שוואַרצאַפּלען?

צו וואָס? צו וואָס? אַדאַנק, אַ דאַנק!
איך בין שוין דײַן שוועל אַריבער,
שוין לאַנג, שוין לאַנג ניט געהערט דאָס געזאַנג,
דעם אָטעם אין אויער: ליבער.

1978

אַלץ ווי געווען

ער גייט ווי אַ גנבֿ אַרויס פֿון איר הויז
און ס׳זעט ניט קיינער, ווי ער טראָגט אַרויס
בײַ זיך אין האַרצן איר בילד פֿון דער וואַנט — —
ער האָלט פֿאַרקוועטשט זײַן ליידיקע האַנט.

איר בילד אויף דער וואַנט און איר לעבעדיק בילד,
דאָס ערשטע איז מילד און דאָס צווייטע איז ווילד,
דאָס ערשטע — פֿון יאָרן צוריק אַ קינד,
דאָס צווייטע — אַ זאַמלונג פֿון יאָרן מיט זינד.

ער גייט ווי אַ מערדער אַרויס פֿון איר הויז
און קיינער זעט ניט, ווי ער טראָגט אַרויס

איר לעבעדיק בילד אַ טויטס אין זײַן האַרץ
און איבערגעדעקט אין גאַנצן אין שוואַרץ.

אַז קיינער ניט וויסן זאָל, וואָס ס׳איז געשען,
פֿאַרבלײַבט אין הויז דאָרט אַלץ ווי געווען,
איר בילד אויף דער וואַנט און איר לעבעדיק בילד — —
דאָס ערשטע איז מילד און דאָס צווייטע איז ווילד.

דאָס ליד פֿון אַ פֿאַרלאָזטן מאַן

מײַן לײַב איז צעבראָכן, שכן.
דו ביסט צו מײַן ווײַב געקראָכן, שכן.
דו ביסט מיט מײַן ווײַב געשלאָפֿן, שכן.
זי איז צו דיר אַנטלאָפֿן, שכן.
אַ באָרוועסע צו דיר אַנטלאָפֿן, שכן.
איצט קומסטו נאָך אירע פּאַנטאָפֿל, שכן.
נאָך אירע קליידער און קליידערשראַנק, שכן.
און מאָנסט אויף ברויט פֿון אירעט וועגן, שכן.
איך זאָל איר געבן אויף צו לעבן, שכן.
ווײַל דו מוזסט מײַן ווײַב ניט אויסהאַלטן, שכן.
מײַן ווײַב, וואָס האָט זיך בײַ דיר באַהאַלטן, שכן.
דו ווינטשסט מיר איך זאָל קרענקען, שכן.
אַז מײַן ווײַב זאָל נאָך מיר ניט בענקען, שכן.
דו ווינטשסט מיר, איך זאָל שטאַרבן, שכן.
אַז דו זאָלסט מיך אין גאַנצן אַרבן, שכן.
דו וועסט זי מיר ברענגען, זי זאָל מיך באַוויינען, שכן.
און זי איבערלאָזן אין שטוב מיט קיינעם, שכן.
אײַ, האָב איך טײַערע שכנים, שכן.

מײַן פֿעטער שלמה

1

דער גרעסטער ליגנער איז מײַן פֿעטער שלמה,
די ליגנס זײַנע שמען אויף דער וועלט,
ער קאָן אײַך, ווי מע זאָגט, אויפֿשטעלן אַ קוימען,
אַ קוימען אָן אַ דאַך און דאַך אַוועקגעשטעלט.

מײַן פֿעטער שלמה קאָן אײַך אָנדערציילן
מעשׂות ניט געשטויגן, אַ מעשׂה מיט אַ מת,
וואָס האָט געהאַט אַ שפּאַן פֿון זיבן איילן
און אויסגעשפּאַנט די וועלט אין איין מעת לעת.

און האָט אים ווער געפּאַקט בײַ אָט די ווערטער,
צי האָט שוין ווער געזען בײַ טאָג אַ מת ?
די מתים, ווייסט מען, וואַנדלען אין די נעכט נאָר.
ווו האָסטו פֿאַר דײַן מת גענומען אַ מעת לעת ?

האָט שלמה זיך צעשמייכלט : ווי געפֿעלט דיר ?
אויף אונדזער וועלט איז שטענדיק ערגעץ נאַכט
און שטענדיק ערגעץ טאָג אויף דער וועלט דער זעלבער,
אין זעלביקן מעת לעת איז שטענדיק טאָג און נאַכט.

ער פֿלעגט דערציילן וווּנדער פֿון אַ פֿערדל
און ניסים פֿון אַ בלאָטע ווו דאָס פֿערדל איז אַרײַן.
מײַן פֿעטער האָט געהאַט אַ רויט און ליכטיק בערדל,
וואָס האָט דעם פֿערדל אין דער בלאָטע צוגעשײַנט.

דאָס פֿערדל האָט זיך פֿון דער טיפֿער בלאָטע
געטאָן אַ רײַס אַרויס, דעם וואָגן מיטגעשלעפּט,
אַ וואָלקן אין אַ זײַדענער קאַפּאָטע
האָט פֿליגל צו דעם פֿערדל צוגעקלעפּט.

דאָס פֿערדל האָט זיך העכער אויפֿגעהויבן
און איז געפֿלויגן איבער לענדער, שטעט,
מײַן פֿעטער האָט אַרויפֿגעקוקט און אויבן
געזען די וווּנדער דאָרט, וואָס מער ער האָט גערעדט.

דאָס פֿערדל האָט געפֿאָכעט מיט די פֿליגל
פֿון . . . פֿעטערס דמיון, וואָס האָט זיך צעשפּילט.
מײַן פֿעטער האָט גערעדט און אָפּט אויך לאַנג געשוויגן
און סודות און חלומות אין שווײַגן אײַנגעהילט.

ער האָט געחלומט פֿון אַן אוצר טיף באַגראָבן,
וואָס ער צוערשט אַליין אים אויסגעטראַכט,
דערנאָך געוואָלט אים אויף אַן אמת האָבן,
דער אוצר האָט מײַן פֿעטער אומגעבראַכט.

2

מײַן זײדע איז געװען אַ ייִד אַ פֿרומער,
מײַן טאַטע — שױן אַ ביסל אױפֿגעקלערט,
בײַם פֿעטער איז געװען דער קאָפּ אַ קרומער
און האָט געדרײט זיך אױף די אַקסל הין און הער.

מײַן זײדע איז געװען פֿון די כּלי קודש,
מײַן טאַטע האָט אַ בלאַט לײענען געװאַגט,
מײַן פֿעטער האָט גערעדט אױך לשון קודש,
מײַן פֿעטער שלמה האָט צום גראַם געקנאַקט.

מײַן פֿעטער האָט זײַן דיכטערשע פֿאַנטאַזיע
אַרײַנגעבראַקט אין טרױם, װאָס האָט גענאַרט,
אַז ערגעץ װוּ אין אינדיע, אין אַזיע
אַן אוצר ליגט באַגראָבן און ער װאַרט.

אַן אוצר װאַרט אױף אים, מײַן פֿעטער שלמהן,
און רופֿט אים פֿון די װײַטן אין די נעבט,
ער מאָלט זיך אים, דער אוצר, אין די טרױמען,
װאָס ער, מײַן פֿעטער, האָט אױף אים אַ רעכט.

ער האָט זיך מיט זײַן װײַבל אָפּגעזעגנט,
זי אָפּגעגט אין גאַנצן פֿרײַ צו זײַן
און איז אַװעק. אין דרױסן האָט גערעגנט,
דער אוצר האָט געבלענדט װי זונענשײַן.

אַז װױל איז דעם װאָס האָט אַזאַ פֿאַנטאַזיע,
אַז װײ איז דעם װאָס װערט פֿון איר געפּרוװט.
אַן אוצר רופֿט פֿון אינדיע, פֿון אַזיע,
מײַן פֿעטער האָט זיך צוגעהערט צום רוף.

און װי קאָלומבוס מיט אַ שיף אַװעקגעלאָזט זיך,
און װי קאָלומבוס גאָר פֿאַרפֿאָרן קײן בראַזיל,
נאָר פֿונעם אוצר אַלץ ניט אָפּגעלאָזט זיך
און אין די נעכט געזוכט אים אין דער שטיל.

מײַן זײדע האָט געזאָגט: עבֿודה זרה
איז יעדע גלוסטעניש און יאָגעניש נאָך גאָלד.

מײַן פֿעטער — טיף פֿאַרגראָבן אין זײַן נאָרע
האָט אַלץ געזוכט, אַרויסגיין ניט געוואָלט.

מײַן פֿעטער האָט אין חלום זיך פֿאַרגראָבן
און ווי אַ מוילוואָרף דאָרטן יאָרן אָפּגעלעבט.
דער אוצר, וואָס געוואָלט ער האָט אים האָבן,
האָט פֿאַר די אויגן אין דער פֿינצטער אים געשוועבט.

האָט בריוו געשיקט מײַן טאַטן יעדן מאָנטיק
— וואָס טוסטו דאָרטן נעבן ווײַב און קינד?
איך מאַך דיך פֿאַר אַ שותּף צום מאַיאָנטיק,
לאָז איבער קינד און רינד און קום צו מיר געשווינד.

מײַן טאַטע האָט געפֿאָלגט און איז געפֿאָרן,
מײַן מאַמע האָט באַגלייט אים אַ שטיק וועגס
און איצטער נאָך אַזוי פֿיל צענדליק יאָרן
געדענק איך אַלץ מײַן מאַמעס שווערע טעג.

3

מײַן פֿעטער איז אין שטאָט אַרײַן מיט רויטע אויגן
און מיט אַ באָרד צעשויבערט ווילד און רויט
געקומען פֿון די ווילדע מיט אַ פֿײַל-און-בויגן
און אָנגעהויבן דורך די נעכט צו רעדן מיטן טויט.

ער פֿלעגט דורך נעכט זיך דורכרעדן מיט גײַסטער,
מײַן זיידן רופֿן אָפּט פֿון יענער וועלט:
טאַטע, זע, קיין אוצר ניט, קיין טײַסטער,
בין אָפּגעריסן, הונגעריק און אָן אַ גראָשן געלט.

מײַן זיידע, דער קיטראָסער שוחט מעכל
איז מיטן חלף פֿון גן עדן גלײַך אַרויס:
וואָס לאָזסטו, גזלן דו, ניט רוען מיך, באַרעכן,
דו דאַרפֿסט קיין ווײַב און קינד, איז הענג זיך אויף און אויס.

מײַן זיידע איז געוועזן אויך אַ דיין,
ער האָט זײַן פּסק געחתמעט און איז אָפּ,

זײַן חתימה ברענט אין יענעם הויז עדיין,
ווו ס'האָט מײַן פֿעטער אין אַ שלייף אַרײַנגעשטעקט זײַן קאָפּ.

מײַן טאַטע האָט באַוויינט זײַן יונגן ברודער,
וואָס ער, דער עלטערער, צו אים אַרויפֿגעקוקט
און פֿון דער ווײַטן צוגעקוקט זיך צו דער
געשטאַלט דער כּישופֿדיקער, זיך כּמעט געבוקט.

נאָר ער איז אים אין וואַלד ניט נאָכגעגאַנגען
אין פֿרעמדן לאַנד צווישן מענטשן פֿרעמד,
געלאָזט זיך פֿון אַ פֿרוי אַ יונגער פֿאַנגען,
וואָס האָט אים אויסגעוואַשן און דערלאַנגט אַ העמד.

אַ מיידעלע געבוירן אים — מײַן שוועסטער,
און נאָך דעם ייִנגעלעך — מײַנע ברידער צוויי,
דערמאָנט ער זיך אין מיר, איז באַלד פֿאַרגעסט ער,
פֿאַרשפּילט זיך מיט די קינדער דאָרט, מיט זיי.

איך בין געזעסן אַ פֿאַרשעמטער מיט מײַן מוטער
און אויסגעהערט צום וויפֿלטן שוין מאָל
די מעשׂה מיט מײַן פֿעטער, אַז ווייסט אים דער ניט גוטער
צוזאַמען מיט זײַן אוצר. סע ווײנט מײַן מאַמעס קול.

4

מײַן פֿעטער שלעפּט זײַן אוצר אין אַ זעקל
און שטעלט זיך ווי אַ שרעקבילד בײַ מײַן בעט.
סע העלפֿט אים ניט זײַן לאָקן מיך, סע העלפֿט אים ניט זײַן שרעקן,
ווײַל איך פֿון לידער בין אַ דיכטער, פֿון לידער אַ פּאָעט.

און איך האָב פֿאַר קיין שרעקבילדער ניט מורא,
כאָטש זיי פֿאַרפֿאָלגן מיך אויף יעדן טריט און שריט.
זײַן טויט האָט מיר באַשריבן מײַן טאַטנס ווײַבל דבורה,
איצט קריכט ער פֿון איר בריוו צו מיר אין ליד.

פֿאַרשווינד פֿון מײַנע אויגן, פֿעטער שלמה,
דײַן תּליה-שטריק איז שאַרפֿער פֿון אַ האַק.

מײַן חלום וועגן גליק איז ווײַט פֿון דײַנע טרוימען
און ליגט ניט ווי אַן אוצר אין אַ זאַק.

דײַן אוצר איז געלעגן טיף פֿאַרגראָבן
און האָט דיך מיטגעשלעפּט טיף אין גרוב אַרײַן.
מיר ווילט זיך ניט אַזאַ מין אוצר האָבן,
מיר ווילט זיך ליד און ברויט, געזאַנג און לופֿט און שײַן.

מײַן טאַטן האָסט געפֿירט אויף דײַנע וועגן,
ווען דו האָסט מיט דײַן אוצר אים געלאָקט,
זײַן היים מיט ווײַב און קינד פֿאַרלאָזט פֿון דײַנעט וועגן
און פּונקט ווי דו פֿון זיי זיך אָפּגעזאָגט.

דאָך ניט זײַן וועג איז עס געווען אין גאַנצן,
מע גייט ניט ביזן סוף אויף פֿרעמדן וועג.
איצט ווילסטו אים, דעם וועג, אַריבערפֿלאַנצן
צום צווייטן דור, צו מיר אין מײַנע טעג.

פֿאַרשווינד פֿון מײַנע אויגן פֿעטער שלמה,
פֿאַר מיר ביסטו ווי קיין מאָל ניט געווען.
צי קאָנען בליִען טרוימען אָן די זוימען
פֿוןווירקלעכקייט, וואָס מ׳האָט זי ניט געזען ?

פֿאַרשווינד, פֿאַרשווינד, פֿאַרשווינד פֿון ד׳אויגן מײַנע,
דו נעפּלבילד, דו רויִקע געשטאַלט.
דיך טרײַבט פֿון מיר אַוועק מײַן מאַמעס טענה,
מײַן זיידנס פּסק דיך טרײַבט צוריק אין וואַלד.

5

אַ מאָל-אַ מאָל בין איך אַ קינד געוועזן
ס׳איז הײַנט שוין מײַן זכרון אָפּגעשוואַכט,
נאָר קיין מאָל-קיין מאָל וועל איך ניט פֿאַרגעסן
דאָס לעמפּל פֿון אַ דאָנערשטיק בײַ נאַכט.

געהאָנגען איז דאָס לעמפּל נעבן אויוון,
מײַן מאַמע האָט אין אויוון אײַנגעזעצט

און אין די פֿענצטער מיט די קליינע שויבן
אַ רעגנדל אַ דריבנע האָט גענעצט.

עס האָט די נאַכט אַרײַנגעקוקט אין פֿענצטער,
פֿון פֿענצטער האָט אַרויסגעקוקט אַ שײַן
און איך פֿון נאַכט און שײַן אין פֿענצטער אַ פֿאַרבלענדזטער
איך בין צום תּוך אין מיטן ניט אַרײַן.

איך בין געלעגן אויפֿן אויוון אויפֿן הייסן,
אין דמיון — אומגעגאַן אין דרויסן אויף דער קעלט,
גלײַך עמעצער וואָלט מיך געשיקט און מיר געהייסן
די פֿינצטערנישן אויסצומעסטן אויף דער גאָרער וועלט.

מײַן מאַמע איז בײַם אויוון שטיין געבליבן,
מײַן מאַמע האָט אין טאַטן זיך דערמאַנט;
מײַן טאַטן האָט דער גורל דער ייִדישער פֿאַרטריבן
אין אַן אַנדער נאַכט, אין אַן אַנדער לאַנד.

מײַן טאַטן האָט געגרופֿן זײַן ברודער פֿון דער ווײַטן
און האָט מיט גאָלד-חלומות אים פֿאַרבלענדט,
זײַן ברודער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון גאָט און לײַטן
און האָט בײַם גאָלד-חלום די אויגן זיך פֿאַרברענט.

מײַן מאַמע האָט בײַם אויוון געוואַרעמט אירע טרוימען,
איך זע מײַן מאַמעס חלום נאָך אַצינד.
— מײַן טאַטע האָט פֿאַרענדיקט מיט זײַן ברודער שלמהן
און קערט זיך אום צוריק צו ווײַב און קינד.

זי האָט עס ניט געוווּסט נאָך, אַז מײַן טאַטע כאָטש פֿאַרענדיקט
מיט שלמהן, מיט זײַן ברודער, אָבער שוין ניט צוליב איר,
פֿון איר איז ער אַוועק, אַוועק פֿון איר אויף שטענדיק,
פֿון איר איז ער אַוועק און אויך אַוועק פֿון מיר.

און ציט זיך אויס אַ מאָל זײַן האַנט פֿון מײַנעט וועגן,
ער שטעלט זיך אָפּ, גלײַך עמעצער וואָלט אים אָפּגעשטעלט:
זאָל זײַן דײַן קינד אַ יתום, דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן
צו שטערן אים צו מעסטן דעם חושך פֿון דער וועלט.

אַ נאַכט אין ריאָ

רעסטאָראַן-גערויש, משוגענע מוזיק,
פּלעשלער-אַקראָבאַטן טאַנצן אויף אַ שטריק
אַ געפּלאַכטענעם פון לאָמפּן-ליכט.
דער עולם ביי די טישלעך זיצט געדיכט
און לאָזט פּאַרטויבן זיך
פון פרעמדע, שרייענדיקע, זינענלאָזע שטיק.
סע גייט די צייט
און שלינגט די זאַלץ-און-פעפער איין
און פון אַן אַנדער זייט,
פון סאַמע פראָנט
צעעפנט זיך דער בראַזיליאַנער האָריזאָנט
און ס'וואַקסט אַרויס
אי הויך אי גרויס
אַ שוואַרצהאַריקער, שוואַרצאויגיקער, בלייכער יונגערמאַן
און אויף דער ברייטער בינע פונעם רעסטאָראַן
ער כישופט מיט דער האַנט
אַרויס פון דער גיטאַרע דאָס צעשפּרייטע לאַנד
און מיטן קאָפּ אַרויף
אַ שמאָלע זינגערין גייט אויף
און אויף אַ ריזנטאַץ
טראָגט זי דאָס געזאַנג אַריין אין רעסטאָראַן-פּאַלאַץ.
די גלעזער אויף די טישלעך הערן אויף צו קלינגען,
ווען דאָס פאָלק דאָס נאַקעטע קומט זינגען,
ווען דאָס פאָלק דאָס באָרוועסע קומט טאַנצן
הערן אויף די אוירינגלעך צו גלאַנצן
אין די אויערן פון די דאַמען
אין די רעסטאָראַנען.
עקסטאַז.
אויף די פעדערן די פאַרביקע פון דשאַז
בליצט דער חלום פונעם יונגן פאָלק,
וואָס שטעלט אַרויס
די ברוסט פאָרויס
און טרעט אַ רגע אָפּ צוריק
און גייט אויף לינקס
און גייט אויף רעכטס,
בלייבט שטיין אַ רגע ווי אַ מאָסן-ספינקס

און זינגט און זאַלצט אַרײַן זיך אין געקעבטס
דאָס קאַלט געוואָרענע, דאָס ניט געריררטע,
דאָס צוגעגלעטע דאָס פּריזירטע
אויף די אויסגעפּרעסטע טישלעך אויף די ווײַסע.
די זינגערין זינגט אויס אַ טרויעריקע ליבע-מעשׂה.
אויף דער בינע גייט געשיכטע, שפּאַנט
און די גיטאַרע אין דער האַנט
פֿונעם בלייכן יונגנמאַן
פֿלאַנצט אַ וואַלד אין רעסטאָראַן,
די זינגערין הייבט העכער אויף דאָס קול
און מיט אַ מאָל
אַ טעפּיך שפּרייט זי אויס
און אויפֿן טעפּיך נייט זי אויס אַ דינעם טאַנץ אַן טריט,
מיט פֿעדעם ליכטיקע נייט זי אויס אַ ליד.
גרין און רויט בליצט אויף און זע:
ווי קומט אַהער ביזע?
און קאַרמען די ציגײַנערטע איז דאָ,
אין רעסטאָראַן ווערט בלאָ
און ליכטיק ווערט
אויף אָט דער כּישופֿדיקער ערד
און ווידער נאַכט,
די בינע — בלאָ פֿאַרמאַכט,
דער עולם ווייסט ניט וואָס מיט זיך צו טאָן
אַ ווײַטער יידישער פּאָעט איז צווישן זיי אין קאָן,
ער גיט דעם טאָן
און רײַסט די שטילקייט אויף, צעפּראַלט,
דער עולם שרײַט און שטראַלט.

ריאָ, יוני 1973

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ

פֿאַר אליהו ליפּינער

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ
פּאַשען זיך יוײַסע פֿערד
און איך האָב געהאַט די זכיה
צו זען אָט די גרינע ערד.

און איך האָב די זכיה געהאַט
צו טרעפֿן דאָ ייִדן פֿרומע
און אַזעלכע וואָס האָבן זיך געשמדט
און זענען צוריק געקומען.

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ
פּאַשען זיך ווײַסע פֿערד
און איך האָב געהאַט די זכיה
צו זען אָט די גרינע ערד.

און איך האָב געהערט דאָ: "שמע
ישראל" פֿון דער ווײַטן,
אויף איינעם אַ פֿערד אַזאַ
וועט קומען משיח צו רײַטן.

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ
פּאַשען זיך ווײַסע פֿערד
און איך האָב געהאַט די זכיה
און געזען אָט די גרינע ערד.

שטערן אויפֿן הימל

וואָס איז אונדז געבליבן?
וואָס איז אונדז באַשערט?
שטערן אויפֿן הימל,
לידער אויף דער ערד.

אויסגעהאַקטע וועלדער,
טײַכן אויסגעדרייט,
שאָטנס אויף די פֿעלדער
און דער זייגער גייט.

און די שטיוול קלאַפּן
צו דעם זייגערטאַקט
און מיט שטראַלן טאַפּט מען
אָן דאָס האַרץ פֿון טראַקט.

און די שיפֿן שנײַדן
כוואַליעס אויף דער העלפֿט
און די טיפֿן לײַדן
און זיי שרײַען: העלפֿט,

פֿון די טיפֿסטע טיפֿן
שרײַט עס ביז אַרויף
און די שיפֿן שטיפֿן
און זיי פֿליִען אויף.

צינדן אָן, צעברעכן
אַלטע וואָלקנשטעט
און דאָס וווּנדערלעכע
אָפּבילד אויף דער ערד.

ס׳איז דער רוים פֿאַרגליווערט
און די ערד פֿאַרוויסט
און דער הימל שימערט
פֿון דער ווײַטן, גריסט.

קומט מען צו אַ שטערן,
אַלץ דער הימל ווײַט
און די שטערן — ערדן
דרייען זיך פֿאַרשײַט.

איינער אַרום צווייטן,
אַרום אייגענער אַקס
און מע טוט זיך שיידן
און די ווײַטקייט וואַקסט.

וואָס איז אונדז געבליבן?
וואָס איז אונדז באַשערט?
שטערן אויפֿן הימל,
לידער אויף דער ערד.

ויהי ערבֿ ויהי בוקר

נאָך לאַנגע פּוסטע נעכט איז ווידער נאַכט,
איז ווידער ויהי ערבֿ ווי אין בראשית.
סע פֿאַלט אַן אַלטער פּחד און די אַלטע פּראַכט
פֿון יונגע שטערן איבער אונדז פֿאַרשפּרייט איז.

מיר האַלטן בײַ די הענט זיך אין אַ וואַלד
פֿון פֿינצטערניש און שאָרכעניש און שווײַגן
און אַז סע ווערט אונדז אין די פּלייצעס קאַלט,
מיר דרייען אויס די פּלייצעס צו די צווײַגן.

און אַלע מאָל אַן אַנדער ריכטונג, אויף אַן אַנדער וועג
און אונדזער טראָט אין גאַנצן וואַלד פֿאַרשפּרייט איז.
ס׳איז ווידער טאָג נאָך לאַנגע פּוסטע טעג,
ס׳איז ווידער ויהי בוקר ווי אין בראשית.

פֿאַרמאַך דעם טויער

פֿאַרמאַך דעם טויער, אַז די היץ
זאָל ניט אַרײַן דורכן טויער,
דער לעצטער טראָפּן איז שוין אויסגעשוויצט
און פֿאַלט אַראָפּ פֿון לינקן נאַסן אויער.

פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער, אַז די זון
זאָל ניט אַרײַן דורך די שויבן,
די שטראַלן שלאָגן אָפּ זיך און דערפֿון
זיך צינדן אין דער לופֿטן אַן די שטויבן.

פֿאַרשליס די טירן, אַז דער ווינט
זאָל דיר ניט אויפֿשליסן די טירן
און ניט אַרײַנלאָזן די זינד,
וואָס קומען אַלטע לײַט פֿאַרפֿירן.

פֿאַרמאַך, פֿאַרשליס.

דער דרויסן

דער דרויסן, וואָס בליט אין מײַן געמיט,
איז ניט דער דרויסן אַרום דעם הויז,
דער דרויסן אַרום דעם הויז איז גרויס,
נאָר גרעסער איז דער, וואָס רײַפֿט און גליט
אין מײַן געמיט און וויל ניט אַרויס.

איך טראָג אים אין זיך, ער גייט מיר נאָך
און חלומט זיך מיר אַ גאַנצן טאָג
און אַלע זיבן טעג אין דער וואָך,
איך פֿיל די וואָג זײַנע, ווען איך זאָג:
"דער דרויסן" — ער איז מײַן עול, מײַן יאָך.

פֿון קינדווײַז אָן די גרינע ערד
אַרום דעם שטעטל און דער טײַך,
דער נאַכטיקער הימל (מיט שטערן רײַך)
דערנאָך דער וועג, דער וואָגן, דאָס פֿערד,
דאָס גראָז פֿאַר טאָג, וואָס איז פֿריש און פֿײַכט.

דערנאָך די באָן, וואָס פֿירט אַוועק
צו אַלע דרויסנס, וואָס אויף דער וועלט,
וואָס זענען אין אַלע עקן צעשטעלט
אין גאָר דער וועלט, וואָס האָט ניט קיין ברעג
און פֿילט אָן דאָס יונגע האַרץ מיט שרעק.

דערנאָך דאָס פֿליִען אין דער לופֿט
אַריבער די וואָלקנס און אַראָפּ
און ווידער אַרויף, סע שווינדלט אין קאָפּ.
איך הער די שטים פֿון דער ערד, וואָס רופֿט:
אַראָפּ, אַראָפּ! און רו דיך אָפּ.

דער דרויסן, וואָס בליט אין מײַן געמיט,
איז ניט דער דרויסן אַרום דעם הויז,
דער דרויסן אַרום דעם הויז איז גרויס,
נאָר גרעסער איז דער, וואָס רײַפֿט און גליט
אין מײַן געמיט און קאָן ניט אַרויס.

מאַך צו

מאַך די װענט מיר און די סטעליע צו
און פֿאַרהענג די פֿענצטער מיט אַ נעפּל,
גיב דער שװעל מײַנער אַ קלײנעם טראָפּן רו
און מײַן טיר לאָז איבער ניט געעפֿנט.

כ׳דעק זיך מיט די גראָע שעהען אײַן,
ביז סע װערט מיר װאַרעם אין די גלידער.
װען כ׳װעל אױפֿשטײן װעל איך עלטער זײַן
און איך װעל אַנטשלאָפֿן װערן װידער.

כ׳הער אין שלאָף אין דרױסן פֿאַלט אַ שנײ
און די שײַן שנײַדט יעדן אין די אױגן,
האַלט איך זײ באַהאַלטן מײַנע צװײ
אױגן און איך האַלט זײ אױסגעבױגן.

און אין חלום האַלט איך זײ פֿאַרשטעקט,
אױסגעהיט פֿון שײַן און פּײַן און װײטיק,
ביז סע נעמט צום גליק מײַנעם אַן עק
און קײן שוץ איז מערער מיר ניט נײטיק.

און קומען אַ טאָג װעט

און קומען אַ טאָג װעט באחרית-הימים,
אַ טאָג אָן אַ נעכטן, אַ מאָרגן — אַלײן.
ס׳װעט װױנען אַ װאָלף מיט אַ יעגער צוזאַמען,
דער יעגער אָן ביקס און דער װאָלף אָן די צײן.

און קומען אַ טאָג װעט באחרית-הימים,
און קומען אַ טאָג װעט און װעט ניט פֿאַרגײן.
די זון װעט זיך לעשן אין די אײגענע פֿלאַמען
און װעט שװין אָן כּוחות זיך אָפּשטעלן, שטײן.

און קומען אַ טאָג װעט אין גיכן מסתּמא
אָן װאָלקנס, אָן װינטן, אָן כװאַליעס, אַלײן.
און קומען אַ טאָג װעט באחרית הימים,
און קומען אַ טאָג װעט און װעט ניט פֿאַרגײן.

וואַסערן

כ׳האָב געגראָבן אין מײַן הימל און אַ ברונעם אויסגעגראָבן,
איצטער גיסן זיך די וואַסערן פֿון דאָרטן,
אַז איך זאָל זיי נענטער צו מײַנע דאָרשטן האָבן,
אַז איך זאָל זיי האָבן נענטער צו מײַן גאָרטן.

אַז איך זאָל די וואַסערן פֿון דאָרטן — דעם שמים
האָבן אויף דער ערד דאָ, אין דער ערד דאָ האָבן,
אַז איך זאָל פֿון דאָרטן די וואַסערן באַפֿרײַען
און דערנאָך מײַן ברונעם אויף דער ערד דאָ גראָבן.

רעגן. רעגן. ס׳הערט ניט אויף צו גיסן
און צו פֿליסן איבער שטיינער-ריפּן, זאַמדן-זיפּן —
ניט קיין סך און ניט קיין ביסל נאָר אַ פֿולע שיסל
זאַמלט אונטערערדיש זיך דאָס וואַסער פֿאַר די ליפּן.

דער מענטש

דורך דער חיה, דורכן פֿיש און דורכן פֿויגל
איז דער מענטש געקראָכן און געפֿלויגן,
איז דער מענטש געגאַנגען און געשווומען,
ביז ער איז צו זיך, צום מענטש געקומען.
נאָך דעם האָט דער מענטש-אין-מענטשן זיך פֿאַרבענקט
נאָך די וועלטן, וואָס זײַן בלוט געדענקט,
נאָך די דערנער נאָך די שאַרפֿע, וואָס צעשטאָכן זײַנע פֿיס,
נאָכן האָגל אָן אַ שוץ און נאָכן שלאַנגענביס,
נאָכן הונגעריקן טיגער, וועלכער יאָגט אים נאָך אין וואַלד
נאָכן בלײַבן אָן אַ הייל, ווען אין דרויסן איז שוין קאַלט,
ווײַל דעם מענטש איז אָפּט ניט ליב, ניט דער דאַך איבערן קאָפּ,
ניט דער רעגן, וועלכער פֿאַלט אויף זײַן פֿעלד אַראָפּ,
ניט דער האָניק, ניט די מילך, ווען זיי שטייען אויף זײַן טיש,
ס׳בענקט זיך אים נאָך גרויע נעצן, ער זאָל זײַן אין זיי דער פֿיש
און אים בענקט זיך נאָך דער שרעק, אַז אָט שלינגט דער טויט אים אײַז
און ער וויל ניט זיצן רויִק אין דער וואַרעמקייט און שפּײַז.

דורך דער חיה, דורכן פֿיש און דירכן פֿויגל
איז דער מענטש געקראָכן און געפֿלויגן,
איז דער מענטש געגאַנגען און געשווומען,
ביז ער איז צו זיך, צום מענטש געקומען.
נאָך דעם האָט דער מענטש-אין-מענטשן זיך פֿאַרבענקט
נאָך די וועלטן, וואָס דער מענטש גערענקט,
ווען ער איז נאָך ווי אַ שפּאַרבער אויף אַ טויב אַראָפּ,
ווי אַ וואָלף געוואָרפֿן זיך אויף אַ הערנערדיקן קאָפּ
פֿון אַ שאָף צי ווי אַ טיגער זיך געוואָרפֿן אויף אַן אָף
(אדמס עלטער-זיידן פֿאַרן וועלטבאַשאָף),
ווײַל דעם מענטש איז אָפּט ניט ליב, ניט די שײַן אין שויב,
ניט די אוצרות, וואָס ער קריגט, ניט דורך מאָרד און רויב,
ניט די ליבשאַפֿט פֿון אַ ברודער, ניט די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון אַ פֿרײַנד,
ניט די זיכערקייט אויף מאָרגן, וואָס מע דאַרף זי בויען הײַנט,
ניט קיין רוטאָג, ניט קיין מיטאָג, ניט קיין שבת, ניט קיין וואָך
און מע טראָגט דאָס גליק ווי שטיינער און די פֿרײַהײַט ווי אַ יאָך.

דורך דער חיה, דורכן פֿיש און דורכן פֿויגל
איז דער מענטש געקראָכן און געפֿלויגן,
איז דער מענטש געגאַנגען און געשווומען,
ביז ער איז צו זיך, צום מענטש געקומען.

זומער

אין דרויסן איז רויִשיק, איז בלענדיק געוואָרן
ווי פֿײַערפֿערד וואָלטן געפֿלויגן גאַלאָפּ,
די זון איז אַרויף אויפֿן זיבעטן גאָרן
און שײַנט דאָרט פֿון זיבעצן פֿענצטער אַראָפּ.

דאָס פֿאָלק איז אַרויס מיט גערויש פֿון די שטיבער
און איבערגעמישט זיך ווי קאָרטן בײַם טיש,
די פֿאַרביקע קליידער זיי מישן זיך איבער
און ווערן באַלד נאָך אַ מאָל איבערגעמישט.

די קליידונג איז לײַכט און ניט פֿילבאַר אין גאַנצן,
ווי נאַקעטע שווימט מען אין פֿאַרביקן ים

און שווימענדיק גלוסט זיך די שווימער צו טאַנצן
אַהער און אַהין און אַהין צו און סתם.

די זון איז דאָרט ווײַט שוין, אויף יענער זײַט שטיבער
און גייט זי דאָרט אונטער שטײַגט הויך דאָ איר שײַן,
די טענצער זיי טאַנצן די שטיבער אַריבער
און גלײַך מיט די אויגן אין הימל אַרײַן.

דער הימל אין וואָלקנס, די וואָלקנס אין פֿלאַמען,
די פֿלאַמען אין פֿאַרבן, אין רויט און אין ראָז,
עס האָבן די שעהען פֿון טאָג זיך פֿאַרזאַמלט
און אַלע אויף אַ מאָל זייערע פּעכערס צעלאָזט.

ירושלים של מטה

אַזש ביז די וואָלקנס פֿליט אַרויף די שטאָט
און דורך די וואָלקנס העכער, ביז צום גאָט.
די שטאָט בײַ נאַכט. זי לאָזט די שאָטנס בלויז
פֿון שאָטנס בויט זי אויף זיך ביזן לעצטן הויז.

און מאָדנע, וואָס די שאָטנס האָבן מערער האָפּט,
ווײַל אויף דער ערד געבליבן און אויף דער ערד זי שאָפּט
זיך איבער אויף דאָס נײַ די גאַנצע שטאָט,
די זעלבע שטאָט וואָס אויבן דאָרט בײַ גאָט.

די זעלבע שטאָט, די זעלבע גאַסן ביזן לעצטן הויז,
די זעלבע שטאָט, אַ שטאָט פֿון שאָטנס בלויז
געבליבענע צו וואַכן אויף דער פֿאַרלאָזטער ערד
און מיטן ערשטן פֿאַרבנשפּראָץ אויף ס׳נײַ געבוירן ווערט.

שטרעק אויס דײַן האַנט

שטרעק אויס דײַן האַנט
אַרויף צום גאָלדענעם לאַנד פֿון שטערן
און קוק דערנאָך אַראָפּ אין לאַנד,
וואָס וועט אַדורכגעוועלדערט ווערן.

דו זעסט דעם בוים ?
וואָס לאָזט דער איינער בוים אונדז הערן ?
דער בוים, ער טרוימט
און וויל זיך מערן, מערן.

דאָס פֿעלד בייַ נאַכט
צעגיסט זיך איבער אַלע וועגן.
וועןביימער שטייען אויף דער וואַך,
אַנטלויפֿט ער ניט דער רעגן.

דאָס גאָלד פֿון סטויג
וואָלט זיך פֿאַר ביימערגרינס פֿאַרנייגן.
אַ וווּנדער וואָלט פֿון אויג צו אויג
אַרייַן אין אַלע אויגן.

און אָנגעזעטיקט גאָר דאָס לאַנד
פֿון איין עק ביזן צווייטן,
שטרעק אויס דייַן האַנט
און שיץ דעם שטח דעם פֿאַרזייטן.

* *
*

אָט האָסטו דעם שליסל
און אָט איז דער שלאָס אויפֿן טויער
דאָרט ווייַטער אַ ביסל.

אָט האָסטו די פּלענער
פֿון אַלע צימערן אונטער דער מויער,
ווו איינס פֿונעם צווייטן איז שענער.

אָט האָסטו דעם סימן
צו זאָגן די וועכטער, וואָס דרימלען
דאָרט אונטער דער ערד ווי אונטער די הימלען.

דעם שליסל גענומען,
די פּלענער, דעם סוד און דעם סימן
און צוריק ניט געקומען.

שטויבט ניט אָפּ

שטויבט ניט אָפּ די שיך און די געווענדער,
ברענגט די שטויבן פֿון די גלות-לענדער
ביז אַהער און שיט זיי דאָ צוזאַמען.
נישט קיין שטויב. ס'איז אַש פֿון דורות פֿלאַמען,
מיטן אַש דעקט צו די היגע שטיינער,
ווי די שטיינער דעקן צו די ביינער,
דורות ביינער. יעדער דור אַ גאָרן,
יעדער גאָרן — אַ מוזיי פֿון צער און צאָרן
ביז אַרויף צום שטיין, וואָס ווערט באַטראָטן,
ביז אַרויף צום שטיין, וואָס ווערט פֿאַרשאָטן
מיטן שטויב פֿון שיך און פֿון געווענדער,
וואָס מיר ברענגען פֿון די גלות-לענדער.

ירושלים, 2טער פֿעברואַר 1978.

ירושלימער שניי

איין מאָל אין יאָר אַ שנייִיקע שעה
און סע ווערן פֿון קעלט די שויבן בלאָ
און רויט איז דער אָפּשײַן פֿון אויוון אויף זיי
און ווײַס איז דער שניי, ווײַס איז דער שניי
איין איינציקע שעה — אַ שנייִיקע שעה.

אַ האַלב פֿון מײַן לעבן ביז הײַנט איז פֿאַרשנייט,
געקומען אין לאַנד אַרײַן וואַרעם געקליידט
פֿון ווינטער גלײַך אין זומער אַרײַן
און הײַנט זיך געפֿרייט מיט דער רויטער שײַן
אויף בלאָע שויבן קאַלט און פֿאַרשנייט.

דאָס וויפֿלטע יאָר, די וויפֿלטע שעה
ווערן פֿון קעלט די שויבן בלאָ?
דאָס וויפֿלטע יאָר? דער וויפֿלטער שניי?
איך האָב שוין געווינטערט ווינטערן צוויי,
איך האָב דאָ געווינטערט ביידע שעה.

איצט וואַרט איך אויף דער דריטער שעה
לשנה הבאה, לשנה הבאה.

אַ געוועט

כ׳בין אויפֿגעשטאַנען הײַנט פֿאַר טאָג
און אויפֿגעשטאַנען איז נאָך מיר דער טאָג
אַ פֿרישער און אַן אויסגערוטער,
און אויפֿגעשטאַנען זענען מיט אַ מאָל
די הײַזער פֿונעם שעפֿערישן טאָל,
און אויפֿגעשטאַנען איז פֿון וויג דאָס קינד,
און אויפֿגעשטאַנען איז אין וועג דער ווינט
אַ וואַרעמער אַ גוטער,
און אָנגעהויבן האָט זיך דער פֿאַרמעסט
פֿון הײַזערבוי מיט בוי פֿון פֿויגלנעסט
און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס געוועט
פֿון פֿויגל דאַרפֿישן מיט שטאָטישן פּאָעט
און פֿון געוועט געוואָרן איז אַ כאָר
פֿון פֿייגל און פּאָעטן פֿונעם יונגסטן דור.

אַ לויב

אַ לויב, אַ לויב מײַן קליינעם שיינעם לאַנד,
אַ לאַנד וואָס האָט קיין מיטן ניט, אַ לאַנד פֿון סאַמע ראַנד,
פֿון גאָלע גרענעצן, דער שומר — שטענדיק אויף די פֿיס
אין שווערע שיך, אין ווײַסן מדבר־מיסט,
די ביקס אין האַנט, אַ ספֿר אויפֿן טיש
און שאָלעכץ פֿון אַ פּאָמעראַנץ און אַ געמיש
פֿון ווינט און זאַמד, פֿון זאַמד און ווינט
און צו די קני פֿון שומר טוליעט זיך אַ קינד
און זאָגט אים נאָך די ווערטער: בורא פרי העץ.
די פּרי, וואָס ער האַלט, איז ניט פֿונעם סועץ,
זײַן זיידע האָט געבראַכט אין לאַנד אַרײַן אַ טרוים,
דאָס ייִנגל מאַכט אַ ברכה אויף די פּירות פֿון אַ בוים,
אַ לעבעדיקן טרוים, וואָס זײַן זיידע האָט געפֿלאַנצט,
בשעת ער האָט אין קורצע הייזלעך אין ווײַסן זאַמד געטאַנצט.
אַ לויב, אַ לויב מײַן קליינעם שיינעם לאַנד,
אַ לאַנד וואָס האָט קיין מיטן ניט, אַ לאַנד פֿון סאַמע ראַנד.

דאָס פּינפּטע ראָד

און אַז מע זינקט אין בלאָטע מיטן פֿערד-און-וואָגן
און טאָקע בײַם אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט,
איז וואָס קאָן העלפֿן שוין דאָס זינגען און דאָס זאָגן?
איז וואָס קאָן העלפֿן שוין דאָס פּינפּטע ראָד?

און אפֿשר גאָר, ווער ווייסט, קאָן זײַן קאַפּויער —
ווי רעדער פֿיר קריכן ניט אַרויס,
זאָל גאָר דאָס פּינפּטע ראָד גראָד זײַן דער גואל,
וואָס לייזט אונדז פֿון די טיפֿע בלאָטעס אויס.

בלינדקייט

ניט איך וויין און ניט איך וויים
ווענן אומגליק ווענן שוואַרצן,
כ'האָב די בלינדקייט ווי אַ טרייסט
אויפֿגעהאַנגען אויפֿן האַרצן.

און מיט בלינדע טריט פֿאָרויס
ווי אַ פֿערד מיט ווײַסע אויגן,
בין איך פֿון מײַן שטאַל אַרויס
און די אויערן אויסגעצויגן.

גלײַך צוויי הערנער פֿון אַן אָקס
קעגן אַל די שוואַרצע טויטן,
און דערלאַנגט דער וואַנט אַ באָקס
און צעטראָטן גראָבע פּלויטן.

און אַוועק אין אַ געיעג
פֿונעם שד אין מיר געטריבן
צו די קומענדיקע טעג,
וואָס זיי זענען מיר פֿאַרבליבן.

אָ, גאָט

אָ, גאָט פֿון יִדיש-שטעטל און פֿון יִדיש-לשון
סע ווערט דײַן וועלט אין מײַנע אויגן אויסגעלאָשן.
איך בלאָנדזשע ווי אַ בלינדער צווישן פֿרעמדע שפּראַכן
און מיט די פֿינגער טאַפּ איך אָן די נײַע נעמען
פֿון אַלע מײַנע אַלטע זאַכן,
וואָס טוען, דאַכט זיך, פֿון מיר לאַכן,
מיך פֿאַרשעמען.

סע שטאַרבט אַ מענטש באַוויינען אים די קינדער,
סע שטאַרבט אַ שפּראַך, איז וויינט אויף איר אַ בלינדער,
וואָס טאַפּט מיט בלינדע טריט די פֿרעמדשפּראַכיקע ערטער
צווישן פֿרעמדע זעעוודיקע ווערטער.

איך האָב געמיינט

איך האָב געמיינט, אַז מיט דײַן ליד
וועסטו מיך אויסלייזן פֿון מײַנעם
און מיט אַן אויפֿגעהעלט געמיט
וועט קעגן דיר מײַן פּנים שײַנען.

איך האָב געמיינט, אַז מיט דײַן וואָרט
וועסטו פֿון אָרט מזלות רירן,
וועט מזלדיקער זײַן מײַן קאָרט
און איך וועל אויפֿהערן פֿאַרלירן.

איך האָב געמיינט, נאָר האָב דערזען
בײַ דיר די זעלבע וויסטע קאָרטן
און מיט דײַן צײַנדלדיקער פּען
האָסטו צעשטערט דעם גאַנצן גאָרטן.

איך האָב געמיינט.

אַ טראָפּן רו

ניט זאָג, אַז גאָלד איז אַלץ וואָס גלאַנצט,
ניט יעדער זאָג איז אַ געדאַנק,
ניט יעדער בלום איז שיין אין קראַנץ,
ניט יעדער ליד איז אַ געזאַנג
און איז פֿאַררונדיקט און איז גאַנץ,
ניט יעדער גאָב איז אַ געשאַנק.
ניט זאָג, אַז גאָלד איז אַלץ וואָס גלאַנצט.

באַשער מיר, גאָט, אַ טראָפּן רו,
נאָר זאָפּטיק זאָל ער זײַן און שטאַרק
דער טראָפּן רו ווי ליו-ליו-ליו,
וואָס קאָן פֿאַרוויגן אויך אַ באַרג,
וואָס שפּײַט מיט לאַווע ערגעץ ווו
און דרימלט אײַן מיט רויטן קאַרק.
באַשער מיר, גאָט, אַ טראָפּן רו.

און היט מיך אויס פֿון יענעם ים,
וואָס רופֿט זיך אייביקייט און טויט,
וואָס אָטעמט ניט אין זונענפֿלאַם
און כוואַליעט ניט, ווען אָוונט גרויט.
אַ שפּיגל אין אַ שוואַרצער ראַם
פֿאַרצויגן מיט אַ שוואַרצער הויט.
פֿאַרהיט מיך, גאָט, פֿון יענעם ים.

אַ טראָפּן רו, אַ רגע רו
און אַ גערויש פֿון גרינס דערצו,
אַ ווײַטער דונער ערגעץ ווו,
וואָס גייט אַריבער אין ליו-ליו.

איך עפֿן אַ בוך מיט לידער

איך עפֿן אַ בוך מיט לידער
און דאַוון אַרײַן אין פֿאַרטאָג
און מאָרגן דאַוון איך ווידער
און נאָך דעם אַלע טאָג.

עס טרעפט אָפט, עס האָט שוין געטראָפן,
איך פאָר אין די בערג אַריין,
איך לייען די בערג ווי סטראָפן,
ווי זיי וואָלטן לידער זיין.

עס טרעפט אָפט, פאַר וואָס זאָל ניט טרעפן ?
איך פאָר פון די בערג אַרויס
און ס'טוט זיך די וועלט אַ צעעפן
אַזוי ווי דאָס בוך די גרויס.

דאָס בוך איז מיט פעלדער, מיט וועלדער,
מיט טייכן, מיט ימען אַ וועלט
און ס'בליט דער טאָג אַ צעהעלטער
אין ד'אויגן פונעם בוכס אַ העלד.

און אָט קומט אַ צווייטער אַקעגן,
זיי גיבן זיךביידע די הענט
אין בוך אויף שטויבלאָזע וועגן,
זיי האָבן זיך ביידע דערקענט.

און מאָרגן לייען איך ווידער,
קיין נייס ניטאָ, ניט איך זוך,
איך לייען די אַלטע לידער,
ס'זאָל בלייבן אַזוי ווי אין בוך.

* *
*

פאַר נאַכט, ווען סע לעשט זיך די זון אויף די ווענט,
ווערט שווערער דער האַמער און פאַלט פון די הענט.
מע פאַלט פון די פיס אין בעט אַריין מיד,
די אויגן קלעפן זיך אויף אַ ליד,
די אויערן חלומען פון געזאַנג
אין פאַרבן, וואָס קומען ניט אויפן געדאַנק
און שווימען פאַרביי דער פאַרלאָשענער שיין.

אָ גיב מיר כח אַ מידער צו זיין.

ירושלים, 6טער יולי, 1977

דער קנויל

איך ציִ פֿון זיך אַרויס אַ פֿאָדעם
און וויקל אים צונויף אין אַ קנויל,
איך ציִ דעם פֿאָדעם מיט מײַן אָטעם,
וואָס כ׳אָטעם אַרויס פֿונעם מויל.

דער קנויל אין מײַנע הענט איז שוין גרעסער
ווי פֿון אַ גאַנצער טשערעדע שאָף,
דער סאָרט פֿון דער וואָל פֿון מײַן קנויל איז בעסער
פֿון סאַמע בעסטן געוועבטן שטאָף.

דער קנויל איז פֿאַרביק און וואַרעמט די בליקן
אין טעג פֿאַרוואָלקנטע, אָן זון,
מײַן אָטעם און מײַן בלוט איז פֿאַרוויקלט
אין אָט דעם קנויל, וואָס וואַרפֿט מיך אום.

איך ווייס, איך ווייס

קאָן זײַן, אַז די שטאָט איז פֿאַרזונקען אין נעפּל
אויף שטענדיק צי אויף אַ שעה.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז נאָכן נעפּל
וועט ווערן ווידער בלאָ ?
איך ווייס, איך ווייס.

קאָן זײַן, אַז די טיר איז אויף שטענדיק פֿאַרשלאָסן,
אויף ניט אַרויס, ניט אַרײַן.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז די טיר, וואָס פֿאַרשלאָסן
וועט ווידער אָפֿן זײַן ?
איך ווייס, איך ווייס.

קאָן זײַן, אַז די שרעק, וואָס האָט מיך געשראָקן,
וועט שרעקן מיך ביזן טויט.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז מאיר, דער זקן
וועט אויסלאָכן זיך פֿונעם טויט ?
איך ווייס, איך ווייס.

אַ פֿייגעלע פֿליט

אַ פֿייגעלע פֿליט. לויטן פֿלי
דערקענט מען וואָס פֿאַר אַ פֿויגל.
אַ מיידעלע קוקט. לויטן ברי
דערקענט מען דעם גלי פֿון די אויגן.

אַ בחורל גייט. לויטן גאַנג
דערקענט מען דעם העלד פֿון דער ווייַטן.
אַ ווינטעלע בלאָזט. לויט דער זאַנג
דערקענט מען אין וועלכע זייַטן.

אַ זינגערל זינגט. לויט דער קראַפֿט
פֿון קול דערקענט מען דעם זינגער.
ער שרייַבט אויף דאָס ליד. לויטן כּתבֿ
דערקענט מען די זייַדענע פֿינגער,
די זייַדענע פֿינגער פֿון זינגער.

די קליינע הייַזלעך

די קליינע הייַזלעך אין דער פֿרי,
סע שמעקט מיט וואַרעמקייט פֿון טאָלן
ווי מילך פֿון ערשט געמעלקטע קי,
ווי טיי פֿון פּראָסטע שאָלן.

די קליינע הייַזלעך אויף דער זון,
זיי שטייען אַלע אָפֿן.
אין הויפֿן לויפֿן קינדער אום
און ווילן מער ניט שלאָפֿן.

די שאָף, דער פּאַסטעך און די הינט,
זיי חבֿרן אין פֿעלד זיך,
אַ לאַם פֿאַרקוקט אויף זייַן בילד
אין טייַכל און געפֿעלט זיך.

דער פּאַסטעך טראָגט אַ ברויט ווי שטיין
אין טאָרבעלע אין אַלטן,

ער מאַכט עס ווייך פֿאַר זײַנע ציין
מיט קוואַלוואַסער מיט קאַלטן.

און צוגעזאַלצן מיט חן
פֿון שיינער גרינער פּאַשע,
עס טוט זיך אין זײַן מויל צעגיין
ווי שמאַלץ אויף הייסער קאַשע.

עס הייבט זיך אויף די זון און וואַרפֿט
אין גראָזן אירע שטראַלן,
אַ ווינטל בלאָנדזשעט אום אין דאָרף
און לופֿטערט אויס די שטאַלן.

די קליינע הײַזלעך מיטאַגצײַט.
די זון שטייט פּונקט אין מיטן,
ס'איז צײַטיק אויפֿן פֿעלד דאָס ברויט
און האַלב שוין אָפּגעשניטן.

אַ פּויערטע אין דרויסן קאָכט
אַ באָרשט און וויגט אַ וויגל,
איר הויז שטייט אויפֿן ווינט און פֿאָכט
מיט פֿעלדער ווי מיט פֿליגל.

די קליינע הײַזעלעך פֿאַר נאַכט,
די זון ווערט מידער, מידער,
זיי האָבן אַלע זיך פֿאַרמאַכט
און שטייען פֿול מיט לידער.

צוויי אַלטע לײַט

סע זיצן אין פּאַרק צוויי אַלטע לײַט
אַ ייִד און אַ גריך און פֿאַרברענגען די צײַט.

אין שאָטן פֿון ביימער איז קיל און שטיל,
זיי קוקן אויפֿן פֿאַנטאַנעז-שפּיל.

סע קען ניט רעדן קיין גריכיש דער ייִד,
דער גריך פֿאַרשטייט קיין ייִדיש ניט.

איז רעדט מען — איעדער צו זיך אַליין,
דער צווייטער מאַכט זיך ווי ער וואָלט פֿאַרשטיין.

פֿאַרטראַכט זיך דער גריך און הייבט באַלד אָן
אַ מעשה וועגן טעלעפֿאָן.

ער פֿרעגט דעם ייִדן: פֿאַרשטייסטו? יאָ?
סע ענטפֿערט דער ייִד אים: אַוודאי, האַללאָ!

אין גריכנלאַנד האָט מען געגראָבן אַ ברונעם
און מ׳האָט דאָרט, זאָגט דער גריך, געפֿונען

אַן אוראַלטע שטאָט מיט פֿאַרגליווערטע ווינטן,
אייבערשטע שטאָקן און לאַבירינטן

און ווײַטער אַ ביסל, ניט ווײַט פֿון דער שטאָט
אַ שטיקל אמתן אײַזערנעם דראָט.

דאָס דראָט איז פֿאַרזשאַווערט און דאָס איז נאָר,
ווײַל סע ליגט אין דער ערד שוין טויזנטער יאָר.

דער ייִד הערט אויס און זאָגט ניט ניין,
דער גריך וויל, דער ייִד זאָל אים בעסער פֿאַרשטיין.

נאָר דאָ פֿאַרהאַלט אים דער ייִד און זאָגט:
אַז וואָס איז דאָ צו פֿאַרשטיין, מע גראָבט,

געפֿינט מען אַ שטאָט מיט אַן אַלט שטיקל דראָט,
אַ סימן געווען טעלעפֿאָן אין שטאָט.

און טאָמער געפֿינט מען ניט קיין דראָט,
אַ סימן, אַז ראַדיאָ געווען אין שטאָט.

אַ סימן, אַז טעלעוויזיע גראָד
געווען שוין דעמלט אין יענער שטאָט.

און אַט איז די שטאָט ווי אויף אַן עקראַן,
סע זעט דער ייִד אויפֿן פֿאַן פֿון פֿאַנטאַן.

דעם גריך — אַ יונגערמאַן אויף אַ פֿערד,
וואָס רײַט אַרויס פֿון אונטער דער ערד.

און יהודה המכּבי קומט אים אַקעגן
און שנײַדט ווי דראָט אים איבער די וועגן.

סע זיצן אין פּאַרק צוויי אַלטע לײַט
פֿון אַלטע צוויי פֿעלקער און פֿאַרברענגען די צײַט.

איך קום צו אײַך

איך קום צו אײַך ווי אויף אַ טעלער צוגעטראָגן,
אָט ליג איך פֿאַר אײַך דאָ מיט פֿלייש און ביין,
מיט האָר און מיט די נעגל — סם פֿאַר אײַער מאָגן,
אַמשוווערסטן אָבער וועט אײַך זײַן צו צעקײַען מײַנע ציין.

צי דאַרף איך אפֿשר זיך אַליין פֿאַר אײַך צעקײַען ?
אַז דאָס פֿאַרשלינגען מיך דערנאָך זאָל גרינג אײַך זײַן
און גרינג דערנאָך זאָל זײַן אײַך דאָס פֿאַרדייען,
פֿאַרפֿראַוועדיק מײַן בלוט אין אײַך מיט רויטן ווײַן.

זײַט מוחל מיר, דעם קרבן, ניט געוני באַרעכנט
האָב איך בשעת פֿאַרלוירן כ׳האָב מײַן בלוט.
דער קרבן דאַרף פֿאַרדעקן אײַער פֿאַרברעכן
און שרײַען דאַרף אויף קולות : ס׳איז מיר גוט .

נאָר איך האָב ניט געשריגן און כ׳וועל ניט שרײַען,
וואָס טויג עס אײַך, עס קאָן דאָך דאָס געשריי
אַן אַנדערס זײַן, וואָס שרײַען זאָל פֿאַר דרײַען
און אַלע זאָלן אויסשרײַען דעם זעלבן ווײ.

איך קום צו אײַך ווי אויף אַ טעלער צוגעטראָגן,
אָט ליג איך פֿאַר אײַך דאָ מיט פֿלייש און ביין,
מיט האָר און מיט די נעגל — סם פֿאַר אײַער מאָגן,
אַמשוווערסטן אָבער וועט אײַך זײַן צו צעקײַען מײַנע ציין.

שענק מיר

שענק מיר נאָך אַ ביסל פּוסטקייט פֿונעם לעבן,
גיב מיר נאָך אַ ביסל פּוסטע פֿרייד,
אויב דו וועסט באַוויליקן מיר געבן,
וועל איך דאַנקען דיר מיט פּוסטע רייד.

סײַ ווי סײַ האָט אונדז די צײַט געפֿאַנגען
נײַן חדשים פֿאַר אונדזער געבורט
און פֿון דעמלט זענען מיר פֿאַרגאַנגען
כאָטש מיט לוסט צום לעבן אָנגעגורט.

און פֿון דעמלט זענען מיר פֿאַראורטיילט
בײַ דער מאַמען נאָך אין יונגן בויך
ווי סע זאָגט דאָס אַלטע קלוגע ווערטל:
אַלץ פֿאַרגייט ווי רויך.

שענק מיר נאָך אַ ביסל פּוסטקייט פֿונעם לעבן,
גיב מיר נאָך אַ ביסל פּוסטע פֿרייד
אויב דו וועסט באַוויליקן מיר געבן,
וועל איך דאַנקען דיר מיט פּוסטע רייד.

ווען דו וואָלטס געוואָרן

ווען דו וואָלטסט געוואָרן אַ שיף,
וואָלט געוועזן נאָך אַ שיף
צווישן די טויזנטער שיפֿן.

ווען דו וואָלטסט געוואָרן אַ בוים,
וואָלט געוועזן נאָך אַ בוים
אין גרויסן וואַלד פֿוןביימער.

ווען דו וואָלטסט געוואָרן אַ הויז,
וואָלט געוועזן נאָך אַ הויז
אין דער גרויסער שטאָט מיט היַיזער.

נאָר דו ביסט ניט קיין שיף
און דו ביסט ניט קיין בוים
און דו ביסט ניט קיין הויז,
איז גוט, וואָס דו ביסט דו,
איז גוט, וואָס דו ביסט דו.

אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש

אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש,
אַ גוטע נאַכט דיר, שפּראַך,
אַ גוטן שבת, קידוש,
אַ גוטן יום־טוב, פּראַכט.
אַ גוטן תּמיד, ברידער,
און זייַט געזונט מיר, פֿרייַנד,
און זייַט געזעגנט, לידער
געשריבענע ביז הייַנט.

פון בוך "גרינער ווינטער"

גרינער ווינטער

אַ מזלדיקער רעגנדיקער ווינטער
אין פענצטער שטיפט אַ דרויסן אַ צעגרינטער,
איך טונק מײַן פעטע פען אין פולן טינטער
און שלעפּ אַרויף די ווערטער — גרינער ווינטער.

און אָט איז — שוואַרץ אויף ווײַס — די גרינע לאַנדשאַפט,
איך קוק אַהער=אַהין און קוק אַרויף מיט דאַנקשאַפט,
באַגריסן וויל איך גאָטס מלאכים, שליסן מיט זיי קאַנטשאַפט,
די רעגן=טרעגער, וועלכע לאַנדן אויף דער גרינער לאַנדשאַפט.

די נאַסע גראָזן און די שווערע ביימער
אַרומגעזוימט מיט נידעריקע שטיינער,
אַרומגעשטיינט מיט אָפּגעפּוצטע ציינער —
אַ ווײַסער פלויט פאַר גרינע גראָזן בײַ די גרינע ביימער.

אַ ווײַסקײַט שלאָגט זיך דורך דורכן גראָען רעגן,
איך רוק פונאַנד די רעגן־פעדעם, זע איך ווײַסע וועגן,
אַ ווײַסן וואַלד אין צפון, מיר שטייען מיט די זעגן
פאַרשנייטע אַרעסטאַנטן. כ'בין דאָרשטיק נאָך אַ רעגן.

און אָט איז דאָ מײַן רעגנדיקער ווינטער,
אין פענצטער שטיפט אַ דרויסן אַ צעגרינטער,
איך טונק מײַן פעטע פען אין פולן טינטער
און שלעפּ אַרויף די ווערטער — גרינער ווינטער.

ירושלים, 14טער פעברואַר 1980

דאָס סאַמע קלענסטע

און דו, וואָס האַלטסט אין דײַנע הענט די וואָלקנס
און קוועטשסט זיי אויס ווי ווײַנטרויבן אַ הענגל
לאָז פאַלן אויך אויף מײַנע פעלדער טראָפּנס
אין שטרענגע שורות, אין אַ גאַנג אַ שטרענגן.

לאָז נידעריק אַראָפּ די זיפּן די געדיכטע,
די זיפּ די זיבעטע נענטער צו מײַן פענצטער,
דאָס סאַמע קלענסטע רעגנדל מאַכט אויך געשיכטע,
אַזוי טאַקע פאַרשרײַב — דאָס סאַמע קלענסטע.

געשיכטע ווייסט פון שלאַכטפעלדער און פײַער,
פון שלאַכטבערג, וועלכע ווערן אויפגעריסן,
צי איז איר, דער געשיכטע, גאָרנישט טײַער
דאָס רעגנדל, וואָס קומט דאָס פעלד באַגיסן.

אַ נאַסע גראָקייט הענגט איבער די פּליושן
פון גרינע פעלדער איבער בערג און טאָלן,
עס לאָזן זיך די גראָע פעדעם נישט פאַרטושן,
דאָס פעדעמל דאָס דינסטע איז אַ שטאָלנס.

און טרעפט אין שײַבל פון מײַן קליינער פאָרטקע
און פריילעך שפּילט עס זיך מיט מײַנע בליקן.
אַ דאַנק דיר, גאָט,וואָס האָסט דערהערט מײַן זאָרגן,
וואָס האָסט באַוויליקט עס צו מיר צו שיקן.

ירושלים, אָקטאָבער 1979

קראַנקע פײַערן

דאָס גאַנצע לאַנד, ווי קליין סע זאָל נישט זײַן,
וועט דאָך אין גרעסטן פענצטער נישט אַרײַן,
פאַרהענג דעם בלויען פירהאַנג ביז אַראָפּ
און אין דער טונקל צינד מיר אָן מײַן קאָפּ.

און אין דער טונקל אויפן פירהאַנג גראָד
אַ שפּיל טאָן לאָז דאָס פײַערדיקע ראָד,

די ברענענדיקע רייף, וואָס כ׳האָב נאָך ווייס איך ווען
אַ לייב אַרײַנשפּרינגען אין איר, אַרויסשפּרינגען געזען.

אין שטעטל איז דער צירק געקומען אויף אַ וואָך,
יאָרצענדליקער פון דעמלט און ער פּאָרט מיר נאָך,
נאָר בײַ דער גרענעץ סטאָפּ! דער גאַנצער צירק איז טרייף
און קאָן נישט אין מײַן לאַנד אַרײַן ווי אין אַ רייף.

און איצט דעם בלויען פירהאַנג צי צוריק אַרויף,
דער גרינער ווינטערדיקער גאָרטן אין מײַן הויף
פאַרלעשט די פײַערן די קראַנקע אין מײַן הויז,
אין פענצטער שײַנט דאָס קליינע לאַנד אין זײַן גאַנצער גרויס.

ירושלים, 18טער פעברואַר 1980

ווער וועט גלייבן?

ווער וועט גלייבן, אַז איך וויל ניט,
וויל ניט, וויל ניט, וויל ניט שפּילן
אויך אין שעהען, ווען איך שפּיל מיט
מיט די לצים קעגן ווילן.

ס׳איז דער צירק אַ קליינער קרײַז,
וואָס ער דרייט זיך ווי אַ רעדל.
אויבן שטייט אַ דראָנג און שמײַסט
דאָ אַ פערד און דאָ אַ פערדל.

און דאָס פערדל און דאָס פערד
צו דעם רונדן צירק געבוירן
אויף דער קײַלעכדיקער ערד
צוגעוווינט זיך שוין צום גורל.

און אַ מויד מיט גרינע פיס
און מיט רויטע האָר ווי פײַער
און מיט זילבער אויף די בריסט,
אין אַ קרוין אַ שפּאָגל נײַער

אויף אַ טעצל אָן אַ דנאָ
טוט זיך אַ דערלאַנג דעם עולם
און נאָך דעם איז זי נישטאָ
און סע קומט אַרויס אַ גולם.

מיט אַ צוגעקלעפּטער נאָז,
מיט אַ צוגעפּלעטשטער שטימע
און ער טוט אַראָפּ אַ בלאָז,
פאַלן פון דער סטעליע בינען.

בײַסן זײ די פעל פון בער,
טוט די פעל פון ווייטיק גלאַנצן,
דרייט ער זיך אַהין=אַהער,
בינען לערנען בערן טאַנצן.

פון זײַן נײַעם טענצער=פּאַך
לעקט דער בער שוין נישט קיין האָניק,
זעענדיק אַזאַ מין זאַך,
גנבע איך זיך אַרויס צום גאַנעק.

און איך שפּרינג אויף דר׳ערד אַראָפּ,
קוק, צי ס׳יאָגן נישט קיין שונאים,
שלעפּ דאָס מיצל פון מײַן קאָפּ
און די פרעמדע נאָז פון פּנים.

ווער וועט גלייבן, אז איך וויל ניט,
וויל ניט, וויל ניט, וויל נישט שפּילן
אויף אין שעהען, ווען איך שפּיל מיט
מיט די לצים קעגן ווילן.

ירושלים, 30סטער נאָוועמבער, 1981

אַלע ראַפּטן

אַלע ראַפּטן אין מיר זענען אײַנגעבראָכן,
אַלץ וואָס אויסגעסדרט מיט אַ טאָלק
אין די פריערדיקע יאָרן, לעצטע וואָכן,
אויף עס איבערצוגעבן דעם פאָלק,

איז צעוואַרפן און צעשאָטן,
איז צעריסן און צעטראָטן.
וווּ איז דאָס שנירל מיט ווערטער שיינע?
וווּ איז דאָס שאַכטל מיט קלוגע רייד?
— אָט איז דאָס שנירל מיט ווערטער שיינע,
— אָט איז דאָס שאַכטל מיט קלוגע רייד.
שטייען ראַפּטן גאַנצע, פאַרריכטע
פול מיט בלעטער פאַר דער געשיכטע
אויסגעסדרטע מיט אַ טאָלק,
גרייט זיך איבערצוגעבן דעם פאָלק,
גרייט זיך איבערצוגעבן דעם יורש,
אונדזערע קינדער, וואָס זוכן שורש,
אונדזערע קינדער, וואָס זוכן דעם שטאָם,
זוכן אַ תּיקון, זוכן אַ ראָם,
זוכן מחיצה פאַר זייער זיַין,
זוכן אַ המשך, זוכן שיַין.

ירושלים, 3טער יולי, 1980

און גאָט אַליין

און גאָט אַליין איז קיין ירושלים עולה,
פון הימל הייבט ער אויף זיך צו דער שטאָט,
באַלוינט דאָרט די יידן זייַנע די ווילע
מיט אָרעמקייט, מיט ענגשאַפט ווי מיט גנאָד.

און גאָט אַליין דרייט זיך אין די געסלעך
און הערט זיך אין די זיסע תפילות איַין,
ער זאַמלט זיי אין געעפנטע פעסלעך
און לאָזט זיי שפּילן, אויסשפּילן ווי וויַין.

דערנאָכדעם לאָזט ער אַראָפּ זיך צום הימל
און קוקט אַראָפּ אויף דער איבעריקער וועלט
און איבערן גאַנצן הימל בליט אַן איינציק בלימל,
וואָס קוקט דורכן הימל ווי אַ שטערן אויף אַ פעלד.

ירושלים, פעברואַר, 1979

פרעמדע ערד

גליַיך דאָרט אין חוץ לארץ הייבט זיך אָן די וועלט
און דאָ בײַ אונדזער גרענעץ ענדיקט זיך די וועלט
און דאָ בײַ אונדז אין לאַנד איז שוין נישטאָ קיין וועלט
מיט באַרג און טאָל, מיט וואַלד און פעלד,
גליַיך דאָרט די ערד, די חוץ לארץ=ערד
איז נישט קיין פּראָסטע ערד מיט גראָז פּאַר קי און פערד,
מיט זאַמד און ליים, מיט מאָך און שטיין, וואָס ווערט
פון אויבן דאָרט מיט רעגן און מיט זון גענערט,
נאָר עפּעס=וואָס, וואָס מענטשן האָבן אויסגעקלערט,
דערפונדן זי, די ערד, וואָס פריער איז זי נישט געווען,
איז איַילט מען זיך בײַ אונדז, וואָס פריער זי צו זען,
וויַיל זי איז, די דערפינדונג, נישט דערגאַנגען נאָך
צו אונדז אין לאַנד, איז פאָרט מען אויף אַ וואָך
און ווער אויף צוויי חדשים און ווער אויף יאָרן פאָרט,
און ווער סע ווערט פאַרכאַפּט און בלייַבט אין גאַנצן דאָרט
און יעדער טאָג אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן ווערט
אַן אַנדער נס, וואָס פריער נישט געזען=געהערט —
אַ קלייניקייט, אַזאַ דערפינדונג! — פרעמדע ערד.

ירושלים, וטער יולי, 1980

מיַין קאַפּריז

ס'האָט זיך מיַין קאַפּריזער ווילן
ווידער שוין צעשפּילט,
וויל איך אים מיט נאָדלען שטילן,
ביז ער ווערט מיר אײַנגעשטילט.

וויל איך אים מיט נאָדלען שטעכן
און צעברעכן דעם קאַפּריז
זיך צו קייַקלען אויף די בלעכן
פון די דעכער פון פּאַריז.

זיך צו בראָטן אויף די שטיינער
פונעם קלויסטערישן רוים,

ביז מע ברעכט אים אָן די ביינער
מײַן קאַפּריז, וואָס זשיפּעט קוים.

ביז מע שטעכט אים אויס די אויגן
אויף די גאַסן פון מאַדריד,
וויל ער זיך פאַר קיינעם בויגן
מײַן קאַפּריז, דער אַלטער ייִד.

ר׳קאָן זיך אויכעט נישט צעשיידן
מיטן פּראָשע=פּאַנאַ=לאַנד,
כאָטש וואָס העלפט זײַן פּויליש רײדן
און מיצקעוויטש אויף דער וואַנט?

און וואָס העלפט זײַן רוסיש קענען,
קענען גוט די דײַטשע שפּראַך? —
אין די בלינדע אויגן ברענען
אויוונס, ווען דער טײַוול לאַכט.

דרייט ער זיך אַרום אַ בלינדער
אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק
און ער פּלאָדיעט אָן דאָרט קינדער
פאַר מזומן און אויף באָרג.

אַרבעט דאָרט בײַ פּרעסן העמדער,
גיט די קינדער אויס צו לײַט,
ביז זיי שטעלן זיך ווי פרעמדע,
זײַנע קינדער, אין אַ זײַט.

טרעף איך אים אַליין אין דרויסן,
קוק זיך אום אין אַלע פיר,
ס׳איז נישט גרינג דאָך אָפּצושטויסן
אַ קאַפּריז, וואָס לעבט מיט דיר.

ניו=יאָרק, מאַי, 1981

און ווידער לידער

און ווידער לידער וועגן פאָלק און לאַנד
און וועגן העלדן, וועלכע קאָנען שלאָגן.
ווען ס'טראָגט דער פֿיינד קיין שווערד נישט אין זײַן האַנט.
וואָלט איך קיין שווערד דאָך לאַנג שוין נישט געטראָגן.

וואָלט איך מײַן האַנט פון לאַנג געווען באַפרײַט
אין גאַנצן צום פאַרזיי, צום שניט פון זאַנגען
און אויך די לידער=שטימע וואָלט זיך מיר באַנײַט
מיט נײַע לידער — פרידלעכע געזאַנגען.

און אויך בײַם טיש, געגרייט פאַר געסט און פרײַנד,
געשטאַנען וואָלטן שטולן פאַר די שכנים
פון יענער זײַט דער גרענעץ — אונדזערע פֿיינד
די נעכטיקע — צו זיצן דאָ אין איינעם.

און ווידער לידער וועגן פאָלק און לאַנד
און ווידער די חלומות וועגן שלום.
ווען ס'טראָגט דער פֿיינד קיין שווערד נישט אין זײַן האַנט,
וואָלט איך געקאָנט זיך אָפּגעבן דעם חלום.

ירושלים, 9טער דעצעמבער, 1981

אַ תפילה

שענק מיר, גאָט, אַ שטיקל גרין באַגראָזטע ערד,
ווו דער טראָט פון דער געשיכטע האָט נאָך נישט געטראָטן,
ווו אין גרינע ביימערדיקע בערד
פאָרן זיך די שטראַלן מיט די שאָטנס
און אַ קעלבל פּאַשעט זיך אין גראָז
ווײַט פון וועגן און פון מענטשלעכע געפעכטן,
פּאַשעט זיך אַזוי אָן צו וויסן עפּעס=וואָס,
ווער עס האָט זיך דאָ געפּאַשעט נעכטן.

רוף מיך נישט

רוף מיך נישט אין וואַלד צוריק,
נישט דערפאַר בין איך אַנטלאָפן.
כ׳האָב געלאָזט פון זיך אַ שטיק
אויפן גראָז, ווו כ׳בין געשלאָפן.
נישט געשטאָרבן יענע טייל,
וואָס געלאָזט כ׳האָב דאָרטן ליגן,
ס׳איז מײַן וווּנד מיר נישט פאַרהיילט
און זי לאָזט זיך נישט פאַרוויגן,
נישט פאַרזינגען מיט קיין ליד
נישט קיין מעשה זיך דערציילן,
נישט פאַרהיילט איז נאָך דער שניט
און ער וויל זיך נישט פאַרהיילן.
טראָג איך זיך אַרום מיט אים
אַ פאַרדעקטן און נישטאָ אים,
און ס׳איז האָפערדיק מײַן שטים
און אַ פריילעכס איז מײַן פּנים.
ס׳איז אַ מאַסקע אויף די הויט
אויף מײַן לײַכט געקנייטשטן שטערן,
טיף אין מיר נאָר בריט און בלויט
און דאָס בלוט לאָזט קוים זיך הערן
אינעם שלאָגן פון מײַן האַרץ,
אינעם ציטער פון די ליפּן
און דאָס האַרץ בלײַבט אַ פאַרשפאַרטס
אינעם קאַסטן פון די ריפּן.
איך בין שטאַרקער פון מײַן בלוט,
איך בין קלוגער פון מײַן גורל,
ס׳האָט מײַן גײַסט נישט אָפּגערוט
און געפונען — נישט פאַרלוירן,
האָט געזוכט מײַן ייִדנס וויג
און ער האָט זי דאָ געטראָפן.
רוף מיך נישט אין וואַלד צוריק,
נישט דערפאַר בין איך אַנטלאָפן.

ירושלים, נאָוועמבער, 1979

אַ בן עיר

באַשער מיר, גאָט, אַ בן עיר,
אַ גאַסט אויף אַן איינציקן אָוונט,
איך זאָל אים לייענען אַ שיר
פון שטעטל, וואָס איז אונדז נאָענט.

און זאָל אונדז דאָס שטעטל שטיין
פאַר אונדזערע מידע אויגן
אין שײַן פון דער מערב=זון שיין
צום טונקעלן טײַך אָנגעבויגן.

און זאָל ער דאָרט פלוצים דערזען
מיט קינדער פון געסל לויפן
דאָס קינד, וואָס ער איז געווען
בײַם שפּילן אין ייִדישע הויפן.

און צווישן די קינדער אויך מיך
בײַם שפּילן דאָרט זאָל ער דערקענען,
ווו באָרוועסע ביידע, אָן שיך
מיר לויפן אין שטויבן אין יענע.

אין וואַרעמען שטעטלשן שטויב
איז גוט צו באָדן די פיסלעך,
ווען שוועסטערלעך קוקן אין שויב
און קנאַקן קערלעך און ניסלעך.

און טרײַבן אונדז אונטער מיט שפּאָט —
אַזעלכע ווילדע קינדער!
פון שטויבן זיך מאַכן אַ באָד
אַזוי ווי די שאָף און די רינדער.

באַשער מיר, גאָט, אַ בן עיר,
אַ גאַסט אויף עטלעכע שעהען..
אָט זיצט ער, דער גאַסט, מיט מיר
און וויגט דעם קאָפּ דעם גראָען.

— איך בין פון שטעטל אַרויס,
ווען ס׳איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען,
עס זענען פאַרבליבן אין הויז
מײַן טאַטע מיט מײַן מאַמען.

מײַן גאַסט, דער אַלטער ייד,
הייבט אָן זיך בײַם קלאָגן צו טרייסלען
איך שטעל אים אָפּ אין דער מיט
און ווייס נישט מיט וואָס אים צו טרייסטן

אין פענצטער שפּיגלט זיך אָפּ
אַ ווינטער אַזאַ אַ צעגרינטער
און נאָר זײַן גראָ=ווײַסער קאָפּ
דערמאָנט אין אַן אַנדערן ווינטער.

##ביידע זענען אומגעקומען

ביידע זענען אומגעקומען, סײַ דאָס מיידל, סײַ דאָס ייִנגל,
נאָר איך הער נישט אויף צו שמידן דאָס קידושין=רינגל,
זייער רינגל דאָס פאַרקלעמטע, דאָס פאַרשעמטע גאָלד דאָס עבטע,
וואָס איך האָב עס אויסבאַהאַלטן פונעם קופערנעם געלעכטער
פון גזלנים און תלינים אין די שטיוול מיט פאַדקאָוועס
אײַזערנע וואָס אויף די נעגל פון די פיס פון גראָבן באָרוועס,
זייער טאַנץ אַרום דעם שײַטער בײַ מײַן אומגעקומען שטעטל,
זייער האָפּקען אויף די אַשן האָט דאָס רינגל נישט צעטרעטן,
כ׳האָב געפירט עס און געבראַכט עס צו דעם מדבר־זאַמד דעם אַלט
אין די פינגער די פאַרקלעמטע, ווו איך האָב עס אויסבאַהאַלטן.
דאָרטן זענען אומגעקומען סײַ דאָס מיידל, סײַ דאָס ייִנגל.
נאָר איך הער נישט אויף צו שמידן דאָס קידושין=רינגל.

ירושלים, אַפּריל, 1979

צו אונדזערע אַראַבישע שכנים

ווײַזט אונדז נאָר אַ שלום=פינגער,
קריגט איר באַלד אַ שלום=האַנט

און דאָס ליד פון בעסטן זינגער
זינגט צו אײַך פון אונדזער לאַנד.

שענסטע לידער פון דער געגנט
װעלן קלינגען ביז צו אײַך
און איר װערט מיט זײ באַגעגנט
אויף דער בריק פון ירדן=טײַך.

און איר װערט מיט זײ באַגעגנט
אויף די הייכן פון גולן,
און זײ קלינגען אײַך אַקעגן
העכער אַלץ מיט יעדער שפּאַן.

און איר װערט מיט זײ באַגעגנט
װען איר קומט אַראָפּ אין טאָל,
און איר װערט מיט זײ געזעגנט
אויף צו קומען נאָך אַ מאָל.

װײַזט אונדז נאָר אַ שלום=פינגער,
קריגט איר באַלד אַ שלום=האַנט
און דאָס ליד פון בעסטן זינגער
זינגט צו אײַך פון אונדזער לאַנד.

ירושלים, 27סטער יאַנואַר, 1982

מײַן לעבן

אַרײַנטאָן װעל איך אין אַ קליינער פלאַש
װי אין אַ גרױסן ארון
מײַן גאַנצן האָב און גוֹב, מײַן גאַנץ פאַרמעגן —
דאָס לידער=אַש
פון אַלע מײַנע יאָרן
דערנאָך אויף טונקעלע און פאַרדרייטע װעגן
פאַרמאַכטערהייט זי ברענגען צו די ברעגן
פון גרױסן ים און זי אַראָפּלאָזן די פלאַש
מיט לידער=אַש
און אויבן אויף דער כוואַליע אָנשרײַבן: מײַן לעבן.

ירושלים, 1טער נאָװעמבער, 1981

דער צווייטער האַלבער עפּל

פֿאַר טאָג. און ווידער לאָז איך זיך אַראָפּ,
פֿאַרמאַך די אויגן, גראָב זיך אײַן אין קישן
און וואַרט און וואַרט אויף יענעם ברי אין קאָפּ,
אַז איך זאָל אויפשפּרינגען און צולויפֿן צום טישל.

און ווײַל איך וואַרט איז קומט ער נישט דער ברי,
די צוגעמאַכטע אויגן בלײַבן צוגעמאַכטע,
קיין ברי, קיין גלי און אוודאי נישט קיין זי
קיין אמתע און נישט קיין אויסגעטראַכטע.

איך קאָן נישט עפֿענען די אויגן, קאָן איך נישט,
כאָטש איך בין, דאַכט זיך מיר, זיך אויסגעשלאָפֿן,
סע ציט זיך נישט מײַן האַנט צום בלײַער אויפֿן טיש,
סע ציט נישט מײַנע פֿיס צו די פֿאַנטאָפֿל.

איז בלײַב איך ווײַטער ליגן און איך פֿרעג
בײַ זיך אַליין — צו וואָס די שטרעקעס, וועגן,
דאָס לויפֿעניש אויף זיי, וווהין איז דאָס געיעג?
אין מיטן ליגן שפּרינג איך אויף, אין מיטן פֿרעגן.

און ווילד אַזוי ווי גלײַך דעם לעצטן צוג
פֿאַרשפּעטיק איך און טאָר עס נישט דערלאָזן.
איך וואַש די הענט און אויפֿן זייגערל איך קוק
און דורכן פֿענצטער אויף דער סטעזשקע צווישן גראָזן.

און אָט בין איך אויף מײַלן ווײַט שוין פֿון געררוך
פֿון שלאָפֿצימער, פֿון פֿינצטערניש, פֿון שוואַרצן נעפּל,
און אָט — אַ וועלט אַ האַלבע האָב איך שוין פֿאַרזוכט
און ס'וואַרט די העלפֿט די צווייטע, דער צווייטער האַלבער עפּל.

ירושלים, 30סטער יולי, 1980

אַ בריוו צו מײַנע ברידער אין בראַזיל

אין טעג װען סע קלעקט אײַך נישט קיין צײַט
אפילו צו זיך אַליין צו ריידן
און אוודאי נישט צו דעם, וואָס איז ווײַט,
וואָס פאַרלירט זײַן גאַנצע פרײַע צײַט
אויף עפּעס אַ פרעמדן גן עדן,
איז שטעלט אײַך אַ רגע אָפּ און טראַכט
פון מעבל שוחט אונדזער זיידן.
ס'וועט זײַן אַ שפּעטע שעה בײַ נאַכט,
ווען אויך די לבנה איז פאַרטראַכט,
כאָטש טראַכטן פון טראַכטן איז פאַרשיידן.

דעם זיידן מעבל האָט איר נישט געקאָנט
נישט איך, כאָטש איך בין עלטער,
נאָר עפּעס האָב איך זיך פּאָרט דערמאָנט
פון אײַך איז עס ווײַט, צו מיר איז עס נאָנט —
וואָס נענטער אַלץ פאַרשטעלטער,
פאַרנעפּלט, פאַרשטעלט און צוגעדעקט
מיט עפּעס אַ דעק אַ פאַרגעלטער
און אונטער דער דעק ציטערט די שרעק
פון זיידן מעבל, וואָס שטאַרבט אַוועק,
בשעת דער דרויסן איז אַ צעהעלטער.

נאָך פּסח. פרילינג. די ערד איז ווייך,
ס'איז גרינג דעם קבר צו גראָבן
איך קוק אַרויף, מײַן אויג דערגרייכט
די מיטה, וואָס מע טראָגט אין דער הייך
און צו די וואָס די מיטה טראָגן
און עפּעס=עפּעס אויף יעדן געזיכט
וויל רעדן, דערציילן און עפּעס זאָגן.
איך זע מע פאַרשיט אַ שיכט נאָך אַ שיכט
דעם קבר פון זיידן און אומגעריכט
האָט עפּעס צוריק זיך אויפגעגראָבן.

די פלעשלעך אויפן זיידנס טיש
מיט כל המינים רפואות און טראָפּנס

האָט נאָך פּאַר פּסח אויסגעמישט
די באָבע, פון טיש זיי אַראָפּגעווישט
און צוגענומען פון זיידנס צוקאָפּנס
מיט גאָר דעם חמץ און פּסחדיק געמאַכט
די טעלערס, די לעפלס און די גאָפּלס,
זיי כּשר געמאַכט צו דער סדר=נאַכט,
נאָך פּסח דעם זיידן צו קבורה געבראַכט
אַ ריינעם פון די חמץ=טראָפּנס.

די זין און טעכטער האָבן געקלאָגט
און נאָך דעם זיך אַלע צעפאָרן
און נאָר מײַן מאַמע, די שנור, האָט געזאָגט,
סע קלינגט נאָך הײַנט אין מײַן אויער איר זאָג:
דער שווער איז געשטאָרבן מיט יאָרן.
די באָבע האָט גוט פאַרשטאַנען דעם מיין
און אָנגעצונדן זיך פון צאָרן
נאָר גאָרניט געזאָגט, געקריצט מיט די ציין,
דער טאַטע איז אַוועק און מײַן מאַמע איז אַליין
מיט מיר געבליבן אויף אַלע יאָרן.

ס'איז אונדזער טאַטע לאַנג שוין טויט
און אונדזערע מאַמעס אויכעט
און איך — כאָטש איך עס נישט פּסח קיין ברויט,
געדענק איך דעם כּשר לפּסח=טויט
פון זיידן מעכּל שוחט.
איר זענט נישט געבוירן אויף יענער ערד
און איך בין הײַנט שוין אויכעט
פון דאָרטן ווײַט, נאָר מיר איז באַשערט,
איך זאָל געדענקען די ייִדן מיט די בערד,
וואָס האָבן זיך בײַם קבר געסודעט.

און דאָס איז אַלץ און זײַט מיר געזונט
און האָט נישט אויף מיר קיין פאַראיבל,
איך רוף אײַך, חלילה, נישט צו קיין בונט,
סע טרעפט זיך אָבער, אַן אַלטע וווּנד
טוט ווייַ ווי פרישע זיבן,
נאָר אײַך, מײַנע ברידער, דערצייל איך סתם
דאָס אַלץ וואָס ווערט דאָ באַשריבן.

איך וויל אײַך דערנענטערן צום שטאָם
פון טאָטנס צד אויף דער זײַט ים,
איז האָט נישט אויף מיר קיין פּאַראיבל.

אידילישע זכרונות

די אָוונטשײַן פּאַרכשופט די בנינים,
סע רויטלט זיך דעם הימלס בלאַסע פּנים
און שפּיגלט זיך פּאַרשעמט אין גלאַנץ פון פענצטער=שויבן
און קעמט די אָוונטלופט און קעמט אַרויס די שטויבן.

סע טריפט אַ לויטערקייט אין אָט דער טונקלקייט פון אָוונט,
די ווײַטע=ווײַטע בערג זעען אויס ווי נאָענט
און ווידער ווײַט, נאָר קלאָר ווי גלײַך זיי וואָלטן
געשווומען צו די אויגן ווי סע שווימען וואָלקנס.

דער כּשוף וועפּט זיך אויס, סע ווערן אײַנגשרומפּן
די הײַזער און די שטיינער און די וואַסער=פּלומפּן,
די טונקלקייט שנײַדט אָפּ אַ שטיק, אַ צווייטן
און הענגט אַרויף די שלעסער אויף די קלייטן.

ס'איז קיל און פרויען טוען אָן זיך לאַנגע אַרבל,
אין פּראָסטע היטלען קומען היים די מענער פון דער אַרבעט,
אין קאַפּעליושן פּאָרן אום די באַלעבאַטים פּונעם לעבן,
אַ נײַער כּשוף הייבט זיך אָן פון לאָמפּ' און ליכט צו וועבן.

און אַלע=אַלע גרויס און קליין זיך בײַטן מיט די פּלעצער,
סע בלײַבן ליגן נאָר אין הויף אויף זייער אָרט די קלעצער,
אַ וואָלקן זעצט זיך שטיל אויף זיי, אים וויגן אײַן די ווינטן,
מע טרעפט פּאַר טאָג די קלעצער נאַס פון וואָלקנס נאַסן הינטן.

ירושלים, אַפּריל, 1979

מיידלעך בײַ די פענצטער

איך געדענק אים נאָך דעם אויסגעצויגענעם פּאַרנאַכט.
מיידלעך שטייען בײַ די פענצטער און זיי בענקען

נאָך פּאַראַנענעם, וואָס שפּיגלט זיך אין זיי פּאַרטראַכט,
לאָזנדיק די זון אין טײַך זיך טרענקען

עפּעס שרײַט אין זיי, שרײַט אין זיי געוואַלד,
אָבער קיינער=קיינער רירט נישט מיט קיין פינגער
אויף צו ראַטעווען די ליכטיקסטע געשטאַלט,
אָדער כאָטש דאָס אונטערגיין איר מאַכן גרינגער.

מיידלעך שטייען בײַ די פענצטער טיף אין זיך פּאַרטראַכט
און עס איז זיי גוט זיך נישט צו רירן.
איך געדענק אים נאָך דעם אויסגעצויגענעם פּאַרנאַכט
מיט די מיידלעך בײַ די פענצטער הינטער צוגעמאַכטע טירן.

ירושלים, נאָוועמבער, 1978

אויטאָביאָגראַפיש

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן,
דאַרף מען אָפּקומען די שטראָף,
דאַרף מען אָפּקומען דאָס לעבן
ביזן סוף.

שטיי איך אויף פאַר טאָג, נאָך איידער
ס'האָט דער האָן אַ קריי געטאָן,
און איך לויף אַוועק אין חדר
און איך קום דער... לעצטער אָן.

אַ פּאַרסאַפּעטער פון יאָגן
כ'האָב זיך קוים אַרײַנגעקוועטשט,
הער איך נישט דעם רבינס זאָגן
און איך כאַפּ די ערשטע פּעטש.

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן
און קיין ברירה איז נישטאָ,
דאַרף מען אויסלעבן דאָס לעבן
ביזן דנאָ.

בין איך הויך, בין אויסגעוואַקסן,
באַלד דערגרייך איך ביזן סטויג,
מעסט דער דאָקטער מיר די אַקסל
און פאַרשרײַבט: ער טויג!

שיקט מען מיך צו די סאָלדאַטן
מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ,
שילט מען מיך אין מאַמעס טאַטן
און איך כאַפּ די ערשטע קלעפּ.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן
איז עס גאָרנישט אַזוי זיס,
מוז מען נעמען עס דאָס לעבן
ווי עס איז.

נעם איך עס, ברי אָפּ די פינגער
בײַ די לעבלעך פון קלאַרנעט,
זינג איך בעסער, ווער אַ זינגער
אַ פּאָעט.

זינג איך מיר אַ ייִדיש לידל,
זאָגט דער גוי, איך שילט אים גאָר
און פאַרשיקט מיך ווײַט, צו אַל די
ווײַסע יאָר.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן,
מיך געלאָזט אין וואַלד אַליין,
וויל איך נישט אַזאַ מין לעבן
עלנט ווי אַ שטיין.

רײַס איך זיך אַרויס פון דאָרטן,
פונעם וויסטן ווילדן וואַלד,
קום איך אָן אין אייגענעם גאָרטן,
בין איך אַלט.

איך בין אַלט און קראַנק געוואָרן,
ביז איך האָב אַהער דערגרייכט,

בעט איך אויס דעם רעשטל יאָרן
אויף די זאַמדן ווייך.

ירושלים, 18טער אַפּריל, 1980

כ׳וועל אויסשפּאַנען

כ׳וועל אויסשפּאַנען מײַן קאָפּ פון אַלע זאָרגן
און אים אַרײַנוואַרפן אין טונקלער שטאַל פון שלאָף
און לאָזן שלאָפן אים און חלומען ביז מאָרגן
און אויפשטיין אין דער פרי און זאָגן הויך: כי טוב.

אַראָפּשטויבן פון זיך די פּאַלאָוועס און די שטרויען
און אויסוואַשן די אויגן אין דער זון,
זיי אָנפילן מיט בלויקייט פונעם בלויען
צעהעלטן הימל, וואָס ער שפּאַרט פון אומעטום.

אַ שאָטן זוכן פון אַ בוים צי פון אַ הויז,
אין שאָטן שטייענדיק באַהאַלטן, זעט מען בעסער,
פון שאָטן קוקט זיך בעסער אויף דער שײַן אַרויס,
ווו נידעריקע הײַזלעך ווערן הויכע שלעסער.

די הויכע דעכער מיט די רויט צעפלאַמטע ציגל,
וואָס צינדן אָן די שקיעה ביז אַרויף,
זיי לעשן זיך און לייגן זיך צוריק און ליגן
אויף יעדן הײַזל אין דער מיט פון יעדן הויף.

איך וועל אַוועקנעמען מײַן קאָפּ פון לאָדנס, פענצטער,
פון אַלע טירן, וואָס פאַרשטעלן מיר די וועלט
און אויסרוען די אויגן אין דער פינצטער
דער אָפענער, דער ווײַטסטער און דער נענטסטער,
וואָס האָט דאָס לעבן אויף זײַן אָרט צוריקגעשטעלט.

ירושלים, 15טער יוני, 1980

פאַרלוירן

שוין וויפל זונען האָבן מיר ביז היינט געשיינט
לבנהס וויפל האָבן מיך געגנאַרט ביז היינט
נישט יעדן טאָג האָב איך די זון געפילט
און אָן אַ צאָל לבנה=נעכט האָב איך ביז היינט פאַרשפילט.

מ׳איז היינט געקומען מאָנען מיך אַן אַלטן חוב —
אַ זוניק קנעפל כ׳האָב אַ מאָל אויף באָרג געקויפט,
פאַרגעסן און דאָס קנעפל פאַרלוירן אויפן וועג,
איצט מאָנט מען מיך די זונען פון אַלע מיינע טעג.

איצט מאָנט מען מיך די שיין פון אַלע מיינע נעכט,
אומזיסט דאָס שרייען, אַז דער פסק איז נישט גערעכט,
איך בייג זיך איין, די וואָג פון חוב איז שווער
און אויך דאָס קנעפל קאָן איך נישט געפינען מער.

זאָל לעבן דער קעניג

זאָל לעבן דער קעניג, שריי איך אין גאַס
און גיי מיר אַהיים און לאָז אים איבער,
אין דרויסן איז נאַכט און רעגנדיק=נאַס
און אַלע זיצן שוין אין די שטיבער.

און וואָס מע רעדט וועגן קעניג דאָרט,
זאָל גאָט אים פאַרהיטן און באַשיצן
פון מינדסטן און דינסטן שפיץ פון אַ וואָרט,
פון גוישע קללות און ייִדישע וויצן.

די קללות ווי שטיינער פאַלן אַראָפּ
און בלייבן ליגן שטומפּיקע, שאַרפע
און אָפט מאָל טרעפן זיי אין קאָפּ
צוריק דעם, וואָס האָט זיי געוואָרפן.

די וויצן טרעפן שטענדיק אין ציל
צום ריכטיקן אָרט און ריכטיקן נאָמען.
קיין קעגן=וויצן אין אָט דער שפּיל
איז נישט פאַראַן, איז מאַכט מען פאַגראָמען.

זאָל לעבן דער קעניג, שרײַ איך אויס
און שטעל זיך אָפּ און קלער עס מיר איבער
און זע פון דער ווײַטנס, סע ברענט מײַן הויז
און אַלע דערבײַיִקע ייִדישע שטיבער.

ירושלים, 1980

דײַן קול

כ׳באַהאַלט זיך נישט אין ערטער שטילע,
איז קוקט אויף מיר, ווי גאָט מיך זעט.
כ׳זאָג אַלע טאָג אַן אַנדער תּפילה,
אין אַלע תּפילות איין געבעט —
גאָט, רעד.

דו האָסט אַ מאָל גערעדט צו מענטשן,
צו קינען האָסט אויך גערעדט,
איך טו דײַן נאָמען טעגלעך בענטשן
און טעגלעך האָב איך איין געבעט —
גאָט, רעד.

און זאָג מיר, וואָס דו האָסט צו זאָגן
און שטראָף מיך מיטן שווערסטן עול,
בין גרייט די שטראָף אויף זיך צו טראָגן,
נאָר רוף די שטראָף אויס מיט דײַן קול
איין איינציק מאָל.

און איך וועל גיין אויף דײַנע וועגן,
ווײַל אַלע וועגן זענען דײַן
און נישט באַהאַלטן זיך פון רעגן,
און נישט פאַרהיטן זיך פון פּײַן,
אַבי דאָס קול, דײַן קול זאָל זײַן,
דײַן, דײַן!

שיר השירים

שיר השירים אשר לשלמה —
מײַן פעטער שלמה האָט עס נישט געזונגען.
ווען ער האָט געגנבעט דעם אפיקומן,
האָט ער זיך לאַנג מיטן זיידן געדונגען,
געמאָנט נישט ווייניקער ווי די בכורה,
כאָטש עלטער געווען איז מײַן טאַטע.
מײַן טאַטע האָט אָפּגעטראָטן די סחורה,
ווײַל זי האָט געהאַט אויף זיך אַ לאַטע,
די בכורה האָט געהערט צו מײַן מומע לאה,
וואָס איז די ערשטע געבוירן געוואָרן.
מײַן זיידע איז נישט געווען קיין בעל מאה,
איז האָט מען לאהן פאַרלייקנט די יאָרן,
כדי זי גרינגער חתונה מאַכן
נאָר שלמה פלעגט בײַם צאָפּ זי שלעפּן
און נאָכשרײַען: "אַלטע מויד!" און לאַכן,
אַז לאה איז גרייט געווען אים צו קעפּן
דערפאַר, נאָר דאָ האָט מײַן באָבע די פרומע
אים אונטערגערוקט דעם אפיקומן,
וואָס ער האָט באַקומען פאַר אים די בכורה,
די בכורה פאַרן אפיקומן
שיר השירים אשר לשלמה.

זעלבסטבאַדינונג

איך בין דער קראַנקער און אַליין די קראַנקנשוועסטער,
איך טראָג זיך צו צום בעט רפואות און איך זאָג זיך אָפּ זיי נעמען,
סע דונערט מיר פון היץ אין קאָפּ אַ גאַנצער בליצאָרקעסטער
און ס'לעשן זיך אין מײַן זכרון פנימער און נעמען.

איך בין דער קראַנקער און איך קום צו זיך אויף ביקור חולים
מיט קיכעלעך און עפּל, מיט יאַיכלעך און קאָמפּאָטן,
איך פרעג זיך נאָך אויף מײַן געזונט, דער ענטפער בלײַבט פאַרהוילן,
איך פרעג זיך נאָך, נאָר ס'ענטפערט נישט מײַן פיבערדיקער שאָטן.

און שלאָף איך איַין, איז האַלט איך וואַך אַליין איבער מיַין שלאָפֿן.
מיר חלומט זיך, איך בייג זיך אָן מיַין אָטעם אויסצוהערן,
איך שאַר זיך צו, פֿאַרמאַך די טיר, וואָס איז געשטאַנען אָפֿן
און וויל ווער קומען, לאָז איך נישט דעם שלאָף מיר צו צעשטערן.

און קומט אַ שעה, אַ קאַלטע שעה מיט שוואַרצן פֿראָסט פֿאַרצויגן,
פֿאַרגליווערט שטייען אויף מיַין טישל פֿלעשלעך תרופֿות, טראָפּנס,
איך דעק זיך איַין מיט שוואַרצער דעק ביז איבער די אויגן
און צינד מיר אָן צוויי גרויסע ליכט ביַי מיַין צוקאָפּנס.

נײַע שורות

אַ לעק און אַ שמעק און אָוועקגערוקט דאָס ביכל
ווי גליַיך אַ פּולע שיסל מיט נישט געזאַלצן גראָז,
ער הייבט זיך אויף פֿון טיש און מיט אַ טראָט אַ גיכן
ער לאָזט זיך צו דער טיר און ווייסט נישט צוליב וואָס.

וואָס טוט מען איצט מיט זיך? ער נעמט דעם אַלטן בעזעם
און פֿון דער שוועל ער נעמט אָוועקקערן דאָס מיסט,
ווי גליַיך סע וואָלט קיין אַנדער אַרבעט נישט געוועזן
ווי רייניקן דעם דרויסן, סאַראַ קינד ער איז!

דערנאָכדעם שטויבט ער אָפּ דאָס רעקל מיט די הויזן,
דערנאָכדעם וואַשט ער אָפּ דאָס פּנים מיט די הענט
און גייט אַרויס באַגיסן דעם גאָרטן מיט די רויזן,
וואָס וואַקסן ביַי די פֿענצטער, וואָס וואַקסן ביַי די ווענט.

פֿאַרשליסט די טיר און לאָזט זיך אין גאַנצן אָן אַ היטל,
דאָס רעקל אין די הענט און אינעם ווינט די האָר,
סע קומט אים אָן אַקעגן אַ רײַטער מיט אַ ריטל,
סע קומט אים אָן אַקעגן אַ יונג=פֿאַרליבטע פּאָר.

ער גייט פֿאַרביַי דעם רײַטער, וואָס יאָגט זיך ווי אַ ווילדער,
ער גייט פֿאַרביַי דאָס פּאָרל, וואָס שטעלן קוים די טריט,
ער גייט פֿאַרביַי די לאַנגזאַמע און די גיכע בילדער
און זעט בלויז נײַע שורות פֿאַר אַ נײַעם ליד.

ירושלים, 29סטער פֿעברואַר, 1980

די רגע

שטעלט אויף אַ רגע אָפּ דאָס ראָד,
דעם וואָגן מיטן שוואַרצן ארון
און זאָל אײַך די רגע נישט זײַן קיין שאָד,
אַז איר האָט עפּעס=וואָס פאַרלאָרן.

קאָן זײַן, אין חשבון פונעם טאָג,
וואָס איר וועט אונטערציען מאָרגן,
וועט גראָד די רגע אויף דער וואָג
אַריבערוועגן אַלע זאָרגן.

די גרויסע זאָרגן און דאָס געיעג
נאָר מער און מער און מערער,
וואָס איין און איינציקע רגע וועגט
זיי אַלע אַריבער, ווײַל זי איז שווערער.

ירושלים, 10טער מאַי, 1979

גאָרנישט

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט נאָך אַ מאָל.

מײַן עלטערזיידנס זיבן ברידער האָט דער וואָלף פאַרצוקט,
ביז וואַנען ער, דער אַבטער, האָט דעם וואָלף דערשלאָגן,
נאָר דאָס איז מיר, דעם איניקל, איצטער נישט גענוג,
אַז איך זאָל האָבן עפּעס=וואָס צו זאָגן.

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

מײַן באָבע האָט פֿאַרריכט די נעץ צו כאַפּן פֿיש
פֿון פֿישער=מאַן, פֿון פֿישער=פֿאָטער און פֿון פֿישער ברידער
און איך, דאָס אייניקל, זיץ בײַם לידערטיש
און כ'האָב נישט כ'לעבן וואָס צו זאָגן ווידער.

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

איין פֿישער האָט דער שטורעם פֿונעם ים
פֿאַרשלונגען און דערנאָך דעם צווייטן, דריטן
און איך זיץ ווידער און איך זוך אַ גראַם
און ס'ליגן ווערטער אויפֿן טיש צעשניטן

גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום דריטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

דעם פֿעטער מײַנעם האָט דערשאָסן אַן עס=עס
און ס'האָט זײַן זון דערנאָך דעם דײַטש דערשאָסן
און איך זיץ בײַ דעם יום טוב=טיש און פֿרעס
און איך זיץ ביי דעם פֿרעסטיש ווי אַ חתן

און גאָרנישט
און טאַקע ווידער גאָרנישט
ביז צום צענטן מאָל
און נאָך דעם גאָרנישט
נאָך אַ מאָל.

ירושלים, 5טער מאַי, 1979

לאָמיר זאָגן

לאָמיר זאָגן, אַז דער טאָג הײַנט איז צו אונדז אַ גוטער,
לאָמיר זאָגן, אַז די נאַכט איצט איז צו אונדז נאָך בעסער,
לאָמיר זאָגן און דאָס זאָגן גייט בײַ אונדז אויף פוטער,
כאָטש סע סקריפּען שווער די רעדער און צעלעכצט זענען די פעסער.

לאָמיר זאָגן, אַז די היץ הײַנט האָט געשאַנעוועט די פעלדער,
לאָמיר זאָגן, אַז די סטאַדעס האָבן הײַנט גענוג צום פרעסן.
לאָמיר זאָגן און דאָס זאָגן, וואָס דו הערסט, געפעלט דיר,
כאָטש די זון האָט אויסגעבערענט שוין ביזן סאַמע לעצטן גרעזל.

לאָמיר זאָגן, אַז סע וואַרט אתדז אַ גערעטעניש פון גליקן,
לאָמיר צוגרייטן די קישן און די שפּײַכלערס האַלטן גרייטע,
לאָמיר זאָגן און דאָס זאָגן צינדט אַ פרייד אין דײַנע בליקן,
כאָטש סע רײַסט אַ טרער זיך דורך און סע קומט נאָך איר אַ צווייטע.

לאָמיר זאָגן..

אויפן וועג שטייט אַ בוים

אויפן וועג שטייט אַ בוים,
זעט אים יעדער יעדער,
ווער סע קומט נאָר מיטן וועג
אויף דער אַקס מיט רעדער.

ווער סע קומט נאָר מיטן וועג
אויף אַ פערד צו רײַטן,
זעט ער אויפן וועג דעם בוים
נאָענט און פון ווײַטן.

נאָר צום בעסטן זעט דעם בוים
ווער צו פוס פאַוואָליע
גייט ער בײַ דער זײַט פון וועג
איבער בערג און טאָלן.

שטעלט ער אָפּ זיך בײַ דעם בוים,
זעצט זיך דאָרט אַנידער
אינעם גראָז בײַם ראַנד פון וועג,
רוט דאָרט אויס די גלידער.

ווײַל דעם בוים וואָס אויפן וועג,
וואָס סע זעט אים יעדער,
ווער סע רײַט, צי גייט צו פוס,
ווער סע פאָרט אויף רעדער.

ערגעץ וואַקסט אַן אַנדער בוים
אַזאַ גרויסער, שיינער,
אפשר שענער נאָך פון דעם,
נאָר סע זעט אים קיינער.

ירושלים, 3טער מערץ, 1980

קומען וועט

קומען וועט אַ גוטע צײַט
אין אַ מזלדיקער שעה,
נישט פון נאָענט, נישט פון ווײַט
קומט די צײַט, זי איז שוין דאָ
אין אַ מזלדיקער שעה.

איצטער דאַרף מען אויבן אָן
און מיט גרויסער פרייד
לאָזן פלאַטערן די פאָן
אויבן אָן, אין ווינט צעווייט
און מיט גרויסער פרייד.

און דערנאָך זיך טאָן אַ דריי
רונד אַרום דער שעה.
וווּ איך שטיי און וווּ איך גיי
דאָרטן בין איך דאָ
רונד אַרום דער שעה.

ירושלים, 17טער מערץ, 1980

די נײַע װעלט

קוקט און זעט: די נײַע װעלט
װערט געבױרן אױפֿן שקיעה־פֿעלד.
הױכע שאָטנס בײגן זיך אײַן,
קריכנדיק אין די זאַנגען אַרײַן,
קומען אַרױס מיט מעסערס אין די צײן
בליצנדיק אינעם זונפֿאַרגײן.

פֿאַסטעכער — װאַכענדיק און צעשפּילט,
פֿאַסטעך־הינט — צערײצט און צעבילט
אײדער די לבנה איז נאָך אַרױס,
אײדער די שאָטנס װיקלען אַרױס
פֿון צעקנײטשטע לײַלעכער די געשטאַלט
פֿון דער נײַער װעלט, װאָס איז װילד און אַלט.

ירושלים, 5טער מאַי, 1979

דער אַלטער חכם

דאָס ליכט איז אַ מאַסקע, האָט ער געזאָגט,
דער אַלטער חכם, װען סע האָט געטאָגט.
לױט אים האָט דאָס ליכט נישט אָפּגעדעקט
דעם דאַך און די גאַס, דאָס פֿעלד און דעם װעג,
נאָר צוגעדעקט זײ מיט פֿאַרב פֿון שײַן.
איצט פּרוּװ און קוק אינעם תּוך אַרײַן
פֿון האָלץ און פֿון שטײן, פֿון אײַזן און לײם,
צעגלידער זײ און זײ בלײַבן געהײם,
װײַל װאָס דו צעגלידערסט און עפֿנסט אױף,
פֿאַלט באַלד די שײַן אױף דעם אַרױף,
די שײַן, די מאַסקע, װאָס פֿאַרשטעלט
די װעלט, װאָס װערט באַשײַנט און באַהעלט.

— צי דאַרפֿן מיר װאַרטן אױף דער נאַכט?
און דאָ האָט דער חכם זיך צעלאַכט —
צי װילט איר װערן אין גאַנצן בלינד,
נאָך בלינדער װי איר זענט אַצינד?

כ׳האָב אויך אַ מאָל אויף דער נאַכט געוואָרט,
בשעת דאָס ליכט האָט מיך שטאַרק געאַרט,
בשעת דאָס ליכט האָט מיך אָפּגענאַרט
און כ׳האָב זיך אויף דער נאַכט דערוואָרט,
אַ פינצטערניש, אַ שוואַרצע דעק
האָט אַלע מאַסקעס צוגעדעקט.

— איז וואָס זשע, חכם, דאַרפן מיר טון,
אַז נישט די פינצטערניש, נישט די זון,
זיי דעקן נישט אָפּ, נאָר דעקן צו
און גיבן נישט דיר, נישט אונדז קיין רו?
— גענוג איז צו וויסן, אַז דאָס ליכט,
אַ מאַסקע איז, וואָס פאַרדעקט דאָס געזיכט
און אַז די פינצטערניש פאַרלעשט
דעם גלאַנץ צוזאַמען מיטן מעש,
איז לאָמיר, זיך, ברידער, זעצן צום טיש
און לאָמיר זיך מאַכן, אַז ס׳אַרט אונדז נישט.

ירושלים, 6טער אויגוסט, 1979

די בלויע וואַנט

אַ בלויע בלינדקייט נעמט אַרום די קײַלעכדיקע ערד,
פאַרהיט די אויגן אונדז פון שרעקלעכן אין־סוף.
דער ווײ־געשרײַ פון אונדזער פּחד ווערט געהערט,
בשעת די בליקן רײַסן זיך אַרויף־אַרויף
און שלאָגן אָפּ זיך אין דער בלויער וואַנט,
דער בלינדער בלויער וואַנט אויף דער זײַט לאַנד.

און דאַנקען גאָט מיר זענען אַלע דאָ,
די דורות, די יאָרהונדערטער פון אָנהייב אָן,
די לעבעדיקע און די טויטע, וואָס זענען מער נישטאָ,
מיר זענען אַלע דאָ און אויפן בלויען פּאָן
פון בלויער בלינדקייט קומען זיך צונויף
דער גיהנום און גן עדן אינעם זעלבן הויף.

און אַלע "יענע=וועלטן" פון אַ מאָל און היַינט
זיי זענען קיין מאָל פונעם גדר נישט אַרויס.
אויף יענער זײַט פון שטערן, וועלכער שײַנט,
איז ווידער וואָנט, די וואָנט די בלינדע בלויז,
איז נאָר אַ ביסל מערער אָפּגערוקט,
די בלינדע בלויע וואַנט, בשעת מע קוקט.

ירושלים, מוצאי שבת, 22סטער אויגוסט, 1981

שטאַרקע ברילן

און אַז דער פאָטער האָט אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן,
האָט זײַן זון זיך איבער אים אַראָפּגעבויגן
און דעם פאָטערס שטאַרקע ברילן אויפגעהויבן
גוט באַטראַכט זיי, אויסגעווישט פון שטויבן
און געטראַכט: דעם טאַטנס ברילן זענען גאָרנישט
אָן דעם טאַטנס קראַנקע אויגן.

און אַז דער אָפּטיקער האָט נישט געוואָלט זיי קויפן,
האָט ער שוין אויפגעהערט, דער זון, צו אים צו לויפן
און געלאָזט די ברילן ליגן און אין זיי פאַרגעסן,
ברילן זענען נישט קיין טויבן און זיי מאָגען נישט קיין עסן,
נאָר צו וואָס, איך בעט אײַך, קאָנען זיי נאָך טויגן
אָן דעם טאַטנס קראַנקע אויגן?

איין מאָל האָט געטראָפן, ס'האָט די פרוי געראַמט אין צימער
און אין מיטן ראַמען האָט אַ קלאַפּ געטאָן און ס'האָט געטאָן אַ שימער,
האָט דער זון דערהערט דעם קלאַפּ אין מיטן ראַמען
און געזען דעם שימער און ער האָט פאַרשטאַנען,
אַז די שטאַרקע ברילן האָט עס שטאַרק געצויגן
נאָכן טאַטנס קראַנקע אויגן.

ירושלים, 11טער נאָוועמבער, 1981

אויף די פעלדער פון זכּרון

אויף די פעלדער פון זכּרון
שײַנט אַצינד די זון
ווי אין יענע ערשטע יאָרן,
ווען די זון געווען איז יונג
און פלעגט אויפגיין מיט אַ קלונג.

דורך די פעלדער פון זכּרון
שנײַדט זיך דורך אַ וועג,
שנײַדט דער וועג זיך דורך די יאָרן,
קאָן מען אויפן וועג דערפאָרן
ביז צו אונדזערע טעג.

אויף די פעלדער פון זכּרון
פּאַשעט זיך אַ קו,
יענע קו פון יענע יאָרן
האָט געלאָזט נאָך זיך אַ האָרן
און אַ לעבעדיקן מו.

ירושלים, 10טער דעצעמבער, 1981

גוטע שעה

בין אויפגעשטאַנען הײַנט פאַר טאָג
און ס'האָט מיך גאָרנישט וויי געטאָן,
סאַראַ גוטע שעה אין טאָג,
סאַראַ זעלטן זיסער זאָג:
גאָרנישט וויי געטאָן.

כ'האָב בײַם פענצטער זיך געשטעלט
און אַרויסגעקוקט מיט פרייד.
סאַראַ ליכטיק שיינע וועלט,
סאַראַ טאָג האָט זיך געשטעלט
גאָר אָן ווייטיקן, אָן לייד.

כ׳האָב די שויבן אויסגעווישט,
אָפּגעפּוצט די גרינע ווײַט,
נאָר מײַן פרוי מיך רופט צום טיש,
כאָטש איך בעט זיך — רוף מיר נישט —
גאָטעניו, שטעל אָפּ די צײַט.

ירושלים, 8טער אויגוסט, 1981

פון זינט סע פעלן מיר ציין אין מויל

פון זינט סע פעלן מיר ציין אין מויל,
מיר פעלן אויך ווערטער בײַם רעדן
און אָן די ווערטער, ווייסט איר דאָך וויל,
איז קאָן מען נישט רעדן מיט יעדן.

מע קאָן מיט אַ פינגער אַ רוף טאָן אַ קינד,
אַ גלעט טאָן דאָס קינד ווי בײַ לײַטן,
מע קאָן ווי די צווײַגן אויפן ווינט
אויך רעדן מיט ד׳הענט צו די ווײַטן.

און נאָך דעם באַזונדער מיט יעדער האַנט
דער וועלט אַ ווײַז טאָן צווי פײַגן,
מע קאָן אויך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט,
פאַרבײַסן די ליפּן און שווײַגן.

מע קאָן צו אַ מיידל טאָן אַ ווונק
און אויך נישט צו יעדעס מיידל,
אַרויסשלאָגן קאָן מען פון שטיין אַ פונק
און דווקא נישט מיט ריידן.

מע קאָן מיטן סאַמע שוואַכסטן בלאָז
פאַרלעשן דאָס ליכטיקסטע פײַער,
מע קאָן אַ דריי טאָן מיט דער נאָז
אויף אַלץ וואָס געווען איז דיר טײַער.

מע קאָן אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט
אויף אַלץ וואָס פאַר דעם זיך געשלאָגן

און נאָך דעם וויינען נאָך אַנאַנד,
נישט האָבנדיק וואָס צו זאָגן.

מע קאָן, מע קאָן מיט אַ מויל אָן ציין
פֿאַרעדן דער וועלט די ציינער
און נאָך דעם בלײַבן מיט זיך אַליין,
און נאָך דעם בלײַבן איינער.

ירושלים, 19טער סעפּטעמבער, 1981

אַלע לויבגעזאַנגען

אַלע לויבגעזאַנגען ביזן העכסטן הימל
בין איך גרייט פֿאַרהאַנדלען פֿאַר אַ פּרי אדמה,
פֿאַר אַ גראָז=רפֿואה, פֿאַר אַ זיסן דרימל
בין איך גרייט פֿאַרהאַנדלען אײַך מײַן נאָמען.

איך, וואָס מיין ווי אַלע גרויסע מיינערס,
אַז די נעמען אונדזערע שײַנען ווי די שטערן,
אַז די בילדער אונדזערע הענגען בײַ די לייענערס,
וועלכע שלינגען אונדזערע ביכער, גיסנדיק מיט טרערן,

בין געווען דער שאַרף פֿון מינדסטן גרעזל
אינעם כאָר פֿון אָפּגערוישטע מעכטיקע געזאַנגען —
אַלע שיינע צוקונפֿטן זענען שוין געוועזן,
אַלע אייביקייטן זענען שוין פֿאַרגאַנגען.

אַלע לויבגעזאַנגען ביזן העכסטן הימל
טרענקען זיך צוזאַמען מיט די זינגער אויפֿן שיפֿל,
נישט קיין סם פֿאַר מיר איז איצט דער זיסער דרימל,
בעסער אָבער זיך צו טרענקען אין אַ שלאָף אַ טיפֿן.

ירושלים, 31סטער אָקטאָבער, 1981

מײַנע זיבן שונאים

סאַראַ מאָדנע ערנסט אויף דײַן פּנים,
גלײַך דו שטייסט בײַם קייסער אויף דער וואַך,

כ׳האָב געהאַט אין לעבן זיבן שונאים,
האָט פון זיי קיין איינער נישט געלאַכט.

איינער האָט אַ מאָל זײַן גליק פֿאַרשלאָפן,
האָב איך פונעם שלאָף אים אויפגעוועקט,
איז ער מיט אַ האַק מיר נאָכגעלאָפן,
שיער מיך נישט דעריאָגט אין מיטן וועג.

איינער האָט פֿאַרליבט זיך אין מײַן מיידל,
ווען מיט איר כ׳האָב חתונה געהאַט,
האָט ער אונדז פֿאַרטריבן פון גן עדן
עד היום הזה אויף נע ונד.

איינער האָט געשפילט מיט מיר אין קאָרטן,
האָב איך גלײַך אים בײַ דער האַנט געפּאַקט,
האָט ער מיר די ביימער פונעם גאָרטן
ביז צום לעצטן אַלע אויסגעהאַקט.

איינער האָט דאָס הויז מיר אויסגעליידיקט,
איינער האָט פֿאַרבינדן מיר די הענט
און דער דריטער איז געווען באַליידיקט,
ווען איך האָב אים לויט די האָר דערקענט.

ס׳האָט פון אַלע זיבן דאָך קיין איינער
קיין מאָל אויך קיין שמייכל נישט געטון,
וואָלט פון זיי כאָטש איינער דאָרט געווען אַ וויינער,
וואָלט אַ טרער געבליאַסקעט אויף דער זון.

סאַרע מאָדנע ערנסט אויף דײַן פּנים,
גלײַך דו שטייסט בײַם קייסער אויף דער וואַך,
כ׳האָב געהאַט אין לעבן זיבן שונאים,
האָט פון זיי קיין איינער קיין מאָל נישט געלאַכט.

ירושלים, 5טער מעו ,י 1980

שונאים

אין איינער אַ שטאָט אויפֿן זעלבן געסל
אין זעלבן הויז אויפֿן זעלבן גאָרן
אין צוויי באַזונדערע דירות געזעסן
צוויי קלוגע זקנים אַלע זייערע יאָרן

און פֿײַנט געהאַט האָבן זיי איינער דעם צווייטן
מיט גאָר דער חכמה, מיטן גאַנצן שכל
און איינער דעם צווייטן פֿלעגט באַגלייטן
מיט שנאה=בליקן און שפּאָטישן שמייכל.

זיי האָבן זיך נישט באַגריסט אפֿילו,
ווען זייערע בליקן פֿלעגן זיך טרעפֿן,
עס האָבן קללות געברענט אויף די ליפּן,
נאָר ס׳האָט זיך קיין מויל נישט געטאָן קיין עפֿן.

און אָט אַזוי זענען יאָרן געפֿלויגן,
און אָט אַזוי זענען יאָרן געקראָכן,
און ס׳האָבן די אַלטע און קראַנקע אויגן
זיך איינע די צווייטע מיט שפּיזן געשטאָכן.

ביז איינעם אַ טאָג איז איינער געפֿאַלן
אַ טויטער און ס׳האָט אים צו אַלעמענס שטוינען
דער צווייטער באַוויינט מערער פֿון אַלע,
מיט ביטערע טרערן באַוויינט זײַן שונא.

האָט לאַנג נישט געקאָנט דעם בראָך אויסהאַלטן
און נאָכגעשטאָרבן נאָך עטלעכע וואָכן
און לויט דער צוואה מע האָט אים באַהאַלטן
אויף דאָרטן נעבן זײַן אַלטן שכן.

ירושלים, 12טער מאַי, 1970

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין

מײַן דור גייט אַוועק אויף אַן אמת,
דער איינציקער אמת, קאָן זײַן,

דו פֿרעגסט נישט אפֿילו וועמעס
דער אמת איז — מײַנער און דײַן.

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין
און אַז מע רופֿט, דאַרף מען גיין.

מיר האָבן געזאַמלט אין ביכער
דאָס בלוט פֿונעם האַרץ אין זײַן שטראָם,
מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר זיכער
די ביכער — דעם לעבנס=אַלבאָם.

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין
און אַז מע רופֿט, דאַרף מען גיין.

מיר האָבן פֿאַרזאָרגט זיך מיט פֿלעצער
אין פֿעלד, מיט מצבה=שטיין,
סע בלײַבן די ביכער ווי קלעצער,
ניטאָ ווער סע זאָל זיי פֿאַרשטיין.

גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין
און אַז מע רופֿט, דאַרף מען גיין.

ירושלים, יאַנואַר, 1979

שפּעט בײַ נאַכט, שפּעט בײַ טאָג

בין מיד און איך צי די מידקייט אויס
ביז שפּעט אין דער טיפֿער נאַכט אַרײַן
און כ׳ווער אַנטשלאָפֿן, כאָטש טראָגט מיך אַרויס,
איז פֿיל איך נישט ווו אויס און ווו אײַן.

נאָר דאָרטן אין שלאָף, אין חלום דאָרט,
ווו אונטערצוקוקן אַ צווייטן איז שווער,
געפֿין איך מיר אַזאַ מין אָרט,
ווו פֿייגעלעך זינגען און איך הער.

דער אמת איז, דאָס האָבן זיי מיך
געפֿונען און נאָך דעם איבערגעלאָזט
און זייער געזאַנג פֿאַרוואַנדלט זיך גיך
אין גאַסנגערויש און אין רעדן פּראָסט.

און איבער די פּראָסטע רייד זיך דרייט
אַ פֿאַרביק רעדל ווי אַ שלאַנג,
און נאָך דעם הער איך ווידער רייד,
און נאָך דעם הער איך ווידער געזאַנג

און נאָך דעם רוקט זיך דער הימל אַוועק
און דאָרט, ווו ס'איז פֿריער הימל געווען,
דערזע איך אַ ברוינעם בלוטיקן פֿלעק,
וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען.

דערשרעק איך זיך. צעלאַכט זיך אַ הונט,
ווי גלײַך עס וואָלט אַ בן אדם געלאַכט
און פֿונעם צעלאַכטן פּיסק אַ וווּנד
צעגלאַנצט זיך ווי די לבנה בײַ נאַכט.

און נאָך דעם פֿאַרציט זי זיך מיט מעש
אַזוי ווי אַ טאַץ וואָס איבער אַ פּויק
און אונטן וואַלגערט זיך מאַרקולעשט
ווי סנאָפּעס פֿון אַ צעוואָרפֿענעם סטויג.

סע טוט אַ קלונג. ס'איז טאָג, ס'איז שפּעט.
די אייניקלעך שפּילן זיך אַרום הויז.
זיי פֿילן נישט דעם, וואָס קרעכצט אין בעט
און רײַבט זיך פֿון חלום די אויגן אויס.

נאָך אַ פֿרײַנד איז בייז געוואָרן

נאָך אַ פֿרײַנד איז בייז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פֿרײַנד,
נאָך אַזוי פֿיל שווערע יאָרן,
יאָרן פֿינצטערע ביז הײַנט,

איז אַ פֿרײַנד מיר בײז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פֿרײַנד.

כ׳ווייס, אַז קיינער וועט נישט גלייבן,
אַז אויך כבוד ווערט אַן עול,
ווערט אַ לאַסט, וואָס אויפצוהייבן
ווערט אַלץ שווערער וואָס אַ מאָל,
כ׳ווייס אַז קיינער וועט נישט גלייבן,
אַז אויך כבוד ווערט אַן עול.

לאָמיך אָבער אָפֿן זאָגן,
כ׳האָב קיין פֿרײַנד נאָך נישט געהאַט,
וואָס ער זאָל זיך נישט באַקלאָגן
שטענדיק אויפֿן צווייטן צד —
זאָלן שונאים דאָס פֿאַרמאָגן,
וואָס ער האָט פֿון מיר געהאַט.

ער, וואָס האָט געלויבט מײַן נאָמען,
האָט אויף מיר זיך נישט געריכט,
אַז איך זאָל אים נישט דערמאָנען
אין מײַן יערלעכן באַריכט,
נישט דערמאָנען כ׳זאָל זײַן נאָמען,
זיך בפירוש נישט געריכט.

כ׳האָב דערמאָנט דאָך די פֿאַרדינסטן
און וואָס יעדן איינעם פֿעלט.
כ׳האָב דערמאָנט די קנעכט און דינסטן,
וועלכע האַלטן ריין די וועלט,
ביזן פֿאָדעם ביזן דינסטן
אין באַריכט נישט אויסגעפֿעלט.

נאָר מײַן פֿרײַנד איז אַ הורטאָווניק,
קויפֿט ער אַלץ, וואָס אים זיך גלוסט,
וויל ער זײַן אַ למד=וָוניק
מיט אַ נאָמען ווײַט באַוווּסט,
זאָג איך אים, אַ למד=וָוניק
און באַוווּסט, ס׳אַ גרויסער שטות.

נאָך אַ פֿרײַנד איז בייז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פֿרײַנד,
נאָך אַזוי פֿיל שווערע יאָרן,
יאָרן פֿינצטערע ביז הײַנט,
איז אַ פֿרײַנד מיר בייז געוואָרן,
איז מיר גרינגער מיט אַ פֿרײַנד.

ירושלים, 11טער יאַנואַר, 1982

אייביקע וואַך

אברהם סוצקעווער

איך האָב זיך פֿאַראַנקערט אין אַ בילד,
זיך צוגעבונדן צו אַ הויכן סטויג,
זיך ווי אַ הונט פֿון קייט געריסן ווילד,
זיך אָפּגעריסן און געלאָזט אַן אויג.

איז ווער זשע וועט מיר גלייבן איצט, מײַן גאָט,
בשעת איך שטיי דאָ מיטן קאָפּ אַרויף
און קוק דאָ אויף אַ הויכן הויז אין שטאָט,
אַז כ׳זע אַ סטויג דאָרט אין אַ גרויסן הויף?

און אַז איך זע דורך יענעם אויג אָט דאָ,
ווי דאָרט פֿאַרגנבעט זיך צום סטויג אַ פֿונק
און אויפֿן פּאָן פֿון הימל וואָס איז בלאָ
סע שטרעקט דער סטויג אַרויס אַ רויטע צונג.

און אַז סע ברענט דער סטויג, ברענט אויך דער פּלויט,
צעברענט דאָס הײַזל אינעם הויף זיך אויך
און מיטן לעבעדיקן פֿײַער קומט דער טויט
און גאָר דאָס לעבן גייט אַוועק מיט רויך.

דער סטויג האָט דאָרטן לאַנג שוין אָפּגעברענט,
ווי אויך דער פּלויט, די ווענט און דאַך פֿון הויז,
נאָר איך זע אַלץ די אויסגעשטרעקטע הענט
פֿון די, וואָס זענען פֿונעם הויז אַרויס.

און מער קיין הויז נישט אויפגעבויט זיך דאָרט,
און מערער דאָרט נישט אויפגעשטעלט קיין סטויג,
דאָס אויג, וואָס כ'האָב געלאָזט אויף יענעם אָרט,
וועט וואַכן אייביק, אייביק בלײַבן אויג.

ירושלים, 6טער מאַי 1979

די קרוין פון אײַזן

דער הימל האָט מיר אָנגעטאָן אַ קרוין פון אַ פּוד אײַזן.
בין איך אַרויס אין גאַס פאַר בלינדע זיך באַוויַיזן
און ווען איך האָב געזען, אַז קיינער וויל נישט קוקן
און קיינער וויל זיך צו מײַן קרוין נישט בוקן,
האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די קרוין בײַ די סאַמע הערנער
און אָפּגעטראָגן זי צו מײַן חבר יאָסל לערנער,
האָט ער זי פון די הענט גלײַך פאַר מײַנע אויגן
אַראָפּגעלאָזט, ווײַל זי האָט, ווי געזאָגט, אַ פּוד געוווּיגן
און גלײַך געווענדעט זיך צו אַנדערע פּאָעטן
און פּרוּיקע רויטמאַן צו דער קרוין פאַרבעטן,
ער זאָל זי אויפהייבן פריער אויף די אַקסל
און נאָך דעם אויפן קאָפּ, וועט ער העכער וואַקסן.
האָט ער אַרויסגערוקט אַ טענה, קאָן זײַן, אַז אַ גערעכטע —
דאָס אײַזן איז קיין אײַזן נישט, די קרוין איז נישט קיין עכטע.
דאָ האָבן מיר שוין אַלע דרײַ טשערנאָוויצער שרײַבער
אין דער היים באַראָטן זיך מיט די קלוגע ווײַבער
און ס'האָבן אונדז די ווײַבער אונדזערע געראָטן
די קרוין צו לאָזן ליגן און זיך ניצן מיט איר שאָטן.
סע ווערט פון איר דער קאָפּ נישט שווערער אויף קיין האָר נישט
ווײַל אײַזן צי נישט אײַזן, דער שאָטן וועגט נישט גאָרנישט.
וואָלט שיין געווען דאָך, פֿײַן און גוט, אַזוי צו זאָגן,
ווען ס'וואָלט די קרוין די שווערע שאָטנס דרײַ פאַרמאָגן.

ירושלים, 1979

קלאָרקייט

1

קלאָרקייט איז וווּנדער, איז פולער געניוס,
קלאָרקייט איז רײַפקייט — אַ פולע נוס,
ריר אָן די שאָלעכץ אין סאַמע ברוסט,
עפנט די נוס זיך און אַלץ איז באַוווּסט.
קלאָרקייט איז שלמות איז מאה אחוז.

קלאָרקייט איז אָפן — אַן אָפענע קאָרט,
קלאָרע דיבורים, אַ וואָרט איז אַ וואָרט
אויסגעשליפן און אויסגעקלאָרט,
אויבן איז אויבן און דאָרט איז דאָרט.
קלאָרקייט — אַ שליסל צו יעדער אָרט.

אויב סע טרעפט אַ נעפל אַ מאָל
און אַ הייזעריק ווייטיקדיק קול
שרײַט פון שפּיטאָל, פון פאַרנעפּלטן טאָל,
לײַטערט דער טאָל זיך אויס מיט אַ מאָל,
לײַטערט זיך אויס אויך דעם קראַנקנס קול,
שטייט דער שפּיטאָל ווי אַ שלאָס פון קרישטאָל.

קלאָרקייט איז היילונג, איז וואַרעמע וואָל.

ירושלים, 8טער אויגוסט, 1979

2

ווי שאַרף. ווי קלאָר. ביז ווייטיק קלאָר.
דער ווייטיק לאָזט די אויגן נישט פאַרמאַכן
כאָטש אויף אַ קליינער רגע נאָר,
סע באָדן זיך אין קלאָרקייט אַלע זאַכן
און טויכן אויף נאָך מערער קלאָר,
נישטאָ ווו צו אַנטרינען פון דער וואָר.

די קלאָרקייט רײַסט אַראָפּ פון דער הויט דאָס קלייד,
די קלאָרקייט רײַסט אַראָפּ פון לײַב די הויטן

און ס׳רינען בלוטן אָפּגעדעקטערהייט
און ביין און פלייש באַגיסן זיך מיט רויטן
און קלאָר דער טויט אונדז פאַר די אויגן שטייט
און דאָך אַזוי איז קלאָרקייט פרייד.

ירושלים, 20סטער אַפּריל, 1980

כ׳וויל פאַר דײַן הנאה וועגן

כ׳וויל פאַר דײַן הנאה וועגן
אויסשמידן אַזאַ מין ליד,
אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן פרעגן,
וואָס דער שרײַבער מיינט דערמיט.

זאָלסט עס קאָנען מיט זיך טראָגן
ווי אַ זייגער אויף דער האַנט.
ווען די גוטע שעה וועט שלאָגן,
זאָלסטו עפענען דעם באַנד.

און אויף יעדן בלאַט עס טרעפן,
עס דערקענען לויטן קול,
ווען דו טוסט דעם באַנד אַן עפן
נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

זאָל פון יעדער זײַט באַזונדער
דיר אַ שפּיל טאָן מיט געזאַנג,
זאָל אַ זינג טאָן דיר דער וווּנדער,
וואָס ער מאָלט דיר אויס דעם קלאַנג.

זאָל עס דיר אין גליק דערמאַנען,
זאָל דיר ווערן זיס און גוט,
זאָלן אַלע גוטע טַעמען
זיך צעזינגען אין דײַן בלוט.

אויב דאָס שמידן וועט געלינגען
וועט עס אויך פאַר מיר, דעם שמיד,

זײַן דאָס גליק, דאָס גליק פון זינגען,
וואָס סע זינגט אַרויס פון ליד.

ירושלים, 2טער מערץ, 1980

די תפילה פון פּאָעטן

צינד מיר אָן דעם קאָפּ מיט ווערטער
און זאָל פלאַקערן אַ ליד,
ס׳האָט אַ קלאַנג אַ ווײַט=געהערטער
זיך די פליגל אָפּגעבריט
בײַ דעם פײַער פונעם ליד.

צינד מיר אָן דאָס אויג מיט פאַרבן
און זאָל אויפפלאַמען אַ בילד,
ס׳האָט אַ קראַנקער ביז צום שטאַרבן
אין אַ טאַנץ געלאָזט זיך ווילד
אינעם רעמל פונעם בילד.

צינד מיר אָן אַ וואַלד אין אויער
און זאָל דונערן אַ שלאַכט.
ס׳האָט די קיניגין אין טרויער
שבעה זיך געזעצט בײַ נאַכט
נאָכן זיג און נאָך דער שלאַכט.

צינד מיר אָן דאָס האַרץ, די בלוטן
אין די אָדערן פון גוף,
כ׳האָב פאַרטריבן דעם נישט=גוטן
און געקומען אויף דײַן רוף
מיט מײַן ברענענדיקן גוף.

איצטער וויל איך קניען, בעטן —
צינד נישט מערער אָן קיין זאַך,
ווײַל די תפילה פון פּאָעטן
איז אַ זאַך פון זייער פאַך,
צינד נישט מערער אָן קיין זאַך.

ירושלים, אַפּריל, 1979

נאָכן ענדיקן דאָס ליד

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
בלײַב אין ליד, אין זיך פאַרזונקען,
בלײַב אין אַש אַ פונק, פאַרהיט
אויך דאָס אַש, וואָס היט די פונקען.

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
קער זיך צו דער ערשטער שורה,
זאָל נישט בלײַבן דײַן געמיט
נאָך דער שלאַכט אַ העלד אָן גבורה.

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
הייב עס אָן אויף ס׳נײַ, דאָס זעלבע,
אויף די פעלדער נאָכן שניט
אַקערט מען די זעלבע פעלדער.

נאָכן ענדיקן דאָס ליד
בלײַב אין ליד, בלײַב אין ליד.

ירושלים, 3טער מערץ, 1980

שיר — אַ געזאַנג

שיר — אַ געזאַנג צו אַלע געזאַנגען
אויסגעזונגענע ביז הײַנט,
צו אַלע זונען, וואָס זענען פאַרגאַנגען
און צו אַלע געבליבענע פרײַנד.

שיר — אַ געזאַנג צו אַלע געזאַנגען,
וואָס האָבן באַגלייט אונדז אַ לעבנלאַנג,
אין אַלע גיהנומס אונדז נאָכגעגאַנגען
און אויך אויף שמחות — שיר — אַ געזאַנג.

שיר — אַ געזאַנג צו אַלע וואונדער,
צום מאָרגן, צום איבערמאָרגן אויך,

צום איבעראַיאָר, צום איבער הונדערט,
ווי ווײַט נאָר אונדזער קול דערגרייכט —
שיר — אַ געזאַנג.

סע שלעפּערט

סע שלעפּערט. איך שלאָף און אין שלאָף
זיך וועקן שורות מיט ווערטער
ווי באַסאַראַבער שאָף,
וואָס טרעטן אויף גראָזיקע ערטער.

און יעדער שאָף איז אַן אות
געשריבן פון פּאַסטעכס שטעקן,
וואָס טרײַבט זיי און שטעלט זיי אויס —
פאָרויס דער באַראַן מיט גלעקל.

און נאָכן גלעקל אַ מע,
סע מעקעט די גאַנצע סטאַדע
און פון די טריט זייערע זע:
אַ שורה, אַ ליד, אַ באַלאַדע.

אַ שאָטן פאַרפלייצט דאָס גראָז
און לאָזט מיך נישט לייענען אָן ברילן,
עס קאָן נישט קיין איינציקער אות
דעם דאָרשט פון די אויגן מיר שטילן.

איז שטרענג איך זיך אָן און אָט,
איך עפן פון שלאָף די אויגן.
מיין חלום ווו איז, מײַן גאָט?
ער איז צו דיר פאַרפלויגן.

ירושלים, יולי, 1979

דער זיג פון דער שיינקייט

איך ווייס נישט, וואָס מיר איז דעמלט געשען,
פאַרוואָס האָב איך פריער גאָרנישט געזען,

פּאַרוואָס גראָד אַצינד, ווען כ׳האָב נישט געטראַכט
צו זען בײַ טאָג, וואָס סע קער צו דער נאַכט.

די זונה, מילא, זי איז שוין געווױנט
זיך נישט צו שעמען און פאַר אַ לוין
זי וועט אויף וועלכן אויפן איר ווילט
פּאָזירן אין סאַמע העסלעכסטן בילד.

און לאָזן טאָן מיט זיך, וואָס סע גלוסט
זיך נאָר דער מענערשער גאווה, וואָס פּוסט
פאַרשטעלט זי זיך פאַר דער תאווה, וואָס ברענט
בײַ מענער מיט כלומרשטן טעמפּעראַמענט.

נאָר איינצײַטיק האָבן דאָך מיידלעך געוויס
געשטעלט ערגעץ ווו געטאָקטע פיס
און ייִנגלעך מיט שיינע צעשויבערטע קעפּ
געגאַנגען אַקעגן זיי אויף טרעפּ.

און איינס קעגן צווייטן זיך אָפּגעשטעלט,
און איינס מיטן צווייטן געשטאַלטיקט אַ וועלט,
וואָס וואַרט אויף אַ ברכה פונעם פּאָעט,
נאָר איך האָב די שיינקייט דערזען צו שפּעט.

ווײַל קודם האָב איך גאָרנישט געקוקט,
דערנאָך האָט די מיאוסקייט זיך אונטערגערוקט,
געזען כ׳האָב בײַ טאָג, וואָס סע קער צו דער נאַכט
און שיער נישט אויף דעם די ברכה געמאַכט.

נאָר סוף כל סוף האָט די שיינקייט געזיגט —
דאָס בילד פון אַ מוטער בײַם קינד אין אַ וויג,
דאָס וויגליד, וואָס האָט די וויג צעוויגט,
דער שיינקייט האָט סוף כל סוף אָפּגעגליקט

ירושלים, 25סטער פעברואַר, 1980

דער טאָג איז אַרויס פֿון דער מאָדע

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע,
די נאַכט נעמט די מאָדע איַין,
טאָ זינג צו דער נאַכט אַן אָדע
און לויב זי אין טאָג אַריַין.

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע,
געוואָרן אַ נעבעטיקער טאָג,
די נאַכט וואַרפט אַראָפּ אירע בגדים,
דאָס העמד און אַ זאָק נאָך אַ זאָק.

די נאַכט טוט זיך אויס פאַרן שלאָפן,
די נאַקעטקייט צינדט אָן דאָס בלוט
און וועקט אין דיַין אָדע די סטראָפן,
וואָס בייַטן זיך יעדע מינוט.

זי טריַיבט פון דער מאָדע די בושה
און ברענגט אין דער מאָדע אַריַין
דאָס אָפענע אָפּטע זיך קושן
אין גאַס ביַים לאַמטערן=שיַין.

דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע
און קוקט דורך שפּאַקטיוון פון וויַיט.
צי וואַרט ער, דער טאָג, אויף פּאָגאָדע?
צי קערט ער זיך אום צו דער ציַיט?

דער טאָג קערט זיך אום צו דער מאָדע,
די נאַכט איז אויף קויטיקע פיס
אַוועק און געלאָזט דאָ דיַין אָדע
זיך וואַלגערן אויפן מיסט.

ירושלים, דעצ. 1980

אַ מיידל מיט אַ בוך אין האַנט

אַ מיידל מיט אַ בוך אין האַנט און מיט אַ חלום אין די אויגן.
אַ מיידל פון אַ גרויסן דאָרף צי פון אַ קליינעם שטעטל

איך ציטער פאַר איר גיין און קוקן אויף די וואָלקנס אויבן,
מע זאָל נישט איבערפאָרן זי, מע זאָל זי נישט צעטרעטן.

נאָר אַלע=אַלע גייערס, זע איך, מאַכן איר אַ וואַרע
און אַלע פאָרערס האַלטן אײַן אין מיטן וועג די רעדער,
זי גייט און האַלט דאָס בוך אין האַנט און פון די אויגן גייט אַ פאַרע
אַ פאַבריקע, וואָס שוועבט אַוועק ווי אַ פּאַווע=פעדער.

מיט אָפן מויל איך קוק איר נאָך... פאַרלוירן פון די אויגן
דאָס מיידל פון אַ גרויסן דאָרף צי פון אַ קליינעם שטעטל,
איך ציטער אַלץ נאָך פאַר איר קוקן אויף די וואָלקנס אויבן,
מע זאָל ניט איבערפאָרן זי, מען זאָל זי ניט צעטרעטן.

ירושלים, נאָוועמבער, 1978

דער זינגער האָט פאַרשפּעטיקט

דער זינגער האָט פאַרשפּעטיקט צום קאָנצערט,
זײַן וואָגן האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער ריכטונג,
דערווײַלע האָט דער עולם אויפגעהערט
צו רעדן ייִדיש און צו לייענען דיכטונג.

דער זינגער האָט געבאַפּט זיך, אַז ס'איז שפּעט
דעם וועג צו זוכן, שפּעט זיך אומצוקערן
און דאָ האָט ער, דער זינגער, דער פּאָעט
זיך אויסגעדרייט און זיך צעזונגען פאַר די שטערן.

ווײַל צו די שטערן איז אַ גלײַכער וועג
און לידער צו די שטערן ווערן נישט פאַרלאָשן,
דערווײַלע איז דער עולם פון קאָנצערט אַוועק
צו אַנדערע קאָנצערטן אויף אַן אַנדער לשון.

די גאַסן שטייען ליידיק. האַלבע נאַכט.
דער עולם שלאָפט שוין לאַנג אין זײַנע בעטן
און נאָר דער זינגער, דער פּאָעט איז וואַך
און לאָזט נישט שלאָפן אויך די אַנדערע פּאָעטן.

עפּעס פון דער פּאָעמע „מאַרקולעשט"

דאָס ערשטע קאַפּיטל.

נעבן אונדזער חרוב שטעטל
שטעלן זיך נישט אָפּ קיין וועגן,
נישט געפּאָרן נישט געטרעטן
ווערט אַצינד אין אונדזער געגנט.

ס'ווערט אַ וועג נאָר עטוואָס ברייטער,
דאָרט ווו ס'איז אַ גאַס געוועזן,
אין דער בלאָטע שטייט אַ לייטער
און סע וואַלגערט זיך אַ בעזעם.

ציט זי זיך די גאַס צו געסל
אָן די הײַזער בײַ די זײַטן
און דער וועג לויפט בעטלען עסן
בײַ די פעלדער אין די ווײַטן.

נאָר די פעלדער זענען אויכעט
חרוב ווי די ייִדישע שטעטלעך
און געקרייציקט און געקוילעט
הענגען געטער אויף די ברעטלעך.

בײַ די ראַנדן פון די ווייצן,
בײַ די ראַנדן פון פּאַפּשויעס
האָט דאָס אָפּבילד פון געקרייצטן
איבער קניענדיקע גויעס

זיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרגראָבן
און אַרויסגעשטראָמט אין טרערן,
איצטער וואַרט ער אין די גראָבנס
ווידער לעבעדיק צו ווערן.

אויך די ברינעמער די קילע
זומער, ווען די טײַכן זידן,
ליגן איצט פֿאַרגראָבן, שטילע,
לעבעדיקערהייט ווי ייִדן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

ער, דער קאָלאָניסט דער ערשטער,
פֿונעם ייִשוב פֿונעם היגן
אויף די סטעפּעס מאַרקולעשטער
האָט געבויט דאָס ערשטע שטיבל.

ער אַליין בײַם טײַך אין גריבער
האָט די ציגל אויסגעקנאָטן,
באָרוועס מיט די פֿיס ביז איבער
זײַנע קניִעס אין דער בלאָטע.

באָרוועס האָט ער דאָ געקנאָטן
ערד און וואַסער און צופֿרידן
אָפּגערוט די פֿיס אין שאָטן
פֿון די ציגל=פּיראַמידן.

גאָט האָט אויבעט פֿון דער בלאָטע
זיך דעם מענטשן אויסגעקנאָטן
און דער מענטש האָט אויסגעקנאָטן
זיך אַ שטעטל פֿון דער בלאָטע.

בײַ די ברעגעס פֿונעם שטעטל
איז דער טײַך זיך דורכגעשוווּמען
צו די ווײַטן, זיי פֿאַרבעטן
זיך אין שטעטל דורכצוקומען.

ס'איז דער טײַך דאָ האַלב אַ רונדער
ווי אַ סערפּ אין פֿעלד געליגן
און פֿאַרקערעוועט דערנאָכדעם
צו די ווײַטע וואַסערמילן.

האָבן באַלד פֿון יענער געגנט
דערפֿער מיט פֿאַרשיידענע נעמען
זיך געלאָזט אויף נײַע וועגן
צו דעם שטעטל, זיך באַקענען.

און אַזוי איז עס געוועזן
אַלע שפּעטערדיקע יאָרן,
צו די ייִדן האָט מען וועגן
אויסגעטראָטן, אויסגעפֿאָרן.

דאָס פֿערטע קאַפּיטל.

יאַנקל איז אַ ייִד געוועזן
גאָר אַ פּראָסטער, נאָר אַ פֿרומער
היין און קריק צום פֿעלד פֿון שטעטל
פֿלעגט ער גיין אַ גאַנצן זומער.

צײַט געהאַט צו האַלטן יאָרצײַט
נאָכן טאַטן, נאָך דער מאַמען
און צו שלאָפֿן נאָך אַ מאָלצײַט
און די אַרבעט נישט פֿאַרזאַמען.

אָפּגעלייגט די טלית און תּפֿילין
אײַלט ער זיך די פֿערד צו פֿויען
און צעזינגט זיך מיט געפֿילן
ווי אַ חזן נישט קיין פּויער.

איז אין קלויז אַ פֿאָלנער רבי,
איז אין פֿעלד אַ העלד, אַ רײַטער,
דורכגעפֿאָרן דורכן לעבן
און אַוועקגעריטן ווײַטער.

און געלאָזט אי זין אי טעכטער,
אייניקלעך מיט זייערע קינדער,
שנײַדער=מיידלעך, סטאָליערס, בלעכערס
און אַ פֿעלד מיט שאָף און רינדער.

און אַ גאַנצע גאַס מיט שכנים
און אַ שטעטל קרובים סאַמע,
איבער הונדערט צוואַנציק נעמען
נאָך זײַן טאַטן, נאָך זײַן מאַמען.

ס׳איז זײַן ווײַב נישט לאַנג געשטאָרבן,
איז שוין דאָ אַ נאָמען רחל,
איצט איז יאַנקל קראַנק — אַ קרבן
פּונעם בענקען נאָך איר קאָכן.

גויסענדיק, האָט ער די גראָע
וואָנצעס פונעם מויל פאַרנעמען
אויסנווייניק די צוואה
אָפּגעקנאַקט מיט אַלע נעמען.

ראובן, שמעון, מײַנע קינדער,
לוי, יודל, איר געטרײַע,
זעט דער טאַטע שטאַרבט אַצינדער
אין די שטיוול אין די נײַע.

ס׳וויל נישט וואַרטן גאָט, ביז וואַנען
כ׳וועל זיי אָפּטראָגן אין גאַנצן,
כ׳האָב געחלומט, נישט נאָר שפּאַנען,
נאָר אין זיי אויף שמחות טאַנצן.

אָט די שטיוול לאָז איך איבער,
הערט, איך זאָג עס אָפנהערציק,
יאָסלען, אים דעם שיינעם גיבור,
וואָס טראָגט אויך אַ פיר=און=פערציק.

פרויקע רײַטער, עלטסטער איינציק,
כ׳לאָז דאָס פערדל דיר דעם גניאַדן,
ראַז דער קאַרע איז דיר ווייניק,
וועט ער זײַן אַ פּאָר צום נדן,

וואָס דײַן שווער האָט נישט דערגעבן,
זיבן יאָר דער רוגז דויערט,

רוגז פירט מען נאָר בײַם לעבן,
פאַרן שטאַרבן מע באַדויערט.

כ׳זע מײַן שטאָם בײַ זיך אין שטעטל
אַ פאַרצווײַגטער, אַ פאַרמערטער,
נישט מחילה קומט מיך בעטן,
הערט אויס בעסער מײַנע ווערטער —

אָנגעהויבן מיט אַן אָנזאָג,
מיט רמזים און פילדײַטיק,
אָנגעהויבן האָט ער מאָנטיק
און געענדיקט האָט ער פרײַטיק.

אַלע זענען דאָ געוועזן,
ניש געוואַגט אַ וויין טון, קלאָגן,
ס׳האָט גערעדט זײַן גאַנצער וועזן
און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

—ווער אַ מאַן אַ שווערן האַמער
האַלטן אין די הענט און שלאָגן
און צורעכט מאַכן אַן אַקער
צי אַ ראָד פון פויערס וואָגן.

ווער אַ פרוי אין מולטערס גרויסע
שווערע זעק מיט מעל פאַרקנעטן
און אַרויסנעמען פון אויוון
אָפּגעברוינטע הייסע ברויטן.

ווער אַ שנײַדערל בײַם שטעפּן
זיך צעזונגען ווי בײַם עמוד,
ווער אַ בעל=עגלה שלעפּן
מיטן פערד געשפּאַנט אין כאָמעט.

וואָס איר זאָלט בײַ טאָג נישט מאַכן,
האַנדלען אַקערן צי זייען,
קלעפּן, שטעפּן דינע זאַכן
קלאַפּן, זעגן, שמידן, נייען,

זאָלט איר אין די נעכט פון זומער
גיבן רו דעם גוף דעם מידן
און אויף שבת אינעם רו=טאָג
נישט פאַרגעסן, איר זענט ייִדן.

ווער פון אײַך אָבער אויף וועגן
מוז די וואָך זײַנע פאַרברענגען,
זאָל זיך קיין מאָל נישט דערוועגן
האַלטן שבת אין די שענקען.

און ער זאָל די פערד נישט לאָזן
אין אַ פרעמדן דאָרף פאַרהאַלטן
און מיט גערשטן, נישט מיט גראָזן
זאָלן פערדלעך שבת האַלטן.

ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו רײדן
און צו זאָגן אײַך נישט ווייניק,
איידער כ'לאָז מיך אין גן=עדן
וויל איך זען אַ צווייטן אייניק.

אָט דאָס שטיבל, וואָס איז ענגלעך
פאַר אַזוי פיל קיין עין הרע,
לאָז איך איין זײַט, דיר, מײַן גערטנער
מיטן גאָרטן, וואָס פון פאָרנט.

און די זײַט די צווייטע לאָז איך,
לאָז איך, לאָז איך, לאָז איך איבער — —
מיטן סוף פון דער צוואה
איז ער צו דעם טויט אַריבער.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל.

ראובן קייסער, וואָס זשע איז עס?
ס'איז אַ צונאָמען אַזאַ מין,
די פאַרשריבענע פאַמיליעס
וויסן נאָר די פּאָטשטאַליאָנען.

שמעון שמאַטע, לוי פּלויער,
יודל פידל — דער ציגייַנער,
פראַדל פּריילעך, בתיה טרויער,
פּרץ פּרינץ און הערש אוקרייַנער.

ברוך באָרשט און יאָסל=ראָסל,
הינדע=האָן, און קלמן=קאַטשקע,
אָרן=קאָרן און פּעסיע=פּראָסע,
גדליה=גוי און חייקע=פּראַטשקע.

איציק=שפּיציק, אהרון=באַרן,
שמואל בטחון "גאָט וועט געבן"
שלמה "לאָמיר זיך נישט נאַרן"
שלימע "לאָמיך אַזוי לעבן".

משה=קוישע=לאָמפּאַמפּירל,
בערל=קערל, יעקל=פּלעקל,
שיינדל מיטן הינטערטירל,
שרה צרה מיטן פּעקל.

יעדער צונאָמען באַזונדער
האָט געהאַט זייַן גרונד, זייַן סיבה,
מ'האָט אַרייַנגעלייגט אין זיי דאָרט
וועמען חוזק, וועמען ליבע.

ראובן איז געווען אַ תכשיט,
וואָס ער פּלעגט אַ מאָל בייַם קאָסיען
מיט דער קאָסע זיך פאַרטייַען,
צו אַ פרעמדן פעלד פאַרבלאָנדזשען.

ער געקענט אַ פּאַטש דערלאַנגען
און אַ פרעמדן זאַק פאַרשלעפּן,
פאָרן איבער גרינע זאַנגען,
צו אַ פרעמדן ווייַב זיך טשעפּען.

אָבער איינס האָט אָפּגעהיט ער,
כבוד אם, דאָס זאָגן אַלע,

אויף די הענט ער האָט זײַן מוטער
אומגעטראָגן ווי אַ כלה.

און דערפֿאַר זי פֿלעגט אים רופֿן
„קייסער מײַנער" צווישן לײַטן,
איז אַזוי פֿאַרבליבן, „ראובן
קייסער" שוין אויף אַלע צײַטן.

דאָס פֿערצנטע קאַפּיטל.

אויף דעם סטעפּ דעם קוים באַוווינטן
האָבן זיך געמערט די דורות,
זיך ווי גאָרנס אויפֿגעהויבן
אויפֿן פֿונדאַמענט פֿון זיידעס

וויפֿל האָט אַ בוים עס בלעטער?
וויפֿל האָט אַ פֿאַסטעך רינדער?
סיאָמע מיט די דרײַצן פֿעטערס
האָט דאָך הונדערט שוועסטערקינדער.

חוץ די פֿרײַנד און די באַקאַנטע,
חוץ די אָנהענגער, פֿאַרערער,
חוץ די לײַט אינטעליגענטע,
חוץ דעם בעדער און דעם שערער.

קען ער יעדער הויז באַזונדער,
אַלע קנייטשן, אַלע פֿאַרבן,
יעדער נײַס איז דאָ אַ וווּנדער,
יעדער וווּנדער פֿול מיט פֿאַרבן.

צווישן פֿעלדער האָבן דערפֿער,
האָבן אויך די קליינע שטעטלעך
צוגענומען נײַע ערטער,
צוגעבויט זיך און צעשטעלט זיך

אויפֿן נײַעם מאַרק אין דרויסן
ווי אַ רונדער, גראָער טעלער,

ברענגט מען גאָרנדיקע קוישן
צו די נײַע פּרוכטנקעלערס.

קעלערס פול מיט רויטע עפּל,
געלע באַרן; שוואַרצע פלוימען,
איבער קעלערס הענגען טרעפּלעך,
פירן זיי אַרויף צו קראָמען.

ענגע קראָמען אָנגעשטאָפּטע
זאַלץ און צוקער, בוימל האָניק,
פעסלעך הערינג, אָנגעקלאַפּטע
נאַפּט אַ פעסל אויפן גאַנעק

פול מיט שניט=סחורות די קלייטן
און מיט צעלניק פול די קראָמען
און מיט טיכעלעך מיט קווייטן
און מיט שמעקנדיקע בשמים.

קראָמען הויכע, פולע ראַפּטן
ביז דער סטעליע אָנגעהויפטע,
שטייען פון דער שטאָט געבראַכטע
צוגעדונגענע פאַרקויפערס.

און זיי רעדן מיט די פּראָסטע
פויערים אויף אײדל=לשון,
אַז דער פויער פילט, סע פּאַסט ניט
גלאַט אַזוי די קלייט פאַרלאָזן.

און נישט קויפן כאָטשבי זאָקן
פאַר דער כלה=מויד, דער טאָכטער,
וועלכע טאַנצט שוין אויף די זשאָקן
מיט אַ שיינעם, פײַנעם בחור.

נאָר ווי גאָרנס האָבן קראָמען
איבער קעלערס הויך געריטן,
האָבן פרוכטן דורכן זומער
אין די קעלערס זיך געביטן.

שפּעטע קאַרשן האָבן דאָרטן
מיט די פלוימען זיך באַגעגנט,
אויב ס׳איז זון געווען אין גאָרטן
און ס׳האָט נישט געשטערט קיין רעגנס.

און די ווייַנטרויבן די גרויסע
נאָר ווי שיינע קינדערטרערן
קוועטש זיי אויס און מאַך אַ כוסה
ועסטו באַלד גענעזן ווערן.

אין די קעלערס הערט דער רעש זיך
פונעם גרינס אין דרויסן אויבן,
גערטנער האָבן זיך פאַרזאַמלט
אויף אַ שטיקל ערד מיט שטויבן.

בייַ האָלאָבליעס אויפגעשטעלטע,
צי אַראָפּגעלאָזטע דישלען
פון די פורלער אויסגעשטעלטע
צווישן קוישן, שטעלן, טישן.

שטייען פערדלעך אויסגעדרייטע
מיט די קעפּ אַרייַן אין וואָגנס,
מיט די הינטנס צו די קלייטן
און מע זאָטלט אָן די מאָגנס.

אויף דער זון אין ענגן דרויסן
פאַר די קעלערדיקע שוועלן,
באָרוועס און אין רייַטער=הויזן
שטייען זיצערס בייַ די שטעלן.

רופט מען דאָרטן אויס די סחורות
און מע טוט די סחורות לויבן
און נישטאָ קיין אפּיקורס,
וואָס ער זאָל אין דעם נישט גלויבן.

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס נײַנצנטע קאַפּיטל.

סע דערנענטערט זיך צו פּסח
און דאָס שטעטל וויגט זיך, הוידעט
און רעב ברוך "האָב איך, עס איך"
עסט נישט, ווען ער האָט קיין ברויט נישט.

און אַ מכּה זאָל מען וויסן
(נישט פון גלאָז אין דאָך דער מאָגן)
אָבער, אַז סע קומט צו פּסח
און מע דאַרף אויף מצות האָבן,

וואַקסט ער אויס בײַים "מעות חיטים"
און ער שטעלט זיי צו אַ צעטל:
מצות, ווײַן און אייער פרישע
פאַר די אָרעמע פון שטעטל.

און אַ וואָגן פול מיט זעקלעך
מיט קאַרטאָפל און אַ פעסל
ווײַן און מצות פערציק פעקלעך
ער צעפירט איבערן געסל

און כּדי די ייִדן יורדים
זאָלן זיך נישט שעמען נעמען,
נעמט ער זיך די ערשטע פּאָרציע,
טוט זיך קיינער שוין נישט שעמען.

און געפּראַוועט ווערט אַ סדר
אין אַיעדער שטוב באַזונדער
און די קינדער פונעם חדר
פרעגן קשיות אויפן וווּנדער,

וואָס געשען אַ מאָל איז, דעמלט,
ווען מיר זענען קנעכט געווען
און דאָס פּסח=לעמפּל פלעמלט
אויפן פּסחדיקן עסן.

סע פאַרשטייט זיך, נישט אין יעדער
הויז די זעלביקע מאכלים,
אָבער איבער יעדן סדר
שוועבט דער זעלבער שיינער חלום

פון באַפרײַונג, פון גאולה,
וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבן ווידער,
איבער ארבע כוסות פולע
קלינגען די הגדה=לידער.

נעבן זיבן מינים קעזלעך
איז מען אויך מיט מצה יוצא,
אָבער אין די אָרעמע הײַזלעך
עסט מען טאַקע כולו מצה.

עסט מען מצה צו קאַרטאָפל
אין די יום טוב=טעג די שטילע,
טיי מיט מצה פאַרן שלאָפן,
באָרשט מיט מצה, אַז אפילו

פון די גראָבע מאַמעליגעס,
וואָס די ווײַבער קאָכן, מישן
און מע שנײַדט זיי מיט פאַסטריגעס
אויף די שנײַדערישע טישן.

פון די מאַמעליגעס קאַלטע,
וואָס מע לאָזט פון נעכטן איבער
און מע שנײַדט זיי מיט די דראַטוועס
אין די שוסטערישע שטיבער.

קאָן אין בויך נישט אַזוי ווי טאָן
ווי פון ווייצן=מצות דאַרע,
נישט פון יעדער שטוב אין שטעטל
גייט פון פסח אויף אַ פאַרע

פון די יויכן פון די קנײדלעך,
ווײַסן פלייש פון ווײַסן טעלער,

ס׳טרעפט אין מאָגן דרייען דריידלען
ווי מיט טענץ אויף גוישע בעלער.

און נאָך איידער ס׳האָט דער יום טוב
זיך דערצויגן ביז נאָך יום טוב,
יאָגט דער דאָקטער מיטן זאָנטיק
אויף דער זון אין מיטן מאָנטיק.

און ער אײַלט פון הויז צו הײַזל
און ער היילט דעם קראַנקן עולם
פונעם אָרעמען הינטערגעסל
און סעצאָלט דער ״עזרת חולים״

ס׳איז אַ קאָמיטעט אַזאַ מין
פון די זיבן קאָמיטעטן —
עזרת חולים, עזרת עניים,
צוויי פון צוויי ביבליאָטעקן

איינער נאָך — הכנסת כלה,
איינער נאָך — הכנסת אורחים
און דער זיבעטער פון אַלע,
פרעגט, זײַט מוחל, בײַ רעב ברוך.

ס׳איז דער אויבן שוין דערמאָנטער
״מעות חיטים״ ערב פסח,
ס׳איז דער אַלטער גוט באַקאַנטער
אונדזער ברוך ״האָב איך עס איך״

דאָס צוויי און צוואַנציקסטע קאַפּיטל.

אָפּגעדוינעט, אָפּגעוואָלעבט
האָט אַ יונג אין זײַנע לידער,
אָפּגעדאַוונט, אָפּגעברוך׳ט
האָט אַ זקן אין זײַן סידור.

קומען זיך צונויף אין איינעם
דורות דרײַ אויף אַ מסיבה,

קומען קרובים, קומען שכנים
פון די שכנותדיקע שטיבער.

און מע היצט זיך און מע קריגט זיך,
ווער וועט אָפּשטעלן דאָס קריגן?
ביז מע כאַפּט זיך, אַז מע וויגט זיך
צו דעם טאַקט פון זעלבן ניגון.

אין דער סאַמע היץ פון פלאַקער
שטילט זיך אײַן אין שטוב דאָס שטעטל —
קלמן פלאַכט און פרידל קנאַקער
און מע גייט זיך איבערבעטן.

אָפּגעקריגט זיך, אָפּגעוויגט זיך,
טרינקט מען טיי פון זעלבן טשײַניק
און מע כליעפּטשעט און מע קוויקט זיך
און מע פּילט דעם זעלבן תענוג.

ווער סע טרינקט די טיי פּריקוסקי
גלײַך פון זאָט, סע זאָל אים בריען,
ווער פּאַמעלעך און אים גלוסט זיך
ציען די טיי פון גלאָז און ציען.

און מע זיצט ווי איין משפּחה,
יעדער ווייסט זײַן פּלאַץ אין שטעטל,
גלײַך מע וואָלט מיט זיך געטראָגן
אויסגענומערטע בילעטן.

זיצט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער,
ער אַ רעכטער, זי אַ לינקע,
ציט עס זי צום פרעמדן דניעסטער,
אים — אַ ווינקל נאָר אייגן ווינקל.

זי לייענט האָפּשטיין, פּעפּער, מאַרקיש,
בערגעלסאָן, דעם גרויסן מײַסטער,
חברט זיך מיט חנה אַרקעס
און זי איז פון איר באַגײַסטערט.

ער לייענט פּרצס חסידיש,
ביאַליקן איןביידע שפּראַכן,
אין העברעיִש און אין יִדיש
און די ביכער רופט מען זאַכן.

"יאָשע קאַלב" פון י. י. זינגער,
איַי אַ גוטע זאַך באמת
און מע טיַיטלט מיט די פינגער,
מע פאַרשטייט זיך לויט אַ רמז.

און מע בייַט זיך מיט די בענדער,
לינקע לייענען רעכטע זאַכן,
רעכטע לייענען זאַכן פרעמדע
איבערזעצט פון פרעמדע שפּראַכן.

זיצן דאָ דערוואַילע אַלע
פרידלעך איינער לעבן צווייטן,
טרעפט זיך אויך אַ רעכטע כלה
קריגט פון לינקן חתן קווייטן.

ענטפערט זי מיט זיסן שמייכל
און די באַקן אירע פלאַמען,
ביז מע וועט די "צוקונפט" גרייכן
קאָן מען גיין דערוויַיל צוזאַמען.

מ'איז דערוויַילע אויפן וועג נאָך
צו דעם מאָרגן צו דעם שיינעם,
ס'איז ערשט מאָנטיק, ס'איז ערשט מיטוואָך
און מע גייט דעם וועג אין איינעם.

גייט מען און מע האָט הנאה
פון איעדן שפּאַן באַזונדער
און מע זעט פון וויַיט די בלאָע
שפּיצן פון די בערג מיט וואונדער.

גייט מען טריט ביַי טריט דערוויַילע,
ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו איַילן

צו די בלאָקיטן של מעלה,
גיב נאָר גאָט וואָס מערער מײַלן.

אָבער מאַלע, וואָס די טרוימער
ווילן אָפּרוקן די טרוימען,
איבער צײַט איז דאָ אַ שומר,
לאָזט ער נישט, מע זאָל זי צוימען.

ברענגט זי מיסט און שטויבן גראָע
און די וועלט איז נישט באַוואָרנט,
אָט אַזוי זעט אויס דאָס בלאָע,
ווען מע זעט עס פון דער נאָענט.

— — — — — — — — — — — — — —

פון די ציקלען „אַנפּאַס און אין פּראָפיל"

משה־לייב, דער ריטער

משה־לייב, דער ריטער פון גראָבע רייד,
איז קיין מאָל ניט געזעסן אין זאָטל,
זיין פערד איז געשלאָפן שטייענדיקערהייט
און ער האָט געריטן אויף זיין שאָטן.

נאָר צו וואָס באַדאַרף מען האָבן פערד
אין שטעט מיט אייזערנע מאַשינען ?
משה־לייב האָט געגאַרט נאָך אַ גרין שטיק ערד,
ער איז שיער ניט אַראָפּ פונעם זינען.

ער האָט מיט אַ בליץ אַרומגעכאַפּט
די וועלטן פון דער ווייטן
און מיט די נאָזלעכער האָט ער דערשנאַפּט
די ריחות פון אַלע צייטן.

ער האָט אין זיך ווי אין אַ טאָפּ
אַריינגעשיט די געשיכטע,
זי אָפּגעקאָכט אין זיין הייסן קאָפּ
ווי אַ קאַשע פון רייז אַ געדיכטע.

דאָס מאַכל דערנאָך צווישן דיכטער צעטיילט,
פאַר יעדן דיכטער אַ ביסל
און זיך אַליין האָט ער אויסדערוויילט
און געקרוינט מיט דער ליידיקער שיסל.

מיטביידע פויסטן אין אַ וואַנט
געפויקט ווי דער גאַסנפּויקער
און איז ניט געווען קיין וואַנט צו דער האַנט
האָט ער צום שטיין זיך איינגעהויקערט.

איז אַנגעלאָפֿן גרויס און קליין —
קלענערע — גרעסערע ליליפוטן —
צו זען ווי דער שטיין איז געוואָרן שיין
ביים שיין פון די בליצן פון זיינע בלוטן.

טשערנאָוויץ 1960

צו מ. ל. האַלפּערן

אַט לייען איך ווידער דיינע לידער
פון רעכטס אויף לינקס און פון אויבן אַראָפּ,
נאָר מאָדנע, ווי אַלצדינג קערט זיך איבער
און כ׳שטייג אַרויף צו דיין קאָפּ.

דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט איינער,
מיר זענען אונטן אַ סך, אַ סך,
נאָר אַלע היטן זיי זיך די ביינער
און שיקן מיך אויפן דאַך.

זיי לויבן דיך אַלע פון דער ווייטנס
און האָבן מורא פאַר דיין דעך,
זיי האָבן זיך אַלע באַוואָרנט באַצייטנס,
פאַראייניקט אין אַ צעך.

נאָר מיך אין צעך ניט אַריינגענומען,
ווייל כ׳האָב דאָס געשפּאַן צעפּליקט אויף זיך,
זיי האָבן אַ לייטער געשטעלט צו אַ ברונעם
און האָבן באַפוילן מיר: קריך!

נאָר מאָדנע ווי אַלצדינג קערט זיך איבער —
וואָס מער איך קריך אַראָפּ,
וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין דיינע לידער,
ווערט נענטער מיר דיין קאָפּ,
דיין הויכער־הויכער קאָפּ.

ה. לייוויק

„אין אומרו הײַנט איז אויפֿגעשטאַנען דער באַגינען,
דער האַלבער טאָג איז קוים צום אָווונט צוגעקראָכן".
די נאַכט אין שוואַרצן קלייד איז אַראָפּ פֿון זינען,
זיך אויסגעטאָן ביי לייוויקס שטאַרבנדיקן שכן.

ס'איז לייוויק לעבן מת געליגן און געשוויגן,
אַ שטורעם האָט אין אים געדרייט זיך און געשטורעמט,
זיין גייסט האָט זיך גענומען אויף די צווייגן וויגן
און פֿונעם שטורעם זיך אַרויסגעפֿורעמט.

די נאַכט האָט זיך מיט לייוויקן געמאַטערט,
געשלעפּערט אים און ניט געלאָזט אים שלאָפֿן,
די שטילקייט פֿון אַ האַלבער וועלט געפּטרט
און ניט געקאָנט אַריין אין זיינע סטראָפֿן.

האָט זי אין שאָטנס זיך גענומען שלייכן,
די נאַכט האָט זיך צעטיילט אויף שאָטנס און צעשפּליטערט,
ס'האָט לייוויק ביי די ברעגעס פֿון די טונקל־רויטע טייכן
די זעונגען די טראַגישע געפּיטערט.

זיין קול איז שטיל געשטיגן אין די הייכן
אַראָפּגעגאָסן זיך ווי יאָד אויף אָפֿענע ווונדן
און אויפֿגעגאַן ווי פֿייערן אָן רויכן,
ווי ווייסע פֿייערן פֿון שנייען אָנגעצונדן.

לייוויק פֿילט נישט

לייוויק פֿילט נישט, אַז איך לייען איצט זיינע לידער,
לייוויק איז געשטאָרבן און אָן אים איצט לייען איך זיי.
וויפֿל זענען מיר געווען? דרייַצן גוטע=ברידער,
זענען מיר געבליבן זיבן, זעקס און איצטער צוויי.

איינער איך, פֿאַרשטייט זיך; און דער צווייטער —
וואָס איז מיר דער חילוק, ווער דער צווייטער איז —

דאָ איז דאָס לאַנד פון פאָטער יעקבס לייטער,
נישט ניו=יאָרק און אַוואַדע נישט פּאַריז.

און ווער וואַגט עס היַינט נאָך וואַרשע צו דערמאָנען
אָן אַן איכה=ניגון נאָך איר קינד און קייט
און ווער וואַגט עס ווילנע אָנרופן ביַים נאָמען
אָן אַ קדיש זאָגן נאָך איר יידישקייט.

ביַי דעם ברעג פון ירדן זינגט מען אויס דעם טרויער
פון די הונדערט בבלס אויף דער גאָרער וועלט,
ביז סע עפנט זיך פון זיך אַליין אַ טויער
און די לייטער יעקבס שטייט אַוועקגעשטעלט.

יעקבס לייטער ביז צום הימל הויכן,
דאַרף מען דאָך קיין בבל=טורעם נישט,
סיַי ווי איז דער טורעם שוין פון לאַנג אַ שוכן
עפר און די לייטער שטייט זיך יונג און פריש.

און אויף אָט דער לייטער, אויף די לייטער=טרעפּלעך
שטיַיגן די מלאכים, שטיַיגן אויף און אָפּ
און זיי פינטלען פיַיער מיט די אויגן=לעפלעך
און דאָס פיַיער לאָזן זיי אויף דער ערד אַראָפּ.

און ביַי אָט דעם פיַיער לייען איך לייוויקס לידער,
און ביַי אָט דעם פיַיער זע איך ווי דער שניי
פון די וויַיטע=וויַיטע וועגן די סיבירער
ווערט צעגאַנגען אין די לידער, נו איז לייען איך זיי.

ירושלים, 4טער אָקטאָבער, 1981

מיט לעיעלעסעס ״לידער און פּאָעמען״

אַ פריַינט אַ שריַיבער האָט מיך היַינט געפּאַקט
ביַי לעיעלעסעס ״לידער און פּאָעמען״ —
און דו האָסט, זאָגט ער מיר, אַזוינס געוואַגט
דאָס טריפה ביכל אין דער האַנט צו נעמען?

ווי אַלע דאָ האָט ער געטראַכט זיך: אויב
מע וועט מיך כאַפּן, און זיך גלײַך באַוואָרנט,
אויב פֿרעגן וועט מען, ווער עס האָט געלויבט,
זאָל איך דאָרט זאָגן, אַז ער האָט געצאָרנט.

די דיכטער דאָרטן, זאָגט ער, גיסן גיפֿט
(מײַן פֿרײַנט דער שרײַבער ציט אַרויף די ברעמען)
דו האָסט זיך, זאָגט ער, צו פֿיל שוין פֿאַרטיפֿט
אין לעיעלעסעס "לידער און פּאָעמען".

איך רײַס ניט אָפּ די אויגן פֿונעם בוך
און וויל אויך ניט מײַן גוטן פֿרײַנט דערצערנען,
כאָטש ניט קיין גיפֿט געפֿין איך, ניט איך זוך
און כ'קלײַב זיך ניט קיין נייע תורות לערנען.

נאָר איך באַוואָרן אויך זיך ווי מײַן פֿרײַנט
און רעד ווי אַלע רעדן, ווי מע דאַרף דאָ,
ווײַל טאָמער רופֿט מען פֿריִער אים, נאָך הײַנט,
זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז טענות האָב איך שאַרפֿע.

זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב דאָס בוך
געפֿונען צופֿעליק צווישן פּאַק-פּאַפּירן,
געפֿונען עס, כאָטש כ'האָב עס ניט געזוכט
און ניט געלאָזט זיך פֿונעם בוך פֿאַרפֿירן.

זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב געזאָגט:
דעם קעגנער דאַרף מען אויספֿאָרשן, דערקענען,
זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב געזאָגט:
איך וויל זיך קעגן קעגנער בײַ דעם קעגנער לערנען.

איך נעם אַ וואָרט אַ נײַס פֿון זײַנס אַ ליד,
אַ דריידלוואָרט אַזאַ, וואָס לאָזט זיך דרייען
און שטעל עס קעגן אים, צי טאָר מען ניט,
צי טאָר מען זיך ניט ניצן מיט טראָפּייען?

נאָר דאָ האָט זיך מײַן פֿרײַנט פֿאַר מיר אַנטפּלעקט
און גאַליק-לאַכנדיק די צונג זיך אויפֿגעבונדן:

צי ווייסטו ניט, מיר האָבן אַלץ אַנטדעקט,
אַז מיר, נאָר מיר, האָבן אַלץ דערפֿונדן ?

טשערנאָוויץ 1962

יעקב גלאַטשטיין

דער ציינדאָקטער האָט אים פֿאַרבאָטן
צו קריצן מיט די ציין,
דער פסיכיאַטער באַזײַטיקט זײַן שאָטן
און לאָזט אים איבער אַליין,
ער טאַפּט אַרום די געבאָטן
פֿון משה רבינו׳ס שטיין,
אין פאַרמעטן זוכט ער די נאָטן
פֿאַר אונדזער ביטער געוויין
און אַלץ, וואָס סע איז אים געראָטן
בײַם קנעטן לידער פֿון ליים,
האָט ער מיט ווערטער פֿאַרשאָטן
און צוגעדעקט מיט אַ שטיין,
נאָר אונטערן שטיין האָט געזאָטן
פֿאַרשאָטענער יידישער חן,
אַ ניגון — אויסגעקנאָטן
פֿון יידישן פֿלייש און ביין.
ער איז ניט אַרויסגעטראָטן
פֿון יידישער אָרעמער היים,
וואָס איז אין אַ פֿרעמדן שאָטן
געשטאַנען ווי אין האָלדז אַ ביין
דאָרט צווישן גוישע גאָטן
אַליין, אַליין, אַליין —
ר׳ יעקב גלאַטשטיין.

חיים גראַדע

דער קאַלעכאויוון פֿון זײַן געמיט
פֿאַרשלינגט דאָס אײַזן פֿון זײַן ליד,
פֿונעם אײַזערנעם לידערשמיד.

דאָס גאַנצע וואַסער פֿון צפֿון-ים
איז ווייניק אויף אָפּצולעשן דעם פֿלאַם
פֿון שורה צו שורה, פֿון גראַם צו גראַם.

ער ברענט ווי אַ שײַטער אין אַ וואַלד,
שוין יאָרן, יאַרצענדליקער שרײַט ער : געוואַלד !
ראַטעוועט ! איך פֿאַרלעש זיך באַלד.

און פֿײַערלעשער מיט געבונדענע הענט
פֿאַרגינען אים ניט, למאי ער ברענט
און סע ברענען מיט אים די הימלווענט.

ישראל עמיאָט :

אויפֿגעוועקט פֿון שאָפּענס נאָקטורן
ערשט איך זיץ שוין אין ישיבה ווידער.
וואָס וועט זײַן מיט יענער סקריפּעניש פֿון פֿורן,
וועלכע רעדלען זיך אַרום אין מײַנע לידער ?

זאָל מיר מוחל זײַן דער ליבער חבֿר סמאָליאַר,
די חבֿרים ספּאַרד און מאַרק און העלער,
כ׳מאַך אַ סוף ערשט צו מײַן צווייטן עבֿר,
כ׳וואַרף אַרויס אים און צעברעך דעם טעלער.

כ׳האַלט שוין ווידער אונטער דער גמרא
לייוויקס לידער, מענדעלע און פּרץ
און אין אָט די וועלטן בין איך מיר אַ שׂררה,
און אין אָט די וועלטן שפּאַן איך מיט דרך ארץ.

און פֿון אָט די וועלטן שווים איך מיר אַריבער
צו דעם עולם הבא פֿון די קינדעריאָרן,
ווער איך גלײַך אַ תּושב, דאַוון איך בציבור
מיט די גרויסע די פֿאַרשריבענע אויף אייביק
און מיטן קליין בעריאָזקעלע פֿון איינהאָרן
און מיט די טריט אין שניי פֿון גרויסן לייוויק.

אליעזר שטיינבאַרג

וויפל לאַנדסלייט זענען נאָך פֿאַרבליבן,
וואָס געדענקען שטיינבאַרגס אויסזען און זיין שטים ?

כ'האָב די שטריכן פון זיין פּנים אויפגעקליבן
ביי די אויגן, וואָס געדענקען אים.

כ'האָב אין קאָלניקס האָלצשניט זיך געגריבלט,
וואָס ער הענגט ביי סורקיסן אין הויז,
עד, ווען שטיינבאַרג וואָלט מיט זיינע ברילן
אויף אַ רגע פון דער ראַם אַרויס.

וואָלט איך אויך געהאַט די גרויסע זכיה
זאָגן, אַז כ'האָב שטיינבאַרגן געקענט — —
אליעזר שטיינבאַרג, זאָל זיך מיען
נעמט זיין פּאַק משלים אין די הענט

און ער זעצט זיך נעבן טיש אַנידער,
שטילט זיך איין דער עולם מיט אַ מאָל
און מע הערט, סע זינגען זיינע גלידער
מיט אַ מאָדנעם שטיינבאַרגישן קול.

עולם הערט, די בלעטלעך גיבן לשון,
יידע ברידער מאַנגער זיצן מיט,
נטע שלינגט פון שטיינבאַרגס מויל אַ משל
און פאַרגעסט אַ רגע אין איציקס ליד.

משה אַלטמאַן מיט אַ קראַנקן אויער
הערט, ווי קיינער האָט נאָך ניט געהערט,
ווי דאָס משל רינט ווי פון אַ פלויער,
ס'משל וועגן וואָגן מיט די פערד.

יעקב שטערנבערג זיצט דאָ נאָענט־נאָענט,
נאָר די אויגן בלאָנדזשען ערגעץ ווייט.
אויף די דעקאָראַציעס פונעם אָוונט
שפּילט די אייביקייט זיך מיט דער צייט.

אַלע גאַפן, גינינגער און ביקל,
ביידע סעגאַלס, ביידע ראָזנבלאַטס
און מע לאָזט זיך פירן אין אַ ליקל,
אין אַ קיך צום משל מיט דער קאַץ.

מיט דער קיך בשכנות, נאָך אַ צימער,
שטייט אַ טיש דאָרט, אויפן טיש אַ לאָמפּ,
צינדט ער אָן זיך מיט אַ פייערדיקן שימער,
ציט ער סטענגעס דורך אַ נאָדל־לאָך מיט פּאָמפּ.

ס'איז דער לאָמפּ אַ גאַנצן טאָג אַ בלינדער
און ביי נאַכט אַ זעעוודיקער, זעט:
שטיינבאַרג לויפט אַרויס אין דרויסן צו די קינדער
און צעפירט זיי אַלע אַהיים. ס'איז שפּעט.

וואָלט איך אויך געוועז אַ היגער דעמלט,
וואָלט מיך אויכעט ער אַהיימגעבראַכט,
אונדזער לעמפּל מיטן קליינעם פלעמל,
וואָלט זיך ווי אַ לאָמפּ צעפלאַקערט אין דער נאַכט.

וואָס וועט זיין

צו דער 30טער יאָרצייט נאָך אליעזר שטיינבאַר
אין טשערנאָוויץ 1962

וואָס וועט זיין מיט יענעם האַלבן משל,
וואָס דער טויט האָט ניט געלאָזט דערשרייבן?
ס'וועט אַ דאָך פאַרבלייבן דאָך אָן לשון
און אַ פלויט וועט דאָך אַ שטומער בלייבן.

וויפל קלעצער וועלן בלייבן ליגן,
נישט דערוואַרטן זיך צום וואָרט צו קומען,
ווייל אַ משל איז געבליבן ניט־דערשריבן,
ווייל דער טויט האָט דעם ממשל צוגענומען.

דרייסיק יאָר שוין ציט זיך די לוויה
מיט די טרייע טרעגער פון זיין ארון.
שטעלט אייך פאָר משלים זיינע נייע,
ווען ער וואָלט געלעבט די דרייסיק יאָרן.

שטעלט אייך פאָר, אַז ער איז ניט געשטאָרבן,
אַז ער האָט דערלעבט די היטלער־גרוילן

און ער האָט דערלעבט צו זיין אַ קרבן
אין די קרעמאַטאָריעס פון פוילן.

שטעלט אייך פאָר, אַז ער איז לעבעדיק געבליבן,
גאַנץ אַרויס פון גיהנום אַסוויענצימער
און אין מיטן משל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן,
קלאַפּט מען אָן ביי נאַכט צו אים אין צימער.

שטעלט אייך פאָר, אַז אויך פון יענע וויַיטן
איז ער לעבעדיק צוריקגעקערט געוואָרן
מיט אַ האָפענונג אויף נייע פרייע צייטן,
מיט אַ האָפענונג אויף נייע פרייע יאָרן.

שטעלט אייך פאָר, אַז ער האָט גאַנץ געטראָפן
ס'האַלבע משל אויף זיין טיש פאַפּירן
און איז גאַנצע נעכט שוין ניט געשלאָפן
פון נישט קענען, וווּהין ער וויל, עס פירן.

פון נישט טאָרן, וואָס ער וויל, אונדז זאָגן,
אַ צענזור אויף אַלע חיות, זאַכן
זיינע לעמער טאָרן זיך נישט קלאָגן
אויף די וועלף, זיי דאַרפן זינגען, לאַכן.

דרייסיק יאָר שוין ליגט דאָס האַלבע משל,
קיינער־קיינער קען עס נישט דערשרייבן.
ס'וועט אַ דאַך פאַרבלייבן שוין אָן לשון
און אַ פלויט וועט שוין אַ שטומער בלייבן.

ווי אַזוי א. שטיינבאַרג האָט געשריבן

אליעזר שטיינבאַרג פון משלים דער מחבר
שטאַמט, ווי אַלע ווייסן, פון אַ שטעטל פון אַ בעסאַראַבער,
ווּ די יידן אויפן מאַרק דאָרט פלעגן האַנדלען
ניט מיט ראַזשינקעס מיט מאַנדלען,
ווי סע זינגט זיך,
נאָר גאָר ווי אויף יעדן מאַרק, אויף וועלכן מע דינגט זיך,

האָבן זײ געהאַנדלט דאָרט מיט שאָף און רינדער,
און מיט פרישן קעז־און־פוטער פאַר די קינדער,
פרישע אײער, הינער און מיט עפּל, באַרן, פלוימען
און מיט שפּילעכלעך פאַר קינדערישע טרוימען.
קומט אַראָפּ אויך אויפן מאַרק אַ בלינדער פויערישער זינגער,
קלײבט ער גראָשנס דאָ צונויף מיט זעעוודיקע פינגער
און ער זינגט דאָרט וועגן ליבעס מיט אַ שלעכטער ענדע,
וועגן טויט פון העלדן פון אַ װײטער פאָלקס־לעגענדע,
וואָס ער פירט זײ צו זײן פאָלק אַריבער
אין דער שפּיץ פון סאַמע גרעסטן גיבור.
קומט אַ טונקעלער ציגײנער מיט אַ בער אַ ברוינעם,
טאַנצט דער בער דאָרט פאַר די סוחרים, פאַר די קונים.
ביזן טאַנצן, נאָכן טאַנצן טוט ער זיך צום עולם בוקן,
קומט אויך שטײנבאַרג מיט גאַנצן שטעטל קינדער קוקן.
קוקט ער צו זיך צו דעם מאַרק מיט זײנע זיטן,
זעט ער, דער ציגײנער האַלט אין לינקער האַנט אַ היטל
און אין היטל טוט ער געלט בײם עולם קלײבן.
שטײנבאַרג אײלט אַהײם און נעמט זיך שרײבן,
ניט, פאַרשטײט זיך, וויפל דער ציגײנער האָט צונויפגעקליבן,
אָט וואָס שטײנבאַרג האָט אין יענעם טאָג פאַרשריבן :
״ס׳איז דער בער צום טאַנצן בלויז מיט פּיס געקומען,
האָט פאַר אים שוין דער ציגײנער מיט די הענט צונויפגענומען
ס׳ביסל שכר,
ס׳ביסל האָנאָראַר
פאַר דער קונסט פון טאַנצן
און דאָס געלט, פאַרשטײט זיך, וועגן זיך געלאָזט אײנגאַנצן,
האַלב דערפון דערנאָך פאַרטרונקען מיט די גוטע־ברידער,
האַלב פאַרלעבט מיט װײב־און־קינדער
און דעם בער ווי אַלע טאַנצנדיקע בערן
אָפּגעהיט, ער זאָל, חלילה, פעט ניט ווערן,
ווײל דאָס קאָן צום טאַנצן שטערן״.

אַנגעשריבן אָט די שורות מיט אַ כתב מיט אַ געדיכטן
און ער זעצט זיך גלייך זיי צו פֿאַרריכטן.

היידל־דידל־דוי

אויף דער בינע שטייט אַ ייד
און ער זינגט אַ יידיש ליד,
זינגט אַזוי טשעקאַווע
און אין זאַל דאָרט, אין דער מיט,
זיצט און הערט אַן אַנדער ייד
און ער קלאַפּט מיט אַלע מיט
און ער פּליעסקעט בראַוואָ.

אויף דער בינע זיצט אַ פרוי
און זי שפּילט באַטעמט אַזוי
מיט די יונגע פינגער.
זינגט דער זינגער היידל־דוי
אַן אַ קרעכץ און אָן אַן אוי,
און סע שפּילט אים צו די פרוי,
העלפט אַרויס דעם זינגער.

זינגט דער זינגער שיין, צום גראַם
ס'ליד פונעם רבינו תם
און אַ פרייד פאַרשאַפט ער
און אויף יענער זייט פון ים
טויזנט מיילן פון זיין שטאַם
און פונעם רבינו תם
עלטערט זיך דער "אַווטער".

געשטאָרבן דער זינגער

געשטאָרבן דער זינגער פון ברויט און פון וויין,
מיטן טויט טאָר מען קיינעם מקנא ניט זיין,
אפילו דאָס איז דער גרעסטער פּאָעט,
אפילו ער שטאַרבט אויפן אייגענעם בעט.

געוועז איז אַ צייט, די צייט איז שוין ווייט,
ווען ער האָט געזונגען פאַר גאָט און פאַר לייט,
פאַרוואָס־זשע קלינגט נאָך איצטער זיין ליד ?
מע זאָגט דאָך, דער זינגער זינגט שוין ניט.

סע זינגט זיך דאָס ליד אָנעם זינגער, אַליין
און סע קלינגט אינעם ליד געזאַנג און געוויין —
״געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז״.

געשטאָרבן דער זינגער פון שטערן און ווייַן,
מיטן טויט טאָר מען קיינעם מקנא ניט זיין,
אפילו דאָס איז דער גרעסטער פּאָעט,
אפילו ער שטאַרבט אויף זיין אייגענעם בעט.

טשערנאָוויץ, פעברואַר 1969

דער זקן משה

דער זקן משה שטייט אויף פון געלעגער,
וווּ ער איז אַ וואַכער געלעגן,
דער זקן משה, דער אייביקער פרעגער
איז מיד שוין געוואָרן פון פרעגן.

און איצט וואָס טוט מען? פרעגט ער ווידער
און מישט די בלעטלעך מיט ציטער,
די כתבים זיינע, פאַראַן אויך לידער,
ער לייענט, אַנטציקט זיך און שמייכלט ביטער.

און אָט איז די ערשטע שורה פּראָזע,
אַ דין פאַראַקערטע מעזשע.
אַ מעשה — אַ דאָרף שלאָגט זיך מיט קאָסעס —
ווערמעזשע צי מעדוועזשע?

אַ שלאַכט פאַרן איינציקן וואָרט — דער נאָמען
פון דאָרף מיט אַנאַלפאַבעטן
און איבער דער שלאַכט דער גייסט פון המן,
וואָס קוקט מיט פּאָגראָם צום שטעטל.

"די ווינער קאַרעטע" ליגט צעבראָכן.
— גערענקסטו ווי שטאָלץ זי איז אָנגעפּאָרן?
ווער ווױנט אַצינד אינעם הויז פונעם שכן
און וואָס איז פון מלמדס שטוב געוואָרן?

אין שטוב, אין גאַס און אויף די וועגן,
ער הערט נישט אויף זײַנע פראַגעס צו וועבן,
ער וועט נאָך לאַנג נישט אויפהערן פרעגן
און אַלע ענטפערס איבערלעבן

ביז וואַן סע וועט בלײַבן אַן איינציקע פראַגע
אַ נישט פאַרענטפערטע פון קיינעם,
וואָס ער האָט געבראַכט פון סאָוועטישן לאַגער,
זי אויסגעהיט פון חברים און שכנים.

זי אויסגעהיט פון פרײַנד און משפחה,
פאַר זיך אַליין בסוד זי געהאַלטן
די שווערע פראַגע, דעם קאָפּ זיך געבראָכן,
וואָס ווערט אים אין שלאָפלאָזע נעכט צעשפּאַלטן.

— כ'האָב אָנגעהויבן, זאָגט ער, מיט חלום
און אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן,
אים אויסצובויען און ווײַטער אים מאָלן
און זע: איך שטיי אויפן אָרט אויפן זעלבן.

און ווידער הבל, דער זאַטער רשע,
און ווידער קין, דער דאַרער מערדער,
און איך האָב געהעלדעוועט מיט לשון,
משיחן ברענגען געוואָלט מיט ווערטער.

ס'אַ וועלט מיט זינד און מיט פאַלשע צדיקים,
ס'דערגייט צו מײַן טויבן אויער אַ רוישן —
דעם רשע אין זיך, צי האָב איך דערשטיקט אים
ווי משה רבינו, דער ערשטער משה?

אַזוי צי אַזוי.. יתגדל ויתקדש,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן,

מע וועט מיך מקבר זײַן אום שבת,
מע וועט מיך אין גוישן פעלד באַגראָבן,
איז לאָזט מיך בײַם לעבן אַליין זיך באַקלאָגן,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן:
יתגדל ויתקדש — —

ירושלים, דער 29סטער נאָוועמבער, 1981

פּאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַ רעזשיסער
(יעקב שטערנבערג)

אין דרויסן רעדט דאָס פאָלק, סע פירט די דיאַלאָגן
און שרייבערס פאַנגען מיט דער פען דאָס רעדן און דאָס זאָגן,
ס'האָט יעדער שרייבער זיך זיין שפּראַך אין דרויסן אויסגעקליבן,
נאָר ער האָט זיך זיין שפּראַך אַליין געמאַכט און אויפגעשריבן.

גענומען האָט ער נאָר ביים פאָלק ביים רעדן און דערציילן,
דאָס ברייטע מאַכן מיט די הענט און אויף די פינגער ציילן,
דאָס טיפע שאָקלען מיטן קאָפּ און דאָס פאַרציען די אויגן,
ווי גלייך ער וואָלט געמאָסטן וואָס און עפּעס־וואָס געוווּיגן.

גענומען האָט ער נאָר ביים פאָלק דעם קלאַנג, דעם טאָן, די נאָטן
און אויפגעטרעטן אויף אַ קול פאַר זיין אייגענעם שאָטן
און מיטן שאָטן איינשטודירט אַלע שטאַרקע ערטער
און ס'האָט דער שאָטן נאָכגעשפּילט דעם דיכטער אָן די ווערטער.

זיין לאַנגער שאָטן לויפט אים נאָך, די לאַנגע טריט צו מעסטן,
זיין לאַנגער שאָטן מאַכט אים נאָך די שיינע רעדנערזשעסטן,
זיין לאַנגער שאָטן מאַכט אים נאָך דעם בויג פון קאָפּ דעם פיינעם
און אַלע שאָטנס לויפן נאָך דעם שיינעם שאָטן זיינעם.

דער וואַנדער־דיכטער

דעם אָנדענק פון פאַרגעסענעם וואַנדערנדיקן יידישן דיכטער צבי כאַלאָדענקאָ, וואָס פלעגט אין די באַסאַראַבער יידישע שטעט־לעך לייענען לעקציעס און לידער אייגענע און פרעמדע.

כ'האָב אַ וואַנדערער אין וועג
אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט:
— זאָגט, ווי אַלט זענט איר עס, פעטער?
— זעכציק טויזנט קילאָמעטער
און ביז הונדערט צוואַנציק טויזנט
פעלט מיר אויס נאָך איין פּאָר הויזן
און אַ העמד נאָך איינס, אַ ריינס
און אַ בינטעלע אַ קליינס.

האָב איך זיך אַוועקגעקערט
מיט די אויגן צו דער ערד
אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרקלעמטער,
כ'האָב קיין הויזן ניט, קיין העמדער,
אַז איך האָב ניט, וואָס צו געבן,
האָב איך אויך ניט, וואָס צו פרעגן.

כ'שטיי און גיב זיך ניט קיין ריר,
קריגט ער מיטלייד, ער אויף מיר
און ער זאָגט מיר: נאַר דו איינער,
איך בין רייך ווי קיינער־קיינער,
כ'האָב אַ סאָלאָוויי פאַרשלונגען,
ווען ער האָט אין וואַלד געזונגען.

ס'איז געווען אין פרילינגצייט,
כ'האָב געהערט אים פון דער ווייט,
ניט געוואַגט כ'האָב צוגיין נאָענט
און פון דעמלט, יענעם אָוונט
זינגט דער פויגל האָט געזונגען
פול מיט לידער מיינע לונגען.

מיט די אויסגעקרומטע שיך,
מיט אַן אַלטן ראָק אויף זיך,
גיי איך אום פון שטאָט צו שטעטל
מיט אַ בינטל, מיט אַ בלעטל
און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן,
ווען איך הער אין מיר דעם פויגל.

קום איך אין אַ שטעטל אָן
מיטן ערשטן קריי פון האָן,
וועק דעם עולם ווי צו סליחות:
יידן, קומט און הערט דעם שיחת
חולין פון אַ ייד אַ פויגל,
וואָס ער שטייט פאַר אייערע אויגן.

כ'לייען אַ לעקציע אין אַ הויז,
וואָס איז ווי אַ נוס די גרויס,
זינגט אין מיר דער פויגל דאָרטן,
לייען איך ביאַליקס ליד "מיין גאָרטן",
סאַראַ חילוק וואָס און ווער,
ס'איז קיין חילוק ניט דעם אמת.

ס'איז דער אמת ריין ווי גאָלד
און מיט קופּער אָפּגעצאָלט,
פאַר אַ פּראָסטן קופּער־גראָשן
עס איך ברויט און שפּייז מיין לשון
און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן,
ווען איך הער אין מיר דעם פויגל.

זלמן ראָזנטאַל:

(דער מחבר פון געזונגענעם און זייער פּאָפּולער געוואָרענעם ליד אין באַסאַראַביע בשעתו "אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל מיט אַ גרינעם דאַך")

"אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך"
און אין שטיבל שטייען געשריבן
אותיותלעך אַ סך

גייט אַ רויך אַרויף און אויבן
שמעקט דער רויך מיט טינט,
ברענען אותיות אין אויוון
און סע וויינט אַ קינד.

וויין ניט, קינד, די אותיות ווערן
קיין מאָל ניט פֿאַרברענט
און אַן אַלף־בית ווי שטערן
ליגט ביַי גאָט אין ד׳הענט.

אַז דו וועסט נאָר עלטער ווערן
וועסטו אויך פֿאַרשטיין,
אַז די שטערן זענען טרערן
פֿונעם פֿאָלקס געוויין.

וועסטו זאָגן: ייִדן, ברידער,
שוין געוויינט אַ סך —
„אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך״.

זאָלסט מיט אָט דעם פֿריילעך לידל
קומען אויף דער גאָס
פּונקט ווי ייִדל מיטן פֿידל,
בערל מיטן באָס.

זאָלסט זיך לאַנג ניט לאָזן בעטן,
זינג און ווער ניט מיד,
וועלן אויסוואַקסן פּאָעטן
פֿון דײַן שיינעם ליד.

מײַן ערשטער רעדאַקטער

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון שמואל אבא סופֿר

צי איז עס אמת, אַז פֿון דעמלט
איז פֿערציק יאָר שוין, ווי איז מיר,
פֿון זינט כ׳האָב געבראַכט דאָס ערשטע פֿלעמל,
דאָס ערשטע ליד צו סופֿרס טיר.

אַ שטילן קלאַפּ האָב איך אויסגעציטערט
ווי אויף אַ פּײַקל שטײַף-געשפּאַנט
און ניט באַמערקט ווי ס׳האָט זיך צעוויטערט
דאָס ליד אויפֿן שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט.

און ס׳האָט דער גוטער מענטש שמואל אבא,
שמואל אבא סופֿר, ער אַליין
פֿון דער האַנט עס גענומען — אַדרבא,
ס׳איז בעסער אַ גרעזל איידער אַ שטיין.

אַ ציטערדיק גרעזל, אַ לעבעדיק גרעזל
און ניט קיין שטיין, וואָס רירט זיך ניט.
ס׳איז גראַדע דעמלט פֿרילינג געווען,
ווען כ׳האָב אים געבראַכט אַן אָסיען-ליד.

ער האָט געשײַנט און ס׳האָט אים געוואָלט זיך
אַ שותּף האָבן צו אָט דער שײַן,
נאָר פֿון וועלן ביז ווערן באמת איז פֿאָלג מיך
אַ גאַנג אין סאַמע אומגליק אַרײַן.

עס איז דער גוטער מענטש שמואל אבא
פֿאַרשלעפּט געוואָרן פֿון בייזן דײַטש
און ס׳איז מיר פֿאַרבליבן זײַן אַדרבא
און פֿונעם ציטערדיק גרעזל די טײַטש.

1974

זייליקן

ווער האָט דאָס שיפל אָפּגעשטויסן
פון ברעג אַ שעה פאַרן געוויטער ?
אויף ים אויף איצטער אויפגעברויזטן
איז ניט געווען צו זען קיין ציטער.

ס׳איז שטיל געווען. דער ים — אַ שפיגל,
וואָס שפיגלט וואָלקנס, וועלכע שוועבן.
ס׳האָט יעדער זיך אין ים געשפיגלט,
געזען דעם שפיגל פון זיין לעבן.

ווי רויק האָט זיך עס געצייכנט
און זיך געפֿאַרבט און אויסגעטײלט זיך
און לויטער, אָן דעם מינדסטן קנייטשל
מיט שיין מיט אייגענער באַהעלט זיך.

און צווישן אַלץ אַ שיפֿל וויגט זיך
אין מיטן ים אויף בלויען וואַסער
און ווען סע טרינקט שוין אָן מיין בליק זיך,
ער ווערט אַ טרערנפֿולער, נאַסער.

אַזוי פֿיל פֿרייד ווער קאָן דערטראָגן?
דאָס האַרץ, וואָס איז געוווינט צו בענקען,
האָט עס אַרויסגעלאָזט דאָס שיפֿל
אין מיטן ים, סע זאָל זיך טרענקען.

און אייביק־אייביק בענקט זיך, זײַליק,
זיי מוחל, שיער אין דיר פֿאַרגעסן.
צי איז געווען דאָס שיפֿל ליידיק?
מיר דאַכט זיך, דו ביסט דאָרט געזעסן.

אַ ווייסער וואָלקן אויפֿן הימל,
נאָר דו ביסט אַזאַ קליינער, בלאַסער,
אַ נאַסער נאַקעטער אין שיפֿל
און שפּיגלסט זיך אין ווייסן וואַסער.

דו וויגסט אין דעם זיך ווי אין וויגל,
בשעת דיין מאַמע האָט פֿאַרוויגט דיך
און זינגסט אַליין דאָס וויגנלידל,
פֿון זינגען אייגענעם ביסט גליקלעך.

דו ביסט מיט אַ געזאַנג אַ גרויסן
אין טיפֿעניש ערגעץ פֿאַרשוווּמען,
אויף ים אויף איצטער אויפֿגעברויזטן
געווען איז דעמלט ערב שטורעם.

דאָס ליד, דער פֿויגל און דער זינגער

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון זעליק באַרדיטשעווער

אין איינעם אַ רוים האָט אַ פֿויגל געשוועבט,
אין איינער אַ שטאָט האָט אַ זינגער געלעבט
און ס׳האָט זיי איין בילד צוזאַמענגעוועבט.

די אַקסל פֿון זינגער — שמאָל און שוואַך,
דער פֿויגל לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן דאַך
בײַ נאַכט, ווען דער זינגער איז וואַך.

דער זינגער לערנט דעם פֿויגל זײַן ליד,
דאָס ליד כאַפּט זיך אויף פֿאַר טאָג און פֿליט
און נעמט מיט זיך דעם פֿויגל מיט.

הערש־לייב קאַזשבער

ער איז געווען ווי אַ פּאַווע שיין,
ווי זי אַראָפּגעקוקט מיט געוויין,
נאָר אויף דער פּאַרצווייפלונג געענטפערט : ניין !
און איז אין מיטן זיין שווערן גיין
געבליבן דערהויבן שטיין.

ער האָט זיין ביכעלע לאַנג געבויט,
געגעסן דאָס אָרעמע לערער־ברויט
און ניט געקלאָגט זיך אויף קיין נויט
און אַז די צייט איז געוואָרן רויט,
האָט זיין געקנייטשטער קאָפּ געגרויט.

זיין קאָפּ האָט געקנייטשט זיך אַראָפּ און אַרויף,
זיין בליק — פּאַרחלומט ווי ערשט פונעם שלאָף —
האָט אַריבערגעקוקט אַהין צום אין־סוף,
וווּ סע פּאַשען זיך די נשמות פון שאָף
און געזוכט דאָרט די וואָל פּאַרן פיינסטן שטאָף.

און האָט ער ניט אויסגעוועבט דאָס געוואַנט,
איז ניט ווייל ס׳האָט אויסגעפעלט וואָל אין לאַנד

און ניט ווייל ס׳האָט זיך אים שווער געשפּאַנט
און ניט ווייל ס׳האָט אים געציטערט די האַנט
ביים וועבן די פאַרבן פונעם געוואַנט.

ער האָט ביי די פעדעם געפאַרבטע רויט
פאַרלוירן דעם טעם צו זאַלץ און צו ברויט
און ווען אויפן הימל האָט עטוואָס געבלויט
איז ער קרומערהייט אַריבער דעם פלויט
און געבעטן אַזיל ביים טויט.

הערץ ריווקין (הייַסינער)

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער נאָמען,
וואָס דייַן טאַטע, דער ציוני פֿון קאַפּריוווקע,
האָט געגעבן דיר און דו האָסט ניט געוואָלט אים
און זיך צוגעזעצט דעם נאָמען פֿון דייַן מאַמען — רבֿקה.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער יִחוס
פֿונעם שיינעם ייִד, דייַן טאַטן פֿון קאַפּרעשט,
כאָטש דו האָסט אין דיכטערישער שליחות
וועגן מאַרקס געזונגען, ניט וועגן דעם בעש״ט.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט די בושה —
דייַן משיח, וואָס האָט קולבאַקן צעשאָסן,
האָט צעטראָטן מיט די שטיוול די ירושה
אויף דייַן מאַמעס און דייַן מאַמע-לשון.

ס׳איז געווען דער ענטפֿער אויף די פֿראַגן
פֿון עלעגיע דייַנער דער נאַיִווער.
דאָס צו פֿרעגן נאָר נאַיִווע וואַגן:
״זאָג, ווער ביסטו, פֿירער צי פֿאַרפֿירער?״

מער פֿון אַלע האָסטו נאָענט צום האַרצן
זיך גענומען אַלע קרומע זייַטן
פֿון דייַן העלן חלום, וואָס אין שוואַרצן
זיך אויף דיר באַוויזן אין סיבירער ווייַטן.

דיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע רויטע נעגל,
וואָס ער האָט זיי פֿאַר דער וועלט באַהאַלטן,
אויסגעמישט די שנייען מיט די וועגן
און אויף אייביק דיך פֿאַרהאַלטן.

פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ וואונדערקינד
(מרדכי שקאָלניק — זעלנער)

אָנגעהויבן מיט אַ ליד "דער מאַמען"
און געענדיקט עס : "כ'בין אַ קינד דער וועלטס"
האָבן אים פֿאַרשלונגען יענע פלאַמען,
יענע כוואַליעס אַרום יענעם פעלדז.

וווּ די שיפֿלעך האָבן זיך צעשמעטערט,
וווּ די שיפֿער האָבן זיך פֿאַרברענט
און די טרוימער האָבן ניט דערקלעטערט
אָנרירן די שטערן מיט די הענט.

פֿון די הייכן טיף אַראָפּגעפאַלן,
האָבן אים קיין קרעפטן ניט געקלעקט
אויסצופלעכטן זיך אַ שטריק פֿון שטראַלן,
וואָס די זון האָט זיי אים אויסגעשטרעקט.

דעם פֿרײַנד פֿון פּאָעטן — הערש סעגאַלן

וווּ האַלט זיך אויף אין מענטשן די נשמה ?
וווּ וואַכט אין אים זיין שומר, דאָס געוויסן ?
עס ליגט ביים פרײַנד צעגאָסן אויפֿן פּנים
און שיינט מיט שטילקייט און מיט קלאָרן וויסן.

די דינע ליניעס אויף זיין איידעלן שטערן
באַשרייבן פֿאַר אַיעדן אין די אויגן
די צייכנס פֿון זיין פילן און זיין קלערן,
וואָס האָבן זיך פֿון טיפֿקייט אויפֿגעהויבן.

זיין שוועל ציט צו, זיין טיר איז שטענדיק אָפן,
דער טיש איז גרייט פֿאַר שטילע רייד, פֿאַר שווייגן,
וואָס בינדט צונויף מיט אַלטע פּילאָזאָפן
און העלפט דעם מענטשן זיך אַריבערשטייגן.

ביי אונדזער קומען מאַכט ער צו די ביכער
פון אַנערקענטע נעמען און באַוווּסטע,
באַוווּסטע, גרויסע און באַרימטע אויף זיכער
און פּרוּווט זיך אויס אויף אונדז די אומבאַוווּסטע.

פון קליינע שטעטלעך זענען מיר געקומען
צום גרויסן טיש, צו זיינע ברייטע ברעגעס,
פון אַלע זייטן אים אַרומגענומען
און דורכגעלעבט די סאַמע טיפסטע רגעס.

און איך בין אויך געקומען מיט מיין קריגל,
געשעפּט און זיך געשפּיגלט אין זיין פּילן,
מיר האָבן אַלע זיך אין אונדזער פריינד געשפּיגלט
ווי וואָלקנדלעך אין אַ טייך אַ שטילן.

און מער פון אַלע איבעריקע זיבן
בין איך, דער אַכטער, לאַנג ניט אָפּגעטראָטן,
בין איך ביים ברעג פון טיש ביז טאָג פֿאַרבליבן
און אויף זיין וואַנט פֿאַרקריצט מיין יונגן שאָטן.

פּאָרטרעט פון אַ מאָלער
(משה קריניץ)

שטילער און שטילער און שטילער נוערט,
דער שניי האָט די שטילקייט געבראַכט אויף דער ערד
און ס'האָט זי דער מאָלער פון ווייטנס דערהערט.

ווי לאַנג ערשט, אַז ער האָט געמאָלן אַ סטויג,
ער לאָזט דאָס פּענדזל אַרויס פון דער האַנט
און נעמט עס אָן מיטן אויג.

ער ציט די אויגן צונויף צו פיל
און גייט אַזוי האַלב־בלינד צו זיין ציל
שטילער און שטילער און שטילער פון שטיל.

ער שטייט ביי זיין לייוונט קליין און געפּאַקט
און רויק אַזוי ווי פון אייז געהאַקט
און גליאיק, אַזוי ווי די זון, וואָס באַקט.

ער טונקט זיין אויג אין דער ווייסקייט איין
און אויף דער לייוונט צעשמירט ער די שיין,
וואָס קען אין אויג ניט אַריין.

די לייוונט איז ווייס אַזוי ווי זיין העמד
און אויף דער ווייסקייט שנייט פון די הענט
מיט שניי, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט.

יאַנקל יאַקיר:

זוכט ניט קיין אונגענער אין אונגען,
זוכט ניט אין פּערליץ מער קיין פּערליצער,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען,
סײַ פּײַוול פלאָם, סײַ בערל ברען,
סײַ הערשל היץ, סײַ שלמה שוויצער.

זוכט ניט קיין אונגענער אין אונגען,
ניט אין גאַס און ניט אין מינדסטן ליקל,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען,
סײַ פּײַוול פלאָם, סײַ בערל ברען
און וואַרטן אויף אַ תּיקון.

גאָט האָט מיך געבענטשט אָדער געשטראָפט
מיט אַ שטאַרקן אײַזערנעם זכּרון,
אַ מאָל איז ער געווען פאַר מיר אַ שטראָף,
אַ מאָל האָט ער מיר שיער געבראַכט דעם סוף,
אַ מאָל איז ער געווען מײַן חסרון.

און הײַנט, אַז איך געדענק שוין ניט גענוי,
צי איז, ווי איך באַשרײַב, אַזוי געווען,
צי ווייניקער צי מערער מיט אַ שטרוי
אין באַסאַראַבער דאָרף, צי ווייניקער אַ גוי,
צי מערער מיט אַ גרעזל.

איז קוקט מען מיט שפּאַקטיוון אויף מײַן פּען,
בשעת איך שרײַב זכרונות וועגן שרײַבער,
קאָן זײַן, אַז איך פֿאַרפּלאָנטער וואָס און ווען,
געדאַרפֿט אפֿשר זיך האַלטן בײַ אונגען,
בײַם מענה-לשון פֿון פּערליצער ווײַבער.

זוכט ניט קיין אונגענער אין אונגען,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען.

דער נסתר

אַ קליינער, דאַרער, אַסקעטישער גבור,
תּעניתים צינדן די שוואַרצע אויגן,
וואָס קוקן איבער די ברעמען אַריבער,
דעם נסתּרס ברעמען — געדיכט און געבויגן.

ער הערט און זעט און שווײַגט אַ שווײַגן,
וואָס לאָזט ניט צו רו און לאָזט ניט שלאָפֿן
די הפֿקר-לײַט, וואָס מאָרדן און דאַגהען:
„ווי נעמט מען אים צו דאָס שווײַגן, זײַן וואָפֿן?"

ער זעט און בעט: „רבונו של עולם,
דו זאָלסט מיר, חלילה, ניט פֿאַרשעמען!"
סע קלאַפּט אין דער טיר אַ באַוואָפֿנטער גולם —
„אָ, דאַנקען גאָט, געקומען מיך נעמען!".

דוד בערגעלסאָן

און איצט איז שוין „נאָך אַלעמען", מיר גייען אָפּ
און ס'איז דער „אָפּגאַנג" בלוטיק ווי אַ שקיעה,

ס'האָט פענעק קינדרוויַיז אַלץ געזוען מיטן קאָפּ אַראָפּ
און איצט האָט בערגעלסאָן אַ שוואַכע ראיה.

ס'האָט בערגעלסאָן געשפּילט זיך מיט די קנייטשן פֿון דער פּאָן,
בשעת דער ווינט האָט מיט דער פּאָן געשפּילט זיך,
איז זאָל דעם ווינט און זאָל דער פּאָן הנאה טאָן,
ס'האָט בערגעלסאָן אין שאָטן פֿון דער פּאָן געהילט זיך.

דער שאָטן פֿון איעדער פּאָן און פֿון יעדער פֿאַרב
איז טונקל ווי איעדער אַנדער שאָטן,
נאָר אַז מע הרגעט עמעצן איין טאָג איידער ער שטאַרבט,
ווערט אויך די פּאָן אַ שוואַרצע ווי איר שאָטן.

יצחק קיפּניס

אַ חנוכּה-לעמפּל, אַן אַלטע הגדה,
אַ חומש פֿון דעם און דעם יאָרהונדערט, —
אין דרויסן איז ווינטערדיק די פּאָגאָדע,
ביַי אים אויפֿן טיש — אַ מדבר מיט וווּנדער.

ביַי אים אויפֿן טיש איז ארץ ישראל
און ט"ו בשבט בליִען די טייטלען,
פֿון רעכטס מיכאל, פֿון לינקס רפֿאל,
ווען ס'קומען מחבלים די הענט אים קייטלען.

זיַין שמייכל רייצט די פֿרעמדע היטער,
זיי פֿילן דעם חוזק אין זיַינע אויגן,
אָט שפּאַנט ער דער שטאָלצער סלאָוועשנער ריטער,
די היטער גייען אים נאָך געבויגן.

דוד האָפּשטיין

דערפֿאַר טאַקע, וואָס ער איז ניט געווען קיין פֿיינד
און ליב געהאַט די ערד פֿול פּראַכט און רייץ,
די ערד פֿון אוקראַינע, וועלכע שיינט
אַרויף צום הימל מיט איר געלן ווייץ.

מיט געלן ווייץ און רויטע ריטשקעס בלוט,
מיט יידיש בלוט פון אייביקן פּאָגראָם,
דערפֿאַר טאַקע, וואָס ער געהאַט דעם מוט
ניט שטענדיק פֿעלשעווען, ניט שטענדיק זאָגן "באָם",

האָט ער דער סאַמע ערשטער זיך צעצאַלט
אין אוקראַינע פֿאַר זיין ליבשאַפֿט גראָד,
וואָס האָט אין יעדן ליד זיך ווידערהאַלט,
ביז לעצטן ליד זיינעם אין קיעוו דער שטאָט.

איצט שרייט מען דאָרט אַ הויך און פֿאַלש געוויין,
מע ווישט די שפּורן אָפּ צום געהיימען אָרט
פֿון לעצטן אָטעם און פֿון זיין געביין
און פֿון זיין סאַמע לעצטן קללה־וואָרט.

פּרץ מאַרקיש

זיין קאָפּ איז געווען אַ שטורעם־פֿאַקל
ער האָט אים געהאַלטן אין דער הויך,
זיין ליד איז געווען דער לעצטער סך־הכּל
פֿון גאַנצע דורות ווינט און רויך
און פֿון די פֿייערלעך אויך.

זיין קאָפּ האָט ווי אַ שייטער געפֿלאַקערט,
דער הייסטער פֿון אַלע הייסע קעפּ,
זיין וואָרט האָט דעם יידישן שטייגער צעאַקערט
און איז אַרויף אויף אַ באַרג ווי אויף טרעפּ
און אַראָפּגעדונערט אין סטעפּ.

ווי ס'יאָגט אַ הירש איבער בערג און טאָלן
און בלייבט אַ שיינער און שלאַנקער שטיין
און לאָזט זיך פֿון דער ווייטנס מאָלן
צי אויסהאַקן — אַ הירש פֿון שטיין —
האָט ער זיך אויסגעהאַקט אַליין.

ער איז ניט געשטאָרבן ווי אַלע שטאַרבן
און ווערן פֿאַרשלונגען פֿון דער ערד.
ער האָט ווי אַ רעגן־בויגן פֿון פֿאַרבן

געשיינט און אַ רגע אויפגעהערט
און אויף אייביק זיך אומגעקערט.

שמואל האַלקין

זיין גייסט האָט זיין גוף מיט געוואַלד
ביים לעבן. דער גייסט זיינער האָט
און הייבט אויף זיין הויכע געשטאַלט.

זיין גייסט איז דער שמיד פון דער אַקס
פון וואָגן פון הויכן מיט פלאַקס,
וואָס וואַקסט אין זיין ליד און וואַקסט.

זיין גייסט איז דער שמיד פונעם וואָרט,
וואָס האָט זיך מיט שיינקייט געפּאָרט,
געמאָסט זיך אין הימל אַן אָרט.

זיין גייסט פליט אַרום מיט זיין ליד
און לאָזט אין דער הויך, אין דער מיט
פון וואָלקנס — אַ טיף־בלויען שניט.

1957

צו שמואל האַלקין

מיר האָבן זיך געקלאַמערט אין דיין לעבעדיקן נאָמען,
מיר האָבן זיך געשפּיגלט אין דיין צעשטראַלטן פּנים,
מיר האָבן ביי דיין טיש זיך צונויפגעטראָפן ברידער
מיט דיר, דעם יונגן פאָטער, פון פרישע שיינע לידער.
איצט זיצן מיר פאַריתומט און ווילן זיך נישט גלייבן,
אַז דו וועסט מיט דיין לייענען שוין מער אונדז נישט דערהייבן
אין איינעם מיט דיין טיש אַרויף צו יענע הייכן,
ווו ס'האָט דער בבל־טורעם נישט געקאָנט דערגרייכן.
איצט זיצן מיר פאַראייניזאַמט און קענען זיך נישט גלויבן,
אַז דו וועסט אונדז ניט הערן, אַז דו וועסט אונדז ניט לויבן.
מיר האָבן דיר געלייענט און דו האָסט מיט דיין הערן

די לידער אונדזערע געטראָגן צו די שטערן.
איצט זיצן מיר פֿאַריתומטע, אַיעדערער באַזונדער,
עס האָט זיך אָפּגעטון פֿון אונדז דער לעצטער וווּנדער.
מיר זענען איצט ווי פֿינגער אָן אַ האַנט געבליבן,
ווי אָנהויבן פֿון לידער, וואָס בלייבן ניט־דערשריבן.

איציק פֿעפֿער:

„ס'איז לויטער דער רוסישער סטעפּ
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פֿרעמדער" — —
צווישן צעשאָסענע קעפּ,
צווישן פֿאַרבלוטיקטע העמדער
טרעפֿט איר מײַן העמד און מײַן קאָפּ,
בלעטלעך פֿון בונט און פֿון גבֿורה,
נעמט מיך פֿון צלם אַראָפּ,
ברענגט מיך צו ייִדישער קבֿורה.
אויב איר געפֿינט ניט מײַן לײַב,
אויב איר געפֿינט ניט קיין זכר,
קריצט אַ מצבֿה, פֿאַרשרײַבט —
זאָל אײַער פּסק זײַן אַ ווייכער.
כ'ווייס, כ'האָב דעם עבֿר פֿאַרשוועכט,
כ'האָב אים פֿאַרשפּיגן ווי שימל
אין קאָמסאָמאָלסקי געפּעכט
אויפֿן זיבעטן הימל,
ביז כ'האָב דערפֿילט דעם שניט
און אויסגעשריגן די בשׂורה:
ייִדן, איך בין אַ ייִד! — —
ברענגט מיך צו ייִדישער קבֿורה.

שיקע דריז:

עטי מעני
מעני מלכּס,
כ'וועל אייך אויסווײַנען
אַ פריילעכס.

כ׳האָב אַ כוסע שוין גענומען
און פון אומעט ניט אַנטרונען,
עפּעס ציט מיך צו דעם אומעט,
וואָס אין מיר און וואָס אַרומעט,
סיי איך שפּיל אייך אויפן פידל,
סיי איך זינג אַ קינדערלידל,
עפּעס וויינט אין מיר טיף־טיף,
עפּעס טרערט אין מיר טריף־טריף.
כ׳קען ניט אָפּטרייבן די טראָפּנס,
גרוי מיין קאָפּ און מיין צוקאָפּנס,
כ׳ליג אין בעט צי אויף אַ טישל,
גרוי די האָר און האַרט דאָס קישן,
ניט קיין פעדערן נאָר שפּיזן,
זייט ניט בייז אויף שיקע דריזן.

פּאָרטרעט פון אַ דיכטער פון קורצע לידער
(מאָטל גרוביאַן)

און ווער ס׳איז באַרופן צו זיין אַ פּאַרפּאַסער
פון גראָבע ראָמאַנען פולע מיט וואַסער,
און ווער ס׳איז באַרופן אַ דיכטער צו זיין
פון קעלשיקלעך לידער פולע מיט ווייַן,
נאָר ער טרינקט אַליין דעם וויין זיינעם אויס
און לאָזט פאַרן לייענער אַ טראָפּעלע בלויז,
דער טראָפּן איז שטאַרק ווי ספּירט פאַרן גומען,
נאָר ווייניק און קאָן צום האַלדז ניט דערקומען.

אַזאַ מין שטראָף

צו מאָטל גרוביאַן

אַזאַ מין שטראָף
צו זיצן און לייענען אָן אַ סוף
די אייגענע לידער.
ווי נאָר כ׳האָב זיי איבערגעלייענט,
איך לייען זיי שוין ווידער.

איך בין שוין פֿאַרנודיעט,
אַזאַ מין אומעט ;

צי מוז איך זיי לייענען גאָר אָן אַן עק ?
איך לייג זיי אַוועק
און נעם זיך צו פרעמדע
לידערבענדער.
אַ פרישקייט אָטעמט פון יעדער זייטל,
ווי וואָלט איך וועלן מיט זיי זיך בייטן !

״אָ, ביטע שיין !״
דערהער איך אַ קול,
איך זיץ דאָך אַליין,
איז פון וואַנען דאָס קול ?
דאָס קול קלינגט ווידער :
״איך בין שוין פֿאַרנודיעט
פון אייגענע לידער,
אַזאַ מין אומעט !
איך בין שוין מיד
פון אייגענעם ליד״.

דאָס קול קלינגט פון ווייט :
״כ׳בין מסכים צום בייט״
און איך דערשרעק זיך, ווער ווייס ווי די וואַנט,
איך האָב דאָך ביז היינט ניט קיין לידערבאַנד.

1.7.1969

צו משה טייף

אַ טרויער-רעמל שוואַרץ
דײַן נאָמען נעמט אַרום,
ווי האָט מען עס אַ האַרץ
אויף אייביק ווערן שטום.

ס׳האָט אויסגעזען דײַן וועג
צי זײַן נאָך אַזוי לאַנג,
ווי שטאַרבט מען עס אַוועק
אין מיטן פֿון געזאַנג,

פֿון שיר-השירים-ליד,
וואָס דו האָסט זיך צו דעם
גענומען ווי אַ ייִד,
וואָס וויל אַרויס פֿון קלעם.

ווי נעמט אַ קלוגער ייִד
אין משלי-עלטער גראָד
און שטאַרבט אין מיטן ליד
און שרעקט זיך ניט פֿאַר גאָט.

אַ משל האָט געוויס
בײַ דיר זיך שטיל געוועבט,
אויך אָן קהלת איז
דאָס לעבן ניט געלעבט.

אַ גולם האָסט געקרוינט
פֿאַר היטער אויף דײַן וועג,
צי האָט זיך עס געלוינט
פֿאַר זיבן פֿעטע טעג.

נאָך זיבן תּפֿיסה-יאָר
וואָס דו האָסט אָפּגעוויסט,
ווי דו האָסט אָפּגעשפּאָרט
צוויי קנײַענדיקע פֿיס.

ס'האָט אויסגעזען דײַן וועג
צו זײַן נאָך אַזוי לאַנג,
ווי שטאַרבט מען עס אַוועק
אין מיטן פֿון געזאַנג.

אריה שמרי:

ויהי און עס איז געווען אין יענע טעג,
ווען מע האָט אַלצדינג געמעגט,
האָב איך אַליין זיך אַלצדינג פֿאַרבאָטן,
בין אַוועק
און מיטגענומען מײַן שאָטן.

און זע:
מ׳האָט אדמען פֿון גן-עדן ניט פֿאַרטריבן,
ער האָט אויסגעהאַקט דיביימער
און אין אַ מדבר פֿאַרבליבן.

האָב איך דעם אָקערשטיין דערפֿונדן,
צו דער ערד זיך צוגעבונדן
מיט אַ פֿעסטן-פֿעסטן פֿאָדעם.

געאַקערט, געזייט, געפֿלאַנצט,
חלוצישע האָראָס געטאַנצט
אין צעבליטן גן-אָדם.

דוד ספֿאַרד:

פֿאַראַן דריַי מינים דיכטער אויף דער וועלט.
ליריקער, וואָס שריַיבן ליריק,
עפּיקער וואָס שריַיבן עפּיק
און אַנדערע וואָס שריַיבן אַנדערש.
זיי אַלע טיילן איַין זיך ווידער
אין קלאַסישע,
ראָמאַנטישע,
מאָדערנע.
די ערשטע שריַיבן אַלטע לידער,
די צווייטע שריַיבן נייַע לידער,
די דריטע שריַיבן לעצטע לידער,
די דריטע שריַיבן לעצטע לידער,
מיר הייבן אָן פֿון אָנהייב ווידער:
פֿאַראַן דריַי מינים דיכטער אויף דער וועלט.
פֿאַראַנען דיכטער, וועלכע שריַיבן גוטע לידער,
פֿאַראַנען דיכטער, וועלכע שריַיבן שיינע לידער,
פֿאַראַנען דיכטער, וועלכע שריַיבן פֿרישע לידער,
פֿאַראַנען דיכטער אַלערליי
און איך בין איינער דאָך פֿון זיי
אַ דיכטער, אַ פּאָעט
און דאָס איז מיַין פּאָרטרעט.

די אבות

1

זעצט מיך דער זיידע אַוועק אויף די קני,
פרעגט מיך דער זיידע, וואָס איך לערן,
ענטפער איך אים, אַז היינט אין דער פרי
זענען געשטאָרבן אַלע שטערן.

זאָגט מיר דער זיידע, ס'איז דעקאַדענץ,
עפּעס ווערסטו מיר ווילדער, טעמפּער.
ענטפער איך אים אי דאָס אי יענץ,
דריי זיך אַרויס פון אַ קלאָרן ענטפער.

שטעלט מיך דער זיידע צו צו דער וואַנט,
קוקט דערביי אין פענצטער, אין דרויסן,
ביילט אין אַ פויסט די אייזערנע האַנט
מורמלענדיק: „ניט דאָס בין איך אויסן."

2

כ'שטיי אַ באַשטראָפטער, פאַרוויינטער,
כ'קוק מיט שרעק אויפן זיידן,
זיצט ער אַ שטרענגער, פאַרשטיינטער,
וויל מיט מיר ניט ריידן.

שרייבט עפּעס, צייכנט מיט ד'אויגן,
מאָלט אויס אַ בויד אויף רעדער,
קומט צו פליען אַ פויגל,
זעצט זיך אַרויף אויף זיין פעדער.

„שפּיל, סאָלאָווייטשיקל" הער איך,
זאָגט צום פויגל דער זיידע,
שטראַלט ביים זיידן דער שטערן,
זינגען שוין, הער איך, ביידע.

זינגט דער זיידע: אמר
מענדעלע מוכר ספרים,
סאַראַ זינד איז, טאָמער
פישקע דער קרומער איז אָרעם.

סאַראַ זינד, וואָס פון שטעטל
איז אַוועק בנימין,
דאַרף מען פון אים שפּעטן ?
ניין, ער בענטשט זיין נאָמען.

מורמלט שטיל און געמיטלעך,
מאָלט אויס מיט ווערטער שטילע
אַלע קליינע שטעטלעך
מיט דער באָד אפילו.

שטאָם איך דאָך אויך פון דאָרטן,
מאך איך זיך כלא־יודע
און פונעם פּערטן גאָרן
זינג איך דער שטאָט אַן אָדע.

3
קלאַפּט מען אָן אין טיר, דער זיידע
הייסט מיר עפענען די טיר,
קומט אַריין אַ גאַנצע עדה
יידן, קוקט מען ניט אויף מיר.

איינער בלויז (אַ בלאָנדער, אין ברילן)
בעת דער זיידע רעדט מיט ברען,
מאַכט מיר אַ צייכן, אַ ווונק אַ שטילן,
שענקט מיר בשתיקה אַ הענטלפען.

שענקט מיר אַ שימחת־תורה־פענדל
און אַ מעסערל, אַן אַנטיק,
זענען זיי ווערט אַ גאָלדן רענדל
אָדער דריי, אַ רענדל אַ שטיק.

לייג איך דערוויל מיין פען אַנידער,
שפּיל מיטן מעסערל, מיט דער פאָן
און פאַרגעס אין מיינע לידער,
קוק צום זיידנס אויבנאָן.

זע איך דעם זיידנס קלוגן שמייכל,
הער איך דעם זיידנס קלינגעוודיק קול

און פון קול אַ ליבן, ווייכן
עכאָ ווי פון אַ פאַסטעכס טאָל.

4
כ׳מוז דערציילן אייך דעם אמת,
כ׳האָב דעם טאָג פאַרשלאָפן האַלב
ווי די אמתע באָהעמעס
פונעם גאָט פון קונסט געזאַלבט.

כ׳מוז דערציילן נאָך אַ שטיקל,
כ׳האָב דעם טאָג אין בעט פאַרבראַכט,
ווי די אמתע אַנטיקן,
וואָס זיי שלאָפן ניט ביי נאַכט.

אין דער זעלבער צייט דער זיידע
מיט דער עדה שטיל און פרום
שפּאַנען אום ווי אין גן עדן
אינעם דרויסן, וואָס אַרום.

און ער וויזט דאָרט אויף די פעלדער
און "ווי שיין איז אָט דער בוים"
דער אַנטלאָפענער פון וועלדער
העט פון דאָרט ביים הימלזוים.

ס׳האָט דער זיידע ליב צו רעדן,
נאָר פאַראַן אַן אויסנאַם פאָרט,
ס׳טרעפט, ער גיט דאָס וואָרט אַ צווייטן,
שלום־עליכם האָט דאָס וואָרט.

ווישט דער בלאָנדער אויס די ברילן,
רייניקט זיך דאָס שטילע קול
און ער נעמט אַ טאָן אַ שטילן
נאָך דעם העכער מיט אַ מאָל.

אָט שפּילט סטעמפּעניו אויפן פידל,
אָט זינגט יאָסעלע סאָלאָוויי,
אָט אַ פאַסאַזשיר אַ יידל
טוט דעם פאַראַוואָז אַ דריי.

קאַמאַוואָיאַזשאָרן מאָדנע
העצקען זיך אין דריטן קלאַס
און דער גליקלעכסטער פון קאָדני
פירט זיין גליק אין טאַראַנטאַס.

עולם ווײנט און לאַכט צוזאַמען,
ווען דער שניידער פירט אַ ציג
צום מלמד און פון דאַנען,
ווען ער פירט אַ באָק צוריק.

און דאָס זעלביקע געלעכטער,
ווען מנחם־מענדל פליט,
ס'רעדט אַ ייד מיט זיינע טעכטער,
טוביה, דאַכט זיך, הייסט דער ייד.

לויף איך נאָך אַ טאָכטער איינער,
שמייכלט טוביה, רעדט פאַרשטעלט,
וויצלט זיך: „צו מיינע איידעמס
נאָר אַ דיכטער האָט געפעלט".

5
הייבט זיך אויף פון אָרט דער זיידע
אויפנעמען אַ ליבן גאַסט,
הייבט זיך אויף די גאַנצע עדה
און פאַרנייגט זיך ווי עס פאַסט.

פאַר אַ פאַן פון ווייטן פוילן,
פאַר אַ הויכגעשטעלטן מאַן,
שוואַרצע אויגן ווי צוויי קוילן,
וואָנצעס שוואַרץ פאַרמאָגט דער פאַן.

אַ פעלערינע און אַ זאָנטיק
און אַ הוט (אַ ביסל אַלט).
ס'איז אַ פאַן אָן אַ מאַיאָנטיק,
ס'איז אַ פריץ אָן אַ וואַלד.

"ניט קיין פריץ, ס'איז דאָך פּרץ"
פאַלט אַ וואָרט, צעטראָגט זיך גיך
"און זיין 'מאָניש' איז אַ תּירוץ
צו דערציילן וועגן זיך."

אַז אַ פאַן זאָל רעדן יידיש,
איר אַזוינס האָט שוין געהערט,
אַז דערציילן זאָל ער חסידיש,
ניט פון שלאַכט און ניט פון שווערד?

ער דערציילט פון מקובלים
און ער שילדערט אויך דעם סוף
פון אַ לאַנגן, שיינעם חלום,
ווען מע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף.

בייסט סאַטיריש צביעות, ליגן
און פאַרוויגט אייך מיט אַ ליד,
מיט אַ גילגול פון אַ ניגון,
ווען איר זענט אַנטוישט און מיד.

און ער וועקט אייך פונעם דרימל —
שלאָף איז סם, זיי וואַך, זיי דרייסט!
און ער דונערט ווי פון הימל:
"טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!"

מיר, די קליינע חברה יינגלעך,
אָפּגערוקטע אין אַ זייט
פלאַפּלען, שאַרפן זיך די צינגלעך
וועגן קונסט פון אונדזער צייט.

6
כ'טו אָן דעם צעקנייטשטן מאַנטל
און צעפּאַטל מיר די האָר
און שטעל אָפּ אַן אומבאַקאַנטן:
אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט יאָר!

אפשר ווייסט איר, זאָגט מיר, פעטער,
ווו געפינט מען איצט די דריי
קלאַסיקער און ווו׳ז דער פערטער —
שטיינבאַרג פון דער וואַלאַכיי?

— וואָסער שטיינבאַרג? ניט געטראָפן,
בערגעלסאָן דער פערטער איז.
דאָ איז אַ קוטנער אָנגעלאָפן —
„בערגעלסאָן? איר ווייסט געוויס?"

זאָל זיין בערגעלסאָן, וואָס אַרט אייך?
זאָל זיין אַש און ווייסנבערג,
קלאַסיקער כאָטש הונדערט אַכציק
און דער עיקר זייערע ווערק.

נאָר די ערשטע דריי — דער זיידע,
אונדזער מענדעלע דער ליטוואַק,
דער אוקראַינער שלום־עליכם,
י. ל. פרץ, דער פאָליאַק.

זיי, די גרויסע, זיי, דער ווונדער,
זיי, די אבות, זיי, די דריי
לאָזט זיי בלייבן דריי באַזונדער
פון אַ פערטן, פינפטן פריי,

מיר, די היינטיקע פאָעטן,
זוכן זייער נעכטיק הויז
און דעם וועג צו זייער שטעטל
און דעם וועג פון דאָרט אַרויס.

אינהאלט

פון בוך ״אין פרעמדן גן־עדן״

ליד 7
אָוונט 7
שרעק 9
אויף די שינדל פון די דעכער 9
חדר־יאָרן 10
אַ געסעלע 12
פונעם אויסגעקרומטן דאַך 13
לעבן שטעטל רינט אַ טײַכל 14
ער געדענקט שוין ניט 15
ר׳ משה 16
ציילעניש 17
איבער אַלע דעכער 18
בלאָטע 19
אונדזער דאַך 20
אונדזער הויז 21
די שטעטלדיקע פּלויטן 22
מאַרק 23
ישעיה שרײַער 25
אין שטעטל שטייען שיינע טעג 27
קליינשטעטלדיקער ראָמאַנס 27
באַסאַראַביש (ערשטער וואַריאַנט) 28
באַסאַראַביש (צווייטער וואַריאַנט) 29
די נאַכט איז צוגעפאַלן 31
כ׳האָב בײַ קיינעם ניט געבעטן 32
ייִדישע מלוכה 33
מיר באַסאַראַבער 36
דאָס ביסעלע שפּײַז 37
שוואַרצע טינט 38
דאָס גנב׳ל 39
דער אַלטער שוסטער 40
בלי זמר־ליד 42
הונדערט קינדער 45
ציגעלע־מיגעלע 46
אין כאַטע 47
שבת־רעגן 48
אָסיען 49
עלנט 49
בײַ אונדז 52
פון וואַנעט קומט? 52
שולדיק 53
פירט די שאָף 54
דײַטשע רעטער 54
ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער־
וועלט 55
ניטאָ, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען 59
וואַנדערונג 60
מײַן שטעטעלע 62
איבער וועגן 63
פרילינג 64
אַ יתום דערציילט 66
שטויבן 67
און נאָך אַ טאָג 69
אין זכרון פון די פעלדער 70
קינדערשפּיל 72
אַ מעשה 73
אָפּגעברענטע שטעטלעך 76
דער האָריזאָנט 76
פאַרן חלומען קאַרטאָפל 77
בלינד מעג איך ווערן 78
אַ מענטש איז אין דרום 80
מײַן ליד 81
רוסישע ייִדן 82
אַ שווערן עול 84
און איך האָב געחלומט 85
פאַר אַ נײַ ליד 86
על נהרות 90
שרײַב מיר אויף 91
כ׳זאָל האָבן עס וועמען צו זאָגן 92
לעצטע ייִדישע ווערטער 93
מײַן האַס 94
איך זינג און איך וואַרג זיך 94
איך האָב ניט באַוויזן 95
קיינער וועט צו מיר ניט קומען 96
אַצינד האַלבע נאַכט 96
וידוי זאָגן 99
אַז מיר איז ליב 100
עלטער 101
און אָט אַזוי 102

גראָ 103
אַז ווײ 104
און אָט אַזוי פאַרלירט מען 105
דאָס אַלטע שנײַדער־ליד 105
שרעקן 106
און גאָט שיקט צו 108
דײַן נאָמען איז מיר ליב 108
אונדזער צײַט 109
צו די מזרח־פעלדער 111
הײַזער 113
ניט אין דײַנע בערג 114

פון בוך "לידער צו אײגענע"

צו די ישראל־הימלען 116
די שויבן ווערן שוואַרץ פון נאַכט 116
מײַן מאַמע גרייט צום טיש 117
און נאָך דער וועטשערע 118
מײַן מאַמעס הענט 119
מיטן זעלבן שוועבעלע 119
האַרבסטליד 120
חטאת נעורים 121
אַ ײדענע 122
דער בוים 123
מײַנע מעמוואַרן 126
מײַן מאַמעס שפיגעלע 127
געסט 130
איבער אונדזער שטעטל 134
דערמאָנונג 136
באַסאַראַביע, די היים 136
צו מײַן מאַמען 137
אויף פראָסטע וועגן 139
דער וואַנדערער 151
מײַן פערדל 154
איך קען ניט אַרויס 155
דאָס ליכטל 156
זעונג 157
בײַם ווײַס־פאַרשפרייטן 157
שפעט 158
אויסשפאַנען איך קען די שטאָט 160
אַליין 161
אַ דינינקער שניי 162
די תפילה פון אַ פרוי 162
דעם ווילדן טרויער 164
לאָמיר 165
קאַרטאָפל 165
אַ האַלב — דו 166
אַ בריוו צו מײַן פרוי 167
אידיליע 171
מיר האָבן דערגרייכט 172
דער גט 174
אַלע ווײַסע הײַזער 175
ס׳האָט יעדער מענטש 176
געפונען 177
אויס 179
און איצט בין איך אַליין 180
האָניק־חודש 180
טרויער 181
די טויטע ווייסן ניט 182
און אַלע ווערטער זענען אָפגעטראָטן 182
שניי 183
ס׳ליגט מײַן קינד אין וויגל 184
מײַן הויז איז פול 185
דער טאָג 186
דער חלום 187
טינט־פלעקן 188
וויגווערטער 188
ווינט און שניי 189
הונגעריקע קינדער 190
מיינט מײַן קינד 191
פאַרשפעטיקטע וויגליד 192
לייענענדיק שלום עליכמען 193

פון בוך "הימל און ערד"

פרעמדס 195
יידישע בריוו 195
צו יודאַ 196
גלות־עפל און קאַרטאָפל 198
שבת 199
אַ טיגער אין וואָגן 200
ס׳האָט אַ טיגער 200

גרין גראָז 201
אָן אַ צונג 201
דאָס הינטל 202
דעם יעגערס הונט 203
ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס משל 204
דער העלד 205
מאָנאַרכישע אידיליע 206
לויטן זכרון 207
ערב יום כּפּור 211
מיר ווייסן נישט פאַרוואָס 212
האַרבסטיקע לאַנדשאַפט 213
האַרבסט־מאָטיוון 213
שנייען 213
פרילינג 214
פון פרילינג־רעגן 214
מיידל־בענקשאַפט 215
וואָס ציט מיך אַזוי? 216
אַ דאַנק 216
איך האָב דיך זיבן מאָל געחלומט 217
היים 217
אַ טשערנאָוויצער גאַס 218
דער בלינדער 219
דער טרויעריקער 219
דער גולם 220
באַלאַדע 220
דער גליקלעכער 221
כ׳פאַרמאַך די אויגן 221
הספד נאָכן לעצטן פערד 222
דער גבור 223
און קומען וועט אַ מאַן 223
אין טאָל איז דער טײַך 224
אַ ייִד 225
כ׳האָב הײַנט געהאַט אַ גאַסט 226
ווי אַזוי סע ווערט שטיל 227
אַ ליבע 228
די האָפענונג 228
אָן אַ נאָמען 229
אין יעדן לאַנד 229

פון בוך "שטערן אויפן הימל"

די עפּל פאַלן 231
בילד און מעשה 231
ווינטערדיקער הימל 232
בילדער 233
פון דײַן שטיבל 234
גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם 234
מיידלטרויער 235
דאָס ביימל 236
דאָס רעדל 237
ווי ס׳טיילט זיך אָפּ 237
ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן 238
מיר ווילט זיך 238
אין מײַן פענצטער 239
דער אַלטער ברונעם 239
פאַר טאָג 240
דאָס קליינינקע ווינטל 240
מיטן־זומער 241
נאַכט 241
די שקיעה שמעקט 242
אויף ווײַטע וועגן 243
די נאַכט 244
גלוסט זיך בײַ נאַכט מיר 246
זונליד 247
מײַן באָרד 248
דאָס מעסער 248
דאָס שליסעלע 249
מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס 250
צי הערט איר ניט? 250
אַ שטיין 252
שטיפעריש 252
שלוחים 254
ס׳איז אומעטיק 255
פון וועג 256
פון אַלע בלינדע 258
שפּעט בײַ נאַכט 259
צי קאָן מען? 259
שיינע לידער קאָסטן טײַער 260
סע לעשט ניט מײַן דאָרשט 260
דיכטונג 261
אײַנגראָמט און פאַרבליבן 262
אַ פײַערדיקער זומערדיקער דרויסן 263
פרעג מיך ניט גאָרניט 263
אָוונטליד 264

איצטער 265
שוין וויפל מאָל? 266
אויפן פערד 266
מײַן אוצר 267
שטורעמדיק וועל איך קומען 268
אײַער געוויין 270
עס הייבט זיך שוין אָן 272
נעם צונויף 272
שלאָפט מײַן שאָטן 273
מײַנע אָפּגענאַרטע בלוטן 274
מײַן קאָפּ איז קלאָר 274
מײַן קאָפּ 274
איך ווייס ניט 277
מיט פאַרמאַכטע אויגן 278
לוד 1972 279
טומלט ניט! 280
חיפה 280
אין באר שבע 281
שטערן אויפן הימל 282
ירושלים 283
אין ירושלים 283
ניט גוט 284
קלאָג 285
שטראַלן קרומען זיך 285
איך און די ווײַטקייט 286
די צײַט מאָלט 286
פון מדבר בלאָזט 287
וויפל באָדן דאַרף דען גאָט? 287
און גאָט הייבט אויף 288
דער טאָג 289
אונטער דער שטילקייט 290
די פעלדער שמעקן 291
שיריים ליגן אויפן טיש צעשיט 192
ווו נעמט מען? 293
כ'בין אויפגעשטאַנען הײַנט פאַר טאָג 293
רײַפקייט 294
איך זיץ אין דער שטילקייט פאַרטראַכט 294
מײַן לײַב איז מיד 295
אין שפּיטאָל 296
נאַכטגעדאַנקען 297
ווער סע זאָגט 297
ווערטער ייִדישע 298
וווּנדערווערטער 298
אין דער קראָם פון שיינע ווערטער 299
מײַן וואָרט 300
איך בין אין גערטנער ניט געווען 301
אָנגעשאַרפטע ווערטער 301
אַ ליד אָן גראַמען 302
אַז ס'טוט מיך וויי 303
סע ברומט שוין ווידער 304
וואָס וועט זײַן? 304
פאַראַן 305
עס ווייסן שוין אַלע 305
אויפגעבויט אַ הויז 305
סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג 306
שטייט דער באַרג 306
אונדזער גיין 307
און אַז די ערד אין קראַנק געוואָרן 307
אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר 308
דער ווינט פאַרוויגט די ביימער 308
אַ טאָג אַזאַ 309
רו 310
ברויט אין לידער 310
וועגן טויט 312
כ'האָב אַ גרונט געזוכט 312
אַ לידערבוך 313

פון בוך "דאָס פינפטער ראָד"

אין פרעמדן גן עדן 314
דער אויסדערוויילטער 314
די ק.ג.ב.־לײַט 315
די קרעמל־שפּיל 316
אַ חלום וויגט די שטאָט 316
אין סטעפּ 317
אין רוסישן וואַלד 318
איך זע אים 320
דער שטאָטגערויש 321
פון בויונג צו בויונג 322
זומערדיקס 322
אַ רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל 323
איך קען 324
לאָזט אונדז אַרויס 325

הימל און ערד און לידער 326
טו איך אָן 327
פאַרקערט 328
סנאָבן 329
דער סאַטיריקער 329
אָן שאָדן 330
דער אויבערמענטש 330
הײַדוקן 331
גזלנים 333
כ'האָב הײַנט געזען 334
ווטער דעצעמבער 1940 335
צי בין איך ניט 336
דער הימל בלויט ניט 337
זי 338
דער אָטעם אין אויער 339
אַלץ ווי געווען 339
דאָס ליד פון אַ פאַרלאָזטן מאַן 340
מײַן פעטער שלמה 340
אַ נאַכט אין ריאָ 347
צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ 348
שטערן אויפן הימל 349
ויהי ערב, ויהי בוקר 351
פאַרמאַך דעם טויער 351
דער דרויסן 352
מאַך צו 353
און קומען אַ טאָג וועט 353
וואַסערן 354
דער מענטש 354
זומער 355
ירושלים של מטה 356
שטרעק אויס דײַן האַנט 356
אָט האָסטו דעם שליסל 357
שטויבט ניט אָפּ 358
ירושלימער שנײ 358
אַ געוועט 359
אַ לויב 359
דאָס פינפטע ראָד 360
בלינדקייט 360
אָ, גאָט 361
איך האָב געמיינט 361
אַ טראָפּן רו 362
איך עפן אַ בוך מיט לידער 362
☆ פּאָר נאַכט, סע לעשט די זון זיך 363
דער קנויל 364
איך ווייס, איך ווייס 364
אַ פייגעלע פליט 365
די קליינע הײַזלעך 365
צוויי אַלטע לײַט 366
איך קום צו אײַך 368
שענק מיר 369
ווען דו וואָלטסט געוואָרן 369
אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש! 370

פון בוך "גרינער ווינטער"

גרינער ווינטער 371
דאָס סאַמע קלענסטע 372
קראַנקע פײַערן 372
ווער וועט גלייבן? 373
אַלע ראַפּטן 374
און גאָט אַליין 375
פרעמדע ערד 376
מײַן קאַפּריז 376
און ווידער לידער 378
אַ תפילה 378
רוף מיך נישט 379
אַ בן עיר 380
ביידע זענען אומגעקומען 381
צו אונדזערע אַראַבישע שכנים 381
מײַן לעבן 382
דער צווייטער האַלבער עפּל 383
אַ בריוו צו מײַנע ברידער אין בראַזיל 384
אידילישע זכרונות 386
מיידלעך בײַ די פענצטער 386
אויטאָביאָגראַפיש 387
כ'וועל אויסשפּאַנען 389
פאַרלוירן 390
זאָל לעבן דער קעניג 390
דײַן קול 391
שיר השירים 392
זעלבסטבאַדינונג 392

נײַע שורות 393
די רגע 394
גאָרנישט 394
לאָמיר זאָגן 396
אויפן וועג שטייט א בוים 396
קומען וועט 397
די נײַע וועלט 398
דער אַלטער חכם 398
די בלויע וואַנט 399
שטאַרקע ברילן 400
אויף די פעלדער פון זכרון 401
גוטע שעה 401
פון זינט סע פעלן מיר ציין אין מויל 402
אַלע לויב־געזאַנגען 403
מײַנע זיבן שונאים 403
שונאים 405
גאָלד און זילבער 405
שפעט בײַ נאַכט, שפעט בײַ טאָג 406
נאָך אַ פרײַנד איז בייז געוואָרן 407
אייביקע וואַך 409
די קרוין פון אײַזן 410
קלאָרקייט 1. 2. 411
כ'וויל פאַר דײַן הנאה וועגן 412
די תפילה פון פאָעטן 413
נאָכן ענדיקן דאָס ליד 414
שיר אַ געזאַנג 414
סע שלעפערט 415
דער זיג פון דער שיינקייט 415
דער טאָג איז אַרויס פון דער מאָדע 417
אַ מיידל מיט אַ בוך אין האַנט 417
דער/זינגער האָט פאַרשפעטיקט 418

עפּעס פון דער פּאָעמע „מאַרקולעשט״

419

פון די ציקלען אַנפּאַס און אין פּראָפיל

משה לייב, דער ריטער 435
צו מ.ל. האַלפּערן 436
ה. לייוויק 437
לייוויק פּילט נישט 437
מיט לעיעלעסעס לידער און פּאָעמעס 438
יעקב גלאַטשטיין 440
חיים גראַדע 440
ישרא עמיאַט: 441
אליעזר שטיינבאַרג 441
וואָס וועט זײַן? 443
ווי אַזוי א. שטיינבאַרג האָט געשריבן 444
הײַדל דידל דוי 446
געשטאָרבן דער זינגער 446
דערן זקן משה 447
פּאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַ רעזשיסער (יעקב שטערנבערג) 449
דער וואַנדער־דיכטער 450
זלמן ראָזנטאַל 451
מײַן ערשטער רעדאַקטער 452
זייליקן 453
דאָס ליד, דער פויגל און דער זינגער 455
הערש־לייב קאַזשבער 455
הערץ ריווקין 456
מרדכי שקאָלניק־זעלנער 457
דעם פרײַנד פון פּאָעטן 457
פּאָרטרעט פון אַ מאָלער (משה קריניץ) 458
יאַנקל יאַקיר: 459
דער נסתר 460
דוד בערגעלסאָן 460
יצחק קיפּניס 461
דוד האָפשטיין 461
פּרץ מאַרקיש 462
שמואל האַלקין 463
צו שמואל האַלקין 463
איציק פעפער: 464
שיקע דריז: 464
פּאָרטרעט פון אַ דיכטער פון קורצע לידער (מאָטל גרוביאַן) 465
אזא מין שטראָף 465
צו משה טייף 466
אריה שמרי 467
דוד ספאַרד 468
די אבות 469